STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01107

HAIFA

Permanent preservation of this book was made possible
by Samuel & Muriel Harris
in memory of
their parents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיפה

יאָרבוך פאַר ליטעראַטור און קונסט

5

רעדאקטירט:
מרדכי קראַשניץ

ארויסגעגעבן פון דער חיפהער אָפטיילונג
פון יידישן ליטעראטן־און זשורנאליסטן־פאראיין אין ישראל

פארלאג חיפה

חיפה ★ תש"ל 1969

"HAIFA"

YEARBOOK FOR LITERATURE AND ART

Edited by
M. KROSHNITZ

Published by
Haifa Branch of Yiddish Authors and Journalists in Israel
HAIFA, ISRAEL — P.O.B. 4267

נדפס בישראל תש"ל
Printed in Israel, 1969

סודר במסדרת־דפוס "ספרוני", חיפה

נדפס: "המדפיס החדש", חיפה



קלאַראַ בראַט: נאָר־וואָס זיך אויסגעפּיקט (סקולפּטור)
(צום אויפקום פון מדינת ישראל, מאַי 1948)

ל. חיין — שמעוני

אתרוגים

יענעם באגינען, סוף פרילינג, האָט א געדיכטער נעפּל איינגעהילט די בערג פון גליל, און א שווערער טוי האָט באדעקט די גרינע פעלדער. די קוסטעס און ביימער האָבן געטריפט מיט זילבערנע טראָפּנס. די נאַר-וואָס אויפגעגאנגענע זון, האָט געטומען שטייגן א בלאסע, און ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פארצערן און איינשלינגען דעם נעפּל.

די הענער אין די יישובים, צופוסנס פון גולן און אויף די פליינען פון דער אמאָליקער חולה, האָבן געוועקט די תושבים צו א נײי אָנגעלאָדענעם טאָג ארבעט, בעת די עלטערע מושבניקעס זײנען שוין געלעגן אין די בעטן מיט האלב אָפענע אויגן און געטראכט ווי צו פארטיילן דעם ארבעטס-טאָג, האָבן נאָך זייערע זין און טעכטער געשלאָפן געשמאק, פארזונקענע אין חלומות.

עמרם כספּי, אַן עלטערער מושבניק אין יסודות, האָט זיך לאנגזאם אויפ-געהייבן פון געלעגער, פויל געגענעצט, געקראַצט דעם קאָפּ און אראָפּלאָזנדיק די פיס אויפן קילן דיל, האָט ער געלאָזט הענגען זיין בליק אויף זיינע צוויי יינגערע זין, וואָס זיינען געשלאָפן אינעם זעלבן צימער. עמרם האָט זיי געוואָלט אויפוועקן און חרטה געהאט: "עט, זאָלן זיי הנאה האָבן נאָך א האלבע שעה, ביז איך וועל פארטיק ווערן מיט זיך; זיך אָנטאָן, ארומוואשן, אָנצינדן אין קיך דעם קנויט-לאָמפּ, צושטעלן וואסער אויף א קאווע, און ביז ס'וועט אויפקאָכן וועל איך אָנטאָן טלית און תפילין און אריינכאַפּן א דאוון".

"גאָט צו דאנקען אבי די נאכט איז אוועק", האָט עמרם ווייטער געטראכט ביים צינדן דעם קנויט-לאָמפּ. כמעט א גאנצע נאכט האָבן געדונערט האַרמאַטן. דאָס האָבן די סיריער ווידער באלייגט מיט פייער דעם קיבוץ גדות. "די רוצחים מאכן א תל פון קיבוץ, גאָט צו דאנקען, שוין עטלעכע שעה פארביי ווי ס'איז שטיל", האָט ער ווי געמורמלט צו זיך אליין.

נאָך פאר "עלינו", האָט ער שוין צוזאמענגעלייגט די תפילין, אויסגעטאָן דעם טלית, און צוזאמען מיט די תפילין אריינגעלייגט אין טלית-זעקל. בעת עמרם האָט דערפילט אין די הענט דעם סאמעט פונעם טלית-זעקל, האָט אים א ריס געטאָן אין הארצן: "הא! ראש-חודש סיון, דאָס צענטע יאָרצייט נאָך רחלען. ווי גיך די יאָרן לויפן, — צען יאָר אַן אלמן! ביז דאָ ניט לאנג האָט ער זעלטן געטראכט וועגן זיין עלטער, אלאָ, די לעצטע צייט זיינען אים שווערער

געוואָרן די פיס, ביים אויפשטיין קען ער ניט פאַרדריקן אַ פויסט מיט דער לינקער האַנט, די שמיעה איז שוואַכער געוואָרן און דאָס ערגסטע, — דער זיכרון דינט שוין ניט מער ווי פריער, ער פאַרגעסט וואו ער לאָזט איבער אַ שטיקל געצייג, פאַרגעסט אַ נאָמען, וואָס ליגט אים ממש אויף דער שפּיץ צונג — — — אָט האָט ער איצט פאַרגעסן אויפצואוועקן די בנים, פאַרגעסן אַ קוק טאָן ווי עס האַלט מיטן קענדל וואַסער אויפן קנויט-לאָמפּ און איז גאָר אַוועק פאַרשיטן אָבראַק פאַר די קי און פאַרן פערד (מוילאייזל), זיי אָנטרינקען מיט פרישׂ וואַסער און געבן שפּייז די עופות".

צוריקוועגס פון שטאַל, האָבן אים באַגלייט זיינע צוויי הינט, וועלכע האָבן פריילעכע געשפּרונגען אויף אים און געלעקט זיינע הענט.

— יאַללאַ, יאַללאַ כלבים, האָט ער זיי גוטמוטיק אָפּגעטריבן, ניט פאַרגעסן אַ גלעט צו טאָן די הינטישע קעפּ און רוקנס. נאָענט פון שטוב האָבן אים די הינט פאַרלאָפן דעם וועג און זיך אַריינגעכאַפּט אין קיך, וואו די זין האָבן זיך שוין פאַרנומען מיטן פאַרבריען קאַווע, מיט טענות צום טאַטן, הלמאי ער האָט ניט רעגולירט דעם פייער אין קנויט-לאָמפּ, און האָט פאַררויכערט דאָס טעפּל, וואָס שפרה, זייער באַלעבאָסטע, האָט ערשט נעכטן אויסגעשייערט ווי אַ שפּיגל.

עמרם האָט זיך פּשוט געשעמט צו זאָגן, אַז אין זיין פאַרנומענקייט אין שטאַל, האָט ער פאַרגעסן זיי אויפצואוועקן און פאַרגעסן וועגן קנויט-לאָמפּ אין קיך. די זין האָבן איבערגעהאַקט זיינע מחשבות מיטן פרעגן, צי ער האָט געהערט די נאַכטיקע שיסעריי? זיי זייגען שטיל אַראָפּ פון די בעטן, זיי האָבן אפילו געוואָלט לויפן צום געווער-צימער אין ועד, אַלאַ, ביז וואָס וועז, איז שטיל געוואָרן. צוריקגערעדט, ווען עס וואָלט נייטיק געווען, וואָלט די גאַס ניט געבליבן רואיק, די גאַנצע מושבה וואָלט זיך געשטעלט אויף די פיס, מיט געווער אין די הענט. זיי האָבן זיך באַרואיקט, זיך דערמאָנט, אַז ניט ווייט פון דער מושבה, געפינט זיך אַ לאַגער פון צה"ל מיט פאַסיקערע "כלים", ווי די ביקסן און "עוזיס", און אויב פון לאַגער ענטפערט מען ניט, קען מען דעם טאַטן לאָזן שלאָפן אין בעט, און אליין אויך רואיק שלאָפן. האָבן זיי זיך טאַקע צוריק-געלייגט און געשמאַק איינגעשלאָפן.

— יאָ, כ'האָב געהערט. איך בין געלעגן מיטן פּנים צום וואַנט, און זיך צוגעהערט ווי די מנובלים מאַכן חרוב גדות, האָט ער זיי געענטפערט. — כ'בין ניט געשלאָפן, איך האָב אייך געוואָלט אויפוועקן איר זאָלט זיין גרייט, אפשר וועט מען אייך רופן, זייט איר גאָר געווען וואַך... נו, לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט, ס'איז שוין אַ שטיק טאָג.

דער פאַרגאַנגענער ווינטער איז געווען געבענטשט מיט רעגן, שוין איבער דער מאָס. דער שטח פון דער אויסגעטריקנטער חולה האָט ניט אומעטום

געקענט איינזאפּן די גוטע ברכה פון הימל. דאָ און דאָרט, זיינען געשטאַנען שטיקער קרקע פאַרשוואומען מיט וואַסער, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין דער וואַרעמער זון. סטייעס ווייסע פייגל האָבן געקרייזט ארום די וואַסער־שפּיגלען, זיך געלאָזט שווימען אויף זיי, געטונקט אינעם וואַסער די רויטע שנאָבלען און געפּוצט זייערע שניי־ווייסע, לאַנגע, בייגעוודיקע העלדזער. בושלען האָבן פלעגמאַטיש געשפּרייזט אויף זייערע דינע, הייכע פיס, און זיך איבערגערופן מיט אַ גאָרגלען, וואָס האָט דערמאָנט קינדערישע פּורים־גרעגערס, ביים לייענען די מגילה אין דער אַלטער שול פון דער קאָלאָניע. דאָ און דאָרט, האָבן מושבניקעס געטאָפּטשעט אינעם בלאָטיקן אַקערלאַנד; אָנגעטאָן אין הייכע גומענע שטיוול, מיט זאַקן־מיצן אויף די קעפּ, האָבן זיי זיך אָפּט געבייגן, אויסצוגלייכן און אונטערצושפּאַרן אַ פאַרשוואומענעם יונגן בוים, אָדער ארויס־צורייסן אַ ווילד־גראָז.

פון נאָענט און ווייט האָבן געראַשט טראַקטאָרן, פאַרשפּרייטנדיק אַ בלוי־לעך־שיטערן רויך. אויף די טראַקטאָרן זיינען געזעסן יונגען, וועלכע האָבן געקערעוועט מיט צוגעהעפטע דיסקוסן, אָדער מיט זילבער־בלאַנקע אַקער־אייזנס. בעת די ווינטער־געוויקסן האָבן נאָך געצייטיקט האָט מען שוין פאַרגרייט שטחים פאַרן זומער־פאַרזיי. די איבערגעקערטע ערד איז געווען פעט, זאַט מיט וואַסער און די פּלאַסטן האָבן אויסגעזען ווי געקנאָטענער, טונקל־ברוינער שאָקאָלאַד. די מענטשן זיינען אינגאַנצן געווען פאַרשלונגען אין דער אַרבעט, פאַרגעסן די צעדונערטע נעכט, מיט די פאַרבאָרגענע בעטאָן־בונקערס אין דער הויך, אויפן רוקן פונעם נאָענטן באַרג, וואו סירישע זעלנער האָבן באַוואַכט געלאָדענע, שווערע כלי־משחית, גרייט יעדע רגע, צו עפענען אַ פייער אויף די צעבליטע יידישע יישובים אינעם חולה־טאָל.

עמרמס נחלה פון הונדערט פופציק דונאַם אַקערלאַנד, מיט שטיקער פלאַנטאַציע־שטחים, איז געלעגן צעוואָרפן אין עטלעכע ערטער. איין שטיק ניט פאַרבונדן מיט דער צווייטער, ווייל עמרם האָט ניט אַלץ דערוואָרבן מיט איין מאָל; אין דער מושבה איז געלעגן זיין הויף מיטן הויז, שטאַלן און מאַגאַזינען, צום טייל ארומגענומען מיט באַשמעקטע פּרוכט־ביימער, צום טייל, ביזן לעצטן פיצל פאַרזעצט מיט גרינצייג; אַ סאַזשלקע, אַ הינער־שטייג, און צוויי הייכע טויבנשלאַקן, ווי אין אַלע הייפן, זיינען געווען די לעבעדיקע צירונג מיטן נחת פון די יינגערע קינדער. אַ טייל פון עמרמס ערד־באַזיץ, איז געלעגן ניט ווייט פון דער מושבה, דאָס איז געווען דער ירושה שטח אַקערלאַנד, פאַרזייט מיט פּאַשע און גערשטן פאַר בהמות, מיט קוסעס, באַטינזשאַנעס, מערן און מיט אינדזעלעך ווייַנשטאָקן, דאָרט וואו די ערד איז געווען שטייניק; דאָס רעשט איז געווען פאַרזייט מיט ווייץ, וואָס איז יעדער יאָר געוואָרן ווינציקער, מחמת פלאַנצן פּרוכט־ביימער, וועלכע האָבן געגעבן אַ גוטע הכנסה, גענוג אויף די שטוב הוצאות, יערלעכע שטייערן, אויף כלים און אַנדערע קלייניקייטן.

צוויי שטיקער פעלד האָט עמרם אָפּגעשניטן פאַר צוויי אײדעמס, זין פון מושבניקעס, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט זײנע טעכטער. די אָפּגעשניטענע שטחים זײנען פאַרפלאַנצט געוואָרן ביזן לעצטן שפּאַן.

נאָכן אויסטריקענען די חולה, האָט עמרם דערוואָרבן נאָך אַ פּאָר חלקים ערד, האָבנדיק אין זינען בײדע "ײנגלעך", צוויי יונגען ווי דעמבעס. דערווײל איז אַלץ באַארבעט געוואָרן צוזאַמען ווי אײן ווירטשאַפט, אײבער וועלכער עס האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט געקיניגט דער טאַטע, ניט מאַכנדיק קײן חשבונות, ווײל בײדע זין האָבן אַלדאָס נײטיקע באַקומען פון טאַטנס קניפּלעך און פון זײן באַנק־קאָנטע. בײם אויסטײלן די זין זײערע הצטרכותן פלעגט ער ניט פאַרגעסן זײ דערמאָנען, אַז זײ זײנען "אויסבערענגער", און בעת מעשה טראַכטן: "אויף אַלע ײדישע טאַטעס — אַזעלכע בנים; גאָלדענע הענט, אַרבעטזאַמע בחורים, וואָס ווײסן שוין דעם ווערט פון דער פּרוטה, בנים, צוגעבונדן מיט לײב און לעבן צום משק, צו דער קרקע, אויסגעוואַקסענע צוזאַמען מיט די ציפּרעסן און מיט די הײכע, צעצווײגטע עקאַליפּטוסן פון בײדע זײטן גאַס אין דער מושבה; זײ זײנען ניט קײן שטאָטישע "שמיליגענטן", וואָס פאַרטאַנצן מער ווי זײ ברענגען אַרײַן", פלעגט ער מורמלען מיט נחת פון אונטער די וואָנצן אין באָרד אַרײַן.

אין זײנע יונגע יאָרן, איז עמרם געווען באַקאַנט ווי "פּיניעס אײניקל", מחמת ער האָט זיך געהאָדעוועט בײם זײדן, ר' פּנחס זילבער, אַן אַלטער מושבניק, פון די ראשונים, אַן עולה פון טראַנסילוואַניע, אַ זון פון אַ פּאַכטער, וואָס איז זײן גאַנץ לעבן געווען פאַרבונדן מיט עבודת־אדמה. דער זײדע פּיניע האָט געלעבט אין אַ שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך, צווישן אַ דאָרף און אַ פּריצישן הויף, וואו ער האָט געצויגן חיונה פון מילך, פון וואָס ער, מיט דער באָבע דבורה, פלעגן מאַכן קעז מיט פּוטער, און עס פאַרקויפן אין שטאָט צו באַשטימטע ײדישע קונים, סוחרים און קרעמער. דער זײדע פלעגט אויך אײנקויפן פּרוכט "אויפן בוים" און עס פאַרקויפן אין שטאָט, וואו דעם זײדנס משפּחה־מענטשן האָבן געלעבט זיבעט דורות, ביז ס'איז געוואָרן אומרואיק. די גויים האָבן זיך געבונטעוועט קעגן פּריץ, און זײער כעס אויסגעלאָזט צו די ײדן; זײ פלעגן גנבענען און גזלענען מחמת הונגער, אונטערצינדן ײדישע הײזקעס, אויסרויבן זײער האָב און גוטס. ווען דער ביטערער גורל האָט געטראָפן דעם פּאַכטער ר' פּנחס זילבער, האָט ער מיט דער הילף פון גוטע שכנים — פּויערים, אָנגעלאָדן דאָס רעשט פון זײנע בעבעכעס אויפן וואָגן, מיטגענומען די באָבע דבורה, מיטן זון, דעם אײנציק לעבן־געבליבענעם פון זײנע דרײַ קינדער, געשפּאַנט דאָס פערדל און אוועק אין דער נאָענטער שטאָט. אַ קאָמיטעט האָט אים געהאָלפן אַנשפּאַרן קײן קאָנסטאַנצע, און מיט נאָך אַ פּאַרטיע ײדן, האָבן זײ זיך געלאָזט מיט אַ שיף קײן ארץ־ישראל. פון יפו זײנען זײ אוועק זיך קאָלאָניזירן אין גליל, אין דער איצטיקער מושבה יסודות. דער זײדע האָט זיך באַלד גענומען צו זײן פריערדיקער אומנות: — קויפן מילך, מאַכן קעז, צו פאַרקויפן אין

טבריה און צפת. ס׳איז געווען א שווער לעבן, אָבער מען האָט געלעבט, זיך איינגעשאַפן אַן אייגן ווינקל מיט א שטיקל קרקע און חתונה געמאַכט דעם אייציקן זון, וואָס איז געווען א חלוש. ער האָט חתונה געהאַט מיט א דאָרטיק מיידל, אמת, ניט קיין פאַרשוינטע אָבער א געזונטע און אַרבעטזאַמע פרוי, וועלכע האָט, נעבעך, געהאַט א ביטערן סוף: זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און דער געבורט איז געווען א שווערער. עמרם איז געבוירן געוואָרן און ניט זוכה געווען צו געניסן פון זיין מאַמעס מילך, ווייל די ״באָבע״, וואָס האָט אים אָפּגענומען איז נכשל געוואָרן; די מאַמע האָט זיך ניט אויפגעהייבן פון קינפּעט און איז שטיל געשטאָרבן. עמרם איז געבליבן ביי דער באָבען אויף די הענט; זי האָט אים געהאָדעוועט מיט א פלעשל און מיט צעקייטע ברויט אין א טיכל. זיין טאַטע, דער חלוש, האָט געכאַפּט ״געלן פיבער״ און איידער מען האָט זיך דערוואוסט אויפן רופא פון צפת, איז ער אויסגעלאָשן געוואָרן און געקומען צו קבורה אין יסודות. א פּאָר יאָר שפּעטער, איז דער זיידע ר׳ פנחס זילבער, אויך ניט געוואָרן; ״דער צער האָט אים אויפגעגעסן״, האָט די באָבע געטענהעט צו שכנים. אָבער זי האָט זיך געהאַלטן, געהאָדעוועט דאָס קינד, אליין איינגעקויפט מילך, געמאַכט קעז, געהאָלפן קראַנקע מוטערס זיך שטעלן אויף די פיס, שטילערהייט געגאַנגען וואַשן גרעט און אַזוי געצויגן די חיונה.

בעת די באָבע איז אויך אוועק, איז עמרם אַלט געווען 15 יאָר. ער איז געבליבן אליין אינעם שטיבל מיטן פאַרוואָרלאָזטן הויף און א שטיק פעלד, וואָס א גר-צדק פלעגט אַלע יאָר פאַכטן צו זייען תבואה מיט פאַשע. דער גוטער גר האָט אים געהאָלפן אין זיין ווייטער היים ביז ער איז צייטיק געוואָרן, זיך אויסגעלערנט צו באַארבעטן די ערד. א פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיטן שכנס טאָכטער, רחל, וואָס האָט געשמט אין דער מושבה ווי א גרויסע בריה און גוטע באַלעבאָסטע.

מיידלוויין איז איר עמרם געפעלן געוואָרן. ער איז געווען א שטילער, שלאַנקער בחור, מיט א ״גוטן קאָפּ״, מיט ״אייזערנע״ הענט און מיט גרויסע, טונקל-גרויע, עצבותדיקע אויגן. נאָך דער חתונה האָבן רחלס ברידער זיי צוגעהאָלפן ביז זיי האָבן פאַרפעסטיקט זייער נעסט, צו ווערן גלייך מיט אַלעמען. פון זיינע אָבות זיינען פאַרבליבן פיר אָפּגעריבענע מצבות אויפן בית-הקברות אין יסודות, וואָס די גוטע מענטשן פון ועד האָבן בשעתו אויפגע-שטעלט, כדי עמרם זאָל אין חודש אלול וויסן וואו צו זאָגן קדיש, צוזאַמען מיט זיינס גלייכן.

נאָך רחלס טויט האָבן די שכנים און באַקאַנטע אָפּגעשלאָגן זיין שוועל אָנצובאָטן שידוכים, אָבער עמרם האָט זיי צוריקגעשיקט מיט ליידיקע הענט. קיינער וועט ניט פאַרנעמען רחלס אָרט, ניט אין זיין היים, ניט אין זיין האַרצן. ער האָט זיך אויסגעהאָלפן מיט א מיטליאָריקער אלמנה, וואָס ער האָט געדונגען, צו פירן די שטוביקע ווירטשאַפט. די אלמנה איז געוואָרן די באַלעבאָסטע אין

זיין היים און א מוטער פאר זיינע קינדער. פון זיין צער און אומרואיקע נעכט ווען ער פלעגט זיך אויפן געלעגער דרייען פון איין זייט אויף דער צווייטער, האָט געוואוסט נאָר ער אליין.

★

די יאָרן לויפן. די, וואָס זיינען מקיים די מצוה פון ״המוציא לחם מן הארץ״, האָבן ניט קיין צייט צו ציילן די יאָרן; זיי ציילן נאָר די זמנים פון אקערן, זייען, פלאנצן און שניידן, וואָס איז פארבונדן מיט זומער און הארבסט, מיט ווינטער און פרילינג, וואָס ווערן אין סך-הכל יאָרן. ערשט ווען די פיס ווערן שווער, דער רוקן נעמט ברעכן, און מען באמערקט זילבערנע פעדים אין באָרד און פיאות, כאפט מען זיך, אז די יאָרן שטייען ניט, זיי אנטלויפן; עס רוקט זיך אָן דער ״בין מנחה-למעריב״ פון לעבן און אין דער היים הערט מען שוין מער דעם ״זיידע״ ווי ״טאטע״.

אָן אָן עין הרע! די זין זיינען אויך אויסגעוואקסן, די טעכטער האָדעווען שוין לאנג אייגענע משפחות, אין הויף יאָגן זיך די אייניקלעך נאָך טויבן און שפילן זיך מיט סאמעטענע זשרעביקעס און קעלבלעך, ווי פריער זייערע טאטע-מאמע. זייערע שטימען מישן זיך אויס מיטן צוויטשערן פון די פייגל, וואָס פליען זיך צונויף, שקיעה צייט, צו נעכטיקן צווישן די געדיכטע בלעטער-צווייגן פון די אלטעביימער.

עמרם כספי איז פארפאָרן ווייט אין די פופציקער. פון דער אמאָליקער טשופרינע אויפן קאָפּ איז ווייניק געבליבן. אין די געדיכטע, טונקל-בלאָנדע ברעמען, אין דער באָרד און וואָנצן איז שוין מער זילבער ווי טאבאק און דער טראָט איז געוואָרן שווער און לאנגזאמער. נאָר די טונקל-גרויע אויגן זיינען געבליבן לעבעדיק ווי פריער, ניט צו פארלירן זייער גלאנץ. עמרם האָט ניט געטראכט פון עלטער, זיינע מחשבות זיינען בעיקר געווען פארנומען מיטן צענדליק אתרוגים-ביימער, וואָס ער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק פארפלאנצט נאָענט פון דער היים און צו זיין שטילער פרייד האָבן זיך אויף זייערע צווייגן, דאָ און דאָרט, באוויזן די ערשטע פרוכטן, ווי קליינע גרינע ניס.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, באלד נאָך סוכות, ווען די פעלדער און גערטנער זיינען געלעגן פאראקערט אין געווארט אויף די ערשטע רעגנס, וואָס האָבן זיך יענעם יאָר פארשפעטיקט, און אין דער נחלה זיינען ניט געווען קיין דרינגענדע ארבעטן, האָט עמרם זיך געלאָזט קיין שומרון זוכן אתרוגים-פלאנצן, וואָס ס׳איז געווען שווער צו קריגן, ווייל יעדער אייגנטימער האָט שטרענג אָפּגעהיט זיינס. די פלאנצן איז געווען זייער שווער צו האָדעווען, ביז זיי זיינען צייטיק געוואָרן צום איבערצוזעצן אין גוט צוגעגרייטן באָדן אין די אלטע פרדסים. בדרך-כלל האָבן די יונגע פלאנצן געדינט צו פארבייטן א פארדאַרבענעם אָדער געשטאָר-

בענעם בוים, די אתרוגים האָבן געלעבט ווייניקער צייט, ווי געוויינלעכע ציטרוס-ביימער.

עמרם איז אויסגעוואַקסן כמעט אין אַלע פּרדסים, וואו מען האָט געהאָדעוועט אתרוגים; אין חדרה, כּפר-סבא, אין כּפר הרואה און מגדיאל, שוין אָפּגערעדט אין גליל. נאָכן וואַנדערן אַ וואָך צייט, האָט ער באַקומען אַן אַדרעס פון אַ ירושלמי, ר׳ נפתלי, אַ זון פון אַ דריטן דור אתרוגים-פּלאַנטאַטאָרן. אמת, עמרם האָט פריער געקראָגן אַ וואָרט פון אַן אַנדער פּרדסן, משה דגני, פון פּתח-תקוה, אַז ער וועט אים פאַרקויפן אַ פּאָר צענדליק פלאַנצן, אַלא, זיין מענטש, וואָס האָט געשאַלטעט אין פּרדס, חיים שחורי דער תימנער, האָט בשום אופן ניט מסכים געווען אַרויסצולאָזן פון דגניס פּרדס, קיין איין אתרוגים-ריטל אפילו.

— משוגע מיינע שונאים, גאָט איז מיט אייך אדון דגני, האָט חיים דער תימנער געטענהט, ס׳איז מיר אַזוי לייכט אָנגעקומען אויפצוהאָדעווען די אתרוגים-ביימער מיט דער משתלה, כדי איר זאָלט עס אויסבייטן אויף אַ פּאָר פונט. לא אדוני! ניט פאַר מיין לעבן אין אייער פּרדס.

לכתחילה האָט זיך משה דגני אויפגערעגט: — ס׳טייטש, זיין מענטש וועט אים זאָגן אַ דעה, וואָס צו טאָן, אַ פּשיטא, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געגעבן אַ וואָרט צו פאַרקויפן בסך-הכל אַ צענדליק פלאַנצלעך...

— ווער איז דאָ באַלעבאָס, האָט ער זיך געקאָכט, איך צי דו? אלא, בעת ער האָט אָנגעקוקט חיימען, ווי ער שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ציטערט אינגאַנצן, איז אים דער כעס פאַרגאַנגען און זיין שכל הישר האָט אים אונטער-געזאָגט נאָכצוגעבן, ווייל אַזעלכע טרייע חיימס, וואַלגערן זיך ניט אין גאַס. וואו געפינט מען היינט אַזאַ חיים, וואָס זיין גאַנץ לייב און לעבן ליגט אין פּרדס? ווער האָט אַזויפיל געדולד, און ווער איז אַזוי צוגעבונדן צו יעדער בוים, צו יעדן צווייג, ווער רעדט נאָך צו די איידעלע אתרוגים? ווער וועט זיי אַזוי אָפּהיטן ווי חיים? ווען ניט ער, וואָלט ער דען היינט פאַרמאָגט אַזעלכע אתרוגים, מהודרים, זיך צו שפּיגלען אין זיי? יעדע פרי איז מיט גאָלד צוגלייך און ברענגט אַריין אַ מטמון דאָלאַרן מיט פונטן. האָט זיך אדון משה דגני באַזינט און צוריקגעשיקט עמרמען מיט ליידיקע הענט. דאָס איינציקע, מיט וואָס ער האָט אים פאַרגיטיקט פאַר זיין עגמת-נפש און ווייטע נסיעה, איז געווען אַ נייער אַדרעס פון אַ פּרדסן אין זעלבן שטעטל. ר׳ נפתלי האָט עמרמען אויפגענומען אין זיין היים בספר פּנים יפות, און פאַרקויפט אַ צענדליק יונגע אתרוגים-פלאַנצן, פאַר אַ געזאַלצענעם פּרייז. עמרם האָט געהאַט מזל, ער האָט נושא-חן געווען ביי ר׳ נפתלין, און ער האָט אים נאָכן משא-ומתן פאַרבעטן צו זיך אַ היים אויף אָוונט-עסן און נאָכטלעגער, אפילו מיטגענומען מיט זיך אין שול צו מנחה ומעריב.

ביים טיש, נאָכן אָוונט-עסן, האָט אים ר׳ נפתלי דערציילט אַ ביסל היסטאָריע

פונעם טייערן, שמעקעדיקן בוים אין א״י, פון וואָס עמרם האָט פריער גאָר ווייניק געוואוסט. ער האָט אים אויך געלערנט ווי זיך צו באַגיין מיט די פלאַנצן אוןביימער, ווען זיי וועלן, אם-ירצה-השם, שלאָגן וואָרצלען און צונעמען. עמרם האָט זיך דערוואוסט, אז בעת דער אתרוג פון ארץ-ישראל איז כשר למהדרין ביים גרעסטן טייל פרומע יידן אין לאַנד און אין חוץ-לארץ, נאטירלעך, אויב די פרי איז אָן א פגם, אָן דאָס מינדעסטע פינטעלע אויף דער שאָלעכץ, און דער פיטום איז גאַנץ און ניט באַשעדיקט, איז דער זעלבער אתרוג פסול צום בענטשן ביי א צווייטן טייל פרומע יידן, בעיקר ביי די סאטמארער חסידים און זייערס גלייכן. זיי האַלטן ניט פון דעם ארץ-ישראלדיקן אתרוג, זיי נוצן בעסער גויישע אתרוגים פון איטאַליע, פון קאָרפו, קאַליאַבריע וכדומה. די סאטמארער צדיקים טראָגן א שווער הארץ אויף די ציוניסטן, באשר זיי רייסן זיך מקדים זיין דעם קץ, זיי האָבן ניט געוואַרט אויף ביאת המשיח און זיך געלאָזט אויפשטעלן א מלוכה, וואו אפיקורסים-מינים, אַלט און יונג, שאַלטן און פאַרוואַלטן מיט אַלץ און מיט אַלעמען.

ר׳ נפתלי האָט אים דערציילט, אז נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק, האָט דער שר משה מאָנטעפיאָרע, ירום הודו וזכרו, געקויפט א פרדס אין ארץ-ישראל, וואו ער האָט געלאָזט פלאַנצן אתרוגים-ביימער. א פּאָר יאָר שפּעטער האָט א באַרימטער רב, רבי אליעזר וואַקס זצ״ל, געקויפט קרקע אין חיטין, ניט ווייט פון אייער מושבה, וואו ער האָט געלאָזט פלאַנצן א סך אתרוגים-ביימער. נאָך שפּעטער, האָבן יידן געפלאַנצט אזעלכע ביימער אין חברון, אין ראשון-לציון, אין פּתח-תקוה, מקוה-ישראל, עקרון, זכרון-יעקב און אפילו אין אייער מושבה, יסודות. צום שלעכטן מזל זיינען די ביימער פאַרדאַרט געוואָרן און אויסגעשטאָרבן.

ער האָט אים אויך דערציילט פון א לעבעדיקן יגיע-כפּיימניק, ווער ווייסט, אפשר איינער פון די למד-וואָווניקעס, זאָל מאריך ימים ושנים זיין, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן אין ארץ-ישראל אָפּגעגעבן צו פלאַנצן כשרע אתרוגים-ביימער אין א מושבה ניט ווייט פון חדרה, ער הייסט שרגא, הייסט ער. דער ייד איז בשעתו אויסגעפאָרן דאָס גאַנצע לאַנד, מעשה נס, האָט ער ערגעץ אין אן אראַביש דערפל, אין א הויף, ניט ווייט פון שכם, דערזען וואַקסן זעקס נאַטירלעכע, ניט געגרעפטע אתרוגים-ביימער. נאָך א לאַנגער דינגעניש, ממש פאַר גאָלד מינצן, האָט דער ייד מצליח געווען אָפּצוקויפן די ביימער מיט די וואָרצלען, צוזאַמען מיטן ערד ארום זיי. די ביימער האָט ער פאַרזיכטיק אַרויסגעגראָבן, ארומגעוויקלט מיט נאַסע ראַגאָזשעס, זיי אָנגעלאָדן אויף אייזלען און געבראַכט ניט באַשע-דיקטע צו זיך אין דער נחלה. יענע זעקס ביימער זיינען דאָס די אָבות פון אַלע איצטיקע אתרוגים-ביימער אין ארץ-ישראל, ווי אָדם און חוה זיינען געווען די אָבות פון די קדמונים פון אונדזער וועלט.

בעת עמרם האָט זיך צוריקגעקערט אַ היים, האָט אים אַ האַלבע מושבה מקבל-

פּנים געווען, ווער צו באוואונדערן זיין עקשנות, און ווער צוצושאָקלען מיטן קאָפּ, אָנצואווייזן הינטער זיינע פּלייצעס מיט די פינגער אויפן שטערן:

— דער מענטש מוז זיין געררירט, משוגע אונדזערע שונאים... אויף א בינטל ריטלעך, וואָס ער האָט געבראַכט, צו פּטרן מער ווי אַ וואָך צייט אויף נסיעות מיט א מטמון געלט... אזא עקשן א ייד!

✶

עמרם איז אריבער זיינע זעכציק. איצט האָבן זיך געזען ווייניק טונקעלע האָר אין זיין באָרד און ברעמען. זיינע אייניקלעך פלעגן זיך טוליען צו אים, גלעטן און טענהען: "הזקן של סבא הפך לבן כשלג על החרמון" — דעם זיידנס באָרד איז ווייס ווי דער שניי אויפן חרמון — דאָס נעמלעכע פלעגן איבערחזרן די טעכטער, וואָס האָבן ווייניק צייט געהאַט אים צו באזוכן, מחמת פּארנומענקייט אין די אייגענע ווירטשאַפטן. זיינע אויגן האָבן גענומען פּארלירן זייער פריערדיקן אומרו און ער אליין האָט זיך גענומען איינבייגן, ווי דער קאָפּ פון אַן אַלטן בוים.

דער עלטערער זון, מנשה, האָט פאַרענדיקט זיין מיליטער־דינסט און זיך צוריקגעקערט א היים, א דערוואקסענער מענטש מיט פאַרשאַרענע וואָנצעלעך, אויסצוזען שטייפער אין גאַנג. דער ייִנגערער זון יאָסקע, האָט בקרוב זיך אויך גענדאַרפט מעלדן אין א רעקרוטן־פּונקט, נאָכדעם ווי א מיליטערישער דאָקטאָר האָט אים פריער אונטערזוכט און פאַרצייכנט אויף זיין קאַרטל: "געווּנט: אויסגעצייכנט, סוג א'". יאָסקע האָט פריער געהאַט דורכגעמאַכט די ערשטע איבונגען אין א שוץ־איינהייט פון זיין קרייז, ער קען זיך באַגיין מיט לייכטן געווער, ער האָט אויך דורכגעמאכט כלערליי קורסן מיט איבונגען מיט קוילן און מינענוואַרפער.

מנשה איז צוריק אריין אינעם היימישן שפּאַן. ווייל ער איז אין מיליטער געווען א סערזשאַנט האָט מען אים אָנפאַרטרויט צו קאָמאַנדירן מיט דער אָרטיקער ציווילער שוץ־איינהייט, וואָס פלעגט חוץ איבונגען אויך אויספירן אַ באַוואָפנטע שמירה אין די נעכט, און בעת אַן אויסנאַם צושטאַנד פאַרנעמען פּלעצער ביי די פענצטערלעך פון בונקערס, ארום די מזרחדיקע גרעניצן פון דער מושבה.

עמרם האָט באמערקט, ווי מנשה איז לעצטנס שטילער געוואָרן און גייט ארום א פאַרחלומטער — — —

דאָס, וואָס די שכנים האָבן געוואוסט, האָט נאָך עמרם ניט געוואוסט, וואָרום ער איז געווען צופיל פאַרטאָן אין דער ווירטשאַפט און יעדע פרייע שעה זיך מטפל געווען מיט די אתרוגים־ביימער, וועלכע האָבן געשלאָגן וואָרצלען, בעת א טייל פון זיי האָט ניט משלים געווען מיט דער נייער ערד און איז געשטאָרבן.

עמרם האָט ניט געוואוסט, אַז זיין עלטערער זון שפּאַצירט אין די אָוונטן און פרייע שבתים מיט תמרן, א שכנס טאָכטער, א בלאָנדע, שלאַנקע מיידל, מיט א געפלאָכטענער קרוין פון א גאָלדענעם צאָפּ אויפן קאָפּ. ביידע פלעגן שפּאַצירן אין וויטלעכע מקומות ארום דער מושבה, האלטנדיק ארומגענומען איינער דעם צווייטנס טאליע. ביידע זיינען געווען געזונטע, צייטיקע, ניט פארצערטלטע, אויפגעהאָדעוועטע אין געזונטער פראַצע. זיי פלעגן שפּינען זייערע פלענער און חלומען פון אן אייגענער היים, פון א חלק פעלד, אן אייגענעם גאָרטן, פון פרוכט-ביימער, פון אַ הויף ווי ביי זייערע עלטערן, פול מיט עופות, קי און קעלב-לעך, מיט אַ טויבנשלאַק און אַ תות-בוים, און פון אַ ווייס הויז, באַדעקט מיט קלעטער-פלאַנצן. זיי פלעגן שמועסן צווישן זיך מיט די אויגן, פולע מיט תמימותדיקער, צאַרטער ליבע און דעם שמועס פאַרענדיקן מיט א קוש אין גליענדיקע ליפּן, רויטע ווי פרישע אַנעמאָנען, פאַרטאָג.

תמרס עלטערן, א צווייטער דור מושבניקעס אין יסודות, האָבן יאָ געוואוסט פון זייער טאָכטערס סוד. לכתחילה האָבן זיי פארקוקט דער טאָכטערס נייע געגנג און צווישן זיך געשוויגן, אָבער, בעת זיי האָבן גענומען הערן הינטער די פּלייצעס רייד פון שכנים, האָבן זיי אויך גענומען שמועסן צווישן זיך ווי טאַטע-מאַמע. זיי זיינען דווקא געווען צופרידן, אַפילו גליקלעך מיט דער מחשבה, צו האָבן פאַר אן איידעם עמרמס זון מנשה: א וואוילער, געזונטער, א שטילער, א שטאַלטיקער און ארבעטזאמער בחור, מיט "גאָלדענע הענט", א צירונג פאַר דער משפּחה, ווער רעדט נאָך, אַז מיטן מחותן, עמרם, איז גאָרניט געווען זיך צו שעמען.

די געדונגענע באַלעבאָסטע, די אלמנה, האָט זיך אויך פארעלטערט און גענומען צוקרענקען. מחמת דאנקבארקייט האָט עמרם געזאָרגט פאַר איר, אויס-געטיילט א ווינקל אין זיין הויז, עס זאָל איר גאָרניט פעלן און גענומען צו הילף נאָך אַ פרוי, אַ יונגע, פון די עולי-מאַראָקאָ, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין יסודות און געטאָן אלע ארבעטן, נאָכדעם ווי די ארא בישע ארבעטער זיינען זיך צעלאָפן, בעת דער באַפרייאונגס-מלחמה. אַלע וואָס האָבן אים געקענט האָבן קיינמאָל ניט געלאָזט פאלן אפילו א רמז רכילות אין שייכות מיט דער אלמנה, וואָס האָט מוטערלעך געהאָדעוועט זיינע קינדער, און געטאָן אלע שטוביקע ארבעטן. עמרם איז געווען א צו ערלעכער מענטש, אינגאנצן פארזונקען אין שווערער ארבעט, און א גוטער שכן, שטענדיק גרייט צו העלפן בשעת הדחק.

שדכנים זיינען ניט נייטיק געווען. עמרם, צו וועמען דער "סוד" איז דערגאנגען, איז אויך געווען צופרידן צו האָבן תמרן פאַר א שנור, איר אריינפירן אין זיין היים ווי אן אייגן קינד, צוביען א פּאָר צימערן און זאָל זי ווערן באַלעבאָסטע.

איינעם א שבת, האָט עמרם צונויפגעבראכט זיינע זין, טעכטער, איידעמס מיט די אייניקלעך ביי זיך אין הויז, צו מקבל-פנים זיין תמרן מיט אירע עלטערן,

אויף קידוש. בעת אלע האָבן זיך ארומגעזעצט ארום טיש, באַלאַדן מיט כל-טוב, האָט עמרם מכבד געווען תמר'ס פאָטער מיט זיין אלטן זילבערנעם "רביעית"-בעכער, פול מיט וויין, ער זאָל מאכן קידוש.

— — — "בורא פרי הגפן".

"אמן", האָבן אלע פייערלעך געענטפערט.

צווישן איין געריכט און צווייטן, בעת די געסט האָבן געזונגען זמירות, און די אייניקלעך האָבן געטומלט, האָט עמרם פארקניפּט א שמועס מיט תמרס עלטערן וועגן פעלד, שניט, וועגן זיינע אתרוגים וכדומה. דער שמועס האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט, ביז מען האָט זיך צערעדט וועגן תכלית פון די קינדער.

— ס'איז ניט קיין סוד, אַז תמר מיט מנשהען "גייען אַרום" אַ לענגערע צייט, ביידע פארטראָגן זיך גוט, ביידע גייען ארום פארחלומטע, די גאנצע מושבה רעדט וועגן דעם, בעת מיר שווייגן, האָט עמרם געפּליסטערט צו תמרס פאָטער אין אויער אריין, ווען מיין מנשה וואָלט געהאַט א מוטער, וואָלט זי שוין לאנג געכאַפּט א שמועס מיט תמרן, — בעט איך, זאָל אייער פלוניתטע ריידן מיט איר און איך וועל ריידן מיט מנשהען, ס'איז שוין צייט. די קינדער קענען זיך פון דער פריסטער יוגנט, זיי פאַסן זיך איינער פארן צווייטן, זיי האָבן זיך ליב, ביידע וועלן ניט האָבן דעם מוט צו ריידן מיט אונדז, טאַ לאָמיר ריידן מיט זיי, האָט עמרם געזאָגט, וואָרפנדיק דערביי בליקן אויף תמרן מיט מנשהען, וועלכע זיינען געזעסן שטול צו שטול, פאררויטלטע אין שטילן אומרו.

א שבת שפּעטער האָבן תמרס עלטערן פארבעטן מנשהען מיט עמרמען אויף שלוש-סעודות.

יענעם שבת-צו-נאכט, נאָך הבדלה, האָט מען אויפגעקאָרקעוועט א פּאָר פלעשער אלטן וויין, אָנגעפּילט פולע גלעזער, צו מאכן דעם ערשטן לחיים פארן געזונט פונעם יונגן פּאָרל. תמר מיט מנשהען זיינען געזעסן צוגעטוליעטע, מיט קלאַפּנדיקע הערצער. זיי האָבן געוואוסט אין וואָס דאָ גייט, עס איז זיי ניט געווען שטארק באקוועם, אָבער בלית-ברירה האָבן זיי משלים געווען מיט דער אינטימער מסיבה. די קאַלירן האָבן זיך אלע ווײַלע געביטן אין זייערע פּנימער...

— לחיים, לחיים! תמר, מנשה, וואָס זיצט איר ווי פרעמדע מחותנים?

נאָך א פּאָר כוסות פונעם שטארקן, אלטן וויין, האָט זיך צוריק איינגעפּעדימט דער ניט פאַרענדיקטער שמועס פון פאַראַכטאָגן שבת. דאָס מאָל האָט מען פריי, אָן הקדמות, גערעדט נאָר פון "תכלית". מען האָט שוין געשמועסט ווי אייגענע, ביז מען האָט זיך אויפגעשטעלט, ארומגענומען, זיך צעקושט און צוגעצויגן צו זיך דעם זון מיט דער טאָכטער, ביידן ווידער און ווידער געקושט מיט פייכטע אויגן און געוואונטשן:

— מזל טוב, אין אַ גוטער, געבענטשטער שעה, אין געזונט, נחת און שלום. מירצעשעם, נאָך פּאַרן שניט וועט מען פּראַווען די חתונה.

עמרם איז שטאַרק צעחושט געוואָרן בעת ער האָט מיט זיינע ליפּן באַריירט דעם סאַמעט פון זיין מחותנתטעס צעפּלאַמטע באַקן. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין רחלען... ניט געפילט, ווי פון זיינע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אַ פּאָר טרערן, וואָס זיינען פאַרלוירן געגאַנגען אין זיין באָרד... יענער באַריר מיטן פּנים פון תמרס מוטער איז לאַנג געבליבן אויף זיינע ליפּן.

די חתונה האָט מען ברוב עם געפּראַוועט ל״ג בעומר. די שמחה איז געווען גרויס; יאָסי, צוזאַמען מיט זיינע שוואָגערס האָבן באַצירט אַ פּלאַטפאָרמע מיט גרינע גירלאַנדן און מיט בלומען, צוגעשפּאַנט צו איר אַ טראַקטאָר, וואָס יאָסקע האָט געקערעוועט. די כלה מיטן חתן זיינען געזעסן פון אויבן, אויף פּעקלעך געפּרעסטע שטרוי, צוזאַמען מיט זייערע ״שושבינים״, בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן געזונגען, באַגלייט פון אַן אַקאָרדיאָן און פייקלעך. די פּלאַטפאָרמע איז לאַנגזאַם דורכגעפאָרן די הויפּט-גאַס פון דער מושבה, הין און צוריק, ביז זי איז געקומען אין הויף פון תמרס עלטערן. פון יעדער הויף זיינען אַרויס מענטשן מיט פּעקעלעך און מיט בלומען צו באַגלייטן דאָס יונגע פּאָר צו דער חופּה.

ווייל מנשה איז געווען דער קאָמענדאַנט פון דער אָרטיקער שוץ-איינהייט, האָט מען די סאַמעטענע חופּה, מיט די גאָלדענע פרענדזן אָנגעטאָן אויף באַגנעטן, אָנגעצויגענע אויף ביקסן. אין פרייליכן טומל האָט מען שלעכט געהערט דעם רבס סידור קדושין, מיט די אויסגעציקלטע ברכות פונעם חזן און שמש. אפילו דעם בראַזג פון דער צעבראָכענער גלאָז, האָבן געהערט נאָר די מחותנים אונטער דער חופּה, וועלכע האָבן זיך צוגעוואונטשן:

— מזל טוב! מזל טוב!

נאָך דער חופּה האָט מען זיך געלאָזט צו דער סעודה אונטערן פרייען הימל. דער אָוונט איז געווען מילד, פול מיט בשמים פון צייטיקער תבואה, פון פּרוכט-סעדער און פריש-געשניטענעם היי. איבערן אויסגעשטערנטן הימל האָט געקיניגט אַ פולע לבנה. בעת דער עלטערער עולם איז געזעסן אַרום די טישן בגילופין, האָבן יונגוואַרג געטאַנצט מיט התלהבות ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין און ניט באַמערקט ווי די לבנה איז פאַרשוואונדן, צוזאַמען מיט זייערע עלטערן און מידע קינדער. זיי האָבן געטאַנצט ביז דער הימל איז געוואָרן בלייך און הענער האָבן געקרייט אויף שחרית.

ביסלעכווייז איז דער הויף ליידיק געוואָרן. תמר מיט מנשהען זיינען אַוועק צו זיך אין די צימערן אויף חנוכת-הבית, אין דער צוגעבויטער דירה, וואָס איז געווען ווי צוגעקלעפּט צום הויז. בעת מעשה, האָבן זיך די מחותנים איבער-געוואָרפן מיט שטיפערישע בליקן, זיך דערמאָנענדיק זייערע אייגענע חופּה-

נעכט. יאָסקע מיט זיינע חברים, האָבן צונויפגענומען די כלים און שיריים פון די טישן, און צוגעוואָרפן ביינער פאַר די היימישע הינט.

★

ויהי בוקר.

די יום-טובדיקע טעג זיינען אוועק. די מענטשן פון דער מושבה זיינען געווען פאַרנומען מיטן שניט און מיט זייערע יונגע און שווער באַלאָדענע פרוכט-ביימער. די לאַגע ארום די מזרח-גרענעצן אין גליל, איז ווידער געוואָרן אומרואיק. די שמירה אין די נעכט האָט פאַרצערט אַ סך כוחות, די נאָענטע קיבוצישע יישובים, האָבן וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער דורכגעשלאָפן אַ רואיקע נאַכט. פון די סירישע היגלען האָט זיך געשאָטן פייער, וואָס האָט חרוב געמאַכט הייזער, שטאַלן מיט בהמות, פאַרברענט פרוכט-ביימער און געצונדן צייטיקע תבואה-פעלדער.

די קינדער פלעגן אַלץ אָפטער נעכטיקן אין בונקערס אויף נאַרעס, וואו זייערע מוטערס און פלעגערינס פלעגן זיי איינשלעפערן מיט מעשיות און קינדער-לידער, זיי זיינען שוין געווען צוגעוואוינט צו די דונערן און רויטע הימלען. די עלטערע קינדער האָבן זיך אויסגעלערנט אונטערשיידן פון וואָס פאַר אַ כלי-משחית דער דונער איז געקומען. אומרואיקע מוטערס פלעגן זאָרגן פאַר זייערע מענער און דערוואַקסענע זין, וואָס וואַכן אין די שוץ-גריבער ארום די גרענעצן פון זייערע יישובים. מענטשן האָבן זיך אָפּגעוואוינט פון שלאָפן אין די נעכט, און נאַכער, באַגינען, זיך לאָזן צו דער טאָג-טעגלעכער אַרבעט.

יסודות האָט, ווי אַ סך אַנדערע יישובים, באַקומען איר חלק פייער. אין די באַגינענס פלעגן זיי זיך לאָזן זען די שאָדנס פון די נעכט, באַטראַכטן די קראַטערס פון די אויפגעריסענע באַמבעס, מיט די צעוואָרפענע שפּליטערס און ניט אויפגעריסענע שראַפּנעלן, געזען אויף זיי די אומפאַרשעמטע פאַבריק מאַרקעס, מיט אויסגעקריצטע אותיות און נומערן אין רוסישן לשון. דאָ און דאָרט פלעגן פאַלן קרבנות פון אויסגעפּראַצעוועטע יידישע ערד-אַרבעטער, דאָ און דאָרט איז אַ טראַקטאָר, אָדער לאַסט-אויטאָ, אַרויף אויף אַ פאַרבאַרגענער מינע, זיך איבערגעדרייט, אויפגעריסן און געבליבן ליגן אַ צעשמעטערטער מיט זיין פרידלעכן שאָפער צוזאַמען.

"לא ינום ולא ישן שומר ישראל", פלעגט עמרם, באַגינען, בלחש, מורמלען ביים מעלקן די קי. — אַ בראָך אויף זיי, אויף די רוצחים! ער איז איצט געווען באַזאָרגט פאַרן ייִנגסטן זון, יאָסקע, וואָס איז שוין געווען אין מיליטער, און פלעגט, ווען ניט ווען, זיך אַראָפּכאַפּן אַ היים, אויף אַ טאָג, אפילו אויף אַ פאָר שעה, אין אַ משונהדיק געפלעקטן לבוש, מיט אַן "עוזי" אויפן אַקסל.

תמר איז געווען אין די ״הייכע חדשים״. מנשה האָט געווירטשאַפט פאַר דרייען, פאַר זיך, פאַר יאָסקען, און פאַר תמרן. די נעכט פלעגן זיך ציען ווי אייביקייטן. בעת מנשה פלעגט איר פאַרזיכטיק גלעטן אירע באַשמעקטע גאָלדענע האָר, א קוש טאָן אין שטערן און שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, זיך ארויס־גנבענען פון דער היים, פלעגט זי זיך מאַכן שלאָפנדיק. זי פלעגט ליגן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, זיך צוהערן ווי ער פאַרקייטלט דאָס טויערל אין דרויסן און זיינע טריט ווערן שטיל. נאָך זיין פאַרשווינדן, פלעגט תמר ליגן צוגעשפּיצט צום מינדעסטן שאָרך אין דרויסן, איבערגעלאָדן מיט אומרו און ציטער, ניט געפילט ווי די טרערן קייקלען זיך פון אירע אויגן ביז צום קישן אַראָפּ. בעת ס׳קינד אין איר טראַכט פלעגט זיך א וואָרף טאָן, פלעגט זי מיט נאָך מער זאָרג טראַכטן: ״וואו איז איצט מנשה״?

בליצן פלעגן אָנזאָגן אַז אָט, אין אַ רגע אַרום, וועלן די היגלען פון גולן נעמען דונערן. תמר האָט מער מורא געהאַט פאַר די בליצן ווי פאַרן דונערן. זי פלעגט שנעל אַרויפוואַרפן אויף זיך אַ צוגעגרייטן בגד, זיך זעצן אויפן ראַנד פון בעט און וואַרטן, אַז אָט באַלד וועט עמרם, פאַרזיכטיק א קלאַפּ טאָן אין טיר און פרעגן: — אפשר מיין קינד זאָל איך דיר באַגלייטן אין מקלט? ניט איינמאָל, בעת זי פלעגט אויפמאַכן די טיר, פלעגט זי צוזאַמען מיט עמרמען טרעפן אויך איר פאָטער, האַלב אָנגעטאָן, מיט סאַנדאַלן אויף זיינע באָרוועסע פיס, מיט א זאָקן־מיץ אויפן קאָפּ. מיט א געמאַכטער רואיקייט, פלעגט תמר ביידן באַגעגענען: — הכל בסדר, אפשר פאַרבריען אַ קאַווע? אַלע דריי פלעגן זיך זעצן אויף א טרעפּל פון דער טעראַסע, בעת דער הימל פלעגט אויפפלאַמען און דאָס דונערן פלעגט זיך טראָגן און צעשיטן מיט א ווידער־קול איבערן טאָל פון דער חולה. ווי שטענדיק פלעגט עמרם מורמלען: — די כלבים מאַכן חרוב גדות. גלייכצייטיק פלעגט ער איצט טראַכטן פון ביידע זין; וואו זיינען זיי איצט?

אזוי פלעגן אוועק די נעכט, קוים דערוואַרט זיך אויף דער זעקסטער באַגינען שעה, ווען ״קול ישראל״ פלעגט פון ווייטן ירושלים, אין געציילטע, טרוקענע ווערטער דערציילן וועגן דער נאַכט אין גליל.

— ברוך השם, אָן מענטשלעכע קרבנות.

— — — אָט קומט מנשה מיטן ביקס אויף דער פּלייצע, תמר איז גליקלעך, זי הייבט זיך שווער אויף, נעמט זיך ארום מיט מנשהען און גייט אין קיך פאַרבריען קאַווע, זאָל ער זיך דערוואַרעמען, איידער ער וועט כאַפּן א קורצן שלאָף, אָפט אפילו אין די קליידער.

— — — — — — — — — — — — — —

נאָך אַ יאָר איז אוועק. יידן האָבן געפּייערט ראש־השנה, תשכ״ז.

אין מדינת ישראל האָט מען זיך ווי צוגעוואוינט צו דער שטענדיקער שפּאַנונג, און צו די טאָג-טעגלעכע ידיעות וועגן שיסערייען און אָנפאַלן, דאָ און דאָרט אין די צפונדיקע גרעניץ-יישובים. דאָס לעבן האָט געשטראָמט ווי שטענדיק, די שפע איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, עס האָט אָנגעקוואָלן אַן אַרבעט-לאָזיקייט אין די שטעט און שטעטלעך, אָבער יום-טוב איז יום-טוב ; פולע קראָמען מיט קונים, פולע גאַסן, ס'איז געווען דער אָנהייב פון קטיף, וואָס האָט געגעבן ברויט פאַר טויזנטער אַרבעטער אין די מושבות, קיבוצים און פאָרטן פון ישראל.

ווי שטענדיק, האָט ראש-השנה פול געמאַכט דאָס לאַנד מיט פייערלעכקייט, מיט געדעקטע טישן, מיט ליכט און פינקלדיקע פלעשער וויין. מען האָט זיך באַמיט צו פאַרגעסן דעם פאַרגאַנגענעם שווערן יאָר, מען האָט זיך געשיקט וואונטש-קאַרטלעך, מען האָט זיך געפרייט מיט געסט פון לאַנד און מיט טוריסטן פון אויסלאַנד. די וועגן פון ישראל זיינען געווען איבערלאָדן מיט כלי-רכב, ווי שטענדיק אין יום-טובדיקע טעג, כאָטש דאָ און דאָרט פלעגט הילכן אַן אויפרייס און אַ מאַשין-געוועער האָט געשטעפט. אַלע האָבן געגאַסן פון יום-טוב, חוץ די זין אין צה״ל, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך, אומעטום, ווי אין דער וואָכן, אומרו און זאָרג האָט שטיל געטליעט אין די הערצער פון זייערע עלטערן און נאָענטע. די מונדירטע בחורים פון אַלע שוץ-פאָרמאַציעס, צוזאַמען מיט די קיבוצניקעס און יוגנט אין די גרעניץ-יישובים, האָבן אַלעמען פאַרזאָרגט מיט זיכערקייט. מען האָט זיך אויך פאַרלאָזט אויף די רייד פונעם חשובן מלוכה-מאַן אין ישראל, וואָס האָט געלאָזט הערן פאַר אייגענע און פרעמדע, אז ״דער פנקס איז אָפן און די האַנט פאַרצייכנט״ — — — עס לעבן די יעניקע, וואָס פירן דעם חשבון אין לאַנד ישראל.

ביי עמרמען, איז יענעם ראש-השנה די שטוב פול געווען מיט פרייד. תמר האָט אים געבוירן אַן איינִיקל, אַ מיידעלע. די פרייד האָט פול געמאַכט זיין לייב און לעבן, צוזאַמען מיטן הויף, פעלדער, סעדער און באַשמעקטע אתרוגים-ביימער. ״הע״, האָט עמרם שטאָלצירט, בעת ער האָט זיי מיט פאַרגעניגן לייכט אַרומגעפּיאַשעוועט, איצט לאַכט ניט קיינער פון זיין ״משוגעת״, פון זיין ניט אויסגעשעפּטער געדולד און אָנסופיקער פּראַצע אַרום די ביימער, וואָס זיינען איצט, ראש-השנה, געשטאַנען פול-צווייגיקע, באַבלעטערטע, מיט בכורים : — די ערשטע אתרוגימלעך, וואָס מען קען נאָך ניט נוצן, ווייל זיי זיינען נאָך צו קליין. עס איז ניט געווען דער טאָג, וואָס עמרם האָט זיך מיט זיי ניט פאַרנומען, זייער איידעלער דופט האָט דערלאַנגט ביז די אָפענע פענצטער פון זונס צימערן, וואו תמר האָט זיך פאַרנומען מיטן קינד, זיין איינִיקל. זיינע אייניקלעך פון די טעכטער, האָבן זיך ניט געהאַדעוועט ביי אים, זיי האָבן געלעבט אין צווייטן עק פון דער מושבה. וויפל יאָרן, ממש אַן אייביקייט, האָט עמרם ניט געהערט די שטים פון אַן עופעלע אין זיין שטוב.

בעת ער פלעגט זען ווי מנשה מיט תמרן פֿאַרען זיך אַרום קינד, פלעגט ער זיך אַליין זען פֿאַרען זיך ביי די אתרוגים-ביימעלעך, באַלד נאָכן פֿאַרזעצן זיי. עמרם פלעגט זיך שעמען פאר זיינע זין און שכנים, וואָס פלעגן זיך מאכן ניט זעענדיק, בעת ער פלעגט אין קאַלטע, ווינטיקע נעכט זיך ארויסגנבענען פון דער ווארעמער בעט און אין דער פינצטער, זיך לאָזן גיין צו די ביימער זען, צי די ווינטן האָבן ניט צעבראָכן די צווייגן, אַראָפּגעפּליקט בלעטער, אָדער חלילה ארויסגעריסן א יונגן בוים. אין יענע נעכט פלעגט ער שטיין ביי די אתרוגים-ביימעלעך, איינגעהילט אין א דעקע, מיט א וואָלענעם שאל פארבונדן דעם קאָפּ, אזוי ווי תמר שטייט איצט אין דער שטיל ביי זיין אייניקלס בעטל, איינצוזאפּן אין זיך, ווי א שטילן ניגון, דאָס אָטעמען פון קינד.

— באַרכעשעס, די ביימער באשטייען די ווינטן, די קעלט האָט זיי ניט פּוגע געווען.

אין דער פינצטער, אין בלאָטיקן באָדן, פלעגט ער זיך דורכשפּאצירן צווישן די שורות, דעם בוים א גלעט טאָן, אן אראָפּגעלאָזטן צווייג אונטערשפּארן מיט א שטענגל, נאָכדעם בסתר זיך צוריקקערן אין שטוב רייבנדיק צווישן די קאַלטע פינגער אן אראָפּגעריסענעם אתרוגים-בלעטל, צוליגן צו דער נאָז, און אריינאָטעמען איר ריח.

מחמת כיבוד-אָב און מחמת צוגעבונדנקייט צו אַלץ וואָס די מאַמע-ערד שפּראָצט ארויס, פלעגט מנשה אויסנוצן יעדע פרייע שעה, צו העלפן דעם טאטן ארום די ביימער, אפילו אין די שבתים, ווען עמרם פלעגט זיך געפינען אין שול און ניט וויסן וואָס זיין זון טוט איצט.

די צווייגן פון די ביימער פלעגט מען מוזן באשניידן, זיי זאָלן ניט וואקסן צו הייך, אלאָ, אין דער ברייט, צו בלייבן נידעריקע, געדיכט באבלעטערטע. מען פלעגט מוזן ארומגראָבן ארום די וואָרצלען, כסדר פארריכטן די שיסלען ארום די שטאמען. די שטאמען פלעגט מען קאלכן, מזיקים זאָלן זיי ניט באשעדיקן, מען פלעגט אָפּט מוזן צובינדן מיט ראַגאָזשע-בענדלעך אָ שוואַכע צווייג צו אַ שטאַרקערע, באַשפּריצן, אָדער באַפּולווערן מיט כעמיקאַלן, וואָס עמרם פלעגט אָנרופן „רפואות". אין פראַקטיקע נעכט פלעגן זיי ארויסגיין „באהייצן" דעם „פּרדס" ; זיי פלעגן אָנצינדן קליינע שייטערלעך פון טרוקענע צווייגן נאָענט צו די ביימער, אָנצוואָרעמען די לופט ארום זיי. פלעגט האָגלען, איז עמרם באַלד געווען אויף אָן אָרט, כאָטש נעם און פאַרשטעל די ביימער מיטן אַלטן משפּחה-פּאַראַסאָל.

ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, האָט זיך אין אַ שיינעם טאָג באַוויזן צווישן די ביימער, דער רב פון דער מושבה. עמרם האָט אים מקבל-פּנים געווען מיט א שטוינען :

— ברוך-הבאָ, רבי! ווי קומט איר אַהער? ס'איז דאָך ווייטלעך פון דער

מושבה, און די ערד איז פאראקערט, שווער צו גיין מיט שוואכע פיס אין דינע לעטשלעך.

— פכע, ר׳ עמרם, פכע, אַדון כספי, איך האָב געהערט פון אייער איינפאַל צו האָדעווען כשרע אתרוגים, זיי זאָלן זיין ראוי צו מאכן א ברכה אויף זיי. א גרויסע מצוה, ר׳ עמרם, א תענוג אָנצוקוקן די שיינע, איידעלעביימער, דער ריח פון גן-עדן שלאָגט פון זיי, מחיה נפשות, א דערקוויקונג פאר די אויגן, אלאָ, אלאָ — — —

— אלאָ, וואָס רבי?

— איך זע די ערשטע פרוכט, שהחיינו והקימנו, ר׳ עמרם, איך האָב מיך מטריח געווען כמו בעיני אָנצוקוקן גאָטס וואונדער, און אייך דערמאָנען דעם דין פון "ערלה", דעם איסור בהנאה פון די ערשטע ביכורים.

— תודה-רבה, רבי, האָט אים עמרם געענטפערט ניט אָן פארדרוס, איך ווייס דערפון רבי, די ערשטע ביכורים פון אלע מיינע פרוכט-ביימער פלעג איך שטענדיק אראָפּרייסן און באגראָבן, קיינמאָל ניט געברויכט, אָבער, רבי, ווי קען מען באגראָבן אתרוגים? איך וועל זיי אראָפּנעמען פון די ביימער, קיין סך זיינען ניטאָ, געברויכן וועט זיי קיינער ניט, אָבער אויסלייגן אויף די שאפעס ביי מיר, און ביי מיין זון מנשה מעג מען דאָך? לאָזן זיי באשמעקן אונדזער היים. איך וועל אייך אויך מכבד זיין אזא פּאָר ביכורים, געניסט, רבי, פון זייערע בשמים, ס׳איז געזונט. מירצעשעם, איבעראַיאָר סוכות, ברענג איך אייך אַזאַ מהודר צום בענטשן, כדת וכדין.

פאמעלעכס האָט זיך דער רבי אויסגעדרייט מיטן פּנים צו עמרמען און אים דערלאַנגט זיין פאַרצערטלטע ווייסע, רבנישע האַנט:

— לשנה טובה, אַ גוט יאָר, אַ געזונט יאָר, אַ יאָר פון נחת און שלום, אַ כתיבה וחתימה טובה. איר זייט אַ גוטער ייד, ר׳ עמרם. אם ירצה השם איבעראַיאָר סוכות, וועלן מיר בענטשן אין בית-הכנסת, בפני כל עם ועדה, אויף אייערע ערשטע, כשרע אתרוגים, א גוט יאָר!

— זיינע דאגות וואָלטן אלע יידן געדארפט האָבן, האָט עמרם געזאָגט צו זיך אַליין באַגלייטנדיק דעם רב מיט די אויגן, ביז יענער איז לאַנגזאַם פאַר-שוואונדן אויפן אויסגעטראָטענעם שטעג, צווישן די צייטיקע סעדער.

✶

ווינטער, תשכ״ז, זיינען די רעגנס געפאַלן בשפע צו דער צייט. עס האָט כמעט ווי ניט געהאָגלט. דער חולה-טאָל איז געלעגן בלומיק-גרין, א יעדער שטיקל קרקע פארזייט און פארפלאנצט. ס׳האָט אויסגעזען אויף א גוטן יאָר.

דער פּאַרזיי איז פּיין אויפגעגאַנגען און די ביימער זיינען געשטאַנען אין פולער בליאונג. אלאַ, די רוצחישע הייכן פון גולן האָבן ניט אויפגעהערט צו באַלייגן מיט פייער די גרעניץ-יישובים. די סירישע שונאים האָבן די ראַנדן און היגלען פון די בערג צעשניטן אין טיפע גראָבנס, געפּלאַסטערטע מיט בעטאָן; אונטער-ערדישע טונעלן האָבן פאַרבונדן איין גראָבן מיטן צווייטן, צוזאַמען מיט איינגע-גראָבענע טאַנקען און בעטאָנירטע בונקערס פאַר כלערליי כלי-משחית און אַמוניציע, וואָס האָט דאָרטן געשטראָמט אַזש פון יענער זייט וואָלגע, און פון די געווער אַרסענאַלן, פון דער אַלטער שטאָט, וואו עס האָט אַמאָל געלעבט דער מהר״ל.

די סירישער האָבן יעדער היגל פון גולן, פאַרוואַנדלט אין אַ פעסטונג, פונוואַנען זיי פלעגן אין די פינצטערע נעכט שיקן רוצחים מיט אויפרייס-לאַדונגען אונטערצולייגן אונטער פאַראיינזאַמטע הייזער און וואַסער-טורעמס אין די יידישע גרעניץ-יישובים. די רוצחים פלעגן איינגראָבן מינעס אויף פעלדער און וועגן, בעת דאָס רעגולערע מיליטער פלעגט אָפט האַגלען מיט טויט און חורבן פון די וויטשיסנדע האַרמאַטן. דאָס לאַנגע פוסט און פאַסטע-ווען אין די בונקערס און גראָבנס, האָט געררייצט זייערע געמיטער און געבוי׳ענט די אויגן, זעענדיק פון אויבן-אַראָפּ די בליענדיקע, יידישע פעלדער און סעדער, אַנטקעגן זייער וויסטן, שוואַרץ-נאַקעטן באַזאַלט און פּיצלעך קרקע, באַדעקט מיט קוצים ודרדר. זייערע אַראַגאַנטע אָפיצערן און גאַוליטערס האָבן פאַרהעצט די מענטשן, זיי געסמט מיט יידן-שנאה, להשמיד ולהרוג. די אָפיצערן האָבן געוואוינט אין גוטע, נייע הייזער, באַזאָרגטע מכל-טוב, בעת זייערע זעלנער האָבן זיך געוואַלגערט אין די גראָבנס און בונקערס, זיך געשפּייזט מיט סאָוועטישע, אָדער כינעזישע קאָנסערוון, מיט פיטעס, ציבעלעס און שלעכטע אַליוון, צונויפגעשלעפּטע פון די נאָענטע, קליינע דערפלעך. די אָפיצערן האָבן געגנאָסן פון פאָרנאָגראַפישע זשורנאַלן, פולע מיט בילדער פון בויך-טענצערינס, נאַקעטע נקבות און קאַניבאַלישע קאַריקאַטורן פון יידן. זייערע זעלנער האָבן געגנאָסן פון שנאת-ישראל סם, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו פליסן פון קליינע טראַנזיסטערס, מתנות צוגעשיקטע פון ״פּאַטריאָטן״, וואָס האָבן פאַרבראַכט אין די קלובן, קאַבאַרעטן און באַרדעלן פון דמשק: — ״אידבאַך אל יהוד״ — שעכט יידן, ״אידבאַך יזראיל״ — שעכט, פאַרניכטעט ישראל!

האָט זיך דער יידישער גליל צוגעוואוינט צום ״בדמיך חיי״, צו האַלטן די קינדער לאַנגע, אומרואיקע טעג מיט לאַנגע נעכט אין די שעלטערס, וואָס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לייען-ווינקעלעך, אין קינדער-גערטנער און ביבליאָטעקן. דער יידישער ערד-אַרבעטער אין גליל, מיטן ביקס אויף דער פּלייצע, געפּאַנצערטע טראַקטאָרן, צעלעכערטע ווענט, אויפגעריסענע הייזער, פאַרברענטע תבואה-פעלדער און פרוכט-ביימער, מיט לאַנגע, געדרייטע שוץ-גראָבנס צווישן די הייזער זיינען געוואָרן שטיקער פונעם ״נאַטירלעכן״ פּייזאַזש. אף-על-פי-כן,

האָט דאָרט ס׳לעבן געשטראָמט ווי אומעטום: — די שולעס זיינען געווען פול, די יוגנט איז געוואקסן, געמאכט ספּאָרט, זיך פּאַרוויילט, געליבט, געפּראַוועט חתונות, געבוירן און געהאָדעוועט קינדער, געזען פילמען און טעאַטער פּאָר-שטעלונגען, באַזוכט אַסיפות, פּלאַנירט די אַרבעט, געאַקערט, געזייט און גע-פלאַנצט, געצאָלט שטייערן: — ״בדמיך חיי״!

אַזוי האָט דורכגעמאַכט דער אויבערשטער-גליל דעם ווינטער, תשכ״ז, צוזאַמען מיט דער מושבה יסודות, וואו עמרם האָט געשעפּט נחת פון זיין ניי אייניקל און עקשנותדיק זיך פּאַרנומען מיט זיינע אתרוגים-ביימער, וואָס דאַרפן בקרוב געבן כשרע פּרוכט, מהודרים, צו בענטשן אויף זיי דעם קומענדיקן סוכות.

יאָסקע, דער ייִנגערער זון, האָט געדינט אין צה״ל שוין דאָס צווייטע יאָר. ער האָט דערפרייט עמרמען מיט א ידיעה, וואָס איז צו אים דערגאַנגען, אז מען קלייבט זיך אים איבערפירן אין נח״ל, אין א באַזע ניט ווייט פון דער היים, וואו ער ווערט באַשטימט אַלס אינסטרוקטאָר פון מיליטער-פּליכטיקע בחורים מיט מיידלעך, זיי צו לערנען ווי צו באַגיין זיך מיט געווער און ווי צו טאָן לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט. און ווער נאָך איז אַזוי געניט אין ביידע מלאָכות ווי דער סמל יאָסקע כספּי?

דעם נײַנצנטן יום-העצמאות האָט ישראל געפּייערט ווי אַלע יאָר מיטן מיליטערישן פּאַראַד און גרויס פרייד. אָבער מיט א פּאָר טעג שפּעטער האָט די שפּאַנונג פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, נאָכדעם ווי עס האָט זיך אויך גענומען שיטן פייער אויף די יידישע גרעניץ-יישובים, אין צווייטן עק לאַנד, אין דרום.

א גרויסע מיצרישע מחנה אין אייזערנע וועגענער, מיט אַנצאַליקע כלי זיין, האָט זיך געלאָזט מאַרשירן דורכן מדבר סיני צום יידישן נגב, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרשפּאַרט דעם טיראַנער איינגוס פאַרן אַריינפאָר פון יידישע שיפן אין ים-סוף. די גאַסן פון ישראל זיינען פאַראומערט געוואָרן, דער ייִנגערער עולם האָט גענומען אויסרינען פון די היימען, דאָס לאַנד האָט גענומען גראָבן שוץ-גראָבנס אויף די הייפן, גאַסן און סקווערן. ביסלעכווייז איז ישראל פאַרטונקלט געוואָרן אין די נעכט, פאַרלאָשן די לאָמפּן אין די גאַסן, פאַרטונקלט דאָס ליכט אין די היימען, פאַרקלעפּט די שויבן מיט פּאַסן פּאַפּיר און לייוונט — קריג-צושטאַנד.

יענע טעג איז מנשה פאַרשוואונדן פון דער היים, יאָסקע האָט אויך אויפגע-הערט צו שיקן זיינע קורצע בריוועלעך. דער גאַנצער עול פון דער ווירטשאַפט איז געפאַלן אויפן אלטן עמרם און אויף דער יונגער מוטער תמר. יסודות איז אויך ליידיק געוואָרן, דער ייִנגערער עולם איז אוועק און די גאַנצע לאַסט איז געפאַלן אויפן עלטערן דור און אויף די דערוואַקסענע שול-קינדער. די לערן שעהן זיינען פאַרקירצט געוואָרן מחמת די ייִנגערע לערער זיינען אויך פאַרשוואונדן. דאָס יונגוואַרג איז מיטאַמאָל צייטיק געוואָרן, געפירט די ווירט-

שאָפט אין די הייפן, פעלדער, סעדער, גערטנער און שטאַלן. זיי האָבן באַשפּייזט און געמאַלקן די קי, געזאַמלט די אייער פון די הינער-שטייגן, אָפּגעפירט די קאַנען מילך אין מחלבה, אַפילו פאַרטיילט די בריוו פון דער פּאָסט און מעשה דערוואקסענע, געפירט די טראַקטאָרן.

שווערע טעג האָבן זיך געצויגן ווי אייביקייטן. די נעכט האָבן איצט געפייערט אָן איבעררייס. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָבן זיך גענומען זאמלען זעלנער אין גליל, ס'רוב רעזערוויסטן. זיי האָבן אויפגעשטעלט געצעלטן אין דער געדיכטעניש אונטער דיביימער, באַזעצט אלע לײדיקע גראָבנס, און געגראָבן נייע. די זעלנער פלעגט מען זען אין מושבֿה נאָר אין די אָוונטן, ווען זיי פלעגן איינציקווייז קומען זיך באַזאָרגן מיט עפּעס און שטיל פאַרשווינדן אין דער פינצטער.

מאמעס און באָבעס האָבן פאַרקוקט ווען ס'איז פאַרשוואונדן א הון; גאַנצע נעכט געבאַקט געבעקס, געפּאַקט אין פּעקלעך צוזאַמען מיט פּרוכט און אין דער פינצטער שטיל צעטראָגן, ווי „שלחת-מנות", פאַר די מענטשן אין די געצעלטן אונטער די ביימער, אין די גראָבנס, און צווישן די מאַסקירטע פּאַנצערס און האַרמאַטן. אַנדערע האָבן זייער מוטערלעך גוטס געבראַכט אין פולע קוישן אויפן כביש צוזאַמען מיט געטראַנקען, צו פאַרטיילן די מענטשן, וואָס האָבן זיך געצויגן אין לאַנגע קאַראַוואַנען, ביז זיי פלעגן פאַרשווינדן אין די פעלדער, אין דער געדיכטעניש פון הייכע, צייטיקע תבואות און סעדער.

דריי טעג אין חודש יוני, 1967, איז קיין שבת ניט געווען אין ישראל, כאָטש אין די שטעט און שטעטלעך האָט מען גאַנץ פרי געזען עלטערע יידן גיין איבער די גאַסן, ווער מיט א טלית-זעקל אונטערן אָרעם, ווער מיטן טלית איבער די אַקסלען, זיי זיינען געגאַנגען דאַווענען ווי יעדער שבת. אָבער אומעטום האָט מען געגראָבן, געטראָגן זעקלעך זאַמד, באַריקאַדירט די אונטערשטע שטאָקן, ווי שוץ-פלעצער קעגן לופט-אָנגריפן.

אין יסודות איז יענעם שבת די שול געשטאַנען כמעט אַ ליידיקע, חוץ עטלעכע יידן מיטן הינקעדיקן שמש, וואָס האָבן תפילה געטאָן אין איילעניש. בעת עמרם מיט תמרן האָבן זיך פאַרנומען מיט די בעלי-חי אין הויף, איז צום טויערל טומלדיק צוגעפאָרן א דזשיפּ, געקערעוועט פון א זעלנער. דער דזשיפּ האָט הילכיק א קרעכץ געטאָן און געבליבן שטיין. שנעל איז פון אים אַראָפּגעשפּרונגען מנשה, אָנגעטאָן אין א משונהדיק קאָלירטן לבוש, אין הייכע, פאַרשנורעוועטע שיך מיט אַ קאַובאָי-קאַפּעלױש אויפן קאָפּ און פאַרגאַרטלט מיט א ברייטן גורט, וואו ס'איז געווען אָנגעהאַנגען אַ גרויסער „באַראַבאַן", אַ ברייטער מעסער אין אַ שייד, מיט א בינאָקל אָנגעהאָנגען איבער דער ברוסט. זיין פּנים איז געווען ניט ראַזירט, די אויגן רויטלעך, די וואָנצעס און ברעמען גרוי פון שטויב. מנשה איז פלינק צוגעלאָפן צו דער צעטומלטער תמר, איר אַרומגענומען, געגלעט און געקושט, און גיריק איינגעזאַפּט אין זיך דעם ריח פון אירע האָר. נאָכדעם האָט ער

ארומגענומען דעם טאטן, א רגע באהאלטן דעם פּנים אין זיין ווייסער באָרד, וואָס האָט אים דערמאָנט אתרוגים-וואָל. דערווייל האָט תמר געבראַכט דאָס קינד, ער האָט עס אָנגעקוקט, גענומען אויף די הענט, געקושט און געטוליעט צו זיך.

פול מיט די דופטן פון דער היים, באגלייט פון די אייגענע ביזן טויערל, איז ער מיט א "שלום" ארויפגעשפּרונגען אויפן דזשיפּ און פארשוואונדן אין א וואָלקן שטויב, לאָזנדיק הינטער זיך א ריח פון פארברענטן בענזין.

נאָכן אָפּטאָן די מלאכה אין הויף, האָט זיך עמרם פארנומען צו פאַרטיפן א שוץ-גרוב און נאָכדעם, מיט דער הילף פון תמרן, די גרוב איבערגעדעקט מיט ברעטער און בלעכן, און ארויפגעלייגט אויף זיי זעקלעך זאמד.

מאָנטיק באגינען האָבן ווייטע און נאָענטע סירענעס געוואָיעט ווי הונגעריקע וועלף; זייער יללה האָט זיך אויסגעמישט מיטן דונער פון האַרמאַטן און קלינגען פון די אַלאַרם-גלעקער. די הייפן זיינען לײדיק געוואָרן, הינט האָבן געבילט און הונגעריקע בהמות, וואָס האָבן ניט באוויזן צו קריגן זייער פרישטיק, האָבן מיטגעשריען. א פּאָר שעה שפּעטער האָבן אלע ראַדיאָ אפּאַראַטן רוישיק דערציילט, אז "עס האָט זיך אָנגעהויבן אין וויטן נגב", שנעל איבערגעחזרט א געמיש פון משונהדיקע קאָד-ווערטער מיט ציפערן, ביז עס האָט ארויסגעהילכט איין און איינציקער קלאָרער באפעל, וואָס האָט ביי אלעמען פארגליווערט די בלוטן:

— "נוע"!

— זיך רירן! זיך לאָזן אין גאנג. מלחמה!

בייטאָג איז שוין דער גאַנצער מזרח-קאַם פון די גולן-בערג געשטאַנען אין רויך און פייער, די ערד האָט געציטערט.

די מחנות זעלנער מיט אלע פארדעקטע האַרמאַטן, כלי-רכב און פּאַנצערס, זיינען געבליבן שטיין, זיך ניט צו רירן פון אָרט. נאָר די פאָדערשטע שוץ-גראָבנס און בונקערס זיינען באזעצט געוואָרן מיט דאָרפישער און קיבוצישער יוגנט, מיט היימישע באשיצער, בתוכם פאָטערס מיט זין. זיי זיינען געשטאַנען מיט געלאָדענעם לייכטן געווער, ארויסגעשטעקט פון צווישן זעקלעך זאמד און אָנגעוואָרפענע בערגלעך שווארצע באזאַלט-שטיינער. זייערע יונגע קאָמאַנדירן האָבן ניט אויפגעהערט איבערצוחזרן: — ניט שיסן, ניט איין קויל אַפילו, אָן א באפעל! צווישן דער יוגנט זיינען אויך געווען מיידלעך, אפילו עלטערע שול-קינדער, מיט ביקסן און פּאַטראָנטאַשן, אלע אין כאַקי-לבוש, מיט "טעמבעל" היטלען ביז צו די אויגן.

אזוי איז אוועק אין פייער דער ערשטער מלחמה מעת-לעת אין אויבערשטן גליל, וואו קיינער איז ניט געבליבן אין שטוב. אַלע זיינען געזעסן געשפּאַנט מיט ציטערדיקע הערצער, אין די שוץ-גריבער און שעלטערס, בעת באָמבעס און שראַפּנעלן זיינען אָן אויפהער געפאַלן אין די יישובים, געריסן די ערד,

געלעכערט ווענט, געצוונדן שפּייכלערס, שייערס מיט תבואה, צעשמעטערטע דעכער און שטאַלן, געטויט בהמות און עופות, פאַרניכטעט פּרוכט-ביימער און פאַרברענט צייטיקע פעלדער. פייגל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אונטער קאַרניזן, וואו זיי זיינען צעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט די דענער. פייערלעשער מאַשינעס האָבן זיך מיט גלעקער געקלאַנג אַריינגעמישט אין דעם ניגון פון טויט און אימה.

עמרם און תמר, מיטן קינד אויף די הענט, זיינען געזעסן אין זייער צוגע-גרייטער שוץ-גרוב, צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. דאָס קינד איז ניט געווען הונגעריק און האָט געדרעמלט. אין א באַליע קאַלט וואַסער זיינען געשטאַנען פלעשער מילך. אין א קעסטל זיינען געלעגן די ניט פאַרצערטע שבתדיקע חלות, מיט פּרוכט און שטיקלעך קעז, און אין א ווינקל זיינען געשטאַנען א פּאָר אַלפּיעס מיט טרינק-וואַסער, אַלאַ, ווען איז געלעגן אין זינען דאָס עסן?

אַזוי זיינען פאַרלאָפן 48 שעה פון אימה און שטומע תפילות. פון דרויסן האָבן זיך געהערט געשרייען פון צעבלוטיקטע, גוססע בעלי-חי, וואָס האָבן געריסן די נערוון. במשך פון די 48 שעה האָט זיך געשאַפן א פאַרבינדונג פון שעלטער צו שעלטער, פון גרוב צו גרוב; שול-קינדער, האָבן אויסגענוצט רואיקע מינוטן צו קריכן אויף אַלע פיר, פון הויף צו הויף, מיט פעקלעך, פלעשער און זעקלעך. אפשר פעלט עפּעס? אפשר נייטיקט מען זיך אין עפּעס? ווי דער אויבערפלאַך איז געווען פאַרשוואַומען מיט פייער, אַזוי זיינען די גריבער געווען פאַרפלייצט מיט אחוה, פון מענטש צו מענטש, פון הארץ צו האַרץ.

מען האָט זיך צוגעוואוינט צו ליגן אין די גריבער און בונקערס. מוטערס און פלעגערינס האָבן זיך געשפּילט מיט די קינדער, זיי אָנגערופן "גבורים", וואָס האָבן ניט קיין מורא פאַר די בום-בומס, מען האָט פאַרגעלייענט מעשהלעך, געזונגען לידער, זיך פאַרנומען מיט שפּילצייג. "אָן פּחד קינדער, דאָס דערלאַנגען אונדזערע"...

אָט דערציילן די טראַנזיסטאָרן, אַז אונדזערע אַדלערס האָבן אין א פּאָר שעה באַוויזן פאַרמאַכן די ווערימדיקע מיילער פון דמשק, רבת-עמון און קאַהיר; זייערע פלי-מאַשינען, וואָס האָבן צוגעזאָגט א טויט די יידן, ליגן שוין אין אש און שטויב; אָט עלעקטריזירט אַלעמען א ידיעה, אַז אַלט-ירושלים, עיר הקודש, איז באַפרייט און א שופר שאַלט ביים כותל; אונדזערע באַשיצער וואַשן די פיס אין סועץ-קאַנאַל און ציילן די מינאַרעטן פון מיצרישע שטעט, וואָס מען זעט מיט די אויגן. יידישע בחורים באָדן זיך אין די וואַסערן פון שאַראַם-אַשייך און טיראַן.

— — — דער שונא איז צעשמעטערט אין יהודה און שומרון; די מערת-המכפלה אין חברון, מיטן קבר-רחל אין בית-לחם זיינען פול מיט יידישע שלאַכט-לייט; די שומרונים אויפן הר גריזים אין שכם, קושן זיך מיט יידישע באַפרייער.

אימה, ציטער אויסגעמישט מיט פרייד און צער, האָט געגומען פאַרכלינען די מענטשן אין די גריבער און בונקערס פון גליל, וואו הימל און ערד הערן ניט אויף צו דונערן און ברענען.

ס'איז אויפגעגאַנגען דער פערטער מלחמה-טאָג. אין סיני, שומרון, יהודה און ירושלים, עיר-הקודש, איז "ויכולו", — אלץ פאַרענדיקט. פון דאָרט ציען זיך איצט לאַנגע קאַראַוואַנען מיט טויזנטער געפאַנגענע שונאים. אויף די בתי-קברות, אין אלע טיילן פון לאַנד זיינען אויסגעוואַקסן הונדערטער פרישע קברים פון געפאַלענע זין, פון דער תפארת ישראל; די שפּיטעלער זיינען פול מיט פאַרוואונדעטע גבורים.

— — — די באַלאַגערטע אין גליל זעען ניט די אָנסופיקע מיליטער-קאַראַוואַנען, מיט אייזערנע וועגענער, וואָס ציען זיך איצט פון דרום קיין צפון; זיי פאַרפלייצן אלע וועגן און שטעגן פון חיפה — טבריה און עכו — צפת צום גליל, צום גולן. אָבער זיי הערן שוין איבער די קעפּ דעם שטורעם פון די אייגענע אָדלערס אונטער די אָנגעהייצטע הימלען, וואָס שטורעמען פלי-פעלדער אין בבל און דמשק, מיט די סירישע פעסטונגען אָט דאָ, אויפן גולן. אַזוי, ביז עס צעשפּילט זיך די לעצטע פייער-סימפאָניע פון בלוט און גבורה, גאַר אין דער נאָענט.

די ערד ציטערט. די לעצטע שלאַכט אין גליל ברענט.

שבת פאַרטאָג, קוים זעקס טעג שפּעטער, האָט מען אין גליל זעלטן וואו געהערט א שאָס.

פון מזרח-זייט, פון הינטער די בערג ארויס, איז אויפגעגאַנגען אן אַנגע-גליטע פייערדיקע זון, וואָס האָט פון אויבן געזען אַ לאַנג-אויסגעצויגענעם שלאַכט-פעלד, מיטן מוראדיקן חורבן פון שונא אויפן גולן: הונדערטער צעשמעטערטע, אייזערנע כלי-רכב, טאַנקען, הארמאַטן און אנדערע כלי-משחית, ליגן צעוואָרפענע איבער פעלדער און וועגן; עס וואַלגערן זיך טויטע און גוססע זעלנער פון שונא און אויך טויטע און פאַרוואונדעטע זין פון ישראל, וואָס ווערן איינגעזאַמלט אין אמבולאַנסן און אין העליקאָפּטערס. פייגל זינגען שירה, ווי אין די גוטע צייטן, זיי קרייזן אין דער לופט, ניט צו גלויבן, אַז אַ פייער וועט זיי דאָ מער ניט פאַרלענדן. איבער די דעכער פון דער סירישער שטאָט קוניעטרא, פלאַטערן ווייסע פענער פון ליילעכער, שמוציקע העמדער און תחתונים, בעת פון א הייכן מינאַרעט פלאַטערט אינעם באַגינען-ווינט א גרויסע, ווייס-בלויע פאָן. אין די גאַסן און געסלעך פון שטאָט זעט מען קוים א ציווילן מענטש, מען זעט נאָר צעשראָקענע הינט מיט פאַרקלעמטע וויידלען צווישן די הינטערשטע פיס, הונגעריקע קעץ, עופות, פאַרוואָרלאָזטע שעפסן, ציגן און דורשטיקע קי. די זון זעט יידישע בחורים, וואָס האָבן אָנגעשפּאַרט ביז דער שניי-גרעניץ אויפן בארג חרמון. זי זעט ווי מידע, פאַרשטויבטע יידישע שלאַכטלייט פּאַטרולירן געפאַנגענע סירישע זעלנער און אָפיצערן, די וואָס האָבן גייגצן יאָר כסדר

געזייט טויט און חורבן פונעם בארג אראָפּ, אויף פרידלעכע, אויסגעפּראַצעוועטע יידישע יישובים אין גליל.

אלע גראָבנס און בונקערס פון גליל האָבן זיך יענעם שבת אויסגעליידיקט. אלע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אונטער די באַפרייטע בלויע הימלען. ס'איז שווער זיך צוגעוואוינען צו דער זוניקער ליכטיקייט, צו דער שטילקייט און צום וואָרקען פון די לעבן-געבליבענע טויבן. קינדער מיט צעשראָקענע אויגן, האָבן זיך געטוליעט צו די מוטערס און פאַרוואָרפן מיט פראַגעס, צי איז שוין דער "בום-בום" געענדיקט? צי מעג מען שוין גיין א היים, צונויפקלייבן דאָס שפּילצייג, אייזן פון שראַפּנעלן, און גילזן פון אויסגעשאָסענע קוילן?

דעם שבת זיינען ווידער נאָר די אלטע און שוואכע תושבים פון יסודות געגאנגען אין שול בענטשן גומל, זאָגן הלל און צעוויינטע מאכן אן "אל מלא רחמים" פאר די, וואס האָבן זייערע לעבנס מקריב געווען, מיט זייער בלוט אויסגעוויקט די ערד פון דער "רמה", כדי מען זאָל קענען ארויס פון די גריבער און צוריק זען די שיין פון דער זון. די מיטליאָריקע יידן מיט זייערע פרויען און עלטערע קינדער, האָבן זיך קודם-כל געלאָזט גיין באַשפּייזן און אָנטרינקען די לעבן-געבליבענע בעלי-חי און באַלד נאָכדעם האָבן זיי זיך געלאָזט אין די פעלדער און סעדער, וואו זיי האָבן געפונען צעטראָטענע און פאַרברענטע, צייטיקע תבואות, ארויסגעריסענעביימער, צעבראָכענע צווייגן און אראָפּגע-פאלענע פרוכט און דער באָדן איז פול געווען מיט גרעסערע און קלענערע גריבער. אין א טייל גריבער האָבן זיך געזען ניט אויפגעריסענע שראַפּנעלן פון סאָ-וועטישער פּראָדוקציע.

א פאַרשטייפטער איז עמרם אַרוים פונעם שוץ-גראָבן. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעגלייכט, אויסגעצויגן די גלידער און זיך ארומגעקוקט, געגנישטערט מיט די אויגן זיין הויף. תמר האָט אים דערלאַנגט דאָס קינד און נאָכדעם איז זי אליין ארויסגעקראָכן פון דאָרט. צוזאמען מיט עמרמען האָט זי באטראכט דעם הויף און איידער וואָס-וועט האָט זי אָנגעפילט די קאָריטעס מיט שפּייז און וואַסער פאַר די הונגעריקע און דורשטיקע בעלי-חי. עמרם האָט דערלאַנגט תמרן דאָס קינד און אליין זיך גענומען באַטראַכטן די שטוב, וואָס איז געשטאַנען מיט צעבראָכענע שויבן און מיט שטיקער אראָפּגעפאלענעם טינק. פון דער נייער דירה, וואָס ער האָט אויסגעבויט פאר די קינדער, איז א האלבער דאך געשטאַנען אָן דאכאָוועס. אין די צימערן האָט אלץ אויסגעזען ווי נאָך א פּאָגראָם: צעפליקטע גאַרדינען, ס'גלאָזוואַרג פונעם בופעט צעבראָכן, אויפן טיש, אויף די שטולן און בעטן האָבן זיך געוואלגערט שטיקער טינק, אראָפּגעפאלענע פון סופיט, די דילן זיינען געווען באדעקט מיט קאַלך און צעבראָכן גלאָז.

עמרם האָט זיך צוגעזעצט אויף אַן אַלטן פאַרשטויבטן פאָטעל. תמר האָט אים ווידער דערלאַנגט דאָס קינד און איז אַריין אין קיך אָנצוװאַרעמען וואַסער, אָבער די עלעקטרישע פּלאַטע איז געבליבן קאַלט, ווייל די עלעקטרישע דראָטן

זיינען אַראָפּגעהאָנגען צעריסענע. וואָס טוט מען ? דאָס קינד איז שמוציק, שוין אַזויפיל טעג ניט געוואַשן. וועגן זיך, האָט זי ניט באַוויזן צו טראַכטן, ביז עס האָט זיך איר א ריס געטאָן אין די גערהירן : מנשה ! — וואו איז מנשה ?

עפּעס האָט זיך אויך געגומען באַוועגן אין עמרמס גערהירן : — מנשה ! יאָסקע ! — — —

ווי ערגעץ פון מרחקים געקומען, איז אַריינגעפאַלן תמרס מוטער, אַרויסגע-כאַפּט פון עמרמס הענט דאָס קינד און שלוכצנדיק, מיט פולע אויגן טרערן האָט זי געשטאַמלט :

— באַרכעשעם, באַרכעשעם תמרל, אַבי מיר לעבן, מיר, מיר — — און האָט זיך צעוויינט. מ׳וועט אַלץ פאַרעכטן, אַלץ, אַלץ וועט גוט ווערן, נאָר דערלעבן זען מנשהען, מנשהען — — —

ציטער, צער געמישט מיט פרייד איז געקומען ערשט א וואָך שפּעטער, ווען מנשה איז שטיל אַריין אין שטוב אין זיינע ״בגדי מלכות״, אַזוי ווי ער איז אַוועק, אלא, אָן דער ״כלי״ אויפן גורט, און אָן דעם בינאָקל אויף דער ברוסט. זיינע אויגן זיינען געווען טיף איינגעזונקען אין איינגעפאַלענעם פּנים, מיט א סך זילבערנע פעדים אויף די שלייפן און מיט אַ פּאָר קנייטשן אויפן שטערן, וואָס תמר האָט ניט געזען איידער ער איז אַוועק פון דער היים.

נאָכן אַרומנעמען זיך, נאָכן האַלדזן און קושן, האַלטנדיק דאָס טעכטערל צוגעדריקט צו זיך, האָט ער זיך געכאַפּט אַז דער טאַטע פעלט.

— וואו איז דער אבא ? האָט ער שאַרף א פרעג געטאָן מיט אומרו.

— זאָרג ניט פאַרן אבא, ער איז אין פעלד. איז ער, זאָרג ניט מנשה.

— און יאָסי ?

איז תמר געבליבן שטיין אָן ווערטער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— וואָס, וואָס שווייגסטו ?

— מיר האָבן נאָך ניט קיין ידיעה פון אים, האָט תמר געענטפערט בלחש.

ערשט א פּאָר שעה שפּעטער האָבן די ידיעה געבראַכט צוויי בחורים פון חצרים, וואָס זיינען פאַרכטיק אַריין אין הויף גייענדיק לאַנגזאַם, ווי אויף די שפּיץ פינגער.

דער ערשטער האָט זיי באַמערקט מנשה.

— מה קרה ? — וואָסי געשען ?

— אַל דאגה, ניט געזאָרגט, ער לעבט.

יאָסי לעבט! האָט די פרייד פאַרכלינעט מנשהען. — יאָסי חי! האָט זיך הילכיק אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט.

— אבא, אבא! תמר, יאָסי חי, חי, יאָסי לעבט!

אָבער, אַנקוקנדיק ביידע בחורים, האָט זיך מנשה געכאַפּט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק.

— וואו איז ער?

תמר האָט ביידע בחורים פאַרבעטן אין שטוב אַריין, זיי געבעטן זיצן און דערציילן אַלץ וואָס זיי ווייסן וועגן יאָסין. אין דרויסן האָט געבערענט אַ חמימה אָבער אין שטוב איז געווען קיל, פון די אויסגעהאַקטע שויבן האָט געבלאָזן אַ ווינטל. נאָך אַ קאַלטן טרונק, וואָס האָט אָפּגעפרישט די געסט, האָט איינער פון זיי שטיל דערציילט, אַז ער מיט יאַנקאָן, זיין חבר, וואָס זיצט דאָ מיט אים, געהערן צו דער חטיבת גולני. זיי האָבן צוזאַמען געקעמפט מיט יאָסין אין דער שלאַכט אויפן פאַחאַר היגל, ניט ווייט פון גבעת-עוז. — היה זה קרב איום ואכזרי, ס'איז געווען אַ שרעקלעך-גרויזאַמע שלאַכט, האָט יאַנקאָ צוגעגעבן, הקיצור יאָסי געפינט זיך אין שפּיטאָל, אין קרית-שמונה.

— פאַרוואונדעט?

— כן, יאָ, ער איז פאַרוואונדעט, סרן מנשה.

די ידיעה האָט זיך גיך פאַרשפּרייט אין די שכנותדיקע הייזער, צער מיט פרייד האָט פאַרכאַפּט די שכנים, וואָס האָבן געקענט יאָסין פון זיין פריסטער יוגנט, יאָסין דעם פריילעכן, דעם באַליבסטן זון פון די בני עמרם.

באַלד האָט זיך געפונען אַן אַלטער דזשיפּ, וואָס די שכנים האָבן געבראַכט, ניט צו וויסן ווי אַזוי און פון וואַנען, בעת די כלי-רכב פון יסודות זיינען נאָך ניט געבראַכט געוואָרן צוריק פון מיליטער. מנשה האָט אַריינגעזעצט אין דזשיפּ עמרמען, זיך געזעגנט מיט די בחורים, און אין געציילטע מינוטן שפּעטער זיינען זיי ווי געפלויגן אויפן כביש וואָס פירט צו קרית-שמונה.

נאָך תחנונים, נאָכן דערציילן, אַז דאָ אין שפּיטאָל געפינט זיך זייער זון און ברודער, האָט זיי אַ סאַניטאַר אַריינגעפירט אין אַ בנין אונטער דער ערד, פול מיט שאַרפע ריחות פון רפואות.

אין דער פּאַלאַטע, וואו מען האָט זיי אַריינגעבראַכט, זיינען געדיכט גע-שטאַנען שורות בעטן, וואו עס זיינען געלעגן באַנדאַזשירטע בחורים, האַלב נאַקעטע, אָדער צוגעדעקטע מיט ליילעכער. פון סופיט האָבן געלויכטן פאַרטונקלטע לאָמפּן, ביי אַ טייל בעטן זיינען געשטאַנען שטאַנדן, פון וועלכע עס זיינען אַראָפּגעהאַנגען פלעשער מיט פליסיקייטן און באַהעפטע קישקעלעך, וואָס זיינען געווען צוגעבונדן צו הענט און צו נאָזלעכער. פון אַ טייל בעטן

האָבן אַרויסגעקוקט איינגעגיפסעוועטע הענט און פיס, אנדערע פון זיי אויפגעהיי-בענע אין דער הויך און צוגעבונדן מיט בענדער צום סופיט.

אין אַזאַ בעט האָבן זיי געפונען יאָסין אין האַלבן דרימל ; איין פוס אין גיפס איז געלעגן אויף צוויי קישנס, דער אָרט פון דער צווייטער פוס איז געווען ליידיק. זיין ברוסט איז געווען פעסט באַנדאַזשירט, דער פּנים אויפגעלאָפן מיט פּלאַסטער-פּאַסן אויפן שטערן.

יאָסי האָט אויפגעמאַכט די אויגן און דערזען זיינע געסט. לאַנגזאַם האָט ער אויסגעדרייט צו זיי דעם קאָפּ און מיט א שוואַכן שמייכל שטיל זיך אָנגערופן :

— שלום אבא, שלום מנשה, ס׳אַרא גליק, וואָס דו ביסט גאַנץ, מנשה ! נאָכן צוריק אויסגלייכן דעם קאָפּ, האָט ער פּאַמעלעך אויפגעהייבן איין האַנט נאָך דער צווייטער ווי צו זאָגן : ״זעט,ביידע הענט זיינען געבליבן גאַנץ״.

טרערן האָבן זיך געקייקלט פון עמרמס אויגן, ער האָט געזוכט ווערטער עפּעס צו זאָגן יאָסין און ניט געפונען.

— איך האָב מזל, אבא !

זיינען עמרם מיט מנשהען געשטאַנען ביי דער בעט ווי געליימטע, איינגע-גראָבן די אויגן אין יאָסיס פּנים, וואָס איז אין די פּאָר וואָכן פאַרעלטערט געוואָרן, מיט טונקל-בלוילעכע רייפן אונטער זיינע האַלב-פאַרמאַכטע אויגן.

— אל תדאגו לי, כ׳האָב מזל, דער דאָקטאָר זאָגט, אז עס וועט זיין גוט, איך וועל קענען זיך אַן עצה געבן מיטן טראַקטאָר, מיט איין פוס, זע מנשה, די הענט זיינען גאַנץ, אייזן ! וואָס מאַכט תמר ? דיין טאַכטערל איז אויסגעוואַקסן, יאָ מנשה ?

דער סאַניטאַר מיט אַ מיידל אין ווייסן, האָבן זיך באַוויזן אין טיר, זיי האָבן געוואונקען מיט די אויגן, אז דער וויזיט איז געענדיקט, ס׳פּאַלט צו די נאַכט.

— שלום יאָסי, שלום, האָבן עמרם מיט מנשהען פאַרזיכטיק געדריקט זיינע וואַרעמע און גאַנצע הענט, שלום !

צער מיט פרייד, פרייד מיט צער.

זיינען ביידע אַוועק אויף די שפּיץ פינגער, צעווייטיקטע, מיט פייכטע אויגן.

✶

סיון. תמוז. אָב. אלול. תשרי — סוכות, תשכ״ח.

יסודות האָט אָפּגעלעבט. די לופט איז פריש, מילד און דורכזיכטיק. דער

פאַרשנייטער קאָפּ פון חרמון וואַרעמט זיך אויף דער זון. אויפן חרמון שפּאַנען פּאַטרולן פון צה״ל, וואָס זעען דעם טאָל פון דער חולה אין זיין גאַנצער פּראַכט. די ״רמה״ פון גולן ליגט רואיק. זי שווייגט פרידלעך און נעמט מער ניט אָפּ די רו פון די פאַרליטענע, אויסגעפּראַצעוועטע, יידישע יישובים, וואָס שלאָפן איצט אין די נעכט ניט געשטערט. אויס געוויין פון צעבלוטיקטע בהמות, אויס בליצן, אויס דונערן, אויס פייער און טויט. די יידן אַקערן, זייען און פלאַנצן ווייטער אָן געפּאַנצערטע טראַקטאָרן, אָן ביקסן אויף די פּלייצעס. אומעטום זעט מען אַרומלויפן קינדער, וואָס שפּילן זיך אין ״בום-בום״, אין מלחמות. זיי טראָגן שטיקלעך האָלץ, צוגעבונדן צו די אַקסלען מיט שפּאַגאַט, דאָס זיינען יידישע קינדער-ביקסן, ניט קיין סאָוועטישע ״קאַלעשניקאָווס״, ניט פון טשעכישע אַרסענאַלן. די רעזערוויסטן זיינען צוריק אין די היימען, זיי זיינען אַזוי פאַרטאָן אין צוריקשטעלן זייערע באַשעדיקטע ווירטשאַפטן, זייערע היימען, פעלדער און פּלאַנטאַציעס, אַז זיי פאַרגעסן דעם נעכטן.

עמרם מיט מנשהען האָבן פון ס׳ניי פּלאַנירט ווי צוריק פאַרזייען זייערע צעטראָטענע פעלדער און פון דאָס ניי פאַרפלאַנצן די חרוב געמאַכטע פּרוכט-ביימער. מנשה לאָזט ניט מער דעם טאַטן זיך אַרומדרייען אַליין, אַ פאַרקלעמטן, צווישן זיין פּאָר לעבן-געבליבענע, שמעקעדיקע אתרוגים-ביימער:

— זאָרג ניט, אַבאַ, די וואָרצלען פון די ביימער זיינען געבליבן גאַנץ, אָט האָבן מיר באַנדאַזשירט צעבראָכענע שטאַמען, וואָס מען קען ראַטעווען, מחיה זיין. אַז די וואָרצלען זיצן פעסט אין דער ערד, וועט די ערד זיי צוריקגעבן די זאַפטן און אויסהיילן די שטאַמען. וועסט דערלעבן, אַבאַ, נייע בליטן און וואונדערבאַר-שיינע אתרוגים. בלית-ברירה, וועלן מיר נאָך די ערשטע רעגנס, מוזן גרעפּן אַ טייל שטאַמען. די אתרוגים וועלן זיין כשר למהדרין, נאָך דעם וואָס זיי האָבן אַלץ איבערגעלעבט. די ביימער האָבן, ווי די מענטשן אין ישראל, געבראַכט קרבנות. אתרוגים איז דאָך אַ יידיש פּרוכט...

יענעם ערב סוכות, האָט זיך יאָסי, מיט טונקעלע זון-ברילן אויף די אויגן, געוואַרעמט אויף דער זון אין זיין רעדער-שטול, ביים היימישן שוועל אַריינגע-אָטעמט די מילדע האַרבסטיקע לופט. ער האָט געוואַרט אויף חול-המועד, ווען מנשה וועט אים אוועקפירן אין תל-השומר שפּיטאָל, צופּאַסן אַ פּראָטעזע אויפן ליידיקן אָרט פון דער פאַרלוירענער פוס. ביים יונגן יאָסי, האָבן זיך אויך איינגע-וועבט זילבערנע פעדים אין דער בלאָנדער טשופּרינע. די סימנים פון די פאַרהיילטע וואונדן אויפן שטערן זיינען בלאַס געוואָרן. די ריפּן זיינען געבליבן שוואַכע, קוים פאַרהיילטע. תמר האָט זיך פאַרנומען מיט אים, געפלעגט און געצערטלט מיט ליבשאַפט, מיט גוטע רייד, ווי זי וואָלט באַדינט אַן אייגן קינד. זיינע נאָענטע חברים האָבן אים אָפט באַזוכט, זיך געטיילט מיט זכרונות, אויסגעמיטן צו דערמאָנען די ״זעקס טעג״, זיי פלעגן אים אויך ברענגען מתנות, ביכער און זיסוואַרג.

ארומגערינגלט מיט ליבשאַפט און צערטלעכקייט, האָט זיין פאַרפרוירן האַרץ געגומען נאָכלאָזן. ער האָט געגומען חלומען פון זיין מיידל, וואָס האָט זיך איצט געפונען אין א נאָענטן קיבוץ, און אים אָפט באַזוכט. ווען ביידע פלעגן בלייבן אַליין, פלעגט ער האַלטן אירע הענט אין זיינע, פון וועלכע עס האָט געשטראָמט וואַרעמקייט פון דער צאַרטער יונגער ליבע, איינער צום צווייטן. ווען זי פלעגט אַוועקגיין פלעגט יאָסי חלומען פונעם טאָג, ווען זיי וועלן זיין צוזאַמען, ווי מנשה מיט תמרן... ביז זיינע מחשבות פלעגן אים אַוועקפירן צום טראַקטאָר, וואָס רוישט און שטויבט, בעת ער זיצט אויף אים אין פעלד און ציט די קייט פון אַקעראייזן און פון קולטיוואַטאָר...

אומעטום, אין יסודות, זיינען אויסגעוואַקסן סוכות, אין די פראָנטן פון הייזער, אָדער אין די הייפן, באַדעקט מיטן סכך פון עקאַליפּטוס-צווייגן און אינעווייניק אויסגעצירט מיט טישטעכער, טעפּיכער און גירלאַנדן גרינס. דאָס יאָר האָבן געפעלט די עפּל, וואָס פלעגן אַראָפּהענגען פון אויבן, ס'האָבן ווייניק דערלעבט צייטיק צו ווערן, דעם גרעסטן טייל האָט די מלחמה פאַרלענדט.

א פּאָר טעג פאַר סוכות, האָט עמרם געבראַכט א היים, אין אַן אויסגעבעטן קוישל, א קנאַפּן צענדליק גאָלדענע אתרוגים, וואָס ער האָט געפונען אויף די פּאָר געבליבענע ביימער. לולבים האָבן ניט געפעלט, מען האָט זיי געבראַכט פון די טייטל-ביימער, פון כנרת, ווידער ערבות מיט הדסים, זיינען געווען גענוג אין יסודות גופא.

פון די געבראַכטע אתרוגים, האָט עמרם קוים אויסגעקליבן צוויי שיינע, ניט באַשעדיקטע פּירות, מהודרים, אָן דעם מינדעסטן פּגם. די פּיטומס זיינען געווען שטאַרקע, טונקל-ברוינע, די איבעריקע זיינען געווען פּגומים. פונדעסטוועגן האָט ער זיי פאַרזיכטיק אַרויסגענומען פונעם קוישל, אויסגעלייגט איבערן קאַרניז פון אַלמער, אַנצופילן די שטוב מיט זייערע בשמים.

איין כשרן אתרוג, האָט עמרם געלאָזט פאַר זיך, איינצופּאַקן אים אין האָלץ-וואָל, אין דער אַלטער, זילבערנער, ירושה פּושקע. דעם צווייטן האָט ער אַליין, מיט ציטעריקע הענט, געבראַכט דעם רב, ווי ער האָט אים פאַראיאָרן געהאַט צוגעזאָגט.

יסודות לעבט ווייטער און היילט אירע וואונדן.

חיפה, 1968

בתיה גראָסבאָרד : יונגעביימער

יוסף פאַפּיערניקאָוו

פינף לידער

די צייט

כ׳האָב נאָכגעלאָזט דאָס פערד: די צייט — ס׳זאָל גיין
א נישט־געצוימטס, א נישט געשפאנטס, ווי איך,
נו, לויפט עס באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ
און טראָגט אויף זיך, צום אומקומען, אויך מיך.
א לעבן אָט אזוי: ארויף, אראָפּ,
פון העכסטער הייך — צו אָפּגרונט און פארפאל,
און אייביק: נס פון בלייבן גאנץ און, זען
אין דער געדיכטסטער פינצטערניש — אַ שטראַל...

צום דיכטער

הערסטו, דיכטער, קראָען קראַקען,
הערסטו פרעש אין זומפּן קוואקען —
זינג נישט, שווייג געדולדיק איבער —
ס׳קראקען, ס׳קוואקען זאָל אריבער,
זאָל אויף טויט פארשוויגן־ווערן:
אנדערש וועט מען דיך נישט הערן —
אין א צייט פאר פרעש און קראָען, —
ווען עס לעשן זיך די ליכטער
אין די הימלען פונעם דיכטער.

ווערטער

ווערטער, ווערטער, ווי א וואלד
און — כ׳געפין דאָס וואָרט מיינס, שווער,
און א שטומקייט מיך באפאלט —
ווען ס׳קומט אויס מיר רעדן מער.

ווערטער, ווערטער, גאנצע בינד.
ווערטער דארפן פערל זיין —
זיינען זיי די פרוכט פון ווינט,
וואָס די פלויטן לייגט ער איין...

ווערטער, ווערטער — סארא שפיל !
ווערטער־מיל און ווערטער־וואלד.
נאָכן טויט פון וואָרט געפיל —
לאָזט דאָס שטארקסטע וואָרט מיך קאלט.

אַלץ וואָס אַרום מיר

אַלץ וואָס, אַרום מיר און, אויסער מיר —
איז אויך אין מיר.
איך בין די אָפּשפּיגלונג פון אלץ,
וואָס קומט מיט מיר אין אומפארמיידלעכן באריר.
איך אָטעם מיטן אָטעם פון דער וועלט
פון וועלכער ס׳האָט נישט איינמאָל
אָטעם מיר פארפעלט —
צו קענען אויסלעבן אין איר
דאָס לעבן,
וואָס איז ווייט נישט גוט געווען צו מיר.

מיין וועלט

די וועלט — מיין וועלט וואָס כ׳טראָג מיט זיך, אין זיך —
איז ריינער פון דער וועלט וואָס — אויסער מיר
און, כ׳היט, דערפאר, די ריינקייט פון מיין א י ך —
ווען כ׳קום מיט דרויסנדיקע אין באריר.
איך טראָג מיין וועלט דער דרויסן-וועלט ארויס,
ווייל שווער איז, שטענדיק, נאָר מיט זיך צו זיין.
די וועלט — מיין וועלט, נישט רייך איז, און נישט גרויס,
נאָר מיין איז זי, דורכאויס אינגאנצן מיין.

מרדכי קראַשניץ

יידישע שרייבערס

הערץ בערגנער

אַז ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן איז אונדז אַלעמען באַוואוסט. דער שרייבער ברענגט צום אויסדרוק אין זיין שאַפן דאָס לעבן מיט אַלע פּראָבלעמען, ראַנגלענישן און קאַמפן. וואָס גרעסער דער שרייבער, אַלץ עכטער, אמתדיקער און רעאַליסטישער שילדערט ער דאָס לעבן, אַלץ טיפער קען ער אַריינבליקן אין אים און זיך דערגרונטעווען צו די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דער מענטשלעכער נשמה.

די סביבה אין וועלכער דער שרייבער לעבט און שאַפט באַווירקט אים זי רעגט אָן, סטימולירט, גיט אים, אָן ספק, טעמאַטישן שטאָף, צעאַקערט אין אים דעם באָדן פאַרן ליטעראַרישן פּאַרזיי און ברענגט אַרויס די העלדן דורך וועלכע ער באַקומט זיין קינסטלערישן תיקון.

— — — — — — — — — — — — — —

אין יאָר 1938, פאַרלאָזט הערץ בערגנער פּוילן. ער איז שוין דעמאָלט אַן אָנערקענטער דערציילער, איינער פונעם יונגן דור פּראָגרעסיווע יידישע שרייבערס, מחבר פון אַ בוך דערציילונגען "שטובן און גאַסן", אין וועלכע ער שילדערט געזונטע און עכטע געשטאַלטן פון יידישע פאָלקס-מענטשן, וועלכע פירן אַ ביטערן קאַמף פאַר זייער קיום, אָבער דערביי פאַרלירן זיי ניט דעם מענטשלעכן פּרצוף, קלאַמערנדיק זיך מיט ציין און נעגל אין דער גרויסער גייסטיקער ירושה פון יידישקייט.

הערץ בערגנער פאַרלאָזט דאָס לאַנד פון זיין געבורט און דאָס לאַנד אין וועלכן ער איז אויפגעקומען ווי אַ שרייבער, ווייל ער האָט אינטואיטיוו אַרויס-געפילט דעם אָנקום פון אַ שרעקלעכן שטורעם, וואָס וועט ביזן יסוד חרוב מאַכן דאָס יידישע לעבן אין אייראָפּע. ער ווערט אַרויסגעריסן און אויסגעוואָרצלט פון זיין סביבה און אַריינגעוואָרפן אַן עלנטער אינעם ווייטן און קליינעם יידישן יישוב פון אויסטראַליע, אַ פאַרזונקענעם אינעם ווילדן געיעג זיך אַרויפצואַרבעטן, רייך ווערן און געניסן מיט דער ברייטער האַנט פון אַלע עולם-הזה'דיקע פאַרגעניגנס.

דער פּראָצעס פון איינלעבן זיך אין אַ נייער סביבה און שלאָגן אין איר וואָרצלען, איז, בדרך-כלל, אַ לאַנג-דויערנדיקער און ווייטיקדיקער. אָבער דער וויטאַלער כוח פון אַן אמתן קינסטלער באַשטייט דאָך אין דעם, וואָס ער קען שלאָגן וואָרצלען אַפילו אויף אַ שטייניק-פעלדזיקן באָדן, ציען פון אים יניקה, וואַקסן, זיך אַנטוויקלען און צייטיקן.

אַ קורצע צייט נאָך זיין קומען קיין אויסטראַליע איז הערץ בערגנער שוין באַקאַנט ווי דער וויכטיקסטער דערציילער און שילדערער פונעם דאָרטיקן יידישן לעבן מיט זיינע יידן, עמיגראַנטן און אַלט-איינגעזעסענע ענגלישע ״יאַהודים״, — שטאָלצע מיוחסים, וועלכע האָבן זייער אַ סך בייגעטראָגן צו דער עקאָנאָ-מישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון אויסטראַליע.

אין יאָר 1941 — קוים אַ פּאָר יאָר נאָכן לאַנדן אויף דעם אויסטראַלישן באָדן — דערשיינט אין מעלבורן זיין בוך ״דאָס נייע הויז״, נאָוועלן און דערציילונגען פון יידישן לעבן אין אויסטראַליע. אַ ווייטער יידישער יישוב ווערט דווקא אין די טעג פון גרויסן חורבן אַריינגעפירט אין אונדזער ליטעראַטור און באַקומט אין איר זיין קינסטלערישן תיקון.

אָבער הערץ בערגנער איז נאָך אויך ניט אַוועק פון זיינע פּוילישע יידן. די זאַפּטן פון דאָרט נערן אים נאָך אין דער פרעמד ; די בענקשאַפט גיט אים ניט קיין רו, און אין זיין ערשטן אויסטראַלישן בוך קערט ער זיך נאָסטאַלגיש אום אויך צום יידישן לעבן אין פּוילן. דער היינט איז ביי אים ניט אָפּגעריסן פונעם נעכטן, אוןביידע זיינען זיי געקניפּט און געבונדן מיט דער גורל-געמיינזאַמקייט פון יידישן לעבן.

דער העברעאישער שרייבער יהושע בר יוסף האָט צווישן זיינע ווערק אַ דערציילונג מיטן זעלבן נאָמען ״דאָס נייע הויז״. אויך ער ברענגט אַרויס דעם פאַרלאַנג פון זיין העלד אויסצובויען פאַר זיך אַ שענערע און באַקוועמערע הויז. ביידע דערציילונגען ברענגען אַרויס די פאַרשיידנאַרטיקייט און אַנדערשקייט פונעם יידישן לעבן, כאָטש די באַוועג-קראַפט וואָס שטויסט זייערע צוויי העלדן איז כמעט די זעלבע : ביי בערגנערן איז דאָס דער ווילדער גערעג פונעם אַרויפגעאַרבעטן עמיגראַנט פון פּוילן, מיסטער האָבער, צו אַרויפדראַפּען זיך גיכער און העכער פון אַנדערע, אַפילו פון זיין אייגענעם זון, ביז ער געפינט זיין טויט און איז ניט זוכה אַריינצוגיין אין דאָס נייע הויז, — דאָס איז דער יידישער לעבן, נוסח אויסטראַליע. ביי יהושע בר יוסף איז דאָס אַ פּשוטער אויסגע-האָרעוועטער האָרעפּאַשניק, וואָס נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, פּטרט ער אַוועק זיינע לעצטע כוחות ביים בויען און אויסצאַצקען זיין ניי הויז, ביז ער פאַלט אַוועק און איז ניט זוכה אַריינצוגיין אין איר, — דאָס איז דער יידישער לעבן, נוסח ישראל.

עס קומען די יאָרן פון בלוטיקן חורבן. אויפן יידישן לעבן אין אייראָפּע

לאָזט זיך אַראָפּ די שאַרפע האַק פון נאַציזם. אַלץ וואָס ס'איז יידיש ווערט אַן רחמנות צעשמעטערט און חרוב. די גוישע וועלט איז גלייכגילטיק, בלינד און טויב צו די יידישע הילפס-רופן. איבער די צעשטורעמטע ימען טראָגן זיך שיפן — אַלטע קאַסטנס — מיט הונדערטער יידן, וועלכע ווילן זיך ראַטעווען פונעם אומקום, אָבער פון אַלע ברעגן יאָגט מען זיי צוריק צום אומפאַרמיידלעכן טויט, אין די צעשטורעמטע וואַסערן פון ים, וואָס האָט: "נצחונדיק געשריען, געהיילט, געיובלט, זיך פאַרכליניעט פון גרויסער פרייד".

כאָטש ווייט פון אייראָפּע, ווייט פונעם חורבן, ווייטיקט אויס הערץ בערגנער דעם גרויסן ווייטיק פון זיינע שוועסטער און ברידער, פאַרלאָזענע און פאַרגעסענע "צווישן הימל און וואַסער". ער שרייבט אַן זיין ראָמאַן אונטערן דאָזיקן נאָמען, וואָס דערשיינט אין מעלבורן אין יאָר 1947, שוין נאָך דער מלחמה, ווערט איבערזעצט אין ענגליש און פרעמירט מיטן גאָלדענעם מעדאַל פאַרן בעסטן בוך פון יאָר.

אין דעם ראָמאַן טראָגט זיך הערץ בערגנער וויזאָנעריש אַריבער אויף דער שיף, ווי ער אַליין וואָלט געווען איינער פון אירע "פּאַסאַזשירן". ער צער'ט אויס דעם גרויסן צער און דעם טיפן, אָן ברעגיקן, פּיין פון מענטשן אַן אַ באָדן אונטער די פיס. מיט אַ שטאַרקער קראַפט שילדערט ער די קאָמפּליצירטסטע פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, ראַנגלענישן און טראַכטונגען פון אַן עדה יידן, אַריינגעוואָרפן אינעם כף-הקלע פון דער וועלט, פאַרמשפּט אויף אַ טראַגישן טויט.

די עדה איז אויסגעמאַטערט און טויט-מיד פון וואַלגערן זיך אויפן שיף, פון די עפּידעמיעס און דעזינפעקציעס. זי איז גייסטי'ק צעבראָכן פון דעם טויט וואָס שניידט שטיקער פון איר און די טויטע גופים ווערן געוואָרפן אין ים אריין ווי דאָס מיסט. דער דורשט פּייניקט, די צוגעטיילטע פּאַרציעס וואַסער "האָבן קוים געסטאַרטשעט די צעשרפה'טע ליפּן צו באַנעצן".

אַ שווערע אַפּאַטיע און אָפּגעלאָזנקייט באַהערשט די מענטשן: "אַלע זענען אַרומגעגאַנגען האַלב--נאַקעט, אַראָפּגעוואָרפן אַלץ פון זיך; די ווייבער האָבן מיטאַמאָל פאַרלוירן די בושה, פראַנק-און-פריי, ווי אין דעם וואָלט ניט געלעגן קיין שום שלעכטס, אַרומגעטשאַפּעט אַן כוח אין די בלויזע צעריסענע האַלקעס, פון וועלכע עס האָט חוצפּהדיק-אָפן אַרויסגעקוקט דאָס נאַקעטע לייב. פון די צעכראַסטעט-אויפגעשפּיליעטע העמדער האָבן זיך געזען די מאָגערע ברוסטן וואָס זענען געהאַנגען מיד, ווי ליידיקע פּענכערס פון וועלכע מען האָט אַרויס-געלאָזט די לופט. די מענער האָבן אפילו נישט געטראָגן קיין העמדער בלויז אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די הויזן, טייל זענען אַרומגעגאַנגען אין די גאַטקעס, מער געלעגן אויף איין אָרט ווי אַרומגעגאַנגען, נישט געהאַט קיין כוח זיך צו רירן". אַלע מענטשן אויף דער שיף זיינען באַהערשט פונעם פאַרגעפיל וועגן אומפאַרמיידלעכן סוף: "מיר אַלע זענען שוין פאַרמשפּט... אונדזער גורל איז שוין געחתמעט".

ווי אַזוי האָט הערץ בערגנער, זיצנדיק אין אויסטראַליע געקענט אַזוי רעאַליסטיש-עכט, אַזוי נאַקעט-רוי, אַזוי גרויליק און דאָך אַזוי אמתדיק, שילדערן דעם אונטערגאַנג פון דער עדה יידן אויפן שיף? מען דאַרף טאַקע באַזיצן אַזאַ טאַלאַנט ווי הערץ בערגנערס צו קענען גייסטיק אַריבערטראָגן זיך און אַריינלעבן אין דער סביבה און אַטמאָספערע וואָס האָט געהערשט אויפן שיף, אינטעגרירן זייערע פּראָבלעמען און זאָרגן, צוזאַמענגיסן און אידענטיפיצירן זיך מיט דער עדה, ווערן איינער פון איר און צוזאַמען מיט איר — אומקומען אין די ימען פון אייגענע טרערן און צעשטורעמטע וואַזערן.

דריי יאָר שפּעטער, אין 1950, דערשיינט הערץ בערגנערס ראָמאַן "אַ שטאָט אין פּוילן" (איבערגעזעצט אין העברעאיש א.ג. "עיר בפולין", הוצאת הקיבוץ-המאוחד, 1954).

אומזעבאַרע פעדים פאַרבינדן דעם מענטש מיטן לאַנד פון זיין געבוירן און וואַקסן. ניט די יאָרן און ניט די מרחקים זיינען בכוח איבערצורייסן דעם אייביקן בונד פונעם מענטש און היימלאַנד. די נאָסטאַלגיע געפילן רייפן און באַווירקן אַן אויפהער דעם מענטשלעכן גייסט און פירן אים צוריק צו זיין אַלטער היים.

הערץ בערגנער טראָגט זיך טאַקע אַריבער צוריק קיין פּוילן און ברענגט אַרויס אין זיין ראָמאַן דעם אַמאָליקן יידישן לעבן מיט זיינע טיפן און געשטאַלטן. דאָס זיינען טיפּן פולע, בולטע, ווי אויסגעהאַמערט דורך אַ סקולפּטאָר, וועלכע פאַרקערפּערן אין זיך דאָס גאַנצע פּוילישע יידנטום. און אפשר ניט נאָר דאָס פּוילישע יידנטום אַליין? האָבן מיר דאָך דאָ רב' לייבושן, רב' חיימס, מיט זיינע צוועלף זין, ווי אַן אָנדייט אויף די צוועלף צעזייטע און צעשפּרייטע יידישע שבטים, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

הערץ בערגנער שילדערט אַ יידיש לעבן מיט זיינע טאָג-טעגלעכע שווערי-קייטן און קאַמפן. מיט זיין טרויער און הומאָר, שטרעבונגען צו אַ ביסעלע גליק און גרויסער אָרעמקייט, דעם עלנט און די זיקנה. מיר געפינען דאָ אַלע פּלאָגן וועלכע האָבן געפרעסן דאָס יידישע לעבן אינעם אַמאָליקן פּוילן, אים געבויגן און געבראָכן, אָראָפּגעשלעפּט אים פון זיין גייסטיקער דערהויבנקייט צום אָפּגרונט פון יאוש און דערשלאָגנקייט.

"אַ שטאָט אין פּוילן" פאַראייביקט ניט נאָר בערגנערס חרוב געוואָרענע היימשטאָט, נאָר אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן.

אין הערץ בערגנערס ערשטע ווערק, באַזונדערס אין זיין סטיל, מערקט זיך בולט די השפעה פון אַ טייל יידישע שרייבער פון גאַליציע, וועלכע האָבן אָנגעהייבן צו שאַפן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה ווי אַ. מ. פוקס, דער העברעאישער שרייבער ש. י. עגנון און אַנדערע. דאָס איז דער סטיל פון דעטאַ-ליזירטן באַשרייבן געשעענישן און פאַסירונגען און ניט פאַרפעלן, חלילה, קיין

איין פּרט; פון נאָכגיין טראָט ביי טראָט דעם העלד און אַרויסברענגען אַלע זיינע טואונגען. די שפּראַך בערגנערס באַזיצט דאָ דעם ספּעציפישן אַראָמאַט פונעם גאַליציאַנער יידיש מיט איר רייכער אידיאָמאַטיק.

אָבער אין זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען, באַזונדערס אין די אויסטראַלישע דערציילונגען, האָט זיך הערץ בערגנער ראַשיק באַפרייט פונעם דאָזיקן פאַר-עלטערטן און שווערן סטיל — כאָטש אין אים זיינען געשאַפן געוואָרן וואונדער-באַרע בריליאַנטן, וועלכע באַצירן די קרוין פון אונדזער ליטעראַטור — און איז אַריבער צו דער מאָדערנער פאָרם פון אימפּעטדיקן אַרויסברענגען דעם תוך. אַ פאָרם אין וועלכער ניט די דעטאַלן זיינען וויכטיק, נאָר די טראַכטונגען און עיקרדיקע מעשים. מער דאָס אויפדעקן די נשמה פונעם מענטש, ווי דאָס ניט דורכלאָזן קיין איין וואָרט וואָס גייט אַרויס פון זיין מויל. מער דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז פונעם אופן פון זיין רעאַגירן ווען ער ווערט אַוועק-געשטעלט פאַר די פּראָבלעמען פונעם לעבן, ווי די מיטלען מיט וועלכע ער באַנוצט זיך.

דווקא אין דער פאָרם האָט הערץ בערגנער דערגרייכט צו זיין העכסטער קינסטלערישער מדרגה און ער קען, אָן ספק, אַריינגערעכנט ווערן היינט צו טאָג, צווישן די רייפסטע פּראָזאַיקער אין דער יידישער ליטעראַטור.

הערץ בערגנער איז ניט צופיל "פאַרשווענדעריש" אויף נאַטור באַשרייבונגען. אין דעם פּרט האָט ער איבערגענומען די ירושה פון אַ סך יידישע שרייבער "אורבאַניסטן", וואָס האָבן אין זייערע שאַפונגען כמעט ווי אויסגעלאָזט די נאַטור מיט אירע שיינקייטן. דער פינצטערער חדר, דער גרויער, אַלטער בית-המדרש, דער שטיקנדיקער וואַרשטאַט, די אָרעמע יידישע קוואַרטאַלן און די אָנגערייכערטע פּאַרטיי-לאָקאַלן, דאָס איז פאַר אַ גרויסן טייל יידישע שרייבער געווען די אַרביטע אַרום וועלכער זיי האָבן זיך באַוועגט. דאָך דערזעט בערגנער, דאָ און דאָרט, די שיינע נאַטור און כאָטש ער שילדערט זי נאָר אין געציילטע אָנגעוואָרפענע שורות, גיט אַ בלענד פאַר אונדז אַ פאַרביק נאַטור-בילד, וואָס דינט ווי אַ כאַראַקטעריסטישער הינטערגרונט פאַר די פּאַסירונגען:

"די שקיעה איז מיד געהאַנגען אויף די צווייגן פון דיביימער, ווי רויט-צעדריוועט געוואַנד. אַ לייכטער רויטלעכער רויך, ווי אַ ראָזע, פאַרסמאַליעטע גאָזע, האָט געציטערט אינעם חלל און פאַרשטעלט די ראיה. די פאַרגייענדיקע זון, אָן איינגעשרומפּענע אין אַ קליין קנייטל, האָט זיך אין אַ האַלבן רינג קוים דורכגעריסן דורך דעם רויך און האָט צוגעדושעט-רויטלעך געלויכטן".

אָט די קורצע נאַטור-שילדערונג מיט וועלכער בערגנער הויבט אָן איינעם פון זיינע ביכער דינט אים אַלס פּאַסיקסטער הינטערגרונט צו די געשעענישן וועלכע קומען פאַר אין הויז פון דזשייקאָב אייזיקס, וואָס געפינט זיך אויך אינעם מצב פון שקיעה און זיין איינגעשטעלטער לעבנס-סדר ווערט צעדריוועט ווי געוואַנד.

✶

די ביכער "דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס" (1955) און "ווו דער אמת שטייט איין" (1966) זיינען, מיטן אויסנאָם פון עטלעכע דערציילונגען, שאַפונגען וועגן יידישן לעבן אין אויסטראַליע. מיר געפינען אין זיי וואונדערלעכע נאָוועלן וועגן די יידישע עמיגראַנטן — געוועזענע פשוטע אַרבעטער און פאָלקס-מענטשן פון פוילן — וועלכע האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, רייך געוואָרן, אויפגעעפנט גרויסע געשעפטן, און ווילן זיך "איינקויפן" אין יחוס, זיך משדך זיין מיט די אויסגעאיידלטע, געבילדעטע טעכטער פון די אַריסטאָקראַטישע ענגלישע יידן. זיי קריכן ממש פון דער אייגענער הויט, אַבי זיין גערעכנט אין די מיוחסים; זיי פירן זיך ווי זיי און וואוינען אויך אין פאַלאַצן, אָנגעשטאָפּטע, אָן געשמאַק, מיט טייערע קרישטאָלן, אויסגעבעטע מיט פערסישע טעפּיכער און אָנגעפילטע מיט אַנטיקן.

זיי ווערן אָבער אָוועקגעשטעלט און פאַרפלאָנטערט אין קאָמפּליצירטע סיטואַציעס און שטרייטן אין וועלכע זייערע אילוזיעס קראַכן, ברעכן זיך און צעפאַלן אויף שטיקלעך.

דאָס איז אויך די סיבה פון פאַרשאַרפטע באַציאונגען צווישן די רייך געוואָרענע עמיגראַנטן און זייערע אַראָפּגעבראַכטע עלטערן. עס ווערט צוגעפירט ביז צום שווערן קאָנפליקט, ביז צום אומפאַרמיידלעכן ריס צווישן ביידע דורות:

"פאַרוואָס מעכעלע ?... פאַרוואָס טרייבסטו אַרויס אַן אַלטן טאַטן ?"

דער אַלטער דור טרעט אָפּ, אָבער ער האָט מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים געגנוג גייסטיקע כוחות כדי גובר צו זיין די עוולות. די אַלטע לייט טרעפן זיך צוזאַמען, קוויקן זיך מיט זכרונות וועגן דער אַלטער היים און כאַטש באַעוולטע גרייסט מען זיך מיט די קינדער. זיי זיינען אויך טעטיק אין פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און העלפן שלעפן פון די רייכע בנים פאַר צרכי ציבור:

"בישט-קשה ער קען געבן מעכעלע!... — האָט ער צוגעוואונקען ממזריש-קלוגעטשקע מיט זיינע קליינע, רויט צעיאַטערטע אייגעלעך — אוי, קען ער געבן... הלוואי אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן!... ער האָט אַ געשוואָלענעם טייסטער, דער יונג! כ׳מיין צו זאָגן אַ געשוואָלן טשעק ביכל..."

אַ דינער הומאָר באַהויכט די דאָזיקע דערציילונגען. דער צופּאַסונגס-פּראָצעס פונעם עמיגראַנטן-דור האָט אין זיך אַ סך קאָמישע סיטואַציעס. דאָס שאַרפע אויג פון הערץ בערגנער כאַפּט זיי אויף און ברענגט עס אַרויס, כאָטש ער זוכט ניט אַרויסצוברענגען דווקא דאָס קאָמישע איגעם לעבן.

דער איינגעשטעלטער שטרענג-קאָנסערוואַטיווער שטייגער פון די מיוחסדיקע אויסטראַלישע "יאַהודים" ברעכט זיך אויך. דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס מיט זיין סינאַגאָגע איז געוואָרן אַ פּוסטקע. זיינע, זיינט דורות אָנגענומענע באַגריפן און פּרינציפּן, ליגן צעטראָטענע און ער מוז הכנעהדיק שלום מאַכן מיט דער ביטערערווירקלעכקייט און דערצו נאָך געבן זיין ברכה:

"זאָל זיין מיט מזל, קינדער, דער גאָט פון אייבערעהעם, אייזיק און דזשייקאָב זאָל אייך בענטשן..."

— — — — — — — — — — — — — —

כאָטש אין לעצטן בוך "ווו דער אמת שטייט איין" זעט מען די פולע איינגעוואָרצלקייט פון בערגנערן אינעם נייעם לאַנד אויסטראַליע, און ער אָטעמט מיטן לעבן פון אירע יידן, באַגלייט אים נאָך אַלץ דער נעכטן — די אַלטע היים; זי לאָסטעט אויף זיינע פּלייצעס, דריקט און שווערט מיט איר טראַגישן סוף און רויבט אָוועק יעדן טראָפּן פון לעבנס-פרייד.

דאָס בוך זיינס פאַרענדיקט הערץ בערגנער מיט דער טראַגישער זעאונג פון זיין העלד רודאָלף, דעם אינטעליגענטן און מיוחסדיקן פּליט פון וואַרשע, וועמעס פרוי און קינדער זיינען פאַרבליבן אין פּוילן און געטיילט דאָרט דעם גורל פון אַלע פּוילישע יידן:

"דאָס ווייב האָט געטראָגן מיט זיך דעם משפחה-פּנקס, וואָס איז געווען געבונדן אין לעדער און האָט געהאַט אַ זילבערנעם שלאָס. דער פּנקס איז צו זיי איבערגעגאַנגען בירושה פונעם זיידן וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער פּוילישער "פּאָווסטאַניע". רודאָלף האָט באַמערקט ווי די בלעטער פונעם פּנקס צעשיטן זיך, פלאַטערן אין דער לופט ווי קראַנקע, בלייכע פויגל און פאַלן צו דער ערד וווּ די יידן טרעטן. ער האָט זיך צוגעשטופּט צו דעם ווייב און די טעכטער און איז געגאַנגען לעבן זיי. ער איז געגאַנגען מיט זיי צוזאַמען אין געטאָ אַריין..."

זיינען דאָס די לעצטע אַקאָרדן פון אַ טרויער-מאַרש, אין טיפער אַבלות נאָך אַ רייך און גרויס יידיש לעבן, וואָס איז געווען פאַרזיגלט מיטן טויזנט-יאָריקן חותם פון יידישער טרייהייט צו פּוילן, פאַרשריבן מיט בלוטיקע אותיות אין די בלעטער פונעם יידישן פּנקס, וועלכער ליגט איצט צעשאָטן און צעטראָטן אויף דער פּוילישער ערד.

הערץ בערגנער, דער יידישער שרייבער פון אויסטראַליע, האָט אויך די גרויסע זכייה צו זיין דער פאַראייביקער פונעם געוועזענעם יידישן לעבן אין פּוילן, און אַריינשרייבן וועגן אים גייע בלעטלעך אינעם אייביקן פּנקס פון אונדזער ליטעראַטור.

פּרץ מיראַנסקי

דער דיכטער און משלים-שרייבער פּרץ מיראַנסקי, וואָס געהערט הײַנט צו דער יידישער שרײַבער-משפּחה אין קאַנאַדע, איז פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה געווען אַ חבר פון דער באַרימטער שרייבער-גרופּע "יונג-ווילנע".

"יונג-ווילנע" איז געווען אַ נאַטירלעך קינד פון ווילנע — "ירושלים ד'ליטע", נאָר אין ווילנע האָט געקענט אויפקומען, שלאָגן וואָרצלען, און אויס-וואַקסן אַזאַ דינאַמיש-שעפערישער כוח ווי ס'איז געווען "יונג-ווילנע", וואָס אירע ביים לעבן פאַרבליבענע מיטגלידער זיינען אויסגעוואַקסן ווי ריזיקע דעמבעס אינעם ברייט-צעצווייגטן, טיף-פאַרוואָרצלטן וואַלד פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס אַפילו דער שרעקלעכער נאַצי-טייפון האָט זיינע ביימער ניט באַוויזן אויסצוקאָרטשעווען פון דעם יידיש-באָדן.

פון רוזשעלע ביז סניפּעשאָק; פון גרינעם בריק ביז פּאָספּעשק; פון זאַרעטשע ביז ליפּאווקע, איבער די יידישע גאַסן, ליקלעך און דורכגאַנגס-הייפן; איבער די מערק, האַלעס און פלעצער פון ווילנע איז געווען צעגאָסן אַ ברייט, טיף און שטראַמיק יידיש לעבן, וואָס האָט געאָטעמט און געשאַפן, געטרוימט און געקעמפט, געלאַכט און געוויינט, געבענטשט און געשאָלטן אויף יידיש לשון.

איבער דער יאַטקעווער געסל מיט אירע גאַסן־פאַרקויפערינס, טרעגערס און קצבים; איבערן האַלץ-מאַרק מיט זיינע פישערקעס און נאַוואָגאַראַדער בעלי-עגלות; איבער דער אַריסטאָקראַטישער פּאָהולאַנקע און ביז צו די ליטעראַרישע סאַלאָנען, האָט הויך און לעבעדיק אָפּגעהילכט דאָס יידישע לשון, געווירצט און באַטעמט אינעם יידישן פאָלקס-מויל, געשליפן און געלייטערט אין די קאַבינעטן פון "ייוואָ"-פּאַלאַצל, אויף וויוואולסקע אַכצן.

פונעם אַנסקי מוזיי ביז סטראַשון ביבליאָטעק, פון דער יידישער רעאַל-גימנאַזיע ביז ראַמיילעס ישיבה; פון דער יידישער קאָנסערוואַטאָריע ביז צום קלעצקין פאַרלאַג; פון די יידישע וועלטלעכע שולן ביז צו די חדרים און תלמוד-תורות; האָט געריסן די ברעגן ווילנעס צווייטער טייך, דער טייך פון יידיש לשון.

איבער יידיש ווילנע האָבן געפלאַטערט לעגענדעס פון קידוש-השם און קידוש-העם; גר-צדק און הירש לעקערט; יידישע רעוואָלוציאָנערן-טרוימערס און רעוואָלוציאָנערן-קעמפערס, האָבן געוועקט די פאַנטאַזיע, געפלאַנצט אמונה אין הערצער פון דער ווילנער יידישער יוגנט, גרינגער געמאַכט צו איבערטראָגן די אָרעמקייט, די נויט און די נגישות; אויסגעפורמט אַ שטאָלצן יידישן דור פון

וועלכן עס זיינען אַרויסגעקומען די איציק וויסענבערגס, די גליקס, די געטאָ-קעמפּערס און פּאַרטיזאַנער.

צו ווילנע האָבן זיך געצויגן אַלע יידיש-שעפּערישע גייסטער, זיי האָבן עולה-רגל געווען קיין "ירושלים ד'ליטע", כדי אַריינצוזאַפּן אין זיך איר לופט און שעפּן פון איר שעפּערישע און גייסטיקע כוחות.

איז דען אַ וואונדער וואָס אין ווילנע איז אויפגעקומען דער פּערל אין קרוין פון דער יידישער ליטעראַטור — "יונג-ווילנע"? אַזוי ווי דער עכטער פּערל ווערט אַרויסגענומען פון די ים טיפענישן, אַזוי איז "יונג-ווילנע" אויפגעקומען פון די טיפענישן פון דעם ווילנער יידישן פאָלקס-לעבן און פון איר שטאָלצער אַרעמקייט. אינעם שאַפן פון "יונג-ווילנע" ליגט אויף אייביק פאַרקערפּערט דאָס געווזענע ווילנע מיט איר פאַרבנרייכער יידישקייט, וואָס איר לעבנס-אָטעם איז דערשטיקט און פאַרשטומט געוואָרן אויף פאַנאַר, ווי ס'האָט עס אַזוי טיף-טראַגיש אויסגעוויינט דער "יונג-ווילנער" שמערקע קאַטשערגינסקי:

"שטילער, שטילער, לאָמיר שוויַגן
קברים וואַקסן דאָ".

די קוילן פון פייערטאָפּ, וואָס האָבן געוואָרעמט חיים גראַדעס מאַמען אין פּראַסטיקע ווינטער-טעג, האָבן אויך צעגליט זיין דיכטערישע וויזיע, געצונדן זיין סאָציאַלן באַוואוסטזיין און אוניווערסאַלן גלויבן אין דער מענטשהייט.

אין אַ בלעטל וואָס ווערט אַנרחמנותדיק געשמיסן אויפן ווינט, האָט אלחנן וואָגלערס שטורמיש-לירישער געמיט געפילט דעם גורל פונעם מענטש: די נאַטור האָט אים געהאָלפן צו פאַרשטיין די מענטשלעכע געזעלשאַפט.

דער יונגער אַ. סוצקעווער האָט אויסגעזונגען די בענקשאַפט פון דעם יידישן יוגנטלעכן צו אַ ליכטיקערן מאָרגן:

"ווי אַ קוואַל פון דעם ערדישן האַרץ אַרויס
רייסט זיך מיין לעבן צו ליכטיקייט".

אינעם זינגעוודיקן "יונג-ווילנער" כאָר האָט זיך אויך געלאָזט הערן די איידעלע שטים פון פּרץ מיראַנסקי — דעם משלים שרייבער און שטילן אינזיכיקן דיכטער.

דעם 2-טן פעברואַר 1934, דעביוטירט פּרץ מיראַנסקי אין ווילנער "טאָג" מיט 2 משלים: "די פּויק און די פלייט" און "די האַק און די קוילן". אינעם זעלבן יאָר ווערט ער אַ חבר אין "יונג-ווילנע" און ווערט באַקאַנט דעם יידישן לייענער דורך זיינע משלים, וועלכע דריקן אויס די אידייאישע וועלט פון מחבר:

"האַך,
שלאָגט אין מיטן איר דער האַמער איבער;

קאָן זיין אַז פון אָפּשטאָם ברידער,
אָבער פרעמד מאַכט אונדז די טאַט!
איך דין דעם שמידער,
דו — דעם קאַט!"

(האַק און האַמער)

שוין די ערשטע משלים פון פרץ מיראַנסקי זיינען צייטיק-רייפע און האָבן אויך דעם געהעריקן נמשל — דעם באַלערנדיקן מוסר-השכל. עס דאָמינירט אין זיי דער סאַטיריש-בייסיקער טאָן:

"אמת!
טיקעט שטילערהייט דער זייגער
יעדער האָט זיין שטייגער
פירונג
און זיין שוואונג...
איינער קלעטערט הויך אַ דאַנק געהירן
און דער צווייטער אַ דאַנק צונג!..."

(גלאָקן)

מען דאַרף נאָך אויך צוגעבן, אַז די פאָלקסטימלעכקייט פון זיין יידישן לשון האָט ממש געדעדט צום האַרצן פונעם לייענער:
"אַ טונכל, ווי אַ מויד אַ קלאָרע, אַ פּאַרשוין.
מען דאַרף איר אָנטאָן נאָר די רייפן
און שוין!..."

(די פעסל)

יעדער משל בליצט אויף מיט שאַרפזיניקייט פון געדאַנק, לעבנס-חכמה און פּאַסיקן אויספיר — דעם מוסר-השכל:
"עד כאן דער משל
און דער נמשל אין די זאַצן;
וואָס ענגער פויער מאַכט די רייף,
די פעטליע, צי דעם שלייף
אַלץ גיכער וועט עס פּלאַצן!..."

פרץ מיראַנסקי האָט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון אליעזר שטיינבאַרג, וועלכער האָט געגערט דאָס רוב משלים-שרייבער אין אונדזערע ביידע שוועסטער-ליטעראַטורן. ווי ביי אליעזר שטיינבאַרג דינט אים דער משל ווי אַ וואָפן צו וועקן דעם גייסט פון צאָרן און בונט:

"פאַר דיר געטרייער
האָדעווע איך פייער!

ווייל פֿאַר אַ האָר,
וואָס צאַפּט און טרעט די פּלייצע —
מיט זייגע בלעך געשמידטע זוילן,
איז דאָ איין עצה...
קוילן!..״

(סאמאָוואַר און טשייניק)

אַפילו אין זיין שרייבערישן סטיל געפינען מיר די השפעה פון שטיינבאַרגן. ס׳איז אָן ספק געווען איינע פון די גוטע מעלות פונעם יונגן פרץ מיראַנסקי, וועלכער האָט אָנגעשלאָגן אויפן ריכטיקן טאָן פון דער משלים־קונסט און האָט אָן שוועריקייטן באַקומען זיין ליטעראַרישע סמיכות אַלס משלים־שרייבער.

✶

ס׳רייסט אויף דער נאַצישער וואולקאַן וואָס פאַרגיסט מיט גיפטיקער לאַווע אייראָפּע און אויך יידיש ווילנע ווערט פאַרשרפהעט אינעם גהינומדיקן פייער, וואָס גאָט האָט געבראַכט אויף זיין אויסדערוויילט פאָלק.

״יונג־ווילנע״ טיילט דעם גורל פון ווילנער יידן: דער גרעסטער טייל אירער באַוויזט ניט צו ראַטעווען זיך און בלייבט אין געטאָ. דאָ אַנטפּלעקט זיך ווידער די מעכטיקע וויטאַלע קראַפט פון ״יונג־ווילנע״: זיי ראַטעווען אָפּ פונעם פייער אוצרות פון יידישן פאָלקס־שאַפן; זיי פאַראייביקן אין פלאַמיקע מגילות, געשריבענע מיטן אייגענעם בלוט אויף פאַרמעטן פון אייגענעם לייב, די גסיסה פון ״ירושלים ד׳ליטע״ און איר, ביז צום לעצטן אָטעם, ניט געבראַכענעם יידישן כבוד:

״דער ייד האָט מיט זיין אַדערדיקער האַנט
געקריצט די תורה און מיט זיין אייגן בלוט
פאַרענדיקט שרייבן זי דאָס מאָל״.

אַ. סוצקעווער ״דער זקן״

אַ צווייטער טייל פון ״יונג־ווילנע״ נע־ונדעוועט. געשמיסן ווי אַן אַפּגעריסן בלעטל אויפן שטורעמווינט, ווערט ער פאַרשליידערט אין די ווייטקייטן פון רוסלאַנד. הונגערט, פיבערט אין פלעקטיפוס, ווערט צעפּרעסן פון נאָסטאַלגיע און נערט אין זיך חזיונות פון צוריקקער אַהיים — צו ״ירושלים ד׳ליטע״. ערגעץ־וואו אין אַ מיטל־אַזיאַטישן קאָלכאָז, פאַלט פון הונגער לייזער וואָלף.

פרץ מיראַנסקי ווערט מגולגל אין סאַמאַרקאַנד. אַן עלנטער צווישן ליימיקע ווענט אָן פענצטער, ערגעץ־וואו אויף אַ שמאָל ליימיק געסל לייגט ער אַנידער זיין מידן קאָפּ, אָבער ער געפינט ניט קיין רו, — דער הונגער און דער אומעט רייסן אויף פון שלאָף:

„איך וויש אויס מיינע אויגן פון דרעמל,
צי אַרויפּעט דעם טאָג אויף מיין הויט, —
אַ געלאַטעטע העמד,
און איך לויף אין דער ריי נאָך מיין ברויט"

און אַז ער שטייט אָפּ אַזוי אַ גאַנצע נאַכט —

„... אין ריי צוגעפּרעסט צו אַ וואַנט
אַ געשלאָגענער הונט" —

און דאַרף באַלד באַקומען זיין פונט שוואַרצן ברויט, צעבונטעוועט זיך זיין צעטראָטענער מענטשלעכער כבוד:

„כ'שפּאַן אַלץ נענטער צום ברויט מיט מיין צעטל,
שטרעק צום פענצטערל אויסעט מיין האַנט
און איך ווייס ניט, צי כ'בעט, צי איך בעטל..."

ער פּרובירט אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, זוכנדיק אַ דערלייזונגס-אַזיל, ווענדט ער זיך צו דער פאַרלאָזענער היים: מיט זיין דיכטערישער אינטואיציע פילט ער אַרויס וואָס דאָרט קומט פאָר; ער ווייסט אויך אַז דער שטאָלצער ווילנער יידנטום וועט אַרויסגעבן פון זיך העלדן, נקמה נעמער און פּאַרטיידיקער פונעם יידישן כבוד. ער זעט אַ חזיון: אַ טרעפונג אויפן אַלטן ווילנער בית-עולם צווישן דעם ווילנער גאון און אַן אייניקן ייד:

„וואָס האַלט דיר נאָך היינט באַם לעבן,
זאָג, יידישער מאַן!
און ס'ענטפערט דער ייד אָפּ: אַ, רבי!
כ'בין אַ פּאַרטיזאַן..."

דער האַרב-שטרענגער גאון, דער קפּדן און מדקדק, וואָס זיין האַרץ איז איבערפולט מיט רחמים פאַר חיה און מענטש, איז אָבער אויך אַ ווילנער ייד און ער בענטשט דעם פּאַרטיזאַן:

„עס וויגט אויף דער ערד זיך זיין שאָטן
אויף לינקס און אויף רעכטס:
געבענטשט זאָלן זיין די וואָס ראַטן
פון וועלט אויס דאָס שלעכטס.
געבענטשט זאָלן זיין די וואָס צאָלן
דעם חוב אָפּ פאַר בלוט...
עס פלאַקערן בערג אויף און טאָלן
אין אויפגאַנג, אין גלוט..."

דאָרט, אין מיטל-אַזיע, אויך באַלד נאָך דער מלחמה, אויף די חורבות פון

יידיש ווילנע, האָט פּרץ מיראַנסקי קיין משלים ניט געשריבן. זיין צעווייטיקטער געמיט איז ניט געשטימט צו לערנען עמיצן לעבנס-חכמה. ער וויינט אויס פאַר זיך אַליין זיין ווי אונ זיין לעבן, וואָס האָט זיך "צעשפּאַלטן אויף צוויי".

"ווען ס'צינדט דער באַרגשפּיץ זיך, דער שנייאיקער
מיט בלוט אויף שניי,
דאַן הויבט זיך אָן מיין ווי געוויי"

(אַ ווינט)

זיין "ווי געוויי" און זיין צעשטורעמט געמיט באַרואיקט פּרץ מיראַנסקי מיט שטילע לירישע לידער געווידמעט זיין נאָענטסטער — ליאַלען:

"דו זעסט ווי דער שניי פאַלט דו זעסט ?
פאַרטוליעט, ווי פויגל אין נעסט
מיט ווערטער, ווי טרערן אין האַלדז
פאַרגעסן זיך לאַמיר אין אַלץ ! . . . "

און ווען זיין געמיט געפינט די גייסטיקע רו צעזינגט זיך דער דיכטער וועגן די שיינקייטן פון לעבן — נאָך אַלעמען זיינען זיי דאָך פאַראַן — און ווען עס נידערט אַראָפּ דער דערלייזערישער אָוונט, וואָס ברענגט די געגאַרטע רו, פאַלט ער אַריין אין אַ קדושהדיקער שטימונג און אין השתפכות הנפש זינגט ער:

"תפילה זכה זאָגן בוימער:
אויסגעטאָן פון וועלט און חומר,
באַ דער אַזיערע צופוסנס,
וויגט אַ ווינטל זיך אין קדושה ששש!

יעדער וואָלקן אין דער הויך איז —
אַ פאַרקאַשערטער פּרוכת.
פאַר דער זון — דער גאָלד מנורה,
פאַלט אַ פעלד מיט זאַנגען כורעים ששש . . .

(אָוונט)

ערשט ווען די שווער-פאַרוואונדעטע וועלט קומט אַביסל צו זיך, הויבט אָן אַרומלעקן אירע וואונדן און איינשטעלן צוריק דעם צעשטערטן לעבנס-סדר, קערט זיך פּרץ מיראַנסקי אום צום משל: די וועלט נויטיקט זיך איצט זייער שטאַרק אין לעבנס-חכמה.

אין 1950 קומט פּרץ מיראַנסקי קיין קאַנאַדע. אַ יאָר שפּעטער דערשיינט דאָרט זיין בוך "אַ ליכט פאַר אַ גראַשן".

אַ נאָמען אָן פּרעטענזיעס, וואָס איז אַזוי אייגנאַרטיק פאַר אים — דעם

שטילן איניזיכיקן דיכטער, וואָס גייט זיך באַשיידן זיין לעבנס-גאַנג, טרעט אויף שטילע זייטיקע סטעזשקעס און זינגט אויס שטיל זיין ליד:

״כאָטש ס׳איז אָרעם מיין ליד
ווי אַ ליכט פאַר אַ גראָשן,
שמעלץ איך אָן עס אָן טיש
פון מיין יידישן לשון״.

נאָך יאָרן פון וואַנדערונגען און וואָגלעגישן, רייך אין לעבנס-נסיונות, קוקט ער אַריין אין דער אייגענער נשמה און ברענגט אַרויס די שטריכן פון זיין שאָפערישן גאַנג:

״מיין לשון איז וואַסער אַ פשוטער קרוג
און שוואַרצברויט מיט קימל.
פון זיך רייס איך ווערטער, ווי שטיינער פון ברוק —
און כ׳שליידער אין שויב זיי פון הימל.

צע׳הפקר׳ט פאַר שלאָקסן און ווינט ליגט מיין זיין,
ווי אַ ווייס פעלד מיט גריקע.
איך שטרעק מיינע דלאָניעס די בלייכע צו שיין
און כ׳צי פון דער ערד מיין יניקה.

איך ליב ניט דעם וואַלד פול פאַריסענע קעפּ,
וועלכע קוקן אַריבער.
איך גיי, ווי אַ וועג אינעם ליימיקן סטעפּ
פול מיט שטיינער און גריבער.

מיין ליד איז פון איינזאַמען וואָלף דער געוואַי
אויף באַנאַכטיקע פליינען
און כ׳זינג און איך זינג מיין געזאַנג אָט אַזוי, —
ווייל עס ווילט זיך מיר וויינען...

פרץ מיראַנסקי באַפרייט זיך פון דעם בלוטיקן עבר, ער באַפרייט זיך אויך פון אַ גלויבן, וואָס האָט אים און מיליאָנען אַנדערע ווי ער, גלויביקע פאַנטאַזיאָרן, אָפּגענאַרט און פאַרראַטן:

״ס׳האָט די פויסט פון אָפּגאָט מייגעם
קעגן אַלץ פאַרהויבן —
צעבראָכן אין מיין טיפעניש
די זריחה שויב — מיין גלויבן.
איז שטיי איך, ווי א טעלעגראַפן-סלופּ —
פאַרפּלאָנטערט אין זיין דראָט
און בעט דיין רחמים גאָט!״

און ער געפינט דעם וועג וואָס פאַרבינדט און פאַרקניפּט אים מיטן עבר און עתיד פון זיין פאָלק אין אַן אייביקן בונד:

״ס׳איז רויט דער וועג פון זייער בלוט, אַ רויטער איז דער שטויב;
נאָר זייער טראָט שרייבט אַן אין זאַמד, מיט כתב מיט ווייסן; גלויב!
אין ווייטן שיינט אַ ווייסע ליכט באַהאַלטן און אַנטפּלעקט,
כ׳האָב אויפגעריסן ברייט מיין אויג און האָב דערקענט מיין וועג!
(עס האָט מיך אויפגעוועקט)

דער וועג פירט אים קיין ישראל, כאָטש נאָר אויף אַ קורצן באַזוך, אָבער פול מיט גלויבן און האָפענונג. ער געפינט אויס, אַז דאָסמאָל האָט אים דער גלויבן ניט אָפּגענאַרט, עס שלאָגט דאָ אומעטום אַ פולבלוטיק, שאָפעריש יידיש לעבן, ס׳איז די אמתע אויסלייזונג פון זיין פאָלק. אין ירושלים זעט ער:

״נידערט משיח אַראָפּ, אַ פאַרהוילענער״

משיח איז שוין ניט מער טרוים און לעגענדע, ס׳איז דיווירקלעכקייט אַליין, ס׳איז אויפבוי פון ישראל און איר הויפּטשטאָט, דער סימבאָל פון נצח-ישראל, ירושלים:

״מיט אַ תיקון אין בליק דעם פאַרטרויערטן
זע איך דיין בנין, דעם ניי אויסגעמויערטן, ירושלים!״

גלויבן מיר אַז דער באַזוך אין ישראל וועט נאָך אַ סך יאָרן נערן פּרץ מיראַנסקיס שאַפערישן גייסט און מיר וואַרטן אויף זיינע נייע ווערק.

הערץ בערגנער

אין א פרעמדער הויט

עטלעכע טעג נאָך מיין אָנקומען קיין ניו-יאָרק, האָב איך אָנגעקלונגען צו אַבעלען. איך האָב געוואוינט אין אַ האָטעל אויף דער ניין-און-זיבעציקסטער גאַס, ניט ווייט פון בראָדוועי. די ערשטע טעג אין ניו-יאָרק איז מיין גאַנצע עובדא באַשטאַנען אין קלינגען צו מיינע חברים פון אַמאָל, וואָס כ׳האָב שוין ניט געזען א קימא-לן פון דרייסיק יאָר. טייל חברים האָבן דערקענט מיין קול; טייל האָבן זיך ניט געכאַפּט ווער איך בין.

בעת כ׳האָב אָנגעקלונגען צו אַבעלען, האָט מיר געענטפערט עפּעס א שטייף און טרוקן קול פון א פרוי, וואָס האָט גערעדט מיט א האַרטער ״ריש״. איך האָב עטלעכע מאָל איבערגעחזרט אז כ׳וויל ריידן צו אבעלען, אָבער די פרוי האָט מיך ניט פאַרשטאַנען. זי האָט רק געהאַלטן אין פרעגן ווער ס׳רעדט און וואָס איך וויל האָבן. אז זי האָט זיך שוין קוים מיט לייד געכאַפּט וואָס איך וויל, האָט זי געזאָגט רואיק אין טרייבל:

— מיסטער אייב קאַרנען איז נישטאָ אין דער היים...

— ווען וועט ער זיין? — האָב איך נאָך באַוויזן אריינצושרייען אין טרייבל, וואָרום איך האָב געפילט, אז די פרוי וויל אָפּהאַקן מיט מיר דעם שמועס.

— כ׳ווייס ניט! פון וואַנען זאָל איך וויסן? קליגנט אָן א צווייט מאָל...

איך בין ארויס פון דער טעלעפאָן-בודקע מיט א פריקרע געפיל. אויף אַזא קבלת-פנים האָב איך זיך ניט געריכט. מיט ווע מען האָב איך גערעדט? צי איז דאָס געווען אבעלעס וויבל, צי זיינס א טאָכטער, צי גאָר א דינסט-מיידל? איך בין געווען זיכער, אז אבעלע איז דאָ אין דער היים, נאָר מען האָט אים ניט געוואָלט צורופן צום טעלעפאָן. אפשר איז ער קראַנק? אפשר איז ער אַזוי רייך געוואָרן, אז מען לאָזט קיינעם ניט אריבער די שוועל פון זיין שטוב?... ווי-זשע קען מען זיך באַלד כאַפּן ווער ס׳רעדט? ס׳האָט דאָך גריילעך געקענט קלינגען א גרויסער סוחר, וואָס האָט געוואָלט אָנביטן צו מאַכן געשעפטן...

די מעשה האָט מיך פאַרדראָסן. איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך מער ניט צו קלינגען צו אבעלען — צו מיסטער אייב קאַרנען — אָבער אויף צומאָרגנס האָב איך ווידער זיך געוואָלט מיט אים פאַרבינדן. עס האָט מיר געענטפערט אין

טרייבל דאָס זעלבע טרוקן-שטייפע קול וואָס נעכטן. דאָס קול האָט מיך געפּאַרשט, געשטעלט מיר עטלעכע קשיאות אויף אַמאָל, און סוף-כל-סוף, נאָך לאַנגע חקירות, זיך אָנגערופן צו מיר:

— וואַרט צו אַ רגע... כ׳וועל געבן אַ קוק צו מיסטער קאַרנעגן איז דאָ אין דער היים...

— העלאָ... העלאָ... — האָב איך דערנאָך דערהערט אין טרייבל אַ נערוועז מענערישע שטימע, וואָס האָט אַזוי הויך געשריגן, אַז ס׳האָט מיר געקלעכערט אין די אויערן — ווער רעדט?! כ׳הער ניט! ווער רעדט?!

הגם איך בין ניט געווען זיכער, צי ס׳רעדט טאַקע אַבעלע, האָט איך געענטפערט, אַן אויפגעהייטערטער, מיט אַ סך געמאַכטן קוראַזש:

— ס׳רעדט הערץ... שלום-עליכם, אַבעלע... כ׳מיין אַז דו ווייסט ווער איך בין...

— נאָו, עך ווייס ניט!

— וואָס הייסט דו ווייסט ניט? דאָ רעדט הערץ... דיינס אַ חבר פון רעדים... מיר זיינען צוזאַמען געגאַנגען אין חדר... צו ישראל-נחן דעם מלמד... דו ביסט געפאָרן קיין אַמעריקע... איך בין מיט עטלעכע יאָר שפּעטער נאָך דיר אַוועק קיין אויסטראַליע. נו, איצטער ווייסטו שוין ווער איך בין?

— וועל... וועל... דאָס ביסטו טאַקע, הערץ... כ׳דערמאָן זיך שוין.. פון וואַנען קומסטו אַהער? — האָב איך מיט אַמאָל דערקענט אַבעלעס קול, כאָטש ס׳איז געווען זייער געענדערט. — וואו שטייסטו איין, הערץ? כ׳וויל זאָלסט אַריבערקומען צו אונדז...

— אדרבא, איך וויל זיך זען מיט דיר...

— זאָג מיר וואו דו וואוינסט וועט מיין זון קומען און דיך ״אָפּפּיקן״. וואַרט צו, איך וועל נעמען אַ שרייבפעדל און פאַרשרייבן דיין אַדרעס... אין אַ שעה אַרום וועט מיין זון זיין ביי דיר אין האָטעל און דיך נעמען... וועל... וועל... דאָס ביסטו טאַקע, הערץ? כ׳קען מיר נאָך אַלץ ניט גלייבן... כ׳בין טשיקאַווע צו וויסן ווי דו זעסט אויס. מעך וועסטו ניט דערקענען... כ׳בין געוואָרן אַלט!...

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. איך בין נאָך עטלעכע רגעס געבליבן שטיין ביים טעלעפאָן, ניט באַמערקט אַז מענטשן וואַרטן אין אַ ריי. ס׳האָט מיך געחידושט וואָס מיין חבר פון די קינדער-יאָרן האָט אַליין אויף זיך געזאָגט, אַז ער האָט זיך זייער געעלטערט, און ס׳איז אים ניט מעגלעך צו דערקענען. גאַנץ אַנדערש איז געווען דאָס שטייגער ריידן פון מיינע אַמאָליקע חברים, וואָס

כ׳האָב געטראָפן אויף מיין נסיעה. טאָמער האָבן זיי געזאָגט, אז זיי זיינען אלט געוואָרן, האָבן זיי געוואָרט כ׳זאָל דאָס פארלייקענען און זיי פּראָווען קאָמפּלי-מענטן ווי יונג זיי האלטן זיך... אין אבעלעס קול האָב איך דערקענט אז ער מיינט וואָס ער זאָגט...

אַזוי ווי ס׳איז נאָך געווען אַביסל צייט, בין איך אַרויף צוריק אין מיין האָטעל-צימער. אינעם האָטעל האָבן געוואוינט דער עיקר אלטע לייט; אָפּגעשפּילטע אקטיאָרן, וואָס האָבן געזוכט וואו אויפצוטרעטן; פּאַרזעסענע מיידלעך, וואָס פלעגן אין זייער איינזאַמקייט ריידן צו זיך אליין. דורך די ווענט האָט זיך טייל מאָל אריינגעריסן צו מיר א קול, וואָס איז באלד פארשטומט געוואָרן, א געלעכטער, וואָס האָט זיך אומעטיק א קייקל געטאָן און איז שנעל אויסגעגאנגען.

איך בין צוגעגאנגען צום פענצטער און א קוק געטאָן אויף ניו-יאָרק, וואָס האָט זיך געוויקעט אין א הייסן נעפּל. א בלינדע צעשוואומענע זון האָט זיך געראנגלט מיטן נעפּל און איז געבליבן הענגען אויף די ענג-צוגעטוליעטע פארווישטע דעכער. אויף מיין גאס איז געווען שטיל, אָבער פון נאָענטן בראָדוועי האָט זיך געהייבן א טומל. איך האָב געטראַכט פון מיין חבר פון די יונגע יאָרן, וואָס וואוינט דאָ ניט ווייט. פארוואָס איז אזוי שווער געווען צו אים צוצוקומען? צי איז ער אזוי רייך געוואָרן, אז ער בלאָזט פון זיך און וויל ניט האָבן קיין מגע-ומשא מיט זיינע לאנדסלייט? און פארוואָס האָט ער געזאָגט אויף זיך, אז ער איז געוואָרן אזוי אלט? בשעת דער מלחמה איז ער געווען אין אמעריקע און האָט ניט איבערגעלעבט אויף דער אייגענער הויט די אלע פּורעניות, וואָס די אנדערע רעדימער יידן. איך האָב מיט אבעלען געלערנט צוזאמען ביי ישראל-נחן דעם מלמד, וואָס איז געווען א ייד א קפּדן. אָבער מיט אזא ווילד-צעלאָזענעם תלמיד ווי עס איז געווען אבעלע, האָט אפילו ער זיך ניט געקענט קיין עצה געבן. ישראל-נח האָט ניט געשמט פאַר אַ גרויסן בקי, נאָר אַ פּרשה חומש מיט רש״י האָט מען זיך ביי אים געקענט אויסלערנען בעסער ווי ביי די אנדערע מלמדים. חוץ דעם האָט ער געהאלטן פון נגינה און אזוי שיין זינגען דאָס חומש האָט מען ניט געהערט ערגעץ אנדערש. מען איז געקומען צו אים אויף חידושים. די מאַמעס פון די חדר-יינגלעך פלעגן שטיין הינטער די ווענט פון פּאָליש, וואו ער האָט געלערנט, כדי צו הערן ווי זייערע קינדער זינגען בעתן לערנען.

אַז ס׳איז געקומען פאַר שבועות איז ר׳ ישראל-נח געווען גאָר אין די פעדערן. ער האָט געלערנט דעמצמאָל די קינדער זאָגן אַקדמות מיט גאָר אַ מתיקותדיקן ניגון, וואָס איז זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים. צו דעם האָט ער די תלמידים אויסגעלערנט זאָגן א פּיזמון, וואָס זיי האָבן געמוזט קענען פון אויסנווייניק. אלע האָבן געמוזט זינגען אין א כאָר דעם פּיזמון וועגן ר׳ מאיר חזן, דעם מחבר פון אקדמות; ווער ס׳האָט אַ טראָפּעלע געפעלשט האָט געלייזט קלעפּ.

בלויז איין אבעלע האָט ניט מיטגעזונגען און דער רבי האָט אים כהרף-עין געכאפּט דערביי. ער האָט אים מיט דער יארמעלקע באלד געגעבן א שמיץ איבערן פּנים, און ערשט שפּעטער האָט ער געמאכט א גאנצע חקירה ודרישה.

— זאָג נאָר תכשיט מיינער — האָט דער רבי כלומרשט רואיק זיך אָ קער געטאָן צו אָבעלען — וואָס זינגסטו ניט מיט? וואָסי, ס׳שטייט דיר ניט אָן? גרויסער פּריץ מיינער!

און איידער דער תלמיד האָט נאָך באוויזן אויפצומאכן דאָס מויל, האָט דער קאנטשיק זיך צעטאנצט איבער אים. אבעלע האָט מיט אן עלנבויגן זיך פאר-שטעלט פאר די קלעפּ, אָבער ס׳האָט אים געהאָלפן ווי א טויטן באנקעס.

צווישן ישראל-נחן דעם מלמד און אבעלען איז קיין מאָל ניט געווען קיין שלום. אינעם גאנצן חדר איז געווען בלויז איין תלמיד, אבעלע, וואָס האָט ווידערגעשפעניקט דעם רבין. אָ זאָך וואָס קיינער האָט ניט געהאָט קיין העזה דאָס צו טאָן. ישראל-נח איז געווען א הדרת-פּנים, מיט א לאנגער גרייז-גרויער באָרד, וואָס האָט אים דערגרייכט ביזן גארטל. דעם חדר האָט ער געפירט מיט א שטארקער האנט, און די תלמידים זיינען ביי אים געווען אויסמושטרירט ווי די זעלנער. עס איז געגוג געווען ער זאָל אויף זיי א קוק געבן, און זיי זאָלן בלייבן פארציטערט. אין אבעלען האָט דער מלמד געפילט א קאָנקורענט, וואָרום אויך ער האָט געוואָלט געוועלטיקן אינעם חדר. ער האָט געפּרואווט אָנצורייצן די יינגלעך קעגן רבין, זיי געוואָלט אריבערציען אויף זיין צד. אזוי ווי ער איז געווען דער שטארקסטער פון אלע, האָט ער זיך צוגעהאָלפן מיט די פויסטן, געסטראָשעט, אז ער וועט ממיתן טאָמער וועט מען אים ניט פאָלגן. עס האָט ניט געהאָלפן וואָס מען האָט אים געוואָלט איבערקויפן מיט כלערליי חפצים. ער האָט אַלץ צוגענומען, דערנאָך האָט ער ווייטער געפּאָדערט זיינס.

ר׳ ישראל-נח האָט שטילערהייט געהאט מורא פאר אבעלען, הגם ער איז געווען מסוכן איינגערעדט אין זיך אליין, אז ער ווייסט בעסער פון אלע מלמדים ווי צו האלטן דעם חדר. דער שטילער פארביסענער קאמף צווישן אים און אבעלען האָט אזוי לאנג אנגעהאלטן, ביז ער האָט ניט געהאט קיין ברירה און בשתיקה באפוילן, אז אבעלעס טאטע זאָל צונעמען פון אים דעם שיינעם תכשיט.

אבעלעס טאטע איז געווען פונקט אזא גבר ווי דער זון. אז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער באותו-רגע געקומען צו לויפן צו ישראל-נחן, זיך קוים אָפּגעבעטן ער זאָל דעם זון ניט ארויסווארפן. פון דעסטוועגן האָט ער דעם תכשיט אזוי מקיים-פסק געווען אין אלעמענס אויגן, אַז ס׳האָט אָנגענומען אַ גרויס רחמנות אויף אים. ער האָט אראָפּגענומען פון די הויזן דעם רימען, געקלאָפּט דעם זון מיט דער אייזערנער שנאָל און בשעת-מעשה איבערגעחזרט דעם זעלבן פסוק:

— וועסט שוין פון היינט אָן פאָלגן דעם רבין? וועסט פאָלגן דעם רבין?!...

— כ׳על פאָלגן! כ׳על פאָלגן! — האָט אבעלע ארויסגעפּרעסט צווישן די פארקוועטשטע ציין. — ווי כ׳האָב א גאָט אין הימל ווי כ׳על פאָלגן...

אז דער טאטע איז אוועקגעגאנגען, איז אבעלע געבליבן ליגן אין א ווינקל און האָט זיך מיט די הענט צוגעהאלטן די ווייעדיקע ערטער. כאָטש די חברים האָבן דערלעבט אין אים א נקמה, האָבן זיי פונדעסטוועגן געהאַט מיט אים מיטלייד. אָבער אז זיי האָבן אים געוואָלט דערלאנגען א שעפּ וואסער, א טיכל איינגענעצט אין עסיק, צוצולייגן צו די ווייעדיקע ערטער, האָט ער זיך א שליידער געטאָן:

— כ׳דארף גאָרניט!

ער איז א גאנץ-גייענדיקן טאָג אָפּגעלעגן אין ווינקל. בעת ער איז אויף צו מאָרגנס געקומען אין חדר, האָט ער פארגעסן אז ער האָט צוגעזאָגט צו זיין גוט און פרום — און ס׳איז געווען דאָס זעלבע וואָס פריער. ער האָט ווייטער אָנגעשטעלט די יונגען קעגן מלמד, זיי געלערנט זיך צו דראַפּען אויףביימער און צו זוכן נעסטן פון פייגל. ניט איין מאָל האָט ער ארויסגענומען די יונגע פייגעלעך פון די נעסטן און זיך צוגעקוקט ווי זייער מאַמע קרייזט אַרום בהלהדיק איבער דער ליידיקער נעסט. גאָר אָפט האָט ער אַרויסגעלאָזט זשאַבעס פון די קעשענעס און זיי געלאָזט שפּרינגען איבערן טיש אקוראַט אין מיטן לערנען...

א לייכטער קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעריסן מיינע מחשבות. ווייזט אויס, אז מען האָט שוין עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט, נאָר איך האָב ניט געהערט.

— ביטע... קומט אריין... קאַם אין — האָב איך ווי דערשראָקן געשטאָמלט.

ס׳איז אריינגעקומען א הייכער און דינער יונגערמאַן. כ׳האָב געמיינט אז כ׳וועל דערזען אָן ענלעכקייט צו אבעלען, אָבער דער פארשוין האָט לחלוטין ניט געענדלט צום טאַטן. ער איז געווען זייער בלייך און איידל און האָט פארמאָגט גרויסע איבערגעשראָקן-וואסערדיקע אויגן. ער האָט געטראָגן א דורכזיכטיק ניילאָן העמדל, וואָס איז געווען זייער פארשוויצט, זיך געקלעפּט צום איינגעפאלענעם ברוסט-קאַסטן און צום אויסגעצויגן-בלאַסן האַלדז. אבעלע איז געווען שטענדיק שווארץ-אָפּגעברענט פון דער זון, האָט געהאַט א פלאַטשיקע נאָז ווי א באָקסער און זיינע הענט זיינען געווען גרויס און ברייט ווי לאָפּעטעס.

— מיין טאַטע האָט מיך געשיקט נאָך אייך... — האָט דער יונגערמאַן קוים געעפנט דאָס מויל.

בשעת כ׳בין געפאָרן מיט אים אין אויטאָ, האָט ער אויך ווייניק גערעדט, כ׳האָב געמוזט אַרויספּרעסן פון אים א וואָרט. כ׳האָב זיך אַלץ ניט געקענט צוגלויבן אַז דאָס זאָל זיין אַבעלעס זון, און כ׳האָב אים כסדר פאַרגלייכט מיטן טאַטן. דער טאַטע האָט דאָך געשמט מיט זיין גבורה, אפילו שקצים האָבן מורא געהאַט פאַר אים אימת-מוות. ניט איין מאָל האָט אויך ישראל-נח, דער אַלטער מלמד, געמוזט אָנקומען צו זיין גבורה. דאָס איז געווען דענצמאָל, ווען די תלמידים זיינען אין די ווינטער-נעכט געגאַנגען אַהיים פון חדר מיט די לאַמטערנס אין די הענט און ס׳האָט זיי אָפּגעוואַרט א כאַפּטע שקצים. דער רבי האָט געהייסן גיין אַבעלען פון פאַרנט, און ווען די שקצים האָבן אים דערזען, האָבן זיי באַלד עוקר געווען... זיי האָבן מורא געהאַט מיט אים אָנצוהויבן, וואָרום ער האָט געשלאָגן ביז בלוט איז גערונען...

בעת דער זון האָט מיך אַריינגעפירט צום טאַטן אין הויז, האָב איך אים ניט דערקענט. ס׳איז מיר אַקעגן-געגאַנגען עפּעס אַ קליין איינגעשרומפּן מענטשל, ווען איך וויים ניט אַז דאָס איז מיין חבר פון די יונגע יאָרן, וואָלט איך געמיינט אַז דאָס איז עפּעס אַ פרעמדער. איך בין צוגעוואוינט געווען צו זען אַבעלען אַ הייכן און שטאַרקן, און דאָ, צווישן זיינע הייכע זין און אויסגעצויגן-הייכער פרוי, האָט ער אויסגעזען זייער קליין.

— ביסט עפּעס אַ מבין אויף די ניו-יאָרקער היצן, הערץ? אין דרויסן איז פאַרנע, ווי אַמאָל אין רעדימער מרחץ... — מיט די ווערטער האָט ער מיך באַגעגנט נאָך אַזוי פיל יאָרן — ביי אייך אין אויסטראַליע איז אויך אַזוי הייס? עך קען ניט אַריבערטראָגן די היצן... וואָס זאָגסטו צו דעם, פּעני? — האָט ער זיך געוואָנדן צו דער פרוי. — טעריבל...

ער האָט ווייניק גערעדט, אָבער טאָמער האָט ער שוין יאָ עפּעס געזאָגט, האָט ער זיך געמוזט אויף עפּעס באַקלאָגן. איך האָב ניט געדענקט אַז ער זאָל אַמאָל האָבן אַזאַ טבע. פאַרקערט, ער האָט זיך קיין מאָל ניט באַקלאָגט אויף עפּעס. ער האָט זיך אויפגעפירט זייער משונהדיק, פונקט דער היפּוך פון אַמאָל. ס׳האָט אויסגעקוקט ווי ער וואָלט פאַר אַלעמען מורא געהאַט. יעדע קלייניקייט האָט אים געשטערט, אַרויסגעבריינגט פון גלייכגעוויכט און ער האָט זיך ווי געוואָנדן צום ווייב נאָך הילף.

— ס׳וועט זיין אָל-רייט, אייב... — האָט אים דאָס ווייב איינגענומען און געטאָן אַלץ, אַז איר האַרט קול זאָל קלינגען מילד — נאָר ניט געזאָרגט...

אַבעלע האָט פאַרבעטן צו זיך א היים זיינע זין און טעכטער, זיי זאָלן זיך מיט מיר באַקענען. אַלע זיינען שוין געווען חתונה געהאַטע און געהאַט קינדער. זיי זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין א ריי, ווי שילער אין א קלאַס, דערלאַנגט מיר די הענט און זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט.

נאָך דעם ווי אַבעלע האָט זיך מיט מיר א טראָפּעלע אָפּגעפרייט, האָט ער

זיך צוריק אוועקגעזעצט אויף זיין שטול, וואָס איז געשטאַנען אויבנאָן ביים טיש. ווי נאָר ער האָט זיך געזעצט אויף זיין אָרט, האָט ער זיך דערפילט זיכערער ביי זיך. איך האָב באַמערקט אַז ער האָט מורא געהאַט זיך אויסצופרעגן אויף די אַמאָליקע חברים, טאָמער לעבן זיי ניט מער... ער האָט בכלל וועגן די אַמאָליקע יאָרן ווייניק דערמאָנט, כאָטש איך האָב דווקא געוואָלט וועגן דעם ריידן. ער האָט זיך אַ סך מאָל געמאַכט ניט הערן, ווען איך האָב אים געפרעגט וועגן די רעדימער יידן. איך האָב געזען, אַז ס׳ווייב ווינקט צו מיר אַזאַ שטיל געבעט אַז איך זאָל אים גאָרניט דערמאָנען. איך האָב ניט פאַרשטאַנען די סיבה, אָבער איך האָב שוין ניט געוואָלט אים מער ווייטער עפּעס פרעגן.

איך בין געזעסן ביים טיש און אריינגעטראַכט אין דער גאַנצער זאַך. דאָס עסק מיט אבעלען איז מיר געווען קשה. פּעני, אבעלעס פרוי, האָט דערלאַנגט כיבוד, אָבער כ׳האָב כמעט גאָרניט טועם געווען. וואָס איז מיט אבעלען געוואָרן? זאָל דאָס זיין טאַקע אבעלע, וואָס אלע האָבן פאַר אים געציטערט? ניט אַנדערש נאָר דאָס ווייב האָט אים אָנגעטאָן אַ כישוף. זי איז געווען אַ הייכע, אָן איבערגעוואַקסענע, און אַזוי דאַר, גלייך זי וואָלט זיך געהאַלטן אין איבערברעכן. זי און אירע עלטערן זיינען געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע, נאָר זיי האָבן געשטאַמט פון דייטשע יידן. כ׳האָב באַמערקט, אַז זי האָט ליב צו געבן באַפעלן, אַז זי האָט אַ טבע אָפּצוהיטן דאָס יוסטע אַלט-מאָדישע מעבל, און די זין און די טעכטער, וואָס האָבן שוין אליין קינדער, האָבן פאַר איר אָפּשיי. אָבער צי האָט זי אַזאַ דעה איבער איר מאַן, אַז ער רירט זיך ניט אַ טריט אָן איר? צי הערשט זי איבער אים אַזוי, אַז ער האָט זיך שוין מיאש געווען און שלום געמאַכט מיטן גורל?

ס׳האָט מיך אָנגענומען אַ חשק אויף צו להכעיס זיין ווייב, צו דערמאָנען אים אַ שפּיצל, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן ר׳ ישראל-נחן דעם מלמד. אפשר וועט אים דאָס אַרויסשלאָגן פון אומעט און ער וועט פון דעם הנאה האָבן...

— געדענקסט, אבעלע — האָב איך זיך אַ קער געטאָן צו מיין חבר פון די יונגע יאָרן — געדענקסט, וואָס דו האָסט אַמאָל אָפּגעטאָן ישראל-נחן דעם מלמד? ער האָט עס קיינמאָל ניט געקענט מוחל זיין דעם גאַנצן חדר... דער רבי האָט זיך אַלע נאָכמיטאָג געפלעגט צולייגן אַביסל אויף דער באַנק און געכאַפּט אַ דרימל... ער האָט בעת-מעשה געהייסן עטלעכע תלמידים זיי זאָלן מיט צווייגלעך אַראָפּטרייבן פון אים די פליגן... אַזוי ווי ישראל-נח האָט געהאַט אַ ברוך, האָט ער פון פאַרנט ניט געקענט זיך צושפּילן די הויזן. איז ער געלעגן מיט דעם אָפענעם קראַק און געשמאַק געשנאָרכט... ער האָט אָפּנים געהאַט גוטע חלומות... ס׳האָט זיך אים אוודאי געחלומט ווי דער גאַנצער חדר זינגט געשמאַק דעם אקדמות, אַז ס׳איז אַ נחת-רוח צו הערן... איז דיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז מען זאָל דעם רבין אויף די צעקנעפּלטע הויזן אָנשיטן ערד און "פאַרפלאַנצן" דאָרט צווייגלעך און בלומען... אַז דער רבי וועט זיך אויפכאַפּן

און דערזען דעם „גאָרטן" אויף זיך, וועט ער אַריינפאַלן אין אַ גרימצאָרן... ער וועט אָנהויבן חוקר ודורש זיין ווער דאָס האָט געטאָן...

איך האָב אויף אַ רגע איבערגעריסן דאָס דערציילן, וואָרום כ׳האָב געהאַט אַ געפיל, אַז סיי אַבעלע, סיי זיין ווייב און סיי זיינע זין און טעכטער הערן זיך ניט צו וואָס איך דערצייל. ס׳איז מיר דורך אַ רעיון אין קאָפּ כ׳זאָל מער גאָרניט דערציילן, אָבער כ׳האָב זיך אַליין אַזוי אַריינגעטאָן אין דער מעשה, אַז ס׳איז מיר געווען אַלץ איינס און כ׳האָב ממשיך געווען:

— און כך הוה... מיר חדר-ייִנגלעך האָבן געטאָן דאָס, וואָס דו, אַבעלע, האָסט געהייסן — האָב איך ווייטער אָנגעהויבן — דער רבי איז געשלאָפן און האָט אפילו ניט געפילט די משא אויף זיך... דערווייל האָסטו גענומען תקיעת-כף ביי די חברים, אַז זיי וועלן מאַכן אַ שווייג... מיר האָבן זיך געמוזט שווערן ביי אונדזער ייִדישקייט, אַז מיר וועלן ניט אויסזאָגן, ווען עס איינפאַל דאָס איז געווען... אַז דער מלמד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ס׳האָט זיך פון אים אָנגעהויבן צו שיטן די ערד, איז ער געוואָרן מלא כעס און תיכף אָנגעהויבן אויסצופאָרשן ווער דאָס האָט געטאָן. ער האָט אויסגעשטעלט די תלמידים אין אַ שורה, אויסגעפאָרשט יעדן איינעם באַזונדער... און מיר האָבן געשוויגן... ר׳ ישראל-נח האָט מקיים-פּסק געווען מיטן קאַנטשיק, מיט דער יאַרמעלקע... אָבער מיר האָבן געשוויגן. אַ ברירה האָבן מיר געהאַט? מ׳האָט דאָך מורא געהאַט פאַר דיר... דער אַלטער מלמד האָט זיך שוין מסתמא געכאַפּט ווער ס׳איז דער חייב... ווען עס שטיקל אַרבעט דאָס איז געווען... האָט ער דיך באַשטראָפט צומיינסטנס פון אַלע... ער האָט דיר געמאַכט אַ פּעקל... אַריבערגעצויגן דיר דאָס העמד איבערן קאָפּ און אַוועקגעשטעלט דיך אין אַ ווינקל מיט אַ בעזים אין האַנט...

בעת כ׳בין צוגעקומען צו דער שטעל מיטן „פּעקל", האָב איך דערהערט ווי ס׳האָט זיך אַ רוק געטאָן אַ שטול און פּעני, אַבעלעס ווייב, איז אַוועק פון טיש. אַז די זין און די טעכטער האָבן דערזען ווי די מאַמע איז אַוועק, האָבן זיי איר נאָכגעטאָן און זיך שטילערהייט אויך אָפּגערוקט. נאָר אַבעלע איז געבליבן זיצן אויפן אָרט און די מראה האָט זיך אים געביטן. זיינע דיקלעכע ליפּן האָבן זיך געבלעזלט ווי קאָכעדיק וואַסער. די פּלאַטשיקע נאָז איז געוואָרן נאָך מער צעפּלאַטשט. איך האָב געמיינט, אַז דאָס דערמאָנען אים זיינע אַמאָליקע קונצ-שטיקלעך וועט אים אויפהייטערן, צום סוף האָב איך געהאַט אַ טעות. ניט ס׳האָט אים אויפגעהייטערט, נייערט ס׳האָט אים טרויעריק געמאַכט. ער האָט זיך אָנגע-הויבן צו בייזערן אויף זיין ווייב און קינדער:

— וואו איז ערגעץ דער סידור? פאַרוואָס האָט מען אַוועקגערוקט דעם סידור פון אָרט, וואו כ׳האָב אים אַוועקגעלייגט?! וויפל מאָל האָב עך געזאָגט מען זאָל נישט רירן מיינע זאַכן! צי האָב׳ך נאָך אַ שטיקל דעה אין דער שטוב, צי נישט?!

איך בין געבליבן זיצן ביים טיש אַ געפּלעפּטער. כ׳האָב ניט געוואוסט ווי זיך נוהג צו זיין. כ׳האָב חרטה געהאַט וואָס כ׳האָב דערמאָנט מיין יוגנט-חבר זיינע אמאָליקע שטיקלעך. וואָס דאַרף איך אים ווי טאָן? ווייזט אויס אַז ער איז אין אמעריקע געוואָרן אַ גאַנצער שישקע און ס׳שטייט אים ניט אָן צו הערן סאַראַ וואָילער יונג ער איז אַמאָל געווען. זיין ווייב האָט מיר טאַקע שפּעטער געזאָגט מוסר, געהאַט טענות צו מיר פאַרוואָס כ׳האָב איר מאַן אָנגעמאַכט עגמת-נפש. מער זאָל איך דאָס ניט טאָן! איר אייב איז געוואָרן אַ חשוב אין שטאָט. ער געהערט צו די אָנגעזעענסטע קאָמיטעט-מיטגלידער אין דער סינאַ-גאָגע, וואו ס׳דאַוונען אירע לאַנדסלייט, די דייטשע יידן. ער איז אַ רייכער מענטש. האָט אַ סך ״אינוועסטמענטס״. די קינדער פירן פאַר אים די געשעפטן.

הגם איך האָב ניט געוואָלט בלייבן אויף מיטאָג, האָב מיך פּעני געצוואונגען כ׳זאָל בלייבן. זי האָט עס אפנים געטאָן כדי מיר צו דערציילן וואָס פאַרא צרות זי האָט לעצטנס פון איר מאַן. ער וויל זיך ניט ארויסרירן פון שטוב. זי וויל מיט אים גיין שפּאַצירן צום האָדסאָן, אין סענטראַל-פּאַרק, ער זאָל כאַפּן אַביסל פרישע לופט, נאָר ער רירט זיך ניט פון אָרט. אַז די זין ווילן אים ארויסנעמען מיטן אויטאָ הינטער דער שטאָט, צום ים, וויל ער ניט פאָרן. אמאָל איז געווען אַנדערש, ער האָט ליב געהאַט צו גיין זונטיק קיין קאָני-איילאַנד און ער האָט דאָרט הנאה געהאַט צו פאַרברענגען. אַז ס׳איז אויסגעבראָכן ערגעץ אַ געשלעג, האָט ער זיך געוואָלט אריינמישן און מען האָט אים קוים אָפּגעהאַלטן...

— מען וועט גרייטן צום מיטאָג — האָט פּעני מיט אַמאָל זיך געוואָנדן צו די טעכטער — כ׳האָב איינגעלאַדן דעם מיסטער בערגנער, דעם טאַטנס פריינד פון די יונגע יאָרן, ער זאָל מיט אונדז מיטהאַלטן.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ געקלינגעריי פון געשיר, וואָס מען האָט ארויס-גענומען פון שווער-לייביקן קרעדענץ. דאָס גרויסע און שווערע באַשטעק איז געווען פון זילבער, און דער סערוויז, וואָס האָט פאַרמאָגט אָן אַ שיעור טעלער, שיסלען און טעצעלעך, איז געווען געליישט מיט גאָלד. אַלץ האָט אוודאי געשטאַמט פון דייטשלאַנד און איז איבערגעגאַנגען בירושה, צו פּענין.

צום עסן האָט מען געמוזט אָנטאָן די רעקלעך, הגם ס׳איז געווען זייער הייס. דאָס האָט פאַרלאַנגט די באַלעבאָסטע פון הויז. אַבעלע האָט אָנגעטאָן אַ העל-קאָלירן יאַרמעלקע מיט אויסגעמאָלענע מגן-דודס אויף איר. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די זין, און אויך מיר האָט אַבעלע דערלאַנגט אַזאַ יאַרמעלקע. ער האָט געמאַכט אַ מוציא, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט און עס איינגעטונקען אין זאַלץ. ביים עסן איז מען געזעסן שטיל, ווי בעת אַ פייערלעכקייט. עס האָט זיך בלויז שטיל געטראָגן אַ געקלאַנג פון לעפל-גאָפּל-מעסער. נאָכן עסן האָט מיך אַבעלע מכבד געווען מיטן בענטשן.

בשעת די זין און די טעכטער האָבן זיך געאיילט צו גיין אַהיים, האָב איך זיך געוואָלט געזעגענען, אָבער אַבעלע האָט מיך פאַרהאַלטן.

— וואו גייסטו ? וואָס איז דאָס געאייל ? — האָט ער זיך אָנגערופן מיט בענקשאפט אין קול — ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך אמאָל זען... בלייב נאָך אביסל...

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט ער זיך געגומען פּאָרען ביי זיין טלית-זאַק, אריינגעשטופּט אינעווייניק א גרויסן סידור. דערנאָך האָט ער אויסגעגלייכט דעם זאק, און אוועקגעלייגט אים פּינקטלעך אויף דעם אָרט, וואו ער איז פריער געלעגן.

— מוזסט מיר אַנטשולדיקן — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר — נאָר אויף אַ רגע מוזסטו מיר עקסקיוזן... די אויגן פאַלן מיר צו. כ׳על זיך צושפּאָרן א קאפּעלע... דאָס האָבן מיר אָנגעזאָגט די דאָקטוירים. כ׳על באַלד צו דיר ארויסקומען...

ער איז אריין אין אַן אַנדער צימער. פּעני האָט ווי געוואַרט דערויף, זי האָט זיך צוגעזעצט צו מיר און האָט אַרויסגעלייגט אירע טענות, הלמאַי כ׳האָב דערמאָנט דעם מאַן די שפּיצלעך, וואָס ער פלעגט אָפּטאָן דעם מלמד. כ׳האָב עס ניט געטאָרט דערמאָנען! איר אייב פירט זיך די לעצטע צייטן אויף שטאַרק אויסטערליש. שוין שיינע יאָרן ווי ער איז געוואָרן זייער פרום. אָבער די לעצטע עטלעכע יאָר איז ער געוואָרן אבערגלויבעריש... אז ער טרעפט א גלח אין גאַס, וועט ער פון אים אנטלויפן... אז א שווארצע קאץ לויפט אים אריבער דעם וועג, וועט ער ניט גיין ווייטער... ער מאכט זיך פאַרשידענע סימנים... אלץ מוז ליגן אויף דעם פּלאץ, וואו ער האָט עס אוועקגעלייגט... טאָמער ליגט עס ניט דאָרט, וועט אים גיין מיט דער פּוטער אראָפּ — אזוי זאָגט ער...

— וואָס זאָגט איר נישט צו דעם... מיין אייב גלויבט אין אזעלכע נאַרישקייטן — האָט פּעני געשאָקלט מיטן קאָפּ — ער שרעקט זיך פאַר בלוט ווי א פּיצל קינד... כ׳דערצייל עס נישט קיינעם. איר זייט זיינער א יוגנט-חבר, האָב איך זיך פאר אייך פאַרטרויט... איר פאַרט דאָך אוועק, וועט קיינער פון אייך גאָרנישט געוואויר ווערן... אמאָל איז אייב געווען אזא שטאַרקער... אזא דרייסטער... דאָס האָט מיך אימפּאָנירט... כאָטש שוין דעמאָלט פלעגט ער מיר דערציילן ווי דער פאָטער האָט אים געשלאָגן... ער האָט דעם פאָטער ליב געהאָט, אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן זיין שלאָגן... דאָס האָט אים זייער באַליידיקט...

— כ׳בין געבליבן פאַרחידושט, ווען כ׳האָב דערזען אבעלען... ס׳איז גאָרניט ער... ס׳איז אין גאנצן ווער אנדערש... — האָב איך ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן איר — ווייזט אויס אז ס׳איז ביי אים געבליבן א קאָמפּלעקס...

— צוליב דעם וויל איך נישט, אַז מען זאָל קומען צו אונדז אין שטוב אַריין... עס איז נישט פאר מיין מאַנס נערוון... אלץ האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם וואָס זיינס א קרוב האָט אים איבערגעגעבן ווי מען האָט זיין טאַטן אומגעברענגט...

דער קרוב איז געקומען אהער פון די קאָנצענטראַציע-לאַגערן. ער האָט דאָס געזען מיט די אייגענע אויגן... אַ נאַצי האָט דעם פאָטער אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז ער איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט... דאָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, וואָרום דער פאָטער איז געווען זייער אויסהאַלטעוודיק. דער דייטש האָט אים געפּייניקט, זיך לוסטיק געמאַכט איבער אים... כאָטש דער פאָטער איז געווען אַן עקשן, האָט ער זיך שוין ביים נאַצי געבעטן ער זאָל אַ סוף מאַכן צו זיין לעבן. אָבער דער קאַלטבלוטיקער רוצח האָט עס אויסגעצויגן, ס׳זאָל געדויערן וואָס לענגער...

ס׳האָט זיך דערהערט ווי אין אַנדערן צימער האָט זיך אייבי אויפגעהייבן פון בעט, זיינע אומרואיקע טריט האָבן אָפּגעהילכט אויף דער פּאַדלאָגע. פּעני האָט נאָך באַוויזן צו ענדיקן:

— איצט האָט מיין מאַן פאַרשידענע קאָשמאַרע חלומות... ער זעט אין חלום דעם דייטש... ער זעט דעם טאַטן ווי ער גייט אָפּ אין בלוט... זינט ער איז געוואָרן געוואויר, אַז אין זיין געבורט-שטעטל זיינען מער נישטאָ קיין יידן, וויל ער נישט מען זאָל אים דערמאָנען אַז ער האָט אַמאָל דאָרטן עמיצן שלעכטס געטאָן... ער האָט דערפאַר מורא. דורכדעם וויל איך נישט צולאָזן צו אים זיינע לאַנדסלייט. אַלץ קלינגט ווי אַ האָרראָר-סטאָרי...

אין צווישנצייט איז אריינגעקומען אַבעלע. ווייזט אויס אַז ער האָט ניט געקענט שלאָפן. די אויגן זיינען געווען ביי אים אונטער־געשוואָלן. ס׳זיינען אונטער זיי געהאַנגען לויזע קישעלעך. די שיטערע האָר זיינען געווען צעשויבערט. אויף אַ באַק איז געווען איינגעקאַרבט אַ קנייטש פונעם קישן. ער האָט אָפּנים אויפגעכאַפּט וואָס זיין ווייב האָט געזאָגט, וואָרום ער האָט זיך אָנגערופן:

— מען האָט מיין טאַטן עליו-השלום זייער געפּייניקט... כ׳זע דאָס אַזוי קלאָר פאַר די אויגן... ער איז געווען אַ געוואַלדיקער עקשן, מיין טאַטע... ער האָט געמיינט אַז ער איז שטענדיק גערעכט. פאַרוואָס האָט ער מיך געשלאָגן? ס׳האָט מיר נישט וויי געטאָן. כ׳האָב אים סיי-ווי מוחל געווען... אָבער זאָל פּעני זאָגן, צי עד האָב אויף מיינע קינדער אויפגעהייבן אַ האַנט. כ׳האָב מיר געגעבן ס׳וואָרט, אַז כ׳וועל זיי קיין מאָל נישט שלאָגן. אַ מענטש טאָר נישט אויפהייבן קיין האַנט אויף אַ מענטש!...

איך האָב זיך געקליבן צו גיין, אָבער אַבעלע האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיך באַגלייטן. ער איז געוואָרן זייער סענטימענטאַל, ניט געוואָלט אַז איך זאָל אוועקגיין.

— בלייב נאָך אַביסל — האָט ער געזאָגט — מיר וועלן דיך שפּעטער, איך און פּעני, צופירן. וואו וועסטו אליין טרעפן?

— כ׳וועל טרעפן... כ׳ווייס וואו צו גיין...

— זיי נישט איינגעשפּארט... ביסט׳ך אַ גרינגער ביי אונדז אין שטאָט...

איך האָב אָבער אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו פּעניָן, זיך געזעגנט מיט איר. אַז כ׳האָב דערנאָך דערלאַנגט די האַנט אַבעלען, האָט ער מ׳ך אַרומגענומען, מ׳יך צוגעדריקט צו זיך און זיך מיט מיר צעקושט.

כ׳בין אַרויס אויף דער גאַס. ס׳איז שוין געווען נאַכט, אָבער די היץ האָט אַלץ ניט אָפּגעלאָזט. די מויערן זיינען געווען באַגאָסן מיט אַ פייכטקייט, ווי זיי וואָלטן געשוויצט. כ׳בין אַרויס אויף בראָדוועי. גרויסע קאָליריק-שרייענדיקע רעקלאַמעס זיינען געלאָפן איבער די מויערן, איבער אַ שטיק פון דעם נאַכטיקן הימל. אין מיינע אויערן האָבן זיך אָנגעשלאָגן כלערליי לשונות — אָבער מיר איז כסדר נאָכגעגאַנגען דאָס יידישע לשון פון מיין יוגנט-חבר, וואָס האָט צו מיר געזאָגט, אַז אַ מענטש טאָר ניט אויפהייבן קיין האַנט אויף אַ מענטש...

בראָדוועי האָט גערוישט, געטומלט. ס׳איז דאָ געגאַנגען אַ מענטשן-געמיש פון פאַרשידענע פעלקער, און איך האָב זיך פאַרלוירן צווישן דעם געדיכטן עולם. איך האָב דערהערט דעם ריטם פון גרויסן ניו-יאָרק, אָבער גאָרניט האָט געקענט פאַרטויבן די רייד פון אַבעלען...

עזרא להד

משה נאדירס מלחמה קעגן שונד־טעאטער

(פארגעסענע בלעטלעך פון „מיינע הענט האָבן פארגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט")

די געשיכטע פון יידישן טעאטער אין אמעריקע, איז איין לאנגע קייט פון א פארביליקטן, פארבאלאגאנעוועטן און פארפלאָכטן שונד־רעפערטואר. דאָ און דאָרט רייסן זיך דורך עטלעכע בעסערע אויפפירונגען; א שטיקל צייט ווערט אפילו דאָס טעאטער אביסל לייטישער (די אזוי־גערופענע גאָרדין־עפּאָכע), אָבער אין אלגעמיין איז עס געווען איין גרויסער שאנדפלעק אויף אונדזער קולטור. אויסער מאָריס שווארצ'ס קונסט־טעאטער וועלכער איז אויפגעקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָט עקזיסטירט, מיט מאָטערנישן און איבעררייסן, ביז ארום 1940, קען מען אין דער גרויסער צאָל פון אויפגעפירטע פיעסן קוים געפינען עפּעס, וואָס האָט א ווערט צו פארצייכענען אלס קינסט־לערישע דערגרייכונג.

יעקב מעסטל אין זיין ארבעט: "70 יאָר טעאטער־רעפערטואר" ברענגט א רשימה פון 267 געזאנג־פיעסן און מעלאָדראמעס, 243 דראמעס און קאָמעדיעס און 166 איבערזעצטע פיעסן (ז"ז 75). מעסטל גיט אָבער צו אין אריינפיר, אז ער האָט פארצייכנט קודם־כל דאָס מער כאראקטעריסטישע פונעם שפּיל־רעפערטואָר, נעמענדיק דערביי אין באטראכט צוויי ליניעס: 1) צו פארצייכענען וואָס מער פונעם בעסערן רעפערטואָר (אין וועלכן דער בעסערער לייענער איז פאראינטערעסירט) 2) צו פאַרצייכענען, ווי ווייט מעגלעך, די הויפּט־פיעסן פון דעם "ניט־ליטעראַרישן" (לייען: שונד! ע. ל.) רעפערטואר, כדי אויף דעם אופן זיי צו פארהיטן פון פולשטענדיקער פארגעסנקייט.

נאָך מעסטעלס דערקלערונג האָבן מיר געמאכט א פּרואוו פון איבערגרופּירן דעם געשפּילטן רעפערטואר, לויט זיין קינסטלערישן ווערט, נעמענדיק אין באטראכט אז מעסטעלס רשימה איז ניט קיין פולע, לויט זיין אייגענעם עדות־זאָגן. דער רעזולטאט, וועלכער האָט זיך באקומען, איז פאָלגנדיקער:

1. קלאסישער וועלט-רעפּערטואַר (שעקספּיר, מאָליער, איבסען, שילער, געטע א.א.) — 64

2. מאָדערנער איבערגעזעצטער רעפּערטואַר (טאָלער, האָופּטמאַן, אָדעטס א. א.) — 80

3. יידישע קלאַסישע דראַמאַטורגיע (גאָלדפאַדען, גאָרדין, פּרץ, שלום-עליכם, א. א.) — 87

4. נייע יידישע דראַמאַטורגיע (הירשביין, לייוויק, בערגעלסאָן, קולבאַק א. א.) — 163

5. שונד-פּיעסן, אָריגינעלע, איבערגעזעצטע און "איבערגעניצעוועטע" — 273

וואָס לערנען מיר פון די ציפערן? אפילו לויט מעסטעלס ניט פולער רשימה שטעלט זיך ארויס אַז כמעט 50% פון יידישן טעאַטער-רעפּערטואַר אין משך פון 70 יאָר איז געווען אַ שונד-רעפּערטואַר. מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן נאָך איין פאַקט: דער גרעסטער טייל פון די פּיעסן פון די גרופּעס 1—4, זיינען נאָך עטלעכע וואָכן, און אָפטמאָל נאָך עטלעכע פאָרשטעלונגען, אַראָפּ פון די בינע-ברעטער. די שונד-פּיעסן זיינען ס'רוב געשפּילט געוואָרן גאַנצע סעזאָנען.

דער טיפּישסטער פאָרשטייער פון דעם סאָרט טעאַטער, וועלכער האָט אין משך פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט באַשאָנקען די בינע מיט "פּיעסן" פון ערגסטן סאָרט און איז געווען דער פאַקטישער טאָן-געבער פון דער יידישער טעאַטער-גאַס אין אַמעריקע, איז געווען באָריס טאָמאַשעווסקי * אַ מענטש אָן וועלכע עס איז טעאַטער-קולטור, אָבער מיט אַ געזונטן חוש פאַר טעאַטער-געשעפט, האָט טאָמאַשעווסקי אַלעמאָל געוואוסט צוטרעפן דעם המון-עם פון די עמיגראַנטישע מאַסן, וועלכע האָבן געשטראָמט מעבר-לים קיין ניו-יאָרק פון די פאַראָרעמטע און פאַגראָמירטע שטעטלעך אין רוסלאַנד, ליטע, פּוילן און רומעניע.

ב. גאָרין, דער היסטאָריקער פון יידישן טעאָטער, שרייבט אין זיין בוך **: "דעם גרעסטן קלאַפּ האָט די בעסערע דראַמע געקראָגן פון דער גרויסער איינוואַנדערונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך די שרעקלעכע קעשענעווער פּאָגראָמען. די אַלע אימה'דיקע רדיפות אין רוסלאַנד, וואָס האָבן אין די אכציקער יאָרן געשאַפן אין אַמעריקע די היים פון דעם יידישן טעאַטער און פון וועלכע ער האָט אַלע יאָרן געצויגן זיין יניקה און דערהייבן זיך צו אַזאַ גדולה, האָבן אין עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַרום געגעבן דער בעסערער בינע אַ טויט-קלאַפּ. נאָך די קעשענעווער רציחות האָט די יידישע איינוואַנדערונג אין אַמעריקע דערגרייכט די העכסטע מדרגה, דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע איינוואַנדערער האָט ביז זייער קומען קיין אַמעריקע קיין טעאַטער ניט געזען, און ווען זיי האָבן דאָ אַביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיינען געקומען צו זיך, זיינען זיי נייגעריק

געוואָרן צו זען א יידישע פאָרשטעלונג. זיי האָבן זיך א שאָט געטאָן אין טעאַטער מחנות-ווייז, נאָר די בעסערע פּיעסן און דער העכערער סאָרט שפּילן האָבן ביי זיי קיין חן ניט געקענט געפינען. זיי איז בעסער געפעלן געוואָרן יענער מין אומגעלומפּערטע שטיקער און יענער מין גראָבער שפּילן וואָס איז אין א משך פון א פּאָר צענדליק יאָר פאַרשטופּט געוואָרן פון דער בינע. אָבער אפילו די ביליקע שטיקער זיינען געווען צו הויך פאר זיי — — — די נייע באַזוכער האָבן געדאַרפט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אַ נאָענטע שייכות מיט אַן אמתן פורים-שפּיל. . .״

גאָרין דערציילט ווייטער *** ״. . .טאָמאַשעווסקי האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן אַז עפּעס אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען און ער האָט ניט פאַרזאַמט די געלעגנהייט און איז באַלד אַרויסגעטראָטן מיט טער׳ס א שטיק ״די יידישע נשמה״. — — — אָבער דערמיט האָט זיך טאָמאַשעווסקי ניט באַנוגנט. ער האָט זיך אונטערגע-נומען צו דערווייזן, אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ שטיק מיט קונצן וועט ער אַלע אַנדערע דירעקטאָרן אויסטרייסלען פון אַרבל. און טאַקע צום קומענדיקן סעזאָן האָט ער צוגעגרייט זייפערט׳ס א שטיק אונטערן נאָמען: ״דאָס פּינטעלע ייד״. — — — דער דערפאָלג פון ״פּינטעלע ייד״ האָט איבערשטייגט אַלץ, וואָס איז דעמאָלט געווען אין יידישן טעאַטער. עטלעכע און צוואַנציק וואָכן נאָכ-אַנאַנד, דאָס הייסט כמעט א גאַנצן סעזאָן, האָט זיך דאָס שטיק געהאַלטן און אַריינגעבראַכט אַן אוצר געלט. . .״

ס׳פאַרשטייט זיך אַז נאָך אַזאַ דערפאָלג האָבן די אַנדערע טעאַטער-דירעק-טאָרס זיך מתקנא געווען אין טאָמאַשעווסקין, אים אָנגעהויבן נאָכמאַכן — זיך באַמיענדיק איבערצויאָגן איינער דעם אַנדערן אין ווולגאַריטעט, נאַרישקייט, געשמאַקלאָזיקייט און האַרצרייסנדיקע, ביליקע עפעקטן.

אויפן שוועל פון דער ערשטער וועלט-מלחמה הויבט זיך אָן אין די ליטעראַרישע אויסגאַבעס פון יענער תקופה א קאַמף קעגן שונד-טעאַטער. אין א. רייזען׳ס אויסגאַבעס: ״די ליטעראַרישע וועלט״ און ״דאָס נייע לאַנד״ (אין די יאָרן 1911—1913) איז עס נאָך דערווײַלע א קאַמף אַן איינגעהאַלטענער, געפירט אין א גאַנץ געלאַסענעם טאָן מיט דער האָפענונג, אַז מען וועט קענען ווירקן אויף דעם טעאַטער, ער זאָל זיך אויסמענטשלען מיט גוטן.

אַזוי צ״ב שרייבט פּרץ הירשביין אין אַן אַרטיקל: ״וועגן א פאָלקסטעאַטער״ (״ליטעראַרישע וועלט״ ניו-יאָרק, פון 14.12.1912): ״. . .אויב מיר זאָלן גלויבן וואָס עס ווערט געזאָגט אין די רעקלאַמען וועגן דער ״יידישער קרוין״ (נאָך אַן אָפּערעטע פון טאָמאַשעווסקי און ראַקאָוו אין סטיל פון ״פּינטעלע ייד״ — ע.ל.) אַז די גרעסטע רבנים פון לאַנד האָבן געדאַנקט די פאָרשטייער פון טעאַטער וואו די פּיעסע ווערט געשפּילט, געפינענדיק אַז קיין ספר און קיין רב מיט זיינע דרשות אפילו האָבן ניט אַזוי געהייבן דעם נאַציאָנאַלן געפיל און געוועקט דאָס יידישע האַרץ און נשמה ווי ״די יידישע קרוין״. איך האָב דאָס שטיק ניט געזען,

און דאָך צווייפל איך אין דער דאָזיקער וויכטיקייט, פּאַרוואָס עפּעס דווקא די רבנים געפעלט עס? וואָס האָבן רבנים דערמיט צו טאָן? געפעלט עס ווירקלעך די רבנים, אז מען נעמט אַרויס פון ארון-קודש דעם כתר תורה און מען צערייבט אים אויף מטבעות?״... ווייטער מוסרט הירשביין די אקטיאָרן און דירעקטאָרן פון דעם טעאטער, אָבער אלץ איז א רואיקן טאָן.

אין א מער סאטירישן טאָן ווערט באשריבן א טעאטער-פאָרשטעלונג אין א לידל: ״אין טעאטערל״ (צו זינגען מיט דעם מאָטיוו פון ״אויפן פריפעטשאָק״) געחתמעט: ״חוזק׳ס אייניקל״****, אין נומער 10 ״די ליטעראַרישע וועלט״ פון 1913. נאָכדעם ווי דער מחבר באשרייבט דעם טעאטער-באזוכער וועלכער זיצט אויבן אויף דער גאלעריע און קנאקט סעמעטשקעס און ניס ׳שפּילט דערווייל א פידעלע א לידעלע באגלייט פון באס׳ און עס דאכט זיך ׳ווי א חברה קעץ מיאוקען פון א פאס׳. אז עס ווערט שוין טונקל אין טעאטער קומט ארויס דער העלד ׳א באגלעקלטער, א באפּאנצערטער׳ און נאָך אים ׳די העלדיכע, אלט שוין 60 יאָר, וואָס די אייניקלעך אירע זינגען שוין לאנג אין כאָר׳. הויבט אָן שפּילן זיך / באלד א פּיעסעלע / ס׳האָט א שיינעם טעם / איינער קוילעט זיך / איינער הענגט זיך אויף / איינער נעמט איין סם /. א.א.וו.

פון אן אנדער מין איז געווען דער קאמף קעגן שונד-טעאטער וועלכן עס האָט געפירט אין משך פון דער צייט דער ״גרויסער קונדס״.

״דער גרויסער קונדס״, ווי א ליטעראריש-פּאָליטיש וואָכנבלאט, האָט געפירט אן אויסגעהאלטענעם קאמף קעגן דער היפּאָקריטישקייט אין יידישן לעבן אין אמעריקע, דער עיקר קעגן דעם שונד אין דער טעגלעכער פּרעסע און טעאטער. דער רעדאקטאָר פון ״קונדס״, יעקב מארינאָוו, האָט פארשטאנען צוציען די בעסטע צוויי פעליעטאָניסטן צו דער אַרבעט, דאָס זיינען געווען: חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער) און משה נאַדיר.

דער קאמף קעגן שונד איז געווען אן אויסגעהאלטענער, א בייסיקער און האָט געטראָפן אין פּינטל אריין. די טעגלעכע יידישע פּרעסע אין ניו-יאָרק האָט, צוליב דער הכנסה פון די אנאָנסן, ניט געוואגט ארויסצוטרעטן קעגן דעם שונד. ווער עס וועט שרייבן די געשיכטע פון יידישן טעאטער אין אמעריקע דאַרף זיך באציען מיט דער גרעסטער רעזערוואציע צו די טעאטער-קריטיקן אין דער טעגלעכער פּרעסע, וועלכע זיינען, כמעט אין אלע פאלן, ניט מער ווי א באצאָלטע רעקלאַמע פון די ״שטערן״ פון דער דעמאָלטדיקער יידישער בינע.

משה נאדיר, וועלכער האָט אין די יאָרן 1915—1917 אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג אין ״קונדס״, וועלכע ער האָט אָנגערופן: ״טעאטעריי״, האָט געהאט דעם מוט עפנטלעך צו באקעמפן די שונד-מכה, דעם אָפּגעלאָזענעם און שלעכטן אופן שפּילן, די טאלאנטלאָזיקייט פון די אקטיאָרן און די מחברים, און די פּארטעמפּטקייט און נארישקייט פון ׳עולם-גולם׳. א קליינעם טייל פון די דאָזיקע

טעאַטער-קריטיקן האָט נאַדיר אַריינגענומען אין זיין בוך: "מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאַזיקע בלוט", ניו-יאָרק, פאַרלאַג "ווערבע" 1919. דער גרעסטער טייל פון זיינע בייסיקע, פאַמפּלעטישע אַרטיקלען קעגן דעם שונד און שאַנד פון יידישן טעאַטער און דעם "הויפּט-קעניג" באָריס טאָמאַשעווסקי, זיינען קיינמאָל אין בוך-פאָרם ניט אַרויס.

אין זיין בוך: "טעג פון מיינע טעג" (ניו-יאָרק 1935) שרייבט נאַדיר וועגן יענער תקופה: "דאָס יידישע טעאַטער אין ניו-יאָרק מיט א 25 יאָר קריק שטעלט זיך ערשט אויף די פיס. ניין ניט אויף די פיס, אויפן קאָפּ... מ'האַלט איצט אקוראַט ביי דעם 'פינטעלע ייד'-פעריאָד, עס איז "אוי מאַמעניו, טאַטעניו". טאָמאַשעווסקי שווערדלט, שפּילט ניט ווינציקער ווי אין פאַנצערס און אין שוואַרצע גאַטיעס... קעסלער וואָיעוועט מיט דער קונסט, — יענע אַנטלויפט, ער לויפט איר נאָך... חויזעק זיצט אויפן קרוינשטול און פירט די אָרעמע פאַפּירענע מלוכה. — — — די יידישע פּרעסע אין ניו-יאָרק איז מוראַדיק צעלאָזן. טיילט שבת-אויבס אין די ערב-שבתדיקע רעצענזיעס. — — — די מומע האָט הנאה פונעם פעטער, דער פעטער פון דער מומען. ביידע האָבן הנאה פון זייער הנאה האָבן. גיבן זיך איינע ס'אַנדערע צו לייזן א פּאָר גרייצער. די 'קריטיקער' גייען אין טעאַטער אַריין דורך די הינטערשטע טירן, וואו די ווייבערשע אַנטוציִמערלעך זיינען, און קומען אַרויס 'איבערצייגט', אַז מאַדאַם 'פּיטשע-ריטשע' איז די גרעסטע קינסטלערין אין דער וועלט און אומגעגנט. — — — און די קריטיק רופט אויס איטלעכן פּרייטיק: דעם און דעם שישי; יענער און יענער חמישי. — — — נעם איך און שפּיי אָן א טעפּעלע מיט "קריטיק" און טראָג עס אַנטקעגן די טעאַטער-קאַרדינאַלן. — — — ווערט מען "צעפּוטיעט" — — — א יונג, א גאַליציאַנערל, א דינער ווי א וועוויריק, א לאַנגער, שרייבט עפּעס דאָרטן אין וויציק בלעטל (קונדס) און טרייבט אַרויס די נאַראָנים פון באָד, פון הייסן קונסט-מרחץ. מ'עט זיך נאָך חלילה פאַרקילן. ווערט א גוואַלד: הערט נאָר הערט, ער גייט אונדז לערנען. מיר קימיר פון רומעניע — גייט ער אונדז לערנען וואָס טעאַטער איז?! — — — די שונד און שאַנדאַרן שוויגן ניט... מאַכט מען צווישן זיך אָפּ: נאַדירס פּוס זאָל ניט אַריבערטרעטן איבער אונדזערע טעאַטערס — — — און מען דינגט לאָבוזעס און מען שטעלט זיי אוועק ביי אַלע אַריינגענג צו די 'טעמפּלען' מיט וועלכע ער, משה נאַדיר, פירט מלחמה — מ'זאָל האַלטן אָן אויג, טאָמער וועט ער זיך אַריינכאַפּן, איז האַקט מען אים אונטער א פּוס און שוין!"

נאַדיר דערציילט ווייטער, ווי מאָריס שוואַרץ, דאַן א יונגער אַקטיאָר, האָט אים יעדן אָוונט גרימירט אַנדערש, — איינמאָל מיט א באָרד, איינמאָל אָן א באָרד, און אַזוי, פאַרשטעלטערהייט איז ער געגאַנגען אין די טעאַטערס און געשריבן זיינע קריטיקן.

דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט דער עיקר אין יאָר 1917, נאָכדעם ווי

טאָמאשעווסקי האָט אויפגעפירט איינס נאָך ס׳אנדערע שונד-שטיק פון ערגסטן מין, אויף מלחמה-טעמעס, ווי: ״מלחמה-כלות״, ״מלחמה-מאַמעס״, און ״שטאַרקע״ מעלאָדראמעס אויף טעמעס פון אונטערוועלט און סעקס, ווי קאַברינס: ״טיר נומער דריי״ און זאָלאָטארעווסקיס: ״דער פרייז פון זינד״, ״די ווייסע שקלאפין״ און אנדערע. בשעת נאדיר האָט זיך גענומען צו דער דאַזיקער סחורה, האָט טאָמאשעווסקי רעאגירט מיט אָפּרופן די אנאָנסן פון זיין טעאטער פון ״קונדס״. דער ״קונדס״ האָט זיך ניט געלאָזט שפּייען אין קאשע און אין נומער 9, פון 23.2.1917 פארעפנטלעכט א לייט-ארטיקל: ״אונדזערע גייסטיקע באַרדעלן, א וואָרענונג און אַ הילפס-רוף״. מיט דעם ארטיקל האָט זיך אָנגעהויבן דער קאמף אין זיין שארפסטן פעריאָד. כאָטש דער ארטיקל איז ניט געחתמעט, לאָזט זיך פון זיין סטיל לייכט דערקענען נאדירס פעדער.

מיר ברענגען ווייטער א קליינעם אָפּקליב פון נאדירס טעאטער-קריטיקן, אָנהויבנדיק מיט דעם אויבנדערמאָנטן לייט-ארטיקל. זאָלן די דאָזיקע פארגעסענע און פארשטויבטע בלעטלעך פון משה נאדירס קאמף פאר א בעסערן יידישן טעאטער, ארויס פון פארגעסנקייט. זיי וועלן דינען, אָן שום ספק, ווי א וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון יידישן טעאטער אין אמעריקע. איבערדרוקנדיק דעם מאטעריאַל פון ״קונדס״ האָבן מיר בלויז געענדערט די אָרטאָגראַפיע. דערקלערונגען און הערות וועגן נעמען פון אקטיאָרן ,מחברים און פיעסן קומען צום סוף פון דער ארבעט.

אונדזערע גייסטיקע באָרדעלן — א וואָרנונג און א הילפס־רוף

וואו האלטן מיר אין דער וועלט? וואוהין פאָרן מיר? וואוהין שלעפּט אונדז אונדזער פרעס-און-טעאטער-צוג מיט דעם רויטן לאמטערן פון פאָרנט?

עס וואָלט זיכער געווען פאסנדער, אז די דאָזיקע פראגן זאָלן געשטעלט ווערן פון מענטשן וועמעס פּראָפעסיע איז צו זיין ערנסט און וועלכע האָבן א פאטענט אויף צו ״בילדן די מאסן״. וואָס טוט מען אָבער אז די דאָזיקע לייט זיינען בלינד, טויב און שטום און עפענען זייערע אויגן-מויל-און-אויערן נאָר דאן, ווען זיי דערזעען א צענערל-אָדער א פינפאונצוואנציקער פאר א פּאַרציע לעקטשור-בילדונג?

האלטן, האלטן מיר שוין זייער ווייט... געפירט פון אונדזער פרעס-און-טעאטער-צוג מיטן רויטן לאמטערן פון פאָרנט, גליטשן מיר זיך אראָפּ און ארונטער, אלץ נידעריקער און נידעריקער, אלץ טיפער און טיפער... מיר — דאָס צניעותדיקסטע פאָלק האלטן שוין ביים לעצטן טרעפּל פון דער אונטער-וועלט — ביי דער סטאנציע: גייסטיקע באָרדעלן;

א שארף וואָרט, א וואולגאר וואָרט. מיר שעמען זיך פאר זיך און מיר שעמען זיך פאר אייך צו באנוצן אזעלכע ניט-פּאָלירטע, ניט-דעליקאטע ווערטער, אָבער

ווי דען אנדערש קענען מיר כאראקטעריזירן די צוויי הויפּט־זיילן פון אונדזער ״קולטור־טעמפּל״ — ס׳טעאַטער און די פּרעסע? ווי דען אנדערש קענט איר באַצייכענען אונדזערע ״קולטור״־מומעס פון דער פּען און די פּעטערס פון אונדזער בינע?

פּאַרשטייט אונדז: מיר זיינען ניט קיין שוואַרץ־היטלדיקע מאָראַל־פּריידי־קער, קיין ווייס־שניפּסלדיקע מוסר־זאָגער. מיר זיינען זינדיקע, לעבעדיקע, זייער לעבעדיקע מענטשן. מיר פירן דאָ ניט קיין קאַמף קעגן אַפּענע באָרדעלן, נאָר קעגן פאַרשטעלטע. מיר קעמפן דאָ קעגן די פאַרדראַמאַטיזירטע זנות־פּאַרלאָרס און קעגן די, וואָס פירן אָן זייער שאַנד־מיסחר אונטער דער מאַסקע פון ״ליטעראַטור און קולטור״. מיר קעמפן קעגן דעם, וואָס רויט־געשמינקטע ״מאַדאַמען״ פּאַראַדירן אַלס פּרומע קונסט־רעבעצנ׳ס, פּריי און פראַנק איבער די גאַסן און וואָס זשורנאַליסטישע קאַדעטן מישן זיך צווישן גאַנץ אָנשטענדיקע מענטשן און חבר׳ן זיך מיט נאַיווע און אומשולדיקע.

גייסטיקע באָרדעלן!!

מיר ווילן אַז די דאָזיקע ווערטער זאָלן ווי ברענענדיקער בליי אַריינזינקען אין די נשמות פון אונדזערע לעזער און פון אַלע לעזער וואָס זיינען נאָך ניט פאַרגיפטעט געוואָרן, און וועמעס בלוט איז נאָך ניט געוואָרן אָנגעשטעקט פון די העסלעכע זנות־באַצילן פון אונדזער געזונקענער מאַדאַם פּרעסע, פון די עקלהאַפט־קיצלדיקע פּיעסן פון ראַקאָוו־געביל־טאָמאַשעווסקי־זאַלאָטאַרעווסקי־עט־קאָמפּאַני (1).

מיר ריידן דאָסמאָל הויך און דייטלעך און גאָרניט הומאָריסטיש, ווייל די דאָזיקע אינסטיטוציעס זיינען אונדזער שמאָך און שאַנדע, אונדזער געפאַר, די געלע לאַטע אויף דעם קלייד פון אונדזער עפנטלעכן לעבן.

ניט מיטאַמאָל און ניט פּלוצלונג האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצולאָזן דעם דאָזיקן וואָרנונגס־רוף און געשריי נאָך הילף. עס איז געקומען לאַנגזאַם, טראָפּנווייז און דורך איבערצייגונג, אַז אונדזער פּרעסע און אונדזער בינע ווערן וואָס אַ טאָג פּרעכער, ציניש[ע]ר, געזונקענער און אונפאַרשעמטער. עס איז שוין געקומען אַזוי ווייט אַז אַלע אונדזערע צייטונגען, פון ״סאָציאַליסטישן״ ״פאָרווערטס״ ביז דער טאַמאַניסטישער ״וואַרהייט״ האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ שונד־און־שאַנד־טראַסט מיט די טעאַטער־מענעדזשערס, וואו איין האַנט וואַשט די צווייטע. עס איז שוין געקומען אַזוי ווייט, אַז אונדזער פּרעסע פון סאָציאַליסטישן ״פאָרווערטס״ ביז דער טאַמאַניסטישער ״וואַרהייט״ (2), דרוקט אַלס אַרטיקלען די אומגעלומפּערטסטע, די אידיאָטישסטע, ניט־געשטויגענע־און־ניט־געפלויגענע שקרים פון ״רוסישע שפּיאָנען״, וואָס ווילן ״דערהאַרגענען״ באָריס טאָמאַשעווסקין פאַר שפּילן די ״מלחמה־כלות״, ווייל די דאָזיקע ״פּיעסע״ שטעלט די רוסישע זעלבסטהערשונג אין דער גרעסטער סכנה... און אַז אונדזער וואַשינג־

טאָנער רעגירונג האָט דורך איר שני-למלך מר. לענסינג, צוליב דעם געלאָזט אלע געשעפטן וועגן אלע נאציאָנאלע קריזיסן און איז הענדום- פענדום געקומען צו אונדזער מארטירער׳ס הילף, און האָט ארויסגעפּאָדערט אונדזער האָוסטאָן-סטריטער ״שטערן״ (3) אויף א פארהער... א.א.וו., א.א.וו. די דאָזיקע ליגנס מערקט אייך, ווערן געדרוקט ניט אין דער פאָרם פון אדווערטייזמענטס (רעקלא-מעס — ע.ל.) נאָר, ווי געזאָגט, אלס רעגעלער לעזשטאָף!

אונדזער שונד און שאָנד־טראָסט.

״ווי מען שמירט אזוי פאָרט מען״.

16־טן מערץ, 1917.

די פרעסע און די טעאטערס האָבן געמאכט א מין אָפענע פארשווערונג צו באשווינדלען צו באטריגן דעם נאיוון עולם און ארויסצופּינגערן זיינע דאָלארס. ס׳איז א שונד-און-שאנד-טראָסט צווישן די סעקאָנד-עוועניו-האָסטאָן-און-בויערי-הייזער (4) און די זשורנאליסטישע ״פולערס״ פון איסט-בראָדוויי (5). מיט ווילדע, ציניש שקרים-ארטיקלען כלומרשדיקע ״קריטיקן״, און רחמנא-לצלן׳דיקע ״וויציקע״ רעצענזיעס פארנארן די איסט-בראָדווייער דעם עולם אין טעאטער, און דער טעאטער גיט דערפאר די רעדאקציעס א טייל פון דער הכנסה, אין דער געשטאלט פון טשעקס פאר אדווערטייזמענטס.

עס איז שוין געקומען אזוי ווייט, לײדיס און דזשענטלמען, אז א ווינקל-גאַסניק, א "בויערי-קונסט-באָס", האָט פאַרבאַטן אונדזערן א טעאַטער-קריטיקער אַרײנצוקומען אין זײַן "קונץ-הײַזקע" דערפאַר, וואָס דער קריטיקער האָט געוואָגט צו זאָגן דעם אמת, אז דעם בויערי-לייטענאַנט׳ס קונץ דופטעט מיט פאַרפוילטע מאַטראַצן; אז דער האָוסטאָן-סטריטער טערק מיטן ברייטן קראַוואַט, האָט צוגעשלאָסן זײַן "טעמפּל" פאַר אַלע רעצענזענטן וואָס באַלאַנגען ניט צום שונד-און-שאַנד-טראַסט, פּונקט ווי א "מומע" לאָזט ניט אַריבערטרעטן איבער איר שוועל קיין פּאָליסמאַן, וואָס לאָזט זיך ניט "באַשטעכן".

אונדזער פּרעסע און אונדזער טעאַטער!!

אום דעם שונד-און-שאַנד-טראַסט נאָך ענגער צו פאַרקניפּן, האָט כמעט יעדע רעדאַקציע אַרײַנגענומען צו זיך א "סטאַר" אַלס "מיטאַרבעטער", וואו ער האָט די פולע פרייהייט צו גיסן גאַנצע פּאָמוניצעס פון "לעבנס-באַשרייבאכצן".

אונדזער פּרעסע און אונדזער טעאַטער — "דער צושטעלער און די מומע"!

דאָס טרויעריקסטע דערביי איז וואָס די ווייסע שקלאַפּינס זײַנען אונדזער מאָראַל, אונדזער קונסט, אונדזער ליטעראַטור, אונדזער אָנשטענדיקייט, אונדזער רעפּוטאַציע אַלס א טהרת-המשפּחה-פאָלק!

אַלזאָ נאָכאַמאָל: וואוהין פאָרן מיר? וואוהין וועט אונדז דער פּרעס-און-טעאַטער-צוג מיטן רויטן לאַמטערן פון פאָרנט פאַרפירן? גענאַרטער, געבלאָפטער, אויסגעלאַכטער, פאַרשפּיגענער יידישער עולם, וואָס האָסטו בדעה צו טאָן ווענגן דעם? איר, טאַטעס און מאַמעס, וואָס ווילן אז זייערע זין זאָלן אויסוואַקסן נוצלעכע און מאָראַליש-געזונטע מענטשן; איר, וואָס ווילט אז דאָס רויט פון אומשולד זאָל בליען אויף די געזיכטער פון אייערע טעכטער, וואָס דענקט איר צו טאָן קעגן די שענדער און פאַרשווערכער פון אַלץ, וואָס אונדז איז ליב, טייער, הייליק?! גיט איר זיי לעזן אונדזער "פאַרבינטלטע" און "פאַרשפּיגלטע" פּרעסע (6), וואָס שוויבלט מיט שטות און זנות? שיקט איר זיי נאכהער אין די "קונסט-טעמפּלען" פון בויערי, האָוסטאָן און סעקאָנד עוועניו צו פאַרלעשן אין זייערע יונגע הערצער דעם לעצטן פונק אומשולד, וואָס די פּרעסע האָט נאָך ניט פּאַספּעיעט דאָרט אויסצולעשן? וואָס דענקט איר, נאַיווע טאַטע-מאַמעס, צו טאָן קעגן דער צוויי-קעפּיקער שלאַנג, וואָס פאַרגיפט די הערצער און די מוחות פון אונדזער יונגן דור און פון די דורות וואָס וועלן קומען שפּעטער?

און איר, גוט-מיינענדיקע יידישיסטן פון די נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע שולן, וואָס איר באַמיט זיך אזוי שטאַרק צו לערנען אונדזערע קינדער יידיש, קענט איר אונדז ניט זאָגן צו וואָס איר טוט עס? אפשר דערפאַר כדי אונדזער יוגנט זאָל אין אונדזער פּרעסע קענען לעזן די זינדיקע טאָג-ביכער פון עלנטע מוידן און איליאַדאָרס קייזערלעכע שווינערייען (7) און דערנאָך פאַרבייסן מיט א

שאָ פון א געבילשן "ריינעם געוויסן" אָדער א קאָברינישן "טיר נומער דריי", אָדער ראקאָוו-מילער-טאָמאשעווסקיס "מלחמה כלות"? קענט איר אונדז ניט זאָגן, איר וואוילמיינענדיקע חברים, וויאזוי איר וועט אייערע שילער קענען אמאָל קוקן גלייך אין די אויגן?...

און איר, וואזשנע הערן פון די "ביג בראָדערס אסאָסיאיישן", וואָס האָט אלס אויפגאבע צו רעפאָרמירן יונגע פארברעכער, פארוואָס נעמט איר זיך ניט צו רעפאָרמירן די **פאַבריקאַנטן** פון די יונגע פארברעכער — אונדזער פרעסע און אונדזער טעאטער? אָנשטאָט זיך אָפּצוגעבן מיט אויסווישן איינצלנע שמוץ-פלעקן פון אונדזער לעבן, פארוואָס טוט איר עפּעס ניט צו פארשטאָפּן די שמוץ-קוואלן, וואָס שלאָגן פרעך און פריי און ציניש און סטראשען אונדז מיט אן אלגעמיינער פארפלייצונג און פארזומפונג?

און איר אלע, אלע, פריידיקער, רבנים, רעפאָרמער, מיט און אָן דאָקטאָר טיטלען, קאָנגרעסיסטן, סאָציאליסטן, ציוניסטן, ארבעטער-רינגיסטן, וואָס דענקט איר צו טאָן קעגן דער דאָזיקער מכּה מיט צוויי ווערכעס? וואו זייט איר, איר, אונדזערע יצחק-אייזיקס, ווינטשעווסקיס, יהואש׳ס, זשיטלאָווסקיס, פּינסקיס, שמריהו לעווינס, דימאָווס און אנדערע וואו זייט איר? קען שוין באמת גאָרניט געטאָן ווערן קעגן דעם דאָזיקן שונד-און-שאנד-קאנסער וואָס צעפרעסט, פארגיפטעט און פארפעסט אונדזער גאנצן געזעלשאפטלעכן אָרגאניזם?! ענט-פערט!!!

("דער גרויסער קונדס", נומ׳ 9 פון 1917, 23-טן פעברואר)

טעאטערײ I

איך בין יונג, שיין, אינטעליגענט, און באזיץ א געוויסן טאלאנט זיך צו פילן גליקלעך, אָבער יעדעס מאָל וואָס איך גיב א קוק אויף א יידישן טעאטער-פּאָוסטער (פּלאקאט ע.ל.), ווערט מיין הארץ פארפילט מיט לירישן אויגנזאפט און מיין נשמה ווערט קיל און קילער, פינצטער און פינצטערער. יעדעס מאָל וואָס מיין אויג באקענט זיך מיט די שקארלאטינע פארביקע אויפשריפטן און מודעות מיט דעם גרויסן, אומפארמיידלעכן "ענדליך! ענדליך!" אויף ביידע זייטן, פיל איך, אז איך הייב אָן צו פארלירן מיין גלויבן אין שכל-הישר פון דער מענטשהייט. יעדעס מאָל וואָס איך באהעפט זיך גייסטיק מיט דעמדאָזיקן דע-ליריום-טרעמענס פון דרוקער-פאַך, פיל איך ווי מיין נשמה הייבט אויף די הענט צום הימל און שרייט: "ראטעווע מיך! געוואלד!" עטצעטערא.

דער יידישער טעאטער-פּאָוסטער איז ניט נאָר א מודעה, נאָר א באליידי-קונג... ניט נאָר א באקאנטמאכונג, נאָר אן אריינשלעפונג... ניט נאָר אן אויפטו, נאָר א געביידע, אין וועלכער דער דיל זידלט די סטעליע, די סטעליע באליידיקט דעם דיל, און ביידע בייזערן זיך אויף די ווענט...

ווען דער יידישער טעאַטער-פּאָוסטער איז גוט געדרוקט, איז ער זייער שלעכט, און ווען ער איז שלעכט געדרוקט איז ער זייער-זייער אַמוזירנד...

די אויפגאַבע פון די דאָזיקע געדרוקטע קונסט-פּראָגראַמען איז ווי ווייט מעגלעך ניט צו זאָגן קיין גייס, ניט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַן אָריגינעל וואָרט... זייער פּראָגראַם-מאַקסימום איז: אַן אייגענע היים פאַר דער "פּיקטשע" פון דעם טעאַטער-שטערן, און זייער פּראָגראַם-מינימום: אַ צעטיילונג פון געל-גרין-שוואַרצע עליות פאַר אַלע קינסטלער און קינסטלערינען, וואָס אַטאַקירן די קונסט פון ביידע זייטן.

יידישע דראַמע: — פאַרוואָס העלפט איר ניט? איר זעט דאָך ווי ער שלעפּט מיר צו ווייסע שקלאַפעריי.

פּאָליציאַנט — (די פּרעסע): — עס לוינט זיך מיר ניט. פונעם געלט וואָס איר ברענגט אַריין, קריג איך אויך אַ חלק.

23־טן פעברואַר, 1917.

דער יידישער טעאַטער-פּאָוסטער איז ווי דאָס יידישע טעאַטער אַליין-אַלטמאָדיש, שרייענדיק, געשמאַקלאָז, פאַר-די-פּאָלעס-שלעפּנדיק. עס רעדט אַלצדינג אַרויס און פאַרשווייגט ניט קיין זאַך... עס ליאַרעמט, עס שרייט געוואַלד, עס צעטראָגט די "קונסט" אויף אַלע טעלערלעך... עס קלינגט מיט די עטלעכע אָרמזעליגע קונסט-רענדלעך אין אַלע קעשענעס. עס מאַכט ניט קיין הנדלעך, ווי אַ פיינע קורטיזאַנקע, נאָר עס טרעט דיר אויפן פוס ווי אַ ווענוס פון דער בויערי (8); עס רייצט ניט, נאָר עס קיצלט. עס שפּילט זיך ניט, נאָר עס אַרבעט, עס איז ניט קיין לוקסוס, ווי ברויט, נאָר אַ נויטווענדיקייט, ווי ליבע... עס גייט ניט פאַראויס מיטן פּאַרנט, נאָר מיטן רוקן ...עס באַוועגט זיך ניט אַרום דער זון פון קונסט, נאָר אַרום דעם שמאַלץ-קוגל פון פּראָפיטן...

ווען איך וואָלט געווען רייך, אלט און קאפריזנע, וואָלט איך ארויסגעגעבן א... טעאטער-פּאָוסטער, דורך וועלכן איך וואָלט געלערנט אונדזערע אומשטער-בלעכקייטן, ווי אזוי אריינצושרייען עמיצן אין אויער שטילערהייט, מעשה דזשענטלמען, אזוי אז מען זאָל ניט ווערן שאָקירט, נאָר פארינטערעסירט... מ׳זאָל ניט לויפן אין טעאטער אריין הערן וואָס זיי שרייען דאָרט אזוי, נאָר גיין זען וואָס פארא סוד מען פארשוויגט אויפן פּאָוסטער...

ווען א טעאטער-דירעקטאָר זאָל מיר געבן 15 הונדערט דאָלאר וואָלט איך אים געגעבן אן אידייע ווי אזוי צו פארטאָפּלען זיינע פּראָפיטן — היינו: מ׳זאָל רעכענען באזונדער פארן אריינגיין אין טעאטער און באזונדער פאר דעם שטיק. עס איז א פאקט, ליבע מענטשן, אז די מייסטע יידן גייען אין טעאטער אריין זיך אָנווארעמען די פיס און אביסל זיך אָפּרוען פון דעם ״פארהייראטן לעבן״. ס׳רוב אָרעמע מענטשן גייען אין טעאטער, ווייל אינדערהיים רויכערט דער אויוון, אָדער ווייל ס׳איז אומעטיק צו קוקן אויפן אייגענעם ווייב; די גרעסטע צאָל יונגע, פארחתן-כלה׳טע מענטשן גייען אין טעאטער, ווייל אינדערהיים איז צו... ליכטיק, און ווייל די דראמע ווייזט די טונקעלע, און צו דער זעלבער צייט אָנגענעמע זייט פון לעבן. נאָר אז מען איז שוין אין טעאטער, זעט מען שוין, פאר איין וועג, א פּיעסע אויך...

פון דערפון איז, אלזאָ, קלאָרלעך, אז די פּיעסע איז, אזוי צו זאָגן, א פּרעמיע, א צוגאָב, א זייטיקע זאך, און דעריבער וואָלט געווען זייער לייכט אויסצופירן אז אויב א טעאטער-באזוכער וויל — א חוץ זיצן אין דער פינצטער און זיך אָפּרוען פונעם ווייב — אויך זען א פּיעסע, זאָל ער דערפאר עקסטרא באצאָלן... אז ניט קען מען איינגאנצן אָפּשאפן די פּיעסן, און די טעאטערן זאָלן באשטיין דערפון וואָס מען לעשט אויס די עלעקטרע, און מ׳לאָזט אריין א סך ״סטים״ (פּארע ע.ל.), כדי עס זאָל הערשן א גרויסע ווארעמקייט צווישן עולם.

(״דער גרויסער קונדס״, פון 29-טן יאנואר, 1916)

טעאַטעריי II

גאָט האָט באשאפן די וועלט אלס א מין ״פּאָדערהיינגל״ צו דער אמתער וועלט. פונדעסטוועגן האָט ער דאָס דאָזיקע פּאָדערהיינגל, די דאָזיקע לאָבי אויסגעפּוצט מיט אלערליי שיינע און גוטע זאכן. האָט פארבלומענט די גערטנער; פארפייגלט די וועלדער, פאררעגנבויגנט די הימלען, פארמיידלט דאָס אָנגענעמע געשלעכט און אזוי ווייטער.

די גאָטהייט, כאָטש אלטמאָדישער ווי אונדזערע טעאטער-דירעקטאָרן, האָט פארשטאנען אז כדי צו מאכן דאָס אמתע הויז, יענע וועלט, אינטערעסאנט און צוציענד, — אזוי אז מענטשן זאָלן וועלן שטרעבן ״אהינצו״, מוז מען מאכן דעם ״פּרוזדור״ — דעם ״פאָיער״, אזוי שיין ווי מעגלעך.

דעריבער האָט די גאָטהייט ניט געשפּאָרט קיין מי און האָט אויסגעצירט די פאַדער־וועלט מיט גרויס געשמאַק, האָט אויסגעהאנגען די הימלען מיט אלערליי גאָלדענע געשריפטן, האָט אויסגעדעקאָרירט די ערד מיט די פיינסטע באַמאָלונגען, האָט די מענטשן און חיות און אלע "ווידמונגען" פון דער ערד אָנגעטאָן אין קערפּערס פון אלערליי פארבן, און כדי עס צו מאכן נ א ך אינטערע סאנטער, האָט ער דאָס דאַזיקע פאַדער־וועלטל געמאכט אזוי אטראקטיוו, אז די מענטשן פארגעסן גאָר אז דאָס איז בלויז א קאָרידאָר, א דורכגאנג, א לאָבי, און זיי איילן זיך דעריבער ניט אריינצוגיין אין דעם אמתן טעאטער, וואו דוד המלך גיט דעם אמתן וויאָלין־קאָנצערט און דער פּיל־ווייבערדיקער שלמה דעקלאמירט זיינע וויזהייטן אויף זיבעציק שפּראכן, און בלאָנדע מלאָכים־קינדער, קורץ אָנגעטאָן, מיט חן־פלעסטערלעך אויף די באקן, שאָקלען זיך אהין־און־צוריק און זינגען די אמתע ווינטער־גארדען־שירה...

אָט אזוי פירט זיך אויף די גאָטהייט! און אויך די דירעקטאָרן פון די גויעשע טעאטערן האָבן אויסגעפונען דעם סוד, פארוואָס יענע וועלט איז אזא ריזיקער דערפאָלג און וואָרום זי גייט שוין אזויפיל יאָרן נאָכאנאנד. עס איז צוליב דער אטראקציע פון פאָיער, פון פאָדערהייזל, האָבן זיי — די ענגלישע טעאָטער — לייט אויך געטאָן דאָס זעלבע. זיי האָבן אויסגעפּוצט זייערע לאָביס אזוי שיין ווי מעגלעך. האָבן אויפגעהאנגען שיינע בילדער אויף די ווענט, האָבן באלויכטן דעם פאָדערזאל, דעם "פּרוזדור", אזוי עלעגאנט ווי מעגלעך; האָבן אריינגעבלאָזן א יום־טובדיקן אָטעם אין די קאלטע שטיין־ווענט פון זייערע קונסט־טעמפּלען.

אָבער ניט אזוי ביי אונדז, יידישע לייט. די פאָדערזאלן פון אונדזערע טעאטערן זיינען א באליידיקונג פארן אויג. אויב איר זייט ברוגז אויף אייערע אויגן, טראָגט זיי אוועק אין פאָיער פון א יידישן טעאטער!... טרינקט זיי אָן מיט די כאָליערעדיקע פארבן פון דעם סטארס פּאָרטרעט! פּאשעט זיי אויף די גרינע גראָזן פון מאָלערישן דילעטאנטיזם! באליידיקט זיי מיט דער שלעכטער עברי פון די טעאטער־שילדן! רעגט זיי אויף מיט די לייוונטענע מודעות וואָס שטייען פאר די טעאטער־טירן און דערציילן אין א בלוט־שטורעם פון אדיעקטיוון די מעלות פון דעם סטאר...

און די "סמאָקינג־רומס" פון אונדזערע טעאטערן! דאָס זיינען אמתע קנאָבל־בלומען פון דער "נשמה פון מיין פּאָליעק"; דאָס זיינען די טעאָטראָלישע צעדערדופטן פון מעלאָדראמאטישן בארג־כרמל; דאָס זיינען די מיסטישע וואסערן פונעם טייך גאנגעס פאראייניקט מיטן מאָראלישן ריח פון דעם ניו־יאָרקער פּאָליס־דעפּארטמענט... דאָס איז דער אָטעם פון דער קלויז־גאס, פאראייניקט מיטן קארנאצלדופט פון רומענישן שענקל און מיט דעם רויע־הינער־אראָמאט פון א גאליציש גאסט־הויז.

"אין דעם שטיוול דערקענט מען דעם אדלמאן" — זאָגט דער פּוילישער

מענטש. און איך זעץ צו; אָן דעם פּאָדערהויז דערקענט מען דאָס הויז; אָן דעם פּאַיער דערקענט מען ס'טעאטער!

✶

— וואָס פאַרא סדרה גייט איצט, ייִנגעלע?

— פשיבישעווסקי.

— וואָס איז דער טייטש "פשיבישעווסקי", ייִנגעלע?

— פשיבישעווסקי איז די טייטש, בלאסע עראָטיק, פארפליטערטקייט, בלאָנקפערזן-קאָנווערסאַציע, סטיל פארשפּיצטקייט, אויסגעזוזנגעקייט, מאַניער.

— ריכטיק ייִנגעלע, און אַצינד לאָז דיין הער-און-מייסטער זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די צוויי פשיבישעווסקי-פּאַרשטעלונגען אין דער יידישער גאס — די פּאַרשטעלונג פון "זלאָטא רונאָ" צום ערן-אָוונט פון הער מאָריס שוואַרץ און "דאָס גליק" צו דער צווייטער פריוו-פּאַרשטעלונג פון פריילין גורסקאַיא (9).

מיר האָבן, אך! געזען ביידע פּאַרשטעלונגען. שטאַרק געזען. מיר האָבן ניט פאַרגעסן אויף אַ מינוט, אַז מיר זעען פאַר זיך די ווייניגע, די אומפּאַרפעלשטע, די שטערלינג-זילבערדיקע קונסט. שוואַרץ'ס פּאַרשטעלונג איז געגאַנגען שטיל און אָן מי. אַלע שפּילער זיינען אזש רויט געוואָרן פון דער אָנשטרענגונג ניט צו אַרבעטן, נאָר צו שפּילן. עס איז געווען אַ שרייענדיקע שטילקייט, אַ קינסט-לעכע אונגעקינסטלטקייט, אזוי צו זאָגן. מען האט געשפּילט געטריי און ערלעך, און אויפריכטיק און סאָציאַל-דעמאָקראַטיש (אויב דאָס דאָזיקע וואָרט מיינט עפּעס) אָבער, דער סטיל, דער מאַניער, די פליטערלעך-די אין נאַכט-היץ און אין ציגאַרנרויך-אויסגעדיכטעטע פּראַזן, — צי זיינען זיי פאַרשטאַנען געוואָרן פון אונדזערע יידישע מענטשן, פון אונדזערע פלייסיק-שפּילנדע און באַנקביכל-האָבנדע קינסטלער?

פונדעסטוועגן: אַ דאַנק דעם הער שוואַרץ פאַר זיין גוטן ווילן און בעסערן געשמאַק. אַ דאַנק פּרענסיס אדלער (10), פאַר עטלעכע גוטע מאָמענטן ביים שלוס פון צווייטן אַקט. אַ דאַנק גאָלדשמידן (11) פאַר דער ראָלע וועלכע ער האָט אזוי שלעכט פאַרשטאַנען און אזוי גוט געשפּילט. אַ דאַנק מיר זעלבסט (משה נאדיר) דערפאַר וואָס איך בין אזוי געדולדיק אויסגעזעסן די גאַנצע פּאַרשטעלונג. — — —

("דער גרויסער קונדס" נומער 9, פון 23-טן פעברואַר, 1917)

פּערזענלעכע דערקלערונג

קומט מען צו מיר צו און מען פרעגט מיך: — פאַרוואָס רייסט איר ניט אַרונטער דעם שונד-ראָמאַן, פונקט ווי די שונד-פּיעסע? — וואָרום קוקט איר זיך

ניט צו, צו דעם וואָס סע טוט זיך אין די צייטונגען? — צי איז געדרוקטע פּאָרנאָגראַפיע און באָרדעלעריי אַנשטענדיקער און בעסער ווי די געשפּילטע?

—ווייסט איר, אַז דער בעסטער ראָמאַן אין די יידישע צייטונגען איז פּונקט אַזוי רויטלאַמטערנדיק ווי אונדזער ערגסטע פּיעסע? — פאַרוואָס שווייגט איר? — פאַרוואָס שרייט איר ניט געוואַלד מיט אייער פּיינפּעדער?

און איך האָב דאָס אַלצדינג אויסגעהערט אַזוי גלייכגילטיק ווי אַן אָפּגעשטאַנען גלאָז ביר, און איך האָב געענטפערט:

— מיין הער, עס איז אַ גרויסער אונטערשייד פון לעזן אַן אויסגעלאַסן הייזל ביז זען אַן אויסגעלאַסן הייזל. עס איז אַן אומגעהויערער חילוק צווישן דער בינע און דעם געדרוקטן וואָרט. אין אַ ראָמאַן, אַז מען וויל שילדערן אַ נאַקעטע דאַמע, שילדערט מען זי ביסלעכווייז און אין פאַרזעצונגען. און בעת די "קיישע פּרינצעסן" וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם מאַנטל, און דאָס מאַנצביל־בלוט ווערט אויפגערעגט, און די אויגן נעמען גלאַנצן מיט אַ פאַרדעכטיק פייער — פּונקט דעמלט מישט זיך אַריין, געוויינטלעך, דער גוט־באַקאַנטער "פאַרזעצונג פאָלגט", און ער באַרואיקט דאָס בלוט און ער שטילט די נערוון. אויף דער בינע אָבער אַז מען שילדערט אַן אויפגעטאָענעם כאַראַקטער, קען מען עס ניט טאָן ביסלעכווייז, מען מוז עס טאָן מיטאַמאָל. מען קען ניט היינט שילדערן דער העלדינס חן־גריבל און מאָרגן אירע אויגן, און איבערמאָרגן איר לינקן פוס און אַזוי ווייטער. אין ראָמאַן ווערט די פאָרנאָגראַפיע פאַרוואַסערט, אויפגעלייזט — אין רוים און אין צייט. אָבער אויף דער בינע קומט זי געדיכט, און אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם — און דעריבער איז זי שעדלעכער, און געמיינער, און נידערטרעכטיקער.

דער גרויסער אונטערשייד.

דאָס לעבן איז צו קורץ, צו לעזן שלעכטע ביכער. דאָס לעבן איז נאָך קירצער צו זען שלעכטע פּיעסן. אַ שלעכט בוך קענט איר אַרויסלאָזן פון האַנט און אַנטשלאָפן ווערן. אַ שלעכטע פּיעסע לאָזט ניט שלאָפן. זי איז אומרואיק. זי וואַרפט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער. זי האָט היץ. זי וואַרפט מיט די פיס. זי באָריסטאַמאַשעווסקעט. זי קרעכצט. זי טאַנצט. זי לייגט זיך שלאָפן. זי טאַנצט ווידער. זי קלאַפּט זיך אין קאָפּ. זי שרייט גוואַלד. זי זאָגט וויצן. און אַזוי ווייטער, עטצעטערא.

אַ שלעכט בוך איז שלעכט אָבער אַ שלעכטע פּיעסע איז שלעכטער. אָן אַ שלעכט בוך קענט איר זיך כאַטש נוקם זיין: איר וואַרפט עס אַרויס דורכן פענצטער, אָדער איר הרגעט דערמיט פליגן. אָבער וואָס קענט איר טאָן מיט אַ שלעכטן טעאַטער־שפּיל? איר קענט דאָס געזעענע ניט צערייסן. איר קענט דערמיט ניט הרגענען קיין פליגן... איר קענט דערמיט גאָרניט טאָן. איר מוזט זיצן און ליידן, אָדער אוועקגיין און ליידן. איר קענט דער פּיעסע ניט אַ בריקע

טאָן מיטן פוס. איר קענט די אקטיאָרן ניט אריינוואַרפן אין אויוון אריין — ווי איר טוט עס מיט די העלדן פון א שלעכטן בוך. איר קענט ניט שלאָפן און ניט וואך זיין. איר קענט ניט געזעגענען דערביי, ווייל ס׳איז ניט שיין פאר מענטשן... און איר קענט זיך אפילו ניט קלאפן מיט דעם שטיק איבערן מויל, כדי צו פארשטעלן דעם געגעץ, ווייל — איר האָט ניט מיט וואָס.

שפיל און ארבעט.

ביי בעסערע מענטשן שפילט מען טעאטער, ביי אנדערע ארבעט מען טעאטער. מען אַרבעט מיט אַלע כוחות. מען שוויצט. מען שלאָגט זיך ארויס פון אָטעם. מען איז פריילעך מיט פארקאטשעטע ארבל. מען איז מעלאנכאָליש, מיט א פייכטן שטערן. מען איז פארליבט מיט אלע הענט. מען איז אומגליקלעך מיט פערצן פערד-קראפט. מען איז חנעוודיק מיט אלע כוחות.

ביי בעסערע מענטשן גיט מען דעם עולם בלויז איין שפייז אויף אמאָל. ביי אנדערע גיט מען דעם ליבן עולם אלצדינג-אינאיינעם: געהאקטע-פיראמידן מיט קארשנזאפט, בערנבלוט און מאלצמילך, פעפערקיכלעך און לאקריצבאָנבאָנעס, שטורקאצן און מזוזות, ווייבער-קליידלעך און הייליקייטן, "געזענגע" און ערד-ציטערנישן, ראָזשינקע-וויין און קארבאָלוואסער, קוגל-שמאלץ און מיידל-מינעס, קאָנדענסירטע וועלט-אומגליקן און לייכטע שייקע-פייפערייען... און דערביי ארבעט מען אזוי ערנסט, אזוי שווער, אזוי פלייסיק, ווי עס וואָלט געווען ניט קיין טעאטער נאָר א הויזנפאבריק, ניט קיין קונסט-עמפאָריום נאָר א העמדל-שמעלצעריי; ניט קיין אמוזירונגס-אָרט נאָר פארקערט.

און דאָס איז טעאטער,
און דאָס איז קונסט,
און דאָס איז הויסטאָן סטריט,
און דאָס איז די בויערי,
און דאָס איז סעקאָנד עוועניו.

("דער גרויסער קונדס" פון 16-טן מערץ, 1917)

"דאָס נייע רוסלאנד"

א קאָמבינײשן, אָדער אויפשטעל-פיעסע, וואָס מען קען זי צעשרויפן און צוריק צונויפשטעלן. א שטיק וואָס טומלט און רוישט און מאכט געוואלדן און מען ווייסט ניט וואָס סע טוט זיך — פונקט ווי סע קומט איצט פאָר אין רוסלאנד. א גיכגעמאכטע פיעסע פון אנשל שור, ביי וועלכער דאָס טעאטער איז אזוי געפאקט, אז מען מוז אזש אריינברענגען סטענדינג-רום (שטיי פלעצער — ע.ל.) פון דרויסן. אויפגעסצענעט אין "פיפעלס טעאָטער" טאָקע פון אנשל שור אליין.

"דאָס נייע רוסלאנד" פון אנשל שור איז א צייטבילד, וואָס איז זייער צייטיק און זייער בילדלעך. עס איז דאָס לעבענסבילדלעכסטע בילד וואָס מיר

האָבן ווען עס איז געזען. וואָס קומט איצט פאָר אין דעם נייעם רוסלאַנד? קיינער ווייס ניט. עס איז א סוד. מען ווייס נאָר, אז סע טומלט זיך, עס רוישט. די פרייהייטס־פאָנען פלאַטערן ארויס פון זיך די נשמה־פלאַטערנדיק; אז דער עולם איז אומרואיק און ער קען ניט איינשטיין אויף אן אָרט; אז אלצדינג איז אין א ווירוואר און אין א כאַאָס. דאָס זעלבע איז אין אנשל שורס „נייע רוסלאַנד", וואָס באַווייזט, אז שור האָט א זייער גוטן חוש פאר געשיכטלעכע פאַקטן.

אין „דאָס נייע רוסלאַנד" פון „פּיפּלס", זעט איר קלאָר און דייטלעך, די גאַנצע פּלוצעמדיקייט, די גאַנצע אומפארשטענדלעכקייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. איר זעט דעם גייסט פון דעם אמאָליקן פאַמפּלעטיזם, וואָס פלאָנטערט זיך מיט זיינע רויטגייסטיקע פליודערן אונטער די פיס פון די גרויסע געשעענישן. איר זעט און פארשטייט ניט וואָס דאָ טוט זיך, און איר קוקט און ווייסט ניט, צי איר זייט אין א פּיפּלסדיקן טעאַטער, וואו אלצדינג איז מעגלעך, אָדער אין דעם נייעם רוסלאַנד, וואו אלע אונמעגלעכקייטן ליגן מיט א דערשטאָכן הארץ.
— — —

— — „דאָס נייע רוסלאַנד" האָט די גרויסע מעלה וואָס מ'דאַרף ניט וואַרטן פון 8.30 ביז 12 ביינאַכט, כדי אנטוישט צו ווערן. עס איז ניט איינע פון די פּיעסן אין וועלכע דער העלד שטאַרבט מיט איין פוס און מיט דעם אנדערן פוס קומט ער צוריק פריש און געזונט און גליקלעך. אין „דאָס נייע רוסלאַנד" דאַרפט איר בלויז געבן איין קוק מיטן פאָדערשטן אויג, און איר ווייסט שוין, אז סע וועט ניט אָפּגיין גלאַטיק, און אויך דעם אופן, אויף וועלכן דאָס ניט־גלאַטיקייט וועט אָפּגיין.

„דאָס נייע רוסלאַנד" האָט נאָך א מעלה: איר דאַרפט עס ניט באַאָבאַכטן מיט די אויערן. אין דער זעלבער צייט וואָס איר שטייט ניט ווייט פון דער טיר און קוקט אויף דער דאָזיקער שטיק, קענט איר דערוויילכאַפּן א פארקילונג אין אויער, און דאָס זאָל אייך גאַרניט שאַטן צו פארשטיין די פּיעסע. אדרבא, וואָס וויניקער איר הערט, אלץ מער זייט איר איבערצייגט אז דאָס איז דאָס נייע רוסלאַנד — דאָס אומפארשטענדלעכע, דאָס פאַרקאָליאַטעפּערטע (12), דאָס פּיל־פּאַרביקע, דאָס יידישלעך־טומלדיקע, דאָס וויוואַט־שרייענדיקע, דאָס בראָשירט־און־ניט־געבונדענע רוסלאַנד, וואו מען טאַנצט און מען שרייט, און מען פאָכעט מיט די פאָנען און מ'שלעפּט די באַבושקע, און מען טרינקט בראָנפן און מען איז „דומאַקראַטיש" און טומלדיק, און אומפארשטענדלעך ביז גאָר.

„דאָס נייע רוסלאַנד" איז נאָך זייער אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס עס איז א סאָרט „קאָמבינײשן־פּיעסע" — אין דעם זין פון א מאָדערן אויפשטעל־בעטל. עס איז אָ מין — ביטע פארשטייט מיך ניט ציניש — א מין אויפשטעל־פּיעסע, עס איז א שטיק, וואָס בייטאָג קען עס דינען אלס צייטונג, אָדער כראָניק, אָדער

רעפּאַרטאַזש און מען זאָל ניט וויסן וואָס דאָס איז, און ביינאַכט נעמט מען עס אָן ביי די פּיסלעך און מ׳שטעלט עס אויף. עס איז אַ פּיעסע וואָס מען קען זי שפּילן אַהין און צוריק און פאַרקערט. ווען איך בין צום צווייטן מאָל אריינגעגאַנגען אַ קוק טאָן אויף דעם נייעם קאָמביניישן-רוסלאַנד, האָב איך באַמערקט, אַז מען האָט געשטעלט דעם צווייטן אַקט פון פאָרנט, און דעם דריטן אַקט האָט מען איינגאַנצן צעשרויפט, און אויפן פערטן אַקט האָט מען איבערגעשטעלט די קנעפּלעך און ס׳איז געווען פּונקט אַזוי גוט ווי פריער. אפשר נאָך בעסער. דאַן בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז ״דאָס נייע רוסלאַנד״ איז אַ פּיעסע וואָס מען קען זי נוצן אויף ביידע זייטן, און אַז די אַקטיאָרן קענען זי שפּילן צוריק-צו-וועגס און סע זאָל זיין גוט. אָט אַזאַ ״פּראַקטישער״ דראַמאַטורג איז מיין פריינד אַנשל שור!

דער אינהאַלט פון אַנשל שור׳ס ״נייע רוסלאַנד״ איז: פאָנען, מוזיק, מוישע קאַפּויער, קערענסקי, באַבושקאַ, און גראַפן און פערשטן און קי-נו-גען — ווי אין טייטש-חומש ווערן זיי אָנגערופן. זייער אַ שיינער צאַר, כמעט אַ יידישער, איז געווען דער ה׳ סורניק פון פילאַדעלפיאַ, נאָר יענער איז ניט קיין נאַרישער מענטש. געזען, אַז מען אַרעסטירט אים און אַלע לאַכן פון אים, איז ער אַוועק אויף דעם באַפעל פון דער היברו-אַקטאָרס-יוניאָן (13), און איז שוין מער ניט געקומען. אויף זיין אָרט שפּילט איצט ה׳ גראַל, אַ יוניאָן-צאַר, לאַקעל וואָן, פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן. ב. ראָזנטאַל אַלס ראַספּוטין איז געווען זייער הייזעריק, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ שונא-ישראל. פרענק, אַלס מוישע קאַפּויער, איז געווען אַזוי קאַפּויער, אַז ס׳איז שוין געווען כמעט דאָס קאַפּויערנע פון קאַפּויער. באַראַץ, אַלס קערענסקי, איז אַ גאַנץ פיינער אָראַטאָר — אַ מין רייזנדער ציוניסט-דע-לוקס, פון אַננאָ 1896. גאָלד אַלס ״קאַפּיטאָן״ (פראַגע: קאַפּיטאָן וואָס?) האָט זייער פיין אַרויסגערעדט די ווערטער: ״איך מעלד אַז איר זענט קורץ. אַרעסטירט. ״מיט אַ פּונקטום נאָך ״זענט״, אָדער נאָך ״קורץ״. מאַדאַם קאַרפּ האָט זייער פיין געזונגען דאָס ליד: ״אין צאַרסקאָיע סעלע, גייט אויף אַ זון, אַ העלע״... און דאַן אומגעפער: ״פאַרגייט דעם יידנס שאָטן און ציון׳ס פאָן וועט פלאַטען...״ זיגמונט וויינטרויב אַלס באָריס דער רעוואָלוציאָנער האָט זייער גוט פראַנונסירט די ווערטער ״באַטיושקאַ״ און ״טאָווארישטש״. סימאַנאָף אַלס ״פרייער גייסט״, האָט זייער גוט אָפּגעריכט דעם סדר און געזונגען ״שפוך חמתך״ מיטן כאָר (קערענסקי האָט דאַכט זיך, שטילערהייט מיטגעהאָלפן. זיכער בין איך ניט).

״דאָס נייע רוסלאַנד״ איז אַ גוטע זומער-פּיעסע פאַר די ... מוזיקאַנטן. דאָס אָפּטע פאָכן מיט די פאָנען איז אויך זייער דערפרישנד פאַר די טעאַטער-גייער וואָס זיצן אין די ערשטע רייען.

עס איז זייער אַ גוטע פּיעסע אויף אַראָפּצוטרייבן פליגן!

(״דער גרויסער קונדס״ פון 11-טן מאַי, 1917).

„דער אייניציקער עדות"

דראַמע אין 4 אַקטן פון ז. ליבין, אויפגעפירט פון הער באַריס טאָמאַשעווסקי. „פּראָדאַקשן" פון הערר טאָמאַשעווסקי.

אמאָל איז געווען א ייד האָט ער געהאַט א יידענע, האָט ער ניט ליב געהאַט די יידענע. האָט ער ליב געהאַט אַן אנדערן יידנס יידענע. האָט דער אַנדערער ייד פון דער אנדערער יידענע ניט געוואוסט דערפון. האָט דער ערשטער ייד פון דער ערשטער און צווייטער יידענע ליב געהאַט אי די ערשטע יידענע, אי די צווייטע יידענע. אָבער די ערשטע יידענע איז געווען א שוואכע יידענע, א צעבראָכענע יידענע, און די צווייטע יידענע איז געווען א שלאַנקע יידענע, א גראַציעזע יידענע, און אַזויווי א מענטש איז דאָך ניט מער ווי א מאַנסביל, האָט זיך דער ייד פון דער ערשטער יידענע פאַרליבט אין דער ערשטער יידענע פון דעם צווייטן יידן, און ער האָט איר דערקלערט, אז אַ, יעפּס, יעפּס, אַזוי מוז דאָס זיין, אַן איר קען ער ניט לעבן און אז זי מוז אים אויך זאָגן, אז, יעפּס, זי ליבט אים. טאָמער זאָגט זי אים אז ניין, וועט ער עס ניט איבערטראָגן. אז די ערשטע יידענע האָט דאָס פּלוצים דערהערט, האָט זי גענומען און זיך באַהאַלטן הינטער א פאָרהאַנג, און ער — דער ערשטער ייד פון דער ערשטער וגם צווייטער יידענע — האָט אַלץ געשיפּעט זיין אַפּערעטישן יעפּס-יעפּס. אָבער די צווייטע יידענע פונעם ערשטן וגם צווייטן יידן האָט זיך מישב געווען, אז ס'קען מער ניט זיין יעפּס, און אז ס'קען ווייטער ניט אַנגיין. ווייל איר טאָכטער איז שוין א דערוואַקסענע — דאָראַ וויסמאַן, (ביז נעכטן זייגער צוועלף איז זי עס ניט געווען!) זי רייסט זיך פון אים אויס ווי א גוטע טעמע רייסט זיך אויס ביי א דראַמאַטורג און אַנטלויפט. אָבער קלמן יובעליר ווערט דערפון ניט אַנטמוטיקט. ער איז א יידישער ליטעראַט מיט צוויי ביכער-שאַפעס און מיט גרינע שפּיגל-בילדער אויף די ווענט און ער ווייסט, אז א פּרוּוו איז געגליכן צו דער אומשטערבלעכקייט: מ'דאַרף איר נאָכלויפן. לויפט ער איר נאָך און אז די ערשטע און שטענדיקע יידענע דערזעט דאָס, פאַרקאַטשעט זי אַן אויג, כאַפּט א רעוואָלווער און דער פאָרהאַנג פאַלט אויף א מינוט. די ווייזערס אויפן זייגער וואָס הערר טאָמאַשעווסקי האָט אויפגעהאַנגען אויפן פאָרהאַנג, דרייען זיך און שטעלן זיך אָפּ ביי צוועלף. מיטאַמאָל הערט מען א קנאַל, דער פאָרהאַנג גייט אויף, — די יידענע איז טויט. פּאָליציי, פאָלק, שכנים, כאַריסטן, מוזיק. איינער פון די כאַריסטן לייגט צו אַן אויער צו דער אַלגעמיינער אַטמאָספערע און זאָגט: „זי איז טויט". דאַן גייט צו דער פּאָליסמאַן און פרעגט זי, ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט. זי וויל עפּעס זאָגן, אָבער זי קען בלויז אַרויסברענגען די ווערטער: מיין מאַ-ן.

אופּהוי! מיר שמעקן בלוט, ראַכע, אינטריגע, פּלאָנטעריזם: דער מאַן וועט באַשולדיקט ווערן אין מאָרד. ער וועט ניט קענען באַווייזן זיין אומשולד, סיידן ער זאָל פאַרפלעקן דעם ריין-אויסגעלאָנדרעטן (אויסגעוואַשענעם — ע.ל.) נאָמען

פון דער פרוי נומער 2. וועט ער עס טאָן? וועט ער עס ניט טאָן? — די געשיכטע וועט עס באַווייזן.

דערווייל ברענען מיר מיט שרעקלעכער אומגעדולד. מיר קוקן אויפן זייגערל, אויף אונדזער שטעקן. אויף דעם פייערמאַן וואָס שטייט ניט ווייט פון אונדז. עס באַווייזט זיך א וויץ. צוויי מענטשן טראָגן אים אויף די פּלייצעס. עס איז דער טערמאָמעטער-וויץ. צוערשט ווערט דער נעמלעכער וויץ פאַרגעשטעלט אין א לאַנגן מאָנאָלאָג פון מאַדאַם אבראַמאָוויטש, דאַן ווערט ער פּאָפּולאַריזירט און קלאָר געמאַכט פון פּעטער גראָף. צייט-פאַרלויף: 19 מינוטן. דאַן קומט (ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן!) א צווייטער וויץ און נאָך אים א דריטער און — מער איז שוין ניטאָ. דראַמע: טאָמאַשעווסקי קומט פונעם קאָנווענשן (שיקאַגאָ אָדער מינעאַפּאָליס?) און ער — ווערט געוואָר פון דער גאַנצער געשיכטע... הע-הע.

מיט דער לינקער האַנט טיף אַריינגעצויגן אין אַרבל — גייט ער אַרום א פאַרצווייפלטער: זיין ערע! זיין ריינער נאָמען אַלס סקול-פּרינציפּאַל (שול-דירעקטאָר — ע.ל.) עס קומען זיינע קינדער. עס גייען אַוועק זיינע קינדער. עס קומט איר שוועסטער. עס גייט אַוועק איר שוועסטער. אָבער די דראַמע גייט ניט אַוועק אויף א מינוט. עס באַווייזט זיך דער אַדוואָקאַט. פריער באַמערקט ער אַז ער מוז געפינען די שולדיקע און אַז ער איז איבערצייגט, אַז זיין קליענט (דער ערשטער מאַן פון די אַלגעמיינע 2 יידענעס) איז אומשולדיק, נאָר עפּעפּע, ער וויל ניט אַרויסגעבן די פרוי מיט וועלכער ער האָט פאַרבראַכט יענע נאַכט בשעת דעם גוואַלדיקן אומגליק. טאָמאַשעווסקי זאָגט: דו זאָלסט ליי-ע-קענען. זאָל ער שטאַרבן ווי א הונט!...

מילא, איז מען דאָך עפּעס יידן: פּאַציפיסטישע נאַטורן. מישן זיך אַריין 2 אַקטן און ענדערן די לאַגע. ביים סוף פון דריטן אַקט האַלט עס שוין אַזוי ווייט, אַז טאָמאַשעווסקי זאָגט: דו מוזט און (פאַרשטייט זיך!) דו זאָלסט אים רעט-הען. זי רעט-העט אים. נאָכדעם ווי זי האָט געהאַט א דראַמאַטישן קאַמף מיט דער טאָכטער. עס גלעט זיך אויס, עס ביגלט זיך אויס. עס "פינישט" זיך.

אומקלאָרקייטן פון דער פּיעסע: 1) וואָרום איז דעם ליטעראַטס רעוואָלווער אין ערשטן אַקט אַזוי פאַרדעכטיקט? ווייסן ניט די העלדן, אַז מיר לעבן אין א צייט ווען יעדער דראַמאַטורג מוז זיך שטעלן קעגן דער קריטיק מיט א רעוואָלווער אין האַנט? 2) פאַרוואָס האָט מען דעם זייגער ניט אויפגעהאַנגען אביסל נידעריקער, אַזוי אַז אפילו די וואָס זיצן אין די לעצטע רייען זאָלן אויך קענען זען און הנאה האָבן? 3) פאַרוואָס הייסט דער חתן אַנדריו און ניט הערמאַן? וואו זיינען גוואַלד-געשריען אַהינגעקומען ליבינס הערמאַנס? 4) פאַרוואָס ווערט דער סקול-פּרינציפּאַל פאַרדעכטיק אויף דעם שריפטשטעלער, בלויז דערפאַר וואָס יענער רופט אַלע זיינע העלדינעס מיט דעם נאָמען פון

זיין (דעם פּרינציפּאַלס) ווייב? אַט רופן מיר אלע אונדזערע העלדינעס קאַסיא, און פאַרליבט זיינען מיר גאָר אין אַ פּרוי מיטן נאָמען אַנאַ לעווין-אַלעקסאַנדראָוונאַ?

ייִדיש טעאַטער (פּערזאָניפיצירט — קעני ליפּצין).

"די כוחות גייען מיר אויס. איך קען שוין ניט שלעפּן מיינע פיס, און אַפילו אַ קוליע איז שוין אויך ניטאָ".

12־טן אָקטאָבער, 1917.

קריטיק: די פּיעסע איז אַ ריינע פּיעסע. — זייער אַ ריינע פּיעסע. ניט נאָר איז זי ריין פון פּאָרנאָגראַפיע, נאָר אויך פון פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן. זי איז ריין פון דערפינדערישקייט, ריין פון גוטן עכט-ליבינישן הומאָר, ריין (מיט דער אויסנאַם פון דער סצענע צווישן טאָכטער און מוטער) פון סיטואַציעס, וואָס זאָלן ווייך און וואַסערדיק מאַכן די אויגן. וואו איז אהינגעקומען, זאָגט מיר,

דער גוט-באַקאַנטער טרערן-ראַקפעלער ז. ליבין? (וואָס איז געוואָרן מיט דעם גרויסן קרעכץ-מייסטער פון "די געבראָכענע הערצער"? (14) וואָס איז געוואָרן פון ליבינס כוח צו אָרגאַניזירן אַן אַמעריקען-פּעדערײשן-אָף-אַלערליי-אומגליקן און — אָנגעמענדיק, אַז די דאָזיקע מעלאָדראַמע איז ניט קיין שלעכטע — וואָרום פּאַרפּאַסט ער זי ניט? און פאַרוואָס לאָזט ער זי אַרומגיין אַזוי-אַ, — אַ ניט-אָנגעשריבענע?

וועגן דער שפּילעריי: טאָמאַשעווסקי האָט גוט פּאָזירט אָבער — שלעכט גערעדט. זיינע ווערטער האָבן אָפּגעלייקנט זיינע זשעסטן און — פאַרקערט. אגב, דערלויבט מיר צו באַמערקן, הער רעדאַקטאָר, אַז טאָמאַשעווסקיס שיך-זוילן זיינען שרעקלעך ניי. (איך האָב עס געזען אין דריטן אקט). הפּנים אַז די בינע איז ביי טאָמאַשעווסקין אַזוי אָפּגעהיט, אַז אַזוי גיך ווי ער קומט אַרויף אויף די ברעטלעך, טוט ער זיך אָן נייע שיך, אַ ניי קול, אַ נייעם הוטל, עטצעטערא. מאַדאַם אַבראַמאָוויטש און מאַדאַם עפּשטיין האָבן (ווי תמיד!) געשפּילט "בעסער ווי תמיד". אויך פּעטער גראַף האָט געשפּילט מיט 90 פּראָצענט מער ווי די ראָלע. דאָרא ווייסמאַן איז געווען גוט אין די הויך-דראַמאַטישע מאָמענטן און בעסער, אין די שטילערע. בערטאַ גערסטין האָט געשפּילט ווי עס וואָלט איר געגאַנגען אין לעבן! זי האָט הפּנים פאַרגעסן אַז די בינע איז אַן אָרט, וואו שיינע פּרימאַדאָנעס קומען געוויינלעך אַרויף זיך אָפּרוען פון דעם טעאַטער, וואָס זיי שפּילן אין פּריוואַט-לעבן.

שלום-וואָרט: מיינע האַרץ-געטרייע לעזער האָבן געוויס באַמערקט אַז איך האָב צוגעזעצט אַ דאָקטאָר-טיטל צו מיין נאָמען. דאָס איז דערפאַר, ווייל איך האָב זיך מישב געווען אַז וואָס וועל איך גיין נעמען און ניט זיין קיין דאָקטאָר, אַז אַלע דראַמאַטישע קריטיקער זיינען דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן? (15) מיין פולשטענדיקער טיטל איז: משה נאַדיר פּ.ב.ד. (פריייע בילעטן דאָקטאָר) און ב.א.ז.ק.צ.ש.ב.פּ. (בעטשלאָר אָף זיידענע קראַוואַטלאַך צו שפּאָט ביליקע פּרייזן).

("דער גרויסער קונדס" פון 14-טן סעפּטעמבער, 1917)

"דער אמתער פריינד"

קאָמעדיע-דראַמע פון יאָזעף לאַטיינער, אויפגעפירט פון דייוויד קעסלער אין קעסלערס טעאַטער, מוזיק פון יאָזעף ברודי, ליריקס פון איזידאָר ליליען.

ליריקס. בחצוצרות וקול שופר. עטוואָס איבעראַשענדעס. פינפטע וואָכע. יאָזעף איזידאָר. הייליקע אויסשטאַטונג. די געטלעכע ראָלע פון פּרנס. סאָסייטיס לאַדזשן און אַרבעטער-רינג ברענטשעס קענען שוין בוקן זייערע דעיטס פאַר בענעפיטס פאַר דזשענואַרי און פעברואַרי, צו ביליקע פּרייזעס.

דאָס איז ליטעראַטור אַרונטערגעלייענט פון די יידישע טעאַטער-אַנאָנסן, פון זייערע רעקלאַמעס אין די בלעטער. און מיט אַ בחצוצרותדיק געמיט, און אַ קול

שופרדיקער גרילצעריי אין די נשמה-אויערן גייט א ייד אין טעאטער אריין, טרינקט אויס א פעסעלע אויגנוויין, און דער ברויטיגאם טוט שוועמען פאר דעם מיידזשכען, און פאלעסטינעלע איז א מדינהלע, און אי שפרינצע, אי פארדינצע אי געפינצטע.

גייט א ייד פון טעאטער ארויס, פון טעאטער ארויס, — פילט ער ווי צו שלאָגן א פאָר יידישע שייבעלעך אויס, פילט ער ווי צו באגיין א זעלבסט-פיעסע, פילט ער ווי ארויפצולייגן דעם ערד-קוגל אויף דער פלאך פון זיין האנט און אים א שליידער טאָן אזוי ווייט, אז סע זאָל קאָסטן זיבן הונדערט דאָלאר — אים צוריק-צוברענגען, פילט ער ווי דער שכל איז ביי אים אנטשלאָפן געוואָרן אין 4 אקטן און ער קען אים ניט אויפוועקן.

"דער אמתער פריינד" איז אנאָנסירט אלס אן אמתדיקע לאטיינער-פיעסע. דאָס איז זי ווירקלעך! א מער אמת-לאטיינערשע, מער אומפארשטענדלעכע פיעסע האָט נאָך דער אומהייליקער יאָזעף ניט פארפאסט. עס איז לאטיינערשער ווי לאַטיין, גריכישער ווי גריכיש, כינעזישער ווי כינעזיש!

אין איין אקט פון "דער אמתער פריינד" איז פאראן גענוג שמירעריזם, צו פארפלאכן הונדערט — צוויי הונדערט, דריי הונדערט ביליקע מעלאָדראמען. דער פארסעפטעמבערמאָרגנטער לאַטיינער שטייט א נאקעטער, אַן אנטמענטשל-טער, מיט דער הוילער שונדע אין דרויסן און באָדט זיך אין א טייך פון גילדענע ראַיאלטיס (16), ער שווימט אין א ים פון ליריקס, און ער שמייכלט אויף לאטיינעריש, צו די פעטאָנגעשמירטע טאנטעס אין די ערשטע רייען, צו די זעמלבעקערבאלעבאטים אין די לאָזשן, צו די היטלמאכער אויף דער באלקאָני, צו די עקסעלענצן אויף דער גאלערי.

"דער אמתער פריינד" איז ניט קיין אינדיווידועלער משוגענער. עס איז א גאנץ משוגעים-הויז וואָס איז אראָפּ פון זינען. עפּעס קרייט מען דאָרטן, עפּעס שרייט מען גוואלד, עפּעס זינגט מען דאָרט קופּלעטן, עפּעס רייסט מען זיך די האָר און מען פאָכעט מיט פענדלעך, אָבער דו ווייסט ניט פארוואָס. עס איז אן אומֿמעגלעכקייט אין 4 לאנגע נערוונרייסנדע אטאקן, עס איז א שטיק סענטימענ-טאל-לעקעכדיקער אומזין, באשמירט מיט האָניק, דאן באשאָטן מיט צוקער און דאן באגאָסן מיט סיראָפּ און באדעקט מיט לאקריץ. עס איז אָנדערטהאלבן מאָל וויינִיקער ווי גאָרניט און טויזנט מאָל מער ווי אלצדינג. עס איז א פיר-אקטיקע באגרינדונג פון דער נארישער טעאָריע, אז מענער האָבן ניט מער וואָס צו טאָן נאָר צו רויבן די ערעס פון אָרעמע, אומשולדיקע מיידזשכענס. עס איז געבויט אויף דעם אָנגענומענעם טעאטער ליגן, אז מיידזשכענס וואָס מ'רויבט ביי זיי די ערע, קומען צו זייערע פארפירער און בעטן זיך, אז מ'זאָל זיי צוריק אָפּגעבן די גערויבטע ערע, ווייל אָן דעם זיינען זיי ווי אָן א האנט. עס איז אויפגעבויט אויף דעם מוסטער פון א-ווי-וואגט-איר-אזוי-צו-רעדן-צו-מיר-פאטאָס. עס איז

די געשיכטע פון אן ארבעטער-מיידזשכען וואָס באקאנט זיך מיט א צילינדער-קאפעלוש און ווייסע האנטשיך. זי איז ריין און אומשולדיק און פול מיט ערע. אָבער ער-ע? ער איז שוין ניט אזוי. ער האָט שמוציקע, געמיינע אבזיכטן. ער צעברעכט זי און — ער שטעלט זי ניט צוריק צונויף. אין צווייטן אקט איז די חתונה פון דעם פארפירער מיט אן אנדער מיידזשכען. א פייף פון אן אויטאָמאָביל און — עס שיטן זיך אריין די געסט, וועלכע זיינען מסתמא געשטאנען אינדרויסן און געווארט אויפן סיגנאל. דערווייל זעען מיר — אויף דער אנדערער העלפט פון דער בינע — די פארפירטע. זי האָט זיך שוין אנטפרוכטעט מיט א קינד. זי דערקלערט אז זי האָט איר קינד געשיינקט ס'לעבן — אבסאָלוט פריי. זי האָט אים גאָרניט גערעכנט דערפאר. עס קומט אריין איר באלעבאָסטע, אוןביידע זעצן זיך שיילן קארטאָפליעס. אינמיטן דרינען דערציילט די באלעבאָסטע, אז זי קומט פון ״גראָסערי-סטאָר״ (שפייז געוועלב — ע.ל.) און אז עפעס א יונגערמאַן איז דאָרט געשטאנען און דערציילט (פאר פרעמדע מענטשן, מערקט אייך!) א געשיכטע וועגן א מיידל וואָס מ׳האָט זי רואינירט. ״און א חוץ מיר — אזוי האָט ער געזאָגט — האָט זי קיינעם ניט אויף דער וועלט״. זיין נאָמען איז סיימאָן שאפיראָ. ״סיימאָן שא-וואָס?״ — סיימאָן שאפיראָ. ״אך!״ און זי פאלט אוועק און זי ווערט... משוגע. און זי וויל דערהרגענען דאָס קינד, מיט גאז. קומט ארויף צולויפן שאפיראָ און ברעכט אויף די טיר און רעטעט זי — צום ערשטן מאָל, און צום צווייטן מאָל, און צום דריטן מאָל. און דאָ, הויבט זיך אָן די טראגעדיע.

מאָשקאָוויטש (17) דער פארפירער (וועלכער איז איצט שוין א פראָקוראָר) ניט האָבנדיק מער קיין מיידזשכענס צו פארפירן, פארפירט ער א... פראָצעס קעגן דעם מיידזשכען. פלוצעם — קרייצהאָגל! — דערקענט זי אים. מאָריס שווארץ, דער נאָבעלער אדוואָקאט, וואָס וויל רייגוואשן דעם מיידזשכענס ערע אזוי אָפט ווי מעגלעך — דערקענט אים אויך. אָבער עס העלפט ניט. דער פראָצעס גייט אָן פאר דעם ריכטער סימאָנאָף. מ׳ערקלערט זי שולדיק. זי זאָגט גודבאי צו שווארצן. שווארץ זאָגט גודבאי צו איר, ווי אין מאדאם עקס. ״גיט דער מאדאם עקס-לאָקס״ — וויל ער זאָגן, ווייל ער ווייס אז אין געפענגעניש וועט זי ביינקען נאָך א שטיקל לאָקס, אָדער א גערויכערט פישל, אָבער — עס איז צו שפעט. דער פאָרהאנג שניידט אָפּ אלע מעגלעכקייטן, ווי מיט א מעסער.

אין פערטן אקט הויבט זיך אָן די עכט-לאטיינערשע אויסשלאכטונג און מיר טראכטן: מילא די אקטיאָרן זיינען שוין פארפאלן. לאָז מען כאָטש ארויסראטעווען דעם סופליאָר, — זאָל ער כאָטש ארויס א לעבעדיקער.

״דער אמתער פריינד״ איז א זאמלונג פון אלע שוואכקייטן פון דער גאנצער וועלט מיט א סטענגע פון אויבן. עס איז א חג-האסיף פון דראמאטישע אלטווארג. עס איז א גרויסער קארנאוואל פון אוממעגלעכקייטן. עס איז א פיעסע פון סאמע איבעריקע פערטע אקטן, עס איז יאָזעף לאטיינער.

אַרויסגייענדיק פון טעאַטער האָט אונדז מאַקס ווילנער (18) כמעט ווי געזאָגט: וואָס ווילט איר? לויט אַן אַלטע, אויסגעדראָשענע, שלעכט־אָנגע־שריבענע מעלאָדראַמע, אַן אַן אינהאַלט און אַן אַ לעבן איז דאָס גאַנץ פיין!...

און איצט ווערט משה נאַדיר פּאַטעטיש און פרעגט: צו וואָס דאַרף מען נאָך שרייבן אַזוינע פּיעסן, אַז ניט געשריבענערהייט זיינען זיי פּונקט אַזוי אומגעגלעך, פּונקט אַזוי הויל פון יעדן געדאַנק, פּונקט אַזוי נאַקעט פון יעדער אינהאַלטלעכקייט?

"דער אמתער פריינד" — רעזומירט מ.נ. — איז ניט נאָר אַ שלעכטע פּיעסע, נאָר שלעכט אויף דעם זעלבן טויט־געשריבענעם אופן ווי אַלע אַנדערע יידישע פּיעסן. גיט מיר אַ פּיעסע וואָס זאָל זיין אַנדערש שלעכט, און איך וועל זיין צופרידן. גיט מיר אַ דראַמע וואָס זאָל זיין זעלבסטשטענדיק־אידיאָטיש און איך שווער אייך ביים שטויב פון גאָרדינס "סיביריאַ" (19), אַז איך וועל אָנבויגן מיין קאָפּ מיט פּאָרכט. איך פרעג ביי די הערן אַדלער־קעסלער־ווילנער: פאַרוואָס, אַז עס פאַלט דורך אַ פּיעסע פון זאַלאַטאַרעווסקי, האַלט איר אַז זי איז דורכגעפאַלן דערפאַר וואָס זי איז ניט גענוג מעלאָדראַמאַטיש און איר לויפט באַלד אַוועק צו לאַטיינערן און צו ראַקאָוון, בשעת עס פאַלט דורך אַ ליטעראַרישע פּיעסע פון ז. ליבין, זאָגט איר אַז זי איז דורכגעפאַלן דערפאַר, וואָס זי איז ניט גענוג ליטעראַריש און איר לויפט ניט אַוועק צו שלום אַש, אָדער צו אָסיפּ דימאָוו, אָדער צו לעאָן קאָברין, נאָר איר לויפט (סייווסיי) אַוועק צו די לאַטיינערס און צו די ראַקאָווס און צו די ד"ר לאַנדמאַנס! (20) איך פרעג: פאַרוואָס באַשטעלט איר אייער דראַמאַטישע ליטעראַטור ביי יעדן סטאָלער, מצבה־שלעגער, קאָרטנ־וואַרפער, זייגערמאַכער, פלאָמבער, היטלמאַכער, און פון קיין שריפטשטעלער טראַכט איר ניט? צי פאַלט אייך ניט אַמאָל איין, מיינע וואונדערבאַרע געשעפטס־לייט, אַז אַ פּיעסע קען געשריבן ווערן אויך פון אַ שרייבער, פּונקט ווי זי קען געשפּילט ווערן אפילו פון שוישפּילער?...

אַפּראָפּאָ: אייער שפּילן, הער קעסלער, איז געווען זייער שלמה'לע שאַרלאַ־טאַניש, בכלל, שפּילט איר די לעצטע יאָרן בלויז שלמה'לע שאַרלאַטאַן (21). אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער, אָבער שלמה'לע שאַרלאַטאַן שפּילט איר. פּונקט ווי יעקב פּ. אַדלער שפּילט ביי יעדער געלעגנהייט — מער ווייניקער — קעניג ליר (22), און פּונקט ווי טאָמאַשעווסקי שפּילט תמיד נאָך אַ סך שוואַכער ווי מ'דענקט אין די "טעאַטער־קריזן". איין גאָט ווייסט ווי שוואַך מ'דענקט אין די טעאַטער־קריזן!

מאַשקאָוויטש האָט זיך זייער חנעוודיק געגליטשט אויף אַ פּוס און זיך געבחורט. שוואַרץ האָט געשפּילט גלענצנד — אַזוי ווייט ווי איך האָב עס געקענט זען פון זיינע גלאַנצעדיקע לאַק־שיך. זיין אַדוואָקאַטישע רעדע האָט אַרויסגערופן אַ וואָלקנבראָך פון ווייבערשע טרערן. ראָזאַ קאַרפּ האָט, אַך! געזונגען. בעסי ווייסמאַן האָט געטראָגן קאָסטבאַרע קורצע קליידער, וועלכע האָבן

אויפגעדעקט א היפש ביסל פון איר יונגן טאלאנט. מאדאם ווילענסקי און מאדאם נאדאָלסקי האָבן געטאָן אייניגעס! בערנשטיין האָט געמאכט "מגיע", געשאָקלט מיט דער באָרד, געטאַנצט, און ווען ניט ער, וואָלט אפשר די דאָזיקע פּיעסע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד פון לאַנגווייליקייט.

("דער גרויסער קונדס", פון 5-טן אָקטאָבער, 1917)

"מזל טוב"

אָפּערעטע אין 4 אקטן פון הער באָריס טאָמאשעווסקי. מוזיק פון יאָזעף רומ-שינסקי. טענץ אראנזשירט פון דען דאודי.

איך, משה נאדיר, בין א נידערטרעכטיקער מענטש, א באנדיט, א לומפּ, א פארקויפטע נשמה. פאר דער ריזיקער סטיפּענדיע וואָס איך באקום וואָך-ווערכנטלעך פון מיין באַלעבאָס, מאַרינאָוו (23), בין איך גרייט צו זידלען יעדן איינעם. אפילו אָנצורירן דאָס פּערזענלעכסטע וואָס א מענטש פאַרמאָגט. פרעך און אומפארשעמט טו איך אריינדרינגען אין אלע הייליקטימער פון דער קונסט.

און ווייסט איר וואָס נאָך? ווען איך, נאדיר, זאָל צום ביישפּיל אויסגעפינען, אז איר לעבט ניט גוט מיט אייער וויבּ, וועל איך עס אריינשטעלן אין מיין "טעאטערריי". — — — אָט אזוי אומגעפער האָט מיר געזאָגט אן עמינענ-טיסימאָ פון א יידיש טעאטער, בעת איך בין געשטאַנען מיטן בילעט אין האנט און געפּאָדערט מ׳זאָל מיך אריינלאָזן אין דעם קונסט-טעמפּל. עס איז צוגעגאַנגען זייער דראמאטיש. איך האָב פארטיידיקט מיין צעך מיט די בעסטע ווערטער וואָס איך האָב נאָר געהאַט. ער — דער יונגער אימפּרעסאריאָ — האָט זיך געבייזערט, געשפּריצט מיט פּליסיק אויגנפייער, געשריען אז ער וויל ניט מיין געלט און ער וויל ניט איך זאָל אריבערטרעטן די שוועל פון זיין סאַנקטום. ענדלעך איז ער געוואָרן לירישער, לירישער, זייער ליריש. דער דונערקנאַל פון זיין לאַנגער טיראַדע האָט זיך אויסגעציטערט אין דער עלעקטריש-אָנגעזידלטער לופט. ער איז געוואָרן אינטימער, בּרידערלעכער, כמעט ריירנד. א טרער האָט זיך געגליצטשט אין אויג פון דעם יונגן, שלאַנקן אימפּרעסאריאָ, בשעת ער האָט מיר דערקלערט אז מענטשן פון מיין סאָרט רואינירן דאָס טעאטער-געשעפט, גראָבן אונטער דעם באָדן פון דעם גלויבן אין דער קונסט, צעשאָקלען די זיילן פון פּאָלקסצוטרוי, גנבענען ארויס דעם שלאָפנדן אפּלאָ-דיסמענט וואָס רוט צווישן די הענט פון די ארבעטער-מאסן, עטצ.

איך האָב אים געענטפערט: — מיין פריינד, אייער געשעפט גייט מיך ניט אָן. איך זע אפילו ניט איין די נויטיקייט אז אזוינע ניט-איבעריק פּעיקע, ניט-איבעריק קלוגע, ניט-איבעריק געבילדעטע, ניט-איבעריק פּאכמענישע מענטשן ווי איר, מיין יונגער הער אימפּרעסאריאָ, זאָלן מוזן פאָרן אין טייערע אויטאָמאָבילן און זיך באָדן אין טויזנטערס. איך זע ניט איין, מיין יונגער

הער, פאַרוואָס איך בין מחויב צו וויסן די פּריוואַטע שוואַכקייט פון יעדן ייִדישן אַקטיאָר, אָדער אַקטריסע. כדי זיך צו קענען אויסהיטן פון צו דערמאָנען די זעלבע שוואַכקייטן אין מיינע קריטיקן. און איבעריקנס, מיין יונגער אימפּרעסאַריאָ, האָב איך קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז דער הער סטאַריקוס וואָלט געקענט שפּילן בעסער נאָר ער וויל ניט! איך האָב קיינמאָל ניט געטאָן באַהויפּטן אַז דאָס ניט-קענען-שפּילן איז ביי אונדזערע שוישפּילער אַ געמאַכטע. אדרבא, איך האָב אַלעמאָל געשריבן אין דער צייטונג פון וועלכער איך באַקום מיין סובסידיע, אַז ס׳רוב פון אונדזערע אַקטיאָרן און דראַמאַטורגן זיינען נאַטירלעכע טאַלאַנטלאָזיקייטן, ניט קיין געקינסטלטע. און עס איז מיין מיינונג, ליבער הער דירעקטאָר, אַז ווען אַ זינגער איז, למשל, נאַטירלעך הייזעריק, דאַרף ער ניט אַרויסקומען זינגען. ווען אַ שוישפּילערין האָט די נאַטירלעכסטע אייניקלעך אין דער וועלט, דאַרף זי ניט שפּילן די ראָלע פון אַ ליבהאָבערין. ווען אַ דראַמאַטורג איז אַ נאַטירלעכער וואַסערקאָפּ און אידיאָט, דאַרף ער ניט שרייבן קיין פּיעסן. דער פאַקט אַז די אַלע מענטשן זיינען נאַטירלעכע קאַליקעס שליסט זיי ניט אויס פון קריטיק — כאָטש די קריטיק מוז אין אַזאַ פאַל, אָנרירן די פּריוואַטע שוואַכקייטן פון אַ מענטש, כאָטש מען מוז אין אַזאַ פאַל ווערן פּערזענלעך. פאַרשטייט איר עס, מיין יונגער לאָקנקאָפּ? באַגרייפט איר אַז אַ קריטיקער קען זיין פּערזענלעך ריין און דאָך זיין ריין פּערזענלעך? פאַרשטייט איר, אַז ווען אַ מענטש באַנוצט זיך מיט זיינע פּריוואַטע שוואַכקייטן אַלס קונסט-מיטל, דאַן ווערן זיינע פּריוואַטקייטן אַן עפנטלעכע זאַך, און זיי ווערן אויסגעשטעלט צו דעם געלעכטער פון אַזוינע האַרצלאָזע מענטשן ווי איך?

און וואָס עס קער זיך אָן מיט אייער באַשולדיקונג, אַז איך רייד אויף אייך שלעכטס, דערפאַר ווייל אייער טעאַטער האָט אַרויסגענומען די אַנאָנסן פון דעם ה׳ מאַרינאָוו׳ס באַרימטן זשורנאַל, ווייל איך אייך, יונגער הער אימפּרעסאַריאָ, דערמאָנען אָן דעם פאַקט, אַז איך שרייב ניט קיין שלעכטס אויף אייער טעאַטער דערפאַר ווייל איר האָט אַרויסגענומען אייער רעקלאַמע, נאָר פאַרקערט: איר האָט אַרויסגענומען אייערע אַדווערטייזמענטס פון „קונדס״ דערפאַר, וואָס עס איז אייער הויכקייט ניט געפעלן מיין קריטיק אויף די גאַטועליקע „מלחמה-כלות״! און ווידער וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם פאַקט, אַז דער דאָזיקער זשורנאַל, אין וועלכן איך באַגיי מיינע וועכנטלעכע זינד, האָט אויפגעהערט צו דרוקן אַלע טעאַטער-אַנאָנסן, כדי אונדזערע איידעלע הענט זאָלן זיין ריין פון דער שונד-און-שאַנד-בלאָטע, און אונדזערע שמאַכטנדע טאַשן זאָלן זיין דורכאויס אומבאַפלעקט פון די זנות-און-שטות-רענדלעך, וואָס רינען אַריין אין די קאַסע-קעסטלעך פון אייערע טעאַטערן. פאַרשטאַנען? און אויב אייערע טעמפּלען זיינען הייניקן סעזאָן אָנגעפילט מיט דער ריזיקער אָפּוועזנהייט פון אַ גרויסער צאָל טעאַטער-גייער, גלעטן מיר זיך אַליין איבער אונדזערע פּריש-גערויזירטע באַקן און מיר גיבן זיך אָפּ אַ דאַנק, און מיר שמייכלען זיך מיט דעם פאַקט, אַז צווישן ייִדישן טעאַטער-עולם איז, נאָך אַלעמען, פאַראַן אַ היפּשע

צאָל מענטשן וואָס פאַלן אַריין אין יידישן טעאַטער בלויז פון לאַנגווייל, בלויז דערפאַר ווייל עס איז ניטאָ קיין אַנדער אָרט וואוהין אַריינצוגיין און זיך אָנוואַרעמען די פיס. בלויז דערפאַר וואָס די קינסטלער מיט גוטן געשמאַק זיינען אַזוי אָפּגעלאָזן, אַזוי גלייכגילטיק, און האָבן ניט קיין ענערגיע אויפצו־בויען עפּעס אַ ווינקל פאַר דער פיינזיניקער קונסט, פאַר דעם ערלעכן טעאַטער־שפּיל; פאַרשטאַנען? און יעדער שוישפּילער וואָס ווייזט אַרויס אַ שפּור פון אמתן טאַלאַנט אַזוי ווי דער ה׳ גאָלדענבורג (24) צום ביישפּיל, ווערט פאַרטריבן פון אונדזער דראַמאַטישער מילך־שטראַסע, כדי ער זאָל חלילה ניט אַריבערלויכטן די קליינע ליכט וואָס טוען לייכטן ביינאַכט. פאַרשטייט איר דאָס אַלעס, מיין יונגער הער אימפּרעסאַריאָ?

נאָך דער דאָזיקער אַביסל צוגעטראַכטער רעדע, איז מיין אימפּרעסאַריאָ געריירט געוואָרן און מיר געעפנט די טויערן פון זיין טעמפּל, און איך בין אַריין זען, הערן און באַוואונדערן טאָמאַשעווסקיס "מזל־טוב".

און וואָס האָב איך געהערט? איך האָב געהערט דאָס הויכע ליד "פּיר גדולים" געזונגען ביי באָריס טאָמאַשעווסקי (כ׳גיב עס איבער בקיצור):

אין הימל 4 שטערן, דאָרט שיינען 4 הערן.
דאָס האָבן מיר יידן געציילט.
מענטשן געציילטע, אין דער וועלט אויסגעווײלטע,
פון גאָט און נאַטור אויסערוויילט.
— — — — — — — — — (ריזן)
געשפּראָצט האָבן זייערע פּעדער ווי שפּיזן.
וואו נאָר אַ שטיבעלע, וואו נאָר אַ גריבעלע
דערמאָנט מען זיי תמיד היינט.
פון יעקב׳ס קינדער, אַ יעקב געצעלט,
צווישן יעקב׳ס קינדער אַ יעקב געוויילט,
יעקב גאָרדין זיין נשמה שוועבט.
אוי, דו ביסט געשטאָרבן, דיין דראַמע לעבט.
כבוד און מורא און דרך־ארץ
זיינען דיינע שריפטן יוד למד פרץ.
יוד למד פרץ דיין נשמה שוועבט
יוד למד פרץ, דיינע שריפטן ל ע ב ט (?!)
דו ביסט דער ערשטער וואָס פילט דעם יידנס קלאָג
דו ביסט אונדזער גרויסער דיכטער, ביסט אונדזער פרוג.

אָט אַזוי זינגט אַב. קאַהאַנס "גרויסער שריפטשטעלער און שוישפּילער" הער באָריס טאָמאַשעווסקי, ווען ער באַגייסטערט זיך פאַר "פיר יידישע גדולים". אַטאַזוי, אַטאַזוי צעבדחנט זיך, אונדזער אַלגעמיינער באָריס ווען ער ווערט פרומלעך און יידישלעך און ער הויבט אָן שלעפּן אויף דער בינע טליתים,

מחזורים, ספרי תורות, מלחמה-כלות, ציון-פּאַנען, מגן-דודס, און אנדערע הייליקייטן. און דער מענטש פאַרשטייט אפילו ניט, אז דאָס איז א סאַקרילעגיום, פאַרשטייט ניט, אז דערמאָנען דעם נאָמען פון א טויטן יידישן קינסטלער אין אזא נאַריש ליד איז א חילול-השם, איז א פאַרשוועכונג פון דעם גוטן נאָמען וואָס דער קינסטלער האָט איבערגעלאָזן. ער מיינט, אדרבא, אז פאַרקערט: עס איז זייער שיין, מיינט ער, זייער הייליק, צו שלעפּן ספרי-תורות אויף דער בינע, און טליתים און צו זינגען משיח-לידער, און אז דאָס "יידישע פּאַליעק" דאַרף אים אדרבא, דאַנקבאַר זיין דערפאַר. דאָרט וואו עס פעלט גוטער געשמאַק!!

"מזל-טוב" איז רייך סצענירט. טאַמאַשעווסקיס באַגריף פון רייכקייט איז צו טראָגן גאָלדענע הויזן מיט א היטל פון ראַדיום. זיין באַגריף פון שיינקייט איז — א גאָלד-געשעפּט פאַראייניקט מיט א מוזעאום און א צירק.

אין "מזל-טוב" וואַרפט מען אייך אין אויג אריין ביליקע רעגנבויגנס, מען דערטרינקט אייערע אויערן אין גראַנד-אָפּעראַ, מען צעטומלט אייך מיט עקסטרע דרייסיק פּאָר פּיס. מען מאַטערט אייך מיט פּלייטן, פידלען און קעסלפּויקן. מען באַגראָבט אייך אונטער א באַרג פון פּאַנען, גרזאַנג, טענץ, ליריקס, קליידלעך, אונטערקליידלעך, פּאַראַסאָלן און זאָקן, אז עס הייבט אייך אָן צו שווינדלען פאַר דעם ביסל אויגן וואָס עס איז אייך נאָך געבליבן און — ווי זינגט פּעטער גראַף? — עס שאָקלט זיך, שאָקלט זיך! עס שאָקלט זיך די ליבערעטאָ, עס שאָקלט זיך דער לייט-מאָטיוו, עס שאָקלט זיך די צונויפגעשאָקלטע מוזיק, עס שאָקלען זיך די אַלטע, צום טויט-פאַנאַנדערגעשאָקלטע וויצן, עס שאָקלט זיך דער צוטרוי פון דעם טעאַטער-גייער, עס שאָקלט זיך דאָס קאַסע-קעסטל און עס שאָקלט זיך דער געדאַנק, אז אב. קאַהאַן האָט פאַרגליכן דאָס דאָזיקע שאָקל-ווערק צו דער תורה (25). עס שאָקלט זיך דאָס האַרץ און באַקומט די ים-קראַנקהייט, פון די שאָקלדיקע "גלאַטע און סמאַטע" פראַזע, פון דער שאָקלדיקער, וואַקל-דיקער, פאַלנדיקער יידישער בינע, וועלכער עס דאַרף נאָך נעמען א שיינע פּאָר יאָר ביז וואַנען זי וועט דערגיין צוריק צו... גאָלדפאַדנ׳ס שולמית.

"מזל-טוב" איז ניט קיין אָפּערעטע. אַן אָפּערעטע דאַרף זיין לייכטזיניק, אָבער ניט זיבנפּאַכיק אידיאָטיש. צו זיין לייכטזיניק איז א קונסט. מ׳דאַרף עס לערנען! צו זיין גראָב, אומגעלומפּערט, געשמאַקלאָז, רוי, שניידעריש, בדחניש, איז א נאַטירלעכע זאַך ביי אונדזערע טעאַטער-לייט.

אמת, אַן אָפּערעטע דאַרף ניט האָבן קיין אינהאַלט, אָבער די אינהאַלטלאָ-זיקייט דאַרף זיין א גאַנצע, אַן אויסגעהאַלטענע. איר אָפּגעלאָזנקייט דאַרף זיין — סטיל. זי דאַרף זיין צעשויבערט, אָבער זי דאַרף שטיין שטונדן-לאַנג פאַרן שפּיגל און אכטונג געבן, אז די צעשויבערטקייט זאָל איר שטיין צום געזיכט.

"מזל-טוב" האָט ניט נאָר קיין אינהאַלט, נאָר אויך ניט קיין אינהאַלטלאָזי-קייט. עס איז א רייכע, פעטע, זאַטע דאַמע, מיט טאָפּלטע גוידערס, וואָס טאַנצט

א ווינער וואַלצער און זינגט זמירות. עס איז ווין-פּאַרסעקענדעוועגיוט. עס איז דזשאַרדזש מ. קאָהען (26) — פּאַרמזל-טובט. עס איז א שווערער ייד וואָס בלאָנדזשעט ארום אין דער מדבר און קייט א ליידיס פינגער. עס איז דאָס פּינטעלע ייד-פאַרפּידלט, דאַן פאַרמאַדאַמבאַטערפּלייט, דאַן באַזונגען פון א בדחן און געפירט צו דער חופה מיט א "מלחמה-כלה". דאָס גוטע פון דער דאַזיקער אָפּערעטע איז ניט גוט, און דאָס שלעכטע איז אומדערטרעגלעך. עס שמעקט ניט מיט דער געוויינלעכער וועלט — ווי פריינד אַב. קאַהאַן זאָגט. עס שמעקט אַפילו ניט מיט דער אונגעוויינלעכער וועלט. עס שמעקט איבערהויפּט ניט! און אויב עס שמעקט יאָ מיט עפּעס איז עס: מיט פאַרצוקערטן קאַבאַרעט, מיט פאַרפומירטער ניט-גוטקייט מיט א שטיינרייכן-דלות, מיט א פאַנטאַזיע וואָס זיצט אינדערהיים און קוקט ארויס דורך א פענצטער מיט בלינדע שויבן.

צום בעסטן האָט געשפּילט מאַדאַם אבראַמאָוויטש. גאָט זאָל בענטשן די ליבע פרוי וועלכע קען אָנהאַלטן איר קינסטלערישן כבוד אין אזא ים פון אונמעגלעכקייט.

באַריס טאָמאַשעווסקי האָט געשפּילט אזוי, אז געזעצלעך קען מען אים גאַרניט טאָן דערפאַר. יובעליר האָט זייער הארציק געזונגען דאָס פאָלקסליד "משיח איז געקומען". פּעטער גראַף האָט ווי עס איז אָפּגעפּעטערט זיין אויפגאַבע — און זי איז געווען א שווערע! דאָראַ ווייסמאַן, שוין ווי זי שפּילט! און ווי פלייסיק זי זינגט און טאַנצט! עס איז קיין נייס ניט. מאַדאַם גרינפעלד האָט געהייקעט פון "יאַנקל בוילע" (27). דער יונגער נאַטאַנזאָן איז געווען אויסערגעוויינלעך און נאָך א היפּש ביסל באַוועגלעכער. דער יונגער שווארץ האָט געזונגען ביי יעדער געלעגנהייט. דער שטילער לאַזאַר פריד-דיטאָ דערצו האָט ער נאָך (ווי עס איז געווען צו דערווארטן) געהאַלטן א פרייהייטס-רעדע אין רוסיש. מאַדאַם צוקערמאַן האָט זייער שיינע, לאַנגע צעפּ און א פּערפעקטע פיגור, און זי ליגט אזוי נאַטירלעך אין בעט, און זי זינגט אזוי אָנגענעם, און מיט א סך געדולד. די בינע-באַפּוצונג איז געווען גאַנץ שיין, איבערהויפּט אין דריטן אַקט, ווען די גרינס-קראַנצן אויף די ווייסע ווענט, גיבן צו אזא שבועות׳ דיקייט צו אַלצדינג, און די רויטע בלומענפּאַטשערקעס אויף דער גלאָז-טיר זיינען וואונדערבאַר.

אויף דער מוזיק פון ה׳ רומשינסקי בין איך ניט קיין מבין. מיינע אויערן זיינען העכסט-אומוויסנד און פאַרשלאָפן. דאָ און דאָרט איז מיר געפעלן געוואָרן א טאָן, אָבער מער ווי אַלצדינג האָב איך רחמנות געהאַט אויף דעם יונגן, פאַרבלאָנדזשעטן פלייטל, וואָס הערט ניט אויף צו ארבעטן און סע וויינט, אז סע וויל גיין אהיים צום טאַטן. עס איז אזא וויכע מוזיק און אָן ביינער!

("דער גרויסער קונדס", פון 12-טן אָקטאָבער, 1917)

בינע־מיטל

דארף דער שוישפּילער אויסדריקן "ליידנשאפט", נעמט ער סאָפּען ווי א שטארבנדיקער לאָקאָמאָטיוו, און שיפּעט ווי א שלאנג, וואָס מ'האָט איר אָנגעטראָטן אויפן עק. דארף ער אויסדריקן פארצווייפלונג, גיט ער זיך א וואָרף אויף צוריקצוועגס, בלייבט שטיין מיט דער האנט אין דער אטמאָספערע און שטייט אזוי א פּאָר מינוט אויפן זייגער. דארף ער אויסדריקן ליבע, גיט ער א פּאטש מיט דער האנט אויף דער לינקער וועסטל-קעשענע, און דערנאָכדעם, ווען די ליבע צעברענט זיך אביסל שטארקער, ווארפט ער ארויף (מיט א קנאק!) די לינקע האנט אויך אויף דעם זעלבן אָרט. דארף אן אקטריסע אויסדריקן טיפע, גייסטיקע יסורים, בלייבט זי זיצן אויף אן אָרט אן עטלעכע אייביקייטן דורכאנאנד, טשעפּעט אָן אירע בליקן אָן דעם ווערטן פּוב. דאן הייבט זי זיך אויף, זייער פּאמעלעכן, און לאָזט ארויס א זיפצל-דע-לוקס, און ווישט זיך די נאָז מיט א קליין שפּיצנטיכל, וואָס זי האלט כסדר אין ארבל, אָדער אין בוזעם.

די בעסטע און אינטעליגענטסטע יידישע אקטיאָרן זיינען די סופליאָרן. דאָס איז דער פיינסטער עלעמענט אין יידישן טעאטער. זיי, די שטילע, אונטערערדישע אונטערזאָגערס, זיינען ס"הארץ און די נערוון", דער אָטעם און דאָס אויגנליכט פון דער יידישער בינע. עס איז דאָס געוויסן פון דער יידישער שוישפּיל-קונסט און איר זכרון. זיי, די "פינצטערע כוחות" פארטונקלען און שיינען אריבער כמעט אלע יידישע שטערן, די זעלבסטלייכטנדע. זיי זיינען די איינציקע אין דער ברעטל-קונסט, וואָס האָבן א גוטע דיקציע, פיינע מאניערן, אביסל בילדונג, עלעגאנטע זשעסטן און — טאלאנט צו שפּילן. אָבער פּונקט ווי עס איז דער פאל אין די יידישע רעדאקציעס, אזוי איז אויך אויף דער יידישער בינע: דער אומריכטיקסטער מענטש אויפן אומריכטיקסטן אָרט. און פּונקט ווי אין אָפיס פון "טאָג" זיצט דער פיינער פּאָעט י. ראָלניק און לייענט קאָרעקטור, און דער פיינער קאָרעקטור-לעזער א. גלאַנץ (28) זיצט און שרייבט לידער, אזוי אויך דאָ, אין טעאטער: דער שוישפּילער זיצט אונטן און זעטיקט זיינע בליקן אָן דער אונטערשטער העלפט פון דער שוישפּילערין, בשעת די געבוירענע, פערצנקאראטענע אונטערזאָגערס, גייען ארום אויף דער בינע און מימיצירן, ווערן באשאָטן מיט קרעפּטיקע אפּלאָדיסמענטן און די צייטונגען דרוקן זייערע בילדער. הער גאָט!

ווי זיי באליידיקן מיינע אויערן מיט זייער שלעכטן טעאטער-זשארגאָן! ווי זיי לעסטערן קעגן דעם גאָט פון גראמאטיק! ווי זיי דערהרגענען דאָס ביסל פרעמדווערטער, וואָס האָבן פארבלאָנדזשעט אויף זייערע ליפּן!

פון 'קרעפּ' ווערט ביי זיי 'קרעפּע', פון גרימירן ווערט ביי זיי גראַמירן. א שלעכטער מענטש איז ביי זיי א שטער-גייסט, א קוירטן (פּאָרהאנג) איז ביי זיי א קאָיטן, א פּאוזע איז ביי זיי א פּאָזע, א פּאָטער איז ביי זיי פּאהטשער,

א מאמע איז ביי זיי א מוהכטער, א רעזשיסער איז ביי זיי א רעדזשיסהאַר, א פאטריארך איז ביי זיי א פאדראך, א זיידע איז ביי זיי א גראָספּאַהטשער, הא, ווייגעשריען!

יעקב גאָרדין איז אָן ספק (אָדער אפשר אביסל מיט ספק) געווען א גאַנץ וואוילער דראמאטורג. ער איז אלעמאָל טעמאטיש, טיפּזירנד, אויבערפלעכלעך-טעאַטראַליש, גרויס-שטריכיק א.א.וו. ער איז ניט ערגער — אפשר בעסער — ווי אסך פון אונדזערע היינטיקע דראמען-פארפאסער. גאָרדין איז ניט געווען קיין דראמאטורג, נאָר א דראמען-פאַרפאַסער. ער האָט ניט געשריבן נאָר פאַרפאַסט. ער האָט אויסגעשפּילט א פּיעסע מיט דער פעדער. זיין דראמאטישער טעמפּאָ איז פארכאפּנדיק. ער איז א דראמאטישער אינקובאַטאָר, א סיטואַציע-אויסבריער. גלייך אין ערשטן אקט לייגט ער אונטער דאָס צוקונפטיקע הינדל, דעם קנאַל-מאָטיוו, און ער ווארעמט זיך אויס אין 4 אקטן. אויב א העלד דארף אין לעצטן אקט באגיין זעלבסטמאָרד, דאדורך וואָס ער שלינגט איין שוועבעלעך, זעען מיר באלד אין ערשטן אקט א פעקל שוועבעלעך. דער העלד זאָגט: אך שוועבעלעך (ער כאפּט זיך ביים קאָפּ). די העלדין זאָגט: שוועבעלעך, שוועבע-לעך! (זי כאפּט זיך אויך פארן קאָפּ). די מוטער זאָגט: סירניקלעך, סירניקלעך (און כאפּט זיך אויך פארן קאָפּ)... ביי יעקב גאָרדין ריידן מענטשן צו דער סטעלע, אינטריגאנטן באהאלטן זיך הינטער א נאָדל און קיינער זעט זיי ניט. און ליבהאָבערס קומען צוריק, ווייל זיי האָבן פארגעסן דעם שטעקן.

פונדעסטוועגן איז גאָרדין זייער טעאטעראליש, זייער ברעטלדיק. ער איז אַן אויסגעצייכנטער טעכניקער, א וואונדערבארער פארפאסער און גאַנץ נייטיק פאר אונדזער בינע. די צרה איז נאָר וואָס אין פלאכן טעאטערלאנד האלט מען גאָרדינען אלס דעם מוסטער פון הויכער דראמאטורגיע, פון קלאסיציזם, פון דאָס לעצטע וואָרט פון אלע ניט דערזאָגטע ווערטער; וואָס אלצדינג ווערט געמאָסטן מיט און דורך גאָרדינען.

אלס פארפאסנדער מענטש איז גאָרדין כמעט געטלעך, אָבער אלס דראמא-טיזירנדער גאָט איז גאָרדין זייער שוואך און אפשר שעדלעך פאר דעם ווייטערדיקן וואקסן פון דער יידישער דראמע.

(„דער גרויסער קונדס" פון 26-טן אָקטאָבער, 1917)

„זינדיקע פרויען"

קאלמאנאָוויטש:

א מענטש וואָס האָט אן עכאָ פון א שאָטן פון א פארדאכט פון טאלאנט.

זיין בינע-מעגלעכקייט איז אזוי דין ווי די יידישע האָפענונג אויף פּאלעסטינע, אזוי שיטער ווי דאָס מענטשלעכע גליק, אזוי בלאָס ווי זיבן אונטערגעגאנגענע

זונען. דאַרף ער שרייבן אַ פּיעסע איינמאָל אין 36 יאָר, וואָלט עס אפשר געווען אַ נישקשה'דיקע פּיעסע. האָט מען אים אָבער מיטאַמאָל צעגרויסט. איך. יאַנאָווסקי (29). אַנדערע. האָט ער זיך צעליבינט, געוואָרן אַ שנעלצוג־דראַמאַטורג, אַ פּיעסנבעקער, אַן עלעקטרישער פּאַרפּאַסער פון זעקסהונדערט פערד־קראַפט. האָט ער שוין ווידער אַ ניי שטיק: "זינדיקע פרויען". איז די פרוי זינדיק און דער מאַן ווייסט ניט. און פּאַרקערט. שרייט די פרוי אַז ער האָט פאַרדעקט איר אומשולד מיט שאַנדע. שרייט דער מאַן אַז די מאָדערנע פרויען־ערעס זיינען בטבע אַ קאַפּיטשקע שוואַך. שרייט דער זעלבער מאַן (אַביסל פריער) אַז ניט קיין זינדיקע איז זי, נאָר אַ מאַרטירערן, עטצ.

אויב די דאָזיקע פּיעסע זאָל אָפּגעשאַצט ווערן לויט דער מאָס פון זיסקייט וואָס איז אין איר פאַראַן, וואָלט זי, ביי די היינטיקע פרייזן אויף צוקער, ווערט געווען אַן אוצר.

אַ פילאָלאָגישע פראַגע צו די הערן יידישע דראַמאַטורגן: איז **ערע** דאָס זעלבע וואָס אומשולד? און איז שאַנדע דאָס זעלבע וואָס ערע? און איז טוגנד דאָס זעלבע וואָס אַלע ביידע? און אַז מען רויבט אַ פרויס ערע קען מען זי צודעקן מיט שאַנדע? און אַז אַ פרוי לעבט פון שאַנדע, הייסט דאָס אַז זי לעבט פון ערע? און איז איינער וואָס רויבט די ערע פון אַ יונגער טאָכטער, אַן ערן־מיטגליד פון דער משפחה? און אַז זי שענקט אַוועק (בחצי חינם) איר טוגנד, ציגיט זי, אַלס ביילאַגע אויך איר אומשולד?

קורץ: מען דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַריינברענגען אַביסל קלאָרקייט אין דער דאָזיקער ערן־פראַגע.

מאָריס מאָשקאָוויטש איז כמעט דער איינציקער יידישער אַקטיאָר (נאָך גאָלדענבורגן) וואָס גייט אַרום אויף דער בינע און מאַכט — איינדרוק. ער איז ניט קיין געוויינלעכער שוישפּילער. ער האָט פיינע מאַניערן, אַ פיינע פיגור, אַ דיסטינגירטע האַלטונג. אָבער ער מאַכט צופיל איינדרוק. ער דזשענטלמעניזירט צו אָפּט. ער רעדט צופיל — דיקציע. ער איז צופיל דרוויסנדיקייט. מאָריס מאָשקאָוויטשעס שפּילן איז ניט קיין שפּיל נאָר אַ באַרימעריי. ער גייט אַרום אויף דער בינע און באַרימט זיך מיט זיין אָנוועזנהייט. אָ, באַרימערישער, זייער טאַלאַנטירטער, מאָשקאָוויטש!

פון ערשטן אַקט ביזן צווייטן גייט אַריבער דרייסיק יאָר. דורך דער צייט זיינען אַלע בערד גרוי געוואָרן, אַלע אויגן זיינען געוואָרן אַרומגעפּינדזלט מיט טונקעלער פאַרב. אַלע פיגורן זיינען געוואָרן איינגעהויקערט, אַלט, אָפּגעלעבט. אַלץ האָט זיך געענדערט אין די דרייסיק יאָר, אַפילו די שטימען פון די שוישפּילער. נאָר ס'קראַוואַטל, וואָס דער ליבהאָבער האָט געטראָגן אין ערשטן אַקט איז געבליבן דאָס זעלבע. גאַרניט געריררט, גאַרניט עלטער געוואָרן. דאָס שניפּסל דאָס מוז זיין, אַז סע קען אויסהאַלטן דרייסיק יאָר! וואָס פאַר אַן אויס־דווער! וואָס פאַרא קראַפט!

בערד, בערד אומעטום.

דערציילט מיר יעקב פ. אדלער: — אין מיין לעבן האָב איך שוין געטראָגן די אלערלייסטע בערד, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן. איך האָב געשפּילט אפשר הונדערט מענטשן, אָדער מער, און יעדער מענטש האָט געהאט א באזונדער באָרד. און אז איך זעץ מיך אוועק פארן שפּיגל אין מיין אַנטו-צימער טראכט איך: וואָס פארא באָרד נעמט מען היינט? אזא באָרד האָב איך שוין געהאט, און אזא אויך, און אזא אויך. און ביינאכט אין מיין שלאָף זע איך א מאסן פארזאמלונג פון בערד — אלערליי בעויד: רויטע, געלע, ברוינעטע, געקרייזלטע, גלאטע, לאנגע, קורצע, און אלע בערד שרייען און ריידן און מאכן מיט די הענט און ווייזן אָן אויף מיר, אז איך בין זייער מלאך-המות, און זיי פאָדערן ראכע. און איך כאפּ זיך אויף א דערשראָקענער, א צעטומלטער. אך! (האָט אדלער א זיפץ געטאָן) ווי עס פארפאָלגן מיך די גייסטער פון מיינע געשטאָרבענע בערד!

די יידישע טעאַטערס (האָט יעקב פ. אדלער ווייטער געזאָגט) האָבן אלצדינג, וואָס א טעאַטער דארף ניט האָבן: כאָריסטן, מוזיקער, בלומען, דירעקטאָרן. אלץ וואָס עס פעלט ס׳רוב יידישע קונסט-טעמפּלען איז: שוישפּילער און פּיעסן.

פארוואָס, אָ, פארוואָס? פארוואָס פאסירט תמיד, אז בשעת דער סטאַטיסט קומט אָנזאָגן אז דער ״קייניק״ קומט, מוז ער זיך צוהאלטן די לינקע וואָנצע, כדי ער זאָל זי ניט פארלירן? פארוואָס באהאנדלט א יידישער שוישפּילער זיין לאנגע באָרד, גלייך ווי זי וואָלט געווען א זאלצבערטעל? פארוואָס נעמט ער ניט די באָרד אין מויל אריין, ווען ער פארטראכט זיך, וואָס דאָס איז אזוי נאַטיר-לעך? פארוואָס, אז דער העלד אָדער העלדינע דארף זיך נעמען ס׳לעבן, שלעפּט מען ארויס די פּיאנאָ, מ׳נעמט אראָפּ די הענגלייכטערס און מ׳טרייבט ארויס די קאַץ, כדי די העלדין זאָל האָבן מער פּלאץ צו באגיין זעלבסטמאָרד?

פארוואָס טראָגן אלע אינטריגאנטן שפּאציר-שטעקנס און פארוואָס ענדיקן זיך אלע טעאַטער-נעמען אויף ״לע״ — בערעלע, פייגעלע, מירעלע, דאָרעלע א.א.וו.? פארוואָס רופן זיך אלע יידישע שוישפּילער (אחוץ בן-עמי) מיט זייערע אמתע נעמען?

פארוואָס שפּילן ס׳רוב יידישע אַקטיאָרן אזויוי געטער און ניט אזויוי מענטשן?

ביי יעקב גאָרדין ריידן א גוטן יידיש, בלויז די כאראקטער-מענטשן. א ״כאראקטער-טיפּ״ איז איינער וואָס האָט זיך זיין אייגענעם ווערטל, וועלכן ער חזרט איבער אזויפיל מאָל, אז סע ווערט אוש ניט גוט. וואָס פּשוטער דער מענטש, אלץ מער כאראקטער איז ער. די בעסערע מענטשן שטייען ביי גאָרדינען

צו הויך צו האָבן כאַראַקטער. און אויב ניט קיין כאַראַקטער איז שוין פאַרשטענד־לעך, אַז זיי זאָלן ריידן אַ האַלב־דייטש אָדער רוסיש. וואָס ערגער דער מענטש, אַלץ מער ווערטל־זאָגער איז ער. אַלץ מער וויצלינג. נאָבעלע מענטשן זיינען ביי אים שטענדיק ערנסט ווי אַ מצבה און זיי בענקען נאָך רוסלאַנד.

("דער גרויסער קונדס" פון 9־טן נאָוועמבער, 1917)

מקורות און הערות

(*) באָריס טאָמאַשעווסקי — (1866—1939), איינער פון די ערשטע אַקטיאָרן אין אַמעריקע. יאָרנלאַנג בעלעבאָס פון "פּיפּעלס־טעאַטער" און "נעשאַנעל־טעאַטער" אין ניו־יאָרק, אין וועלכע, צוזאַמען מיט די ערגסטע און ביליקסטע שונד־שטיק, אויפגעפירט אויך דראַמעס פון גאָרדין, קאָברין, ליבין, דימאָוו א. אַנד. טאָמאַשעווסקי האָט אויפגעפירט גאָלדפאַדענס לעצטע פּיעסע "בן־עמי" און אויך פּיעסן פון וועלט־רעפּערטואַר: שעקספּיר, געטע, שילער, זאַנגוויל, פּשיביִשעווסקי, א. אַנד. דער עיקר אָבער מהנה געווען דעם עולם מיט זיין אייגענער סחורה. זיין ביאָגראַפיע, זע: רייזען — לעקסיקאָן, ב׳1, זילבערצווייג — לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער, באַנד 2, שפּ׳ 804־840; אַ רשימה פון זיינע פּיעסן ביי גאָרינען, "געשיכטע פון אידישען טעאַטער", ניו־יאָרק, 1918, באַנד 2, ז׳ז 242 און ביי זילבערצווייגן.

(**) זע: ב. גאָרין, "געשיכטע פון אידישען טעאַטער", באַנד 2, ז״ז 178—179.

(***) זע: ב. גאָרין, דצ״וו, ז״ז 203—204.

(****) פּסעוודאָנים פון יעקב אַדלער, באַקאַנטער הומאָריסט, דער עיקר אונטערן נאָמען ב. קאָוונער, יאָרן־לאַנג געשריבן הומאָריסטישע פעליעטאָנען און לידלעך אין "פאָרווערטס", ניו־יאָרק.

(1) (א) ראַקאָוו נחום — (1866—1928), געווען אַ סופליאָר און שפּעטער פּיעסן־מאַכער פאַרן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. מחבר פון דעם אַזוי־גערופענעם "בינטל גרינס", אַ פּעקל פּיעסן אין וועלכע די טעמע דרייט זיך כסדר אַרום די ניי־איינגעוואַנ־דערטע (גרינע) יידן אין אַמעריקע ווי: "דער גרינער בחור" — "די גרינע מויד" — "דאָס גרינע ווייבל" — "דער גרינער טאַטע" א.א.וו. שלום פּערלמוטער דערציילט אין זיין בוך: "יידישע דראַמאַטורגן און טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס", ניו־יאָרק, 1952, ז״ז 183, אַז ראַקאָוו האָט זיך אַזוי אַריינגעטאָן אין זיין בינטל גרינס, אַז ווען ער האָט איבערגע־זעצט א. דיומאַס פּיעסע: "קין", האָט ער זי אַ נאָמען געגעבן: "דער גרינער אַקטיאָר". זיינע פּאָפּולערסטע טעאַטער־שטיק: "כאַנטשע אין אַמעריקע" — "די יידישע קרוין" — "אַ ביסעלע גליק" א. אַנד.

(ב) געביל מאַקס — (1877—1952), טעאַטער־דירעקטאָר, אַקטיאָר און רעזשיסער, מחבר פון אַ גאַנצע ריי טרערן־צאַפּנדיקע פּיעסן, אויפגעפירט צווערשט אין זיין אייגענעם טעאַטער מיט זיין פרוי דזשעני גאָלדשטיין, אַלס סטאַר, און דערנאָך געוואָרן פּאָפּולער און געשפּילט אין אַלע יידישע טעאַטערס איבער דער וועלט. זיינע פּאָפּולערסטע פּיעסן: "דאָס גאַסן־מיידל" — די פאַרקויפטע נשמה" — "דער ריינער געוויסן" — "דער גרויסער מאָמענט" — "טאַטע־מאַמעס צרות" — א. אַנד.

(ג) זאָלאָטאַרעווסקי איזידאָר (1873—1946) נאָך ראַקאָוון, דער גרעסטער צושטעלער פון ביליקסטן און ערגסטן שונד פאַרן יידישן טעאַטער. דער ערשטער, וועלכער האָט

אַרויפגעבראַכט אויף דער יידישער בינע די "ווייסע שקלאַפינס" און די סאַמע נידעריק־סטע אונטערוועלט. אַנגעשריבן איבער הונדערט מעלאָדראַמעס, פון וועלכע די דערפאָל־גרייכסטע און געשפילטע איבער דער גאַנצער וועלט זיינען געווען: "דער ישיבה־בחור, אָדער דער יידישער האַמלעט" — "געלט, ליבע און שאַנדע" — "די ווייסע שקלאַפינס" — "די לעבעדיקע יתומים" — "דער פרייז פון ליבע" — "ליידנשאַפט" א. אנד.

(2) "די וואַרהייט", א טעגלעכע צייטונג אין ניו־יאָרק, רעדאַגירט פון לוי מילער, געוועזענער רעדאַקטאָר פון "פאָרווערטס". געווען דער עיקר פאָפולער און פאַרשפרייט צווישן די קליינבירגערלעכע און ציוניסטיש־געשטימטע קרייזן. דערשינען אין די יאָרן 1905—1919.

(3) בשעת טאָמאַשעווסקי האָט אויפגעפירט די "מלחמה־כלות" האָט ער פאַרשפרייט א ווילדן ליגן, אַז צוליב שפּילן די דאָזיקע פּיעסע ווילן רוסישע שפּיאָנען אים דערהרגענען. די רעדאַקציע פון "קונדס" האָט דאַן פאַרעפנטלעכט א מעלדונג, בזו הלשון: "מר. טאָמאַשעווסקי! לעצטע וואָך האָט איר פונאַנדערגעפויקט אין אַלע יידישע טאָג־צייטונגען, אַז רוסישע שפּיאָנען סטראַשען אייך און אייער פאַמיליע מיט טויט, אויב איר וועט ניט אויפהערן שפּילן די פּיעסע "מלחמה־כלות". איר דערציילט אויך, אַז איר האָט דערהאַלטן א טעלעגראַמע פון וואַשינגטאָנער סטייט־דעפּאַרטמענט, אַז אייער קלאַגע קעגן די רוסישע שפּיאָנען האָבן געמאַכט א "געוואַלדיקן גערודער", און די וואַשינגטאָנער רעגירונג האָט דעריבער באַשלאָסן צו מאַכן אן אויספירלעכע אונטער־זוכונג וועגן דער גאַנצער געשיכטע". מר. טאָמאַשעווסקי! איר האָט דאָך אודאי גרויס רחמנות אויף די מלחמה־קרבנות, אָט גיבן מיר אייך א "טשוענס" צו מאַכן פאַר זיי 500 דאָלאַר, אָן שום מי און מאַטערניש. מיר וועלן געבן 500 דאָלאַר אין קעש פאַרן רעליף־פאָנד, אויב איר וועט באַווייזן, אַז אייערע אויבן־דערמאָנטע סטייטמענטס אין די צייטונגען זיינען ניט קיין שקר־וכזב. מיר גיבן אייך צייט ביזן קומענדיקן דינסטיק, 12 אור ביי טאָג, ווען מיר גייען צום פּרעס מיטן נעקסטן נומער. יעקב מאַרינאָוו". ("דער גרויסער קונדס" פון 23־טן פעברואַר, 1917). ס'פאַרשטייט זיך, אַז טאָמאַשעווסקי האָט ניט געקענט באַווייזן אַז זיין מעשה איז אמת און איז עפנטלעך געשטעמפּלט געוואָרן אַלס ליגנער.

(4) די יידישע טעאַטערס אין ניו־יאָרק האָבן זיך אין יענע יאָרן קאָנצענטרירט אויף סעקאָנד־עוועניו (קעסלערס און אַדלערס טעאַטערס), האוסטאָן סטריט (טאָמאַש־עווסקיס טעאַטער) און דער בויערי (גאַבילס טעאַטער).

(5) אויף איסט־בראָדוויי האָבן זיך געפונען אַלע רעדאַקציעס פון די יידישע צייטונגען אין ניו־יאָרק.

(6) אין דער טעגלעכער פּרעסע האָט פאַרנומען א וויכטיקן אָרט דער בריוו־קאַסטן, וועלכער האָט זיך געדרוקט אין "פאָרווערטס" א"נ: "א בינטעל בריעף" און אין דער "וואַרהייט" א"נ: "דער שפּיעגעל פון לעבען". אין ביידע זיינען געווען געדרוקט מערסטנס רעדאַקציע־פאַבריצירטע בריוו, מכלומרשט פון לייענערס, מייסטנס פון פרויען, אויף פאַרשיידענע "קיצלדיקע" סעקסועלע טעמעס.

(7) באַדיר מיינט דאָ דעם טעגלעכן שונד־ראָמאַן, אין פאָרזעצונגען, ספּעציעל "די סודות פון רוסישען קעניגלעכען הויף".

(8) מיט א ווענוס פון דער בויערי, געמיינט די זונות פון אַרום ניו־יאָרקער האַפן, וועלכע זיינען געווען באַקאַנט מיט זייער צודרינגלעכקייט און וואולגאַריטעט.

(9) גורסקאַיאַ סאָניאַ, יידישע דראַמאַטישע שוישפּילערין, געשפּילט א סך יאָרן

אין מאָריס שוואַרצ'ס קונסט־טעאַטער, און אויך געווען טאַנץ־לערערין פון דער קינדער־שול ביים טעאַטער אין די צוואַנציקער יאָרן.

(10) אדלער פרענסיס — עלטסטע טאָכטער פון יעקב פּ. אדלער, געשפּילט א סך יאָרן ביי איר טאַטן אין טרופּע, ביי קעסלערן, מאַגולעסקאָ און מיט בערטא קאַליש. שפּעטער צוזאַמען מיט איר מאַן, יאָזעף שיינגאָלד גאַסטראָלירט אין אייראָפּע און דרום־אמעריקע.

(11) גאָלדשמיד יחיאל, איינער פון די ערשטע אַקטיאָרן וועלכע האָבן זיך פאַרבונדן מיטן בעסערן יידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק, אויפטרעטנדיק ביי יעקב בן־עמי, ביי י. שילדקרויט, און ביי מאָריס שוואַרצן.

(12) דאָס פאַרקאָליאַטעפּערטע — איינס פון משה נאַדירס וואונדערבאַרע שפּראַך־קאַלאַמבורן, אויפן משקל פון קאָליא טעפּער (1879—?) איינער פון די וואונדערלעכע געשטאַלטן פון דער יונגט, אַנהייב 20־טן יאָרהונדערט. אַנגעהויבן ווי א יוגנט־פירער פון ראַדיקאַלן ציוניזם, געווען דעלעגאַט צום צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס. אויסגעצייכנט זיך מיט זיין גרויסן רעדנער־טאַלאַנט. 1903, אריבער צום "בונד", אומגעקערט זיך קיין רוסלאַנד אומלעגאַל פון דער שווייץ. אין יענעם יאָר געפירט די היסטאָרישע דיסקוסיע צווישן ציוניזם און בונדיזם מיט חיים וויצמאַנען אין פּינסק. 1907, אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, דורך בערלין, קיין אַמעריקע. זיך אָנגעשלאָסן אָן די אַנאַרכיסטן און געדרוקט א גאַנצע ריי פעליעטאָנען אין דער "פרייער אַרבייטער שטימע" א"פּ: "הערצאָג ד'אַברוצי". מיט זייער שאַרפזין און בליצאַרטיקן סטיל געהאַט א גרויסע השפּעה אויף די "יונגע": משה וואַרשע, זישע לאַנדוי, משה נאַדיר, ה. לייוויק א. א.נ.ד. 1917 זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד. 1920 — אַנטלאָפן קיין פּוילן, מיטן מיין צוריקצופאָרן קיין אַמעריקע. ביז 1922 געלעבט אין ווילנע און וואַרשע, ניט באַקומענדיק קיין מעגלעכקייט צו פאָרן קיין אַמעריקע זיך אומגעקערט קיין ראַטן־רוסלאַנד, זיך באַזעצט אין אַרכאַנגעלסקער געגנט. אַרומגעגאַנגען א קלאַנג אַז צו להכעיס דעם קאָמוניסטישן רעזשים זיך געשמדט, אַננעמענדיק דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן. זיין ווייטערדיקער גורל ניט באַקאַנט. ביאָגראַפיע, זע: רייזען — לעקסיקאָן, 1, און לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ציקאָ, ניו־יאָרק, באַנד 4, שפּ' 103—105.

(13) דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון די יידישע אַקטיאָרן אין ניו־יאָרק (היברו אַקטאָרס יוניאָן) האָט ניט צוגעלאָזט קיין פּראָווינצער אַקט־אָרן שפּילן אין די ניו־יאָרקער טעאַטערס. יאָרנלאַנג האָט ער בכלל ניט צוגענומען קיין נייע מיטגלידער, דורך א סיסטעם פון "איינטריט־עקזאַמענס". פּרטים זע: א. מוקדוני אין "די צוקונפט", מערץ, 1953, זייט 116; דער לעבעדיקער: "די פערטע וואַנט", וואַרשע, אָן א ד.י., ז"ז 97־99.

(14) ז. ליבינס "די געבראָכענע הערצער" איז געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע בעסערע מעלאָדראַמעס פון יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר, צוערשט געשפּילט פון טאָמאַ־שעווסקין און שפּעטער אין אלע יידישע טעאַטערס אין אייראָפּע און דרום־אמעריקע.

(15) משה נאַדיר לאַכט דאָ אויס די טעאַטער־קריטיקערס פון דער יידישער פּרעסע, וועלכע האָבן זיך אליין באַטיטלט מיט דאָקטאָר־דיפּלאָמען מיט מוקדונין און קאַרלניקן בראש.

(16) יאָזעף לאַטיינער, איינער פון דעם ערשטן דור שונד־מאַכערס, איז געווען באַקאַנט אלס א ייד וועלכער איז רייך געוואָרן פון זיינע ראַיאַלטיס (אויטאָררעכט אויף ענגליש).

(17) מאָשקאָוויטש מאָריס, איינער פון די באַגאַבטסטע יידישע אַקטיאָרן, אוועק פון

יידישן טעאַטער און יאָרן געשפּילט אין לאָנדאָן, ז'ער עיקר געוואָרן באַרימט אַלס שיילאָק. זיין זון: דזשיימס מייסאָן — באַרימטער פילם־אַקטיאָר.

(18) ווילנער מאַקס — טעאַטער־מענעדזשער און אימפּרעסאַריאָ, ביזן יאָר 1918, געשעפטס־פירער ביי טאָמאַשעווסקין. שפּעטער ביז 1927, געשעפטס־פירער פון מאָריס שוואַרצ'ס קונסט־טעאַטער.

(19) "סיביריאַ", די ערשטע דראַמע פון יעקב גאָרדין, אויפגעפירט אין ניו־יאָרק אין 1891. כאָטש אַ ביליקע מעלאָדראַמע איז זי געווען אַ סך העכער פון אַלץ וואָס איז ביז דאַן געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

(20) ד"ר לאַנדמאַן, פּסעוודאָנים פון נאָך אַ שמירער, וועלכער האָט צוגעשטעלט סענסאַציאָנעל־קרימינעלע סחורה אין יידישן טעאַטער.

(21) "שלמה'לע שאַרלאַטאַן", יעקב גאָרדינס אַ פּיעסע וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג צוליב דוד קעסלערס קרעאַציע אין דער הויפּט־ראָלע. זינט 1896, כסדר געשפּילט געוואָרן פון קעסלערן, ביז זיין טויט, אין 1920.

(22) געמיינט יעקב גאָרדינס "דער יידישער קעניג ליר", איינע פון יעקב אַדלערס קרוין־ראָלן, געשפּילט פון אים כל־ימיו, זינט דער פּרעמיערע אין 1892, ביז זיין טויט אין 1925.

(23) מאַרינאָוו יעקב — דער רעדאַקטאָר פון "גרויסן קונדס". ביאָגראַפיע, זע: "לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", באַנד 5, שפּ' 500—502.

(24) גאָלדענבורג סעמיועל — פון די באַקאַנטסטע און פּאָפּולערסטע יידישע אַקטיאָרן אין אַמעריקע, זיך אויסגעצייכנט אין טראַגישע ראָלן. שוין אין די ערשטע יאָרן פון זיין בינע־קאַריערע זיך אויסגעצייכנט און פּאַרטונקלט די סטאַרס, וועלכע האָבן אים דערפאַר ניט געוואָלט אנגאַזשירן, דעריבער יאָרן געשפּילט אויף דער פּראָווינץ. זע: "לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", באַנד 1, שפּ' 271—272.

(25) אַב. קאַהאַן, לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר און טאָנגעבער פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע האָט אין "פאָרווערטס" געשריבן אויך טעאַטער־קריטיקן און געלויבט אין הימל אריין טאָמאַשעווסקין מיט זיין "שפּילאכץ". אָן שום ספק, אַז אַ גרויסן חלק אין פאַרשוונדעווען פון יידישן טעאַטער, פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמעריקע האָבן אַב. קאַהאַן מיט זיין "פאָרווערטס".

(26) קאָהען דזשאָרדזש מ. — (1878—1924), אַקטיאָר, מחבר פון מוזיקאַלישע קאָמעדיעס און מענעדזשער אויף בראָדוויי. אַ זון פון יידישע וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיט שרייבן מוזיקאַלישע רעוויוס און קאָמעדיעס, ביז ער איז אין 1911 געוואָרן באַלעבאָס פון זיין אייגענעם גרויסן רעווי־טעאַטער אויף בראָדוויי, מיט זיין "דער קליינער מיליאָנער" — אַ פּיעסע וועלכע איז געשפּילט געוואָרן צוויי יאָר אָן איבעררייס. דער טאַטע פון דער "אונטערהאַלטונג־קונסט" פון די "מיוזיקלס", ווי זיי זיינען באַקאַנט ביזן היינטיקן טאָג.

(27) "יאַנקל בוילע" אָדער "דער דאָרפסיונג", די בעסטע און באַקאַנטסטע פּיעסע פון לעאָן קאָברין.

(28) דער דיכטער יוסף ראָלניק האָט יאָרן געאַרבעט אין "טאָג" אַלס קאָרעקטאָר. אַ. גלאַנץ (לעיעלעס) איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, וועלכער האָט דאָרט געדרוקט זיינע לידער. נאָדיר האָט קיינמאָל ניט אָנערקענט לעיעלעסן, ווי אַ דיכטער.

(29) ש. י. יאַנאָווסקי — (1864—1939), געווען יאָרן־לאַנג רעדאַקטאָר פון דער "פרייער אַרבייטער שטימע". זיין ביאָגראַפיע, זע: "לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", באַנד 4, שפּ' 186—189.

פעסיע פאָמעראַנץ-האָניגבוים

ל י ד ע ר

בלויז די פאַלמעס

ווען נאכט וועט מיך איינשלינגען
וועט אפילו א שטערן ניט
א פינטל טאָן מיט אן אויג;
די פארביקע פלאנצן
וואָס גרינען ארום הויז
וועלן בלייבן שטיין פארגליווערט
ביז דעם יונגן פרימאָרגן,
די קאץ וואָס ווײנט יעדע נאכט
אונטער מיין פענצטער
וועט ווידער ווײנען,
בלויז די פאלמעס וועלן טרויערן
און שאָקלען מיט די קעפ;

טונקעלער טרויער

מיינע אויגן —
בלוי-גרויע סאזשעלקעס;
שווימען דאָרטן פישעלעך
פון טונקעלן טרויער,
פארטשעפע זיי ניט
זיי קענען דיך נאָך אראָפּשלעפּן
צום סאמע גרונט.

דאָס האַרץ וואָס בלוטיקט

דאָס פּיצל ווייסינק בלימעלע,
וואָס נעסטלט זיך משפּחהווייז
אויף דינע, גרינע שטענגלעך,
צווישן שאָטנדיקע בלעטלעך,
פון יעדן ווייסן בעכערל
געפּורעמט ווי א האַרץ,
שפּאַרט אַרויס א בלימעלע א רויטס ;
מע רופט עס,
„דאָס האַרץ וואָס בלוטיקט".

א, קליינינק ווייסינק בלימעלע,
סימבאָל פאַר אלע צייטן,
פאַר מענטשלעך האַרץ וואָס בלוטיקט,
פאַר מענטשלעכן געראַנגל.

לוי פּאַפּיערניקאָוו

צוויי חברים

די באַקאַנטשאַפט וואָס בנימין פריינד, דער סטודענט פון מאַטעמאַטישן פאַקולטעט, האָט אין א ווינטער-פאַרנאַכט געשלאָסן אין ירושלימער מוזעאום מיטן גאַראַזש-מעכאַניקער גדעון חייט, איז ניט געווען אינגאַנצן קיין צופעליקע. דעם רויטהאָ-ריקן, וואוקסיקן בחור האָט ער שוין געקענט זינט עטלעכע וואָכן, אָן צו האָבן אפילו איין מאָל גערעדט מיט אים. באַשטאַנען איז די באַקאַנטשאַפט פון באַגעגענען זיך אַמאָל מיט די בליקן און פון א לייכטן נייג מיטן קאָפּ.

געשאַפן האָט זיך אָט די שטומע באַקאַנטשאַפט אין א טאָג, ווען בנימין איז ווי יעדן אינדערפרי אויפן וועג צו דער אויטאָבוסן-סטאַנציע, פאַרבייגעגאַנגען פאַרן ברייטן, אָפענעם גאַראַזש און אַריינגעקוקט אין אים. אַנשטאָט דעם שטענדיקן אַרבעטער, דעם מזרח-ייד, האָט ער דערזען דאָרט א הייך-וואוקסיקן בחור מיט א רויטהאָריקן קאָפּ, וואָס האָט ווי א פלאַם זיך אַרויסגעהייבן פון זיין שוואַרצן, דורכגעפעצטן קאָמבינעזאָן.

בנימין האָט זיך א ווײַלע איינגעקוקט אינעם נייעם אַרבעטער און יענער האָט צו אים מיט פאַרלעגנהייט א לייכטן שמייכל געטאָן. בנימין האָט פריינדלעך צוריקגעשמייכלט, א נייג געטאָן מיטן קאָפּ און אוועק זיין וועג.

ווי פאַרוואונדערט איז בנימין געוואָרן, ווען ער האָט ביי דער באַגעגעניש אין מוזעאום געכאַפּט א קורצן שמועס מיטן דאָזיקן בחור און האָט זיך דערוואוסט, אַז ניט געקוקט אויף דער גאַנץ קורצער צייט פון זיין געפינען זיך אין ירושלים, איז ער דאָ, אין אָט דעם מוזעאום, ווייט ניט קיין גאַסט און ער האָט טאַקע גלייך אויפן אָרט, גענומען געבן אויפקלערונגען וועגן א גרויסער צאָל אויסגע-שטעלטע עקספּאָנאַטן אין וועלכע ער, בנימין, האָט זיך זייער שוואַך אָדער אינגאַנצן ניט אָריענטירט.

פון אָט דעם פאַרנאַכט אָן האָט די פריינדשאַפט צווישן דעם סטודענט בנימין פריינד און דעם גאַראַזש-מעכאַניקער גדעון חייט, אָנגעהויבן ווערן אַלץ ענגער און אינטימער.

ס'זיינען קוים פאַרביי עטלעכע חדשים, און די פריינדשאַפט צווישן ביידע יונגע מענטשן, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א חברשאַפט אויף ניט פונאַנ-דערצושיידן. יעדער איינער פון זיי איז געוואָרן א שותף צו די ליידן און

פריידן פונעם צווייטן. אָבער ניט געקוקט אויף זייער צוגעבונדנקייט, האָבן זיי גאָרניט געוואוסט איינער פונעם צווייטנס היים און אָפּשטאַם. געשען איז עס דערפאַר, ווייל בעת בנימין האָט איינמאָל געשטעלט גדעונען אַ פראַגע וועגן זיין היים, האָט דער לעצטער אויסגעמיטן צו ענטפערן און אָפּגעווענדט דעם שמועס אין אַן אנדער ריכטונג. צוליב דעם האָט אויך בנימין אויסגעמיטן צו ריידן וועגן זיין היים. גדעון האָט נאָר געוואוסט אַז ער האָט אין ארגענטינע, אין בוענאָס-איירעס, אַ פאַרמעגלעכע מוטער און אַ שוועסטער, אַ צווילינג מיט אים.

אין איינעם פון די אָוונטן בעת בנימין מיט גדעונען זיינען געזעסן אין זייער שטענדיקער קאַפע-הויז, נאָך דעם ווי ביידע האָבן געהאַט פאַרענדיקט זייער אָוונטברויט, איז געשען עפּעס אויף וואָס בנימין האָט אין קיין פאַל זיך ניט געקענט ריכטן:

— בנימין... — האָט גדעון פלוצים זיך געווענדט צו אים — דערצייל מיר עפּעס וועגן דיין קינדהייט און דיין היים...

בנימין האָט ברייט אויפגעריסן די אויגן און אַ ווײַלע זיך איינגעקוקט אין זיין חבר. זיך דערמאָנט גדעונס באַמיאונג אויסצומיידן אַזאַ שמועס און פאַרשטאַנען, אַז עס קומט מסתמא פאַר אין אים עפּעס אַן איבערלעכער אויפברויז, אַ דראַנג אַרויסצוברענגען איצטער דאָס, מיט וועלכן ער האָט זיך די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן, האָט ער אַ שמייכל געטאָן, געגעבן אַ לייכטן פּיר מיט דער האַנט איבער דער פּלייצע פון זיין חבר און געזאָגט:

— נו גוט גדעון, כ'וועל נאָכקומען דיין פאַרלאַנג, אָבער ווייס, אַז די געשיכטע פון מיין קינדהייט איז אַ גאַנץ קורצע און זייער אַ טרויעריקע... בנימין האָט לייכט פאַרקנייטשט דעם שטערן און פאַרגעזעצט:

— איך און מיין צווילינג-שוועסטער זיינען געבוירן געוואָרן אין פּוילן, אין וואַרשע. כ'האָב אויך געהאַט אַ ייִנגערן ברודער, וועלכן כ'געדענק ניט. ווי די מאַמע מיינע האָט אונדז, פון מאָל צו מאָל, דערציילט וועגן דער גרויזאַמער צווייטער וועלט-מלחמה, איז ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו ליקווידירן די געטאָס און פאַרניכטן די ייִדן וואָס זיי האָבן דאָרט געהאַט אַריינגעטריבן, זיינען מיר, איך און מיין שוועסטער, אַלט געווען פינף יאָר. עטלעכע טעג פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, איז מיין פאָטער געפאָרן קיין לובלין, אַ שטאָט אַזאַ אין פּוילן, באַזוכן זיין אַלטער מאַמען. ער האָט אויך מיטגענומען מיט זיך מיין ייִנגערן ברודערל. ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די בלוטיקע געשעענישן און יעדער איינער וואָס האָט זיך געפונען ווייט פון זיין היים, האָט זיך געלאָזט צוריקלויפן כדי זיך צו פאַראייניקן מיט זיינע נאָענטסטע, איז דאָרט פלוצים דער טאַטע שווער קראַנק געוואָרן און איז מיט מיין ברודערל געבליבן ביי דער באָבען. די מאַמע האָט זיך וועגן טאַטנס קראַנק זיין דערוואוסט, ערשט דריי חדשים נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע. די מאַמע מיינע

וואָלט אפשר ריזיקירט זיך דורכצוקריגן אהין מיט אונדז, — ניט געקוקט דערויף וואָס זי איז א ברונעטין, וואָלט איר קיינער ניט חושד געווען אז זי איז א יידישע, ווי אן אמתע קריסטין זעט זי אויס... — בין איך אָבער צו יענער צייט קראַנק געווען אויף א טיפוס, און ווען כ'האָב זיך אויפגעהייבן פון בעט, האָט זיך די שוועסטער אוועקגעלייגט. מיר זיינען ביידע געבליבן לעבן א דאַנק דעם, וואָס א באַקאַנטער דאָקטאָר האָט אונדז געקענט היילן אין געהיים, ווייל נאָר מיר האָבן געוואוינט אויפן פינפטן שטאָק און קיינער איז צו אונדז ניט אריינגעקומען.

— בעת די דייטשן האָבן אָנגעהויבן ארויסשיקן די מענטשן פון די געטאָס און זיי שיקן צום טויט, זיינען מיין טאַטע און ברודערל אומגעקומען צוזאַמען מיט די לובלינער יידן. צו יענער צייט, האָט מיין מוטער זיך אויסבאהאַלטן מיט אונדז אויף דער אַרישער זייט פון דער שטאָט וואָרשע אויף געפעלשטע פּאַפּירן, און ביזן פארטרייבן די דייטשן געאַרבעט אין א קריסטלעך פינדלהויז, וואָס האָט זיך פארנומען מיט יתומים פון, אין דער מלחמה אומגעקומענע, קריסטלעכע עלטערן.

— יאָ, מיר זיינען געוואָרן פרייע מענטשן. אָבער ווי מיין מאַמע האָט אונדז מיט יאָרן שפּעטער דערציילט, האָבן מיר נאָך א געוויסע צייט, צוליב געוויסע ספּעציפישע סיבות, געלעבט אויף אונדזערע געפעלשטע, אַרישע פּאַפּירן און זי פלעגט אונדז שטרענג אָנזאָגן, זיך ניט ארויסצוכאַפּן מיט א יידיש וואָרט.

אַ געוויסן טאָג, אַ צען חדשים נאָכן פאַרטרייבן די דייטשן, האָט אַ יידישער טוריסט פון אַרגענטינע, אַ קינדערלאָזער רייכער אַלמן, דורך אַ צופאַל באַקענט מיין מאַמען און זי איז אים זייער געפעלן, — ווייל מיין מאַמע איז אפילו נאָך היינט א שיינע — האָט ער ניט געקוקט דערויף וואָס זי איז געווען מיט צוויי קינדער, איר פאָרגעשלאָגן חתונה-האָבן מיט אים. די מאַמע האָט איינגעשטימט — ער איז געווען א זייער גוטער מענטש — און מיר האָבן פארלאָזט פּוילן.

— מיר האָבן אין בוענאָס-איירעס זייער גוט געלעבט, ווי זאָל איך עס דיר זאָגן, — ס'האָט אונדז טאַקע בלויז געפעלט פויגל-מילך... ס'איז אָבער פּלוצים געשען א גרויס אומגליק: אונדזער גוטער שטיף-טאַטע איז אומגעקומען בעת ער איז מיט זיין מאַשין געפאָרן געשעפטלעך אויסער דער שטאָט און זי האָט זיך ביי א וועג-אויסבייג איבערגעקערט. כ'בין דאַן אלט געווען פופצן יאָר.

בנימין האָט אויף א ווײַלע איבערגעריסן זיין דערציילן, עטלעכע מאָל א ציי געטאָן פונעם סיגאַרעט וואָס איז געלעגן אויפן אַשבעכער, איינגעקוקט זיך א רגע אינעם חבר, וואָס האָט זיך צוגעהערט מיט א האַלב-אָפן מויל, און ווייטער געצויגן דעם פאָדעם פון זיין דערציילן:

— געענדיקט די גימנאַזיע און אריין אין א קרייז פון ציוניסטיש-

געשטימטער יוגנט, האָב איך באַשלאָסן צו נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון מיינע נאָענטע חברים און פאָרן שטודירן אין ירושלים. ניט אַזוי לייכט איז עס מיר אָנגעקומען... כ׳האָב געמוזט פירן א שווערן קאמף מיט מיין מוטער, זייער א שווערן... ביז זי האָט ענדלעך, ניט געקוקט אויף איר גרויסער זאָרג און מורא, באַוויליקט צו געבן איר דערלויבעניש און... אַט זיץ איך איצט מיט דיר אין דער געהאַפטער שטאָט און דערצייל דיר וועגן מיין קינדהייט און מיין היים...

פאַרענדיקט צו דערציילן האָט בנימין אָנגעשטעלט אַן אַרויספאָדערישן בליק אויף גדעונען...

פאַרשטאַנען זיין כוונה האָט גדעון א ווײַלע זיך פאַרטראַכט, און בעת ער האָט גענומען אין אויסגעצויגענע ווערטער איבערגעבן די גאַר קורצע געשיכטע פון זיין טרויעריקער קינדהייט, האָט אויף זיין פּנים זיך צעלייגט אַן אומעט:

— פון די, פאַר מיר פאַרנעפּלטע און כמעט גענצלעך פאַרווישטע געזיכטער — האָט ער אָנגעהויבן — פון די וואָס האָבן זיך מיט מיר אלס קינד אָפּגעגעבן און וואָס כ׳האָב ערשט מיט יאָרן שפּעטער פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן מסתמא געדאַרפט זיין מיינע עלטערן, מיינע טאַטע-מאַמע, קען איך אין קיין פאַל קיין קלאָר בילד פאַר זיך ניט שאַפן. כ׳געדענק נאָר, ווי דאָס וואָלט געווען אין זייער א ווייטן, קאַשמאַרן חלום, אַז אין עפּעס מוראַדיקע, שטאַרק מוראַדיקע טעג, אַן צו וויסן ווי-אַזוי זיינען די דאָזיקע, פאַר מיר פאַרנעפּלטע, געשטאַלטן פּלוצים ניט געוואָרן און כ׳האָב זיך מיטאַמאָל דערזען צווישן א גרעסערע צאָל קינדער אין עפּעס א מאָדנעם הויז, מיט אַ סך הייכע צימערן און לאַנגע קאָרידאָרן; אומעטום האָבן זיך געזען בילדער און פיגורן ווי פון לעבעדיקע מענטשן. ארום אונדז האָבן זיך כסדר געפּאָרעט פרויען אין טונקעלע, לאַנגע קליידער און אויף זייערע קעפּ, גרויסע, ווייסע, צעשפּרייטע היט מיט שפּיצן ווי פליגל. זיי האָבן זייער אָפט, שטרענג באַפוילן זיך שטעלן אויף די קני פאַר א בילד און נאָכזאָגן ניט פאַרשטענדלעכע ווערטער.

— כ׳בין שוין געווען א יינגל פון א יאָר זיבן-אכט, ווען אין א געוויסן טאָג בין איך אומגעריכט און צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג, פונעם קלויסטער איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון פרעמדע, אומבאַקאַנטע פאַר מיר מענטשן. זיי האָבן זיך זייער גוט באַצויגן צו מיר, צוזאַמענגעפירט מיט א צאָל אנדערע קינדער און שטופנווייז אונדז אויפגעקלערט, און צוגעוואוינט צום געדאַנק וועגן אונדזער שייכות מיט יידן. אָבער ווער עס זיינען געווען מיינע עלטערן, האָב איך דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען צו פרעגן און קיינער האָט עס מיר אויך ניט געזאָגט. מיין נאָמען פון קלויסטער, גזשעגאָזש קראָוטשיק, איז געענדערט געוואָרן אויף גדעון חייט, און אויף אָט דעם נאָמען בין איך מיט אַ צייט שפּעטער, מיט דער עליית הנוער אָנגעקומען אין לאַנד.

גדעון איז שטיל-געבליבן, זיך איינגעקוקט אין זיין חבר און פּלוצים א זאָג געטאָן:

— דו קענסט ניט וויסן בנימין דעם געפיל פון א מענטש מיט אן אנגעהאַנגענעם, פרעמדן נאָמען... א מענטש וואָס ווייסט ניט ווער ער איז... אָן זכרונות פון א היים, אָן דערמאָנונגען פון צערטלעכקייטן און זאָרג פון א מאַמען און טאַטן און נאָענטקייט פון שוועסטער און ברידער — א זאַך וואָס כ׳האָב קענען געלערנט זינט כ׳בין געוואָרן זעלבסטשטענדיק, קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע מענטשן אין זייערע היימען... ווי זאָל איך עס דיר זאָגן בנימין... אזא ווי איך... טראַכט איך אָפט, — רופט אַרויס ביי מענטשן א ניט אַנגענעם געפיל פון רחמנות אָדער גאָר פון אומצוטרוי, חשד...

— אָט וואָס פאַרא געדאַנקען, וואָס פאַרא איינבילדונג, דו האָסט זיך פלוצים, נאַרעלע, אריינגענומען אין קאָפּ... — האָט אים בנימין איבערגעריסן און אַנגענומען פאַר ביידע אָרעמס, מיט א לייכטן טאָן אים אריינגעלאַכט אין פּנים אריין.

פון בנימינס לאַכן האָט גדעונס פּנים זיך פאַרקרימט אין א שמייכל, א שמייכל אין וועלכן ס׳איז געווען מער טרויער ווי אין א געוויין...

באַפרייט זיך פון בנימינס הענט, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר די אָרעמס, האָט ער מיט א שטים פון טרויער און געבעט, שטיל געזאָגט:

— ווּעסט אפשר נאָך מער לאַכן פון מיר... ס׳איז אָבער גאָרניט קיין געלעכטער, דאָס וואָס כ׳וואָלט געוואָלט בעטן פון דיר... פון א נאָענטן חבר וואָס איז מיר א פריינד סיי אין זיין נאָמען און סיי אינעם אינהאַלט... כ׳בעט דיך, בנימין... רוף מיך ברודער... ניט בלויז דאָס... שטעל מיך אויך פאָר... אז ס׳וועט ווען-ס׳איז טרעפן... אלס דיינער א ברודער... — וואָס קען עס דיך אַרן...

בנימין פריינד האָט ניט געוואָלט גלויבן זיינע אויערן, אַזוי איבעראַשט איז ער געוואָרן פון דער מאָדנער בקשה פון זיין חבר... ער האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט וועגן דער שייכות פון אָט דער אויסטערלישער בקשה, מיט גדעונס פריער אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. און כדי ניט צו לאָזן אים אָן אָן ענטפער אויף דער אומגעריכטער ווענדונג, האָט ער פּרובירט אין אָן ערנסטן טאָן אויפקלערן די שוועריקייטן פון פאָרשטעלן אים אלס ברודער:

— מיט מיר, גדעון, האָסטו אָפּגעמאַכט! דו ביסט דאָך מיר סיי-ווי נאָענט ווי א לייבלעכער ברודער... אָבער פאַרשטיי... ווי קען איך דיך פאָרשטעלן ווי מיינער א ברודער, ווען איך בין א טונקל-ברונעטער שד און דו... — א רויטהאָריקער טייוול, א דזשינגדזשי?!...

— וואָס הייסט... — האָט גדעון אויסגעשטעלט א פּאָר ניט-פאַרשטייענ-דיקע אויגן, אויב מאַן-און-ווייב זיינען ניט ענלעך איינער צום אַנדערן, איז פאַרוואָס מוזן עס זיין זייערע קינדער?

— אָבער גדעון... ווי וועט עס זיין, ווען דער אָדער יענער, פון די וואָס קענען מיך געענטער, וועט שטעלן די פראַגע, פון וואַנען האָט זיך דאָס פּלוצים גענומען צו דיר א ברודער?

— וועסטו... וועסטו זאָגן אז... אז כ'בין איצט, דאָ ניט לאנג צוריק, געקומען צו פאָרן פון אויסלאַנד, אָדער פון וואַנען דו ווילסט, און אז דו האָסט פשוט פארגעסן צו דערציילן וועגן דעם...

ס'איז געווען א ווארעמער אָוונט. א לייכט ווינטל האָט געוויייעט איבער דער שטאָט ירושלים מיט פון ערגעץ-וואו פארטראָגענע ריחות פון צעאקערטן באָדן און בליאונג.

בנימין האָט מיט לאנגזאמע טריט געשפּאנט אהיים צו זיין בחוריש צימער און אויפן וועג, ווידער און ווידער, געזען פאר זיך גדעונס בעטנדיקע אויגן און געהערט פאר זיך זיינע שטילע ווערטער: "שטעל מיך פאָר ווי דיינס א ברודער... וואָס קען עס דיך ארן..."

— — — — — — — — — — — — — —

דער ערשטער מענטש פאר וועמען בנימין האָט פאָרגעשטעלט גדעונען ווי א ברודער, איז געווען זיין באלעבאָסטע, די עלטערע אלמנה יוכבד רויזנער, ביי וועלכער ער האָט געהאַט זיין צימער.

בעת בנימין האָט פאָרגעשטעלט פאר איר גדעונען, איז געשען דאָס, וואָס ער האָט פאָראויסגעזאָגט:

— וואָס זאָגט איר?! דאָס איז אייערס א ברודער?! — האָט זי ניט געקענט זיך אָפּוואונדערן. ווען איך וואָלט אייך ניט געקענט אלס ערנסטן מענטש, וואָלט איך געמיינט אז איר שפּאסט פון מיר — אזוי ווייט ניט ענלעך זייט איר איינער צום אנדערן!... — האָט זי נאָכן דערלאנגען גדעונען די האנט, איבערגעחזרט עטלעכע מאָל און איבערגעפּירט איר איבערראשטן בליק פון איינעם אויפן צווייטן.

— זאָגט מיר פרוי יוכבד, צי זיינען אייערע צוויי טעכטער יאָ ענלעך איינע צו די אנדערע?

— טאקע ניט. אינגאנצן ניט...

— נו, זעט איר! — האָט בנימין מבטל געמאכט איר פארוואונדערונג.

— יאָ, אָבער פארוואָס האָט איר פאר מיר קיינמאָל ניט דערמאָנט אז איר האָט דאָ א ברודער? — איז ער א נייער עולה?

— געוויס. דאָ ניט לאנג צוריק געקומען. זיך געפונען א צאָל טעג אין חיפה

ביי אונדזערס א ווייטן קרוב. כ׳האָב אייך פּשוט געוואָלט איבערראַשן...

פאַר גדעונען איז עס געווען אן אומפּאַרגעסלעכער טאָג. א טאָג, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אין לעבן, פאַרגעשטעלט געוואָרן ווי א מענטש מיט אן אדרעס... א מענטש, וואָס קערט זיך ווענען אָן...

נאָכן דאָזיקן אָוונט, ניט געקוקט אויף דער צוגעבונדנקייט צו גדעונען, האָט בנימין אָנגעהויבן באַדויערן וואָס ער איז איינגעגאַנגען דערויף. אָבער קיין צוריק איז שוין ניט געווען און ער האָט פאַרשטאַנען, אז זיין דאָזיקער ערשטער שריט אין דעם מאָדנעם עניין, וועט אויך מוזן ברענגען צו א ווייטערן אָפּנאַרן מענטשן. וואָס פאַר אָן אויסווירקונג ס׳וועט זיין דערפון, האָט ער דערווייל ניט געקענט פאַראויסזען...

געווען פאַרבעטן דורך א חבר פון אוניווערסיטעט און זיינע עלטערן אויף פסח קיין תל-אביב, איז בנימין, נאָך אן אָפּוועזנהייט פון עטלעכע טעג, צוריק-געקומען קיין ירושלים. נאָך א קורצן אָפּרו איז ער צוגעגאַנגען צום גאַראַזש א קוק טאָן, וואָס עס הערט זיך ביי גדעונען. אַריינגעקומען אין גאַראַזש און קוים באַוויזן צו זאָגן א שלום, איז נעבן אים שוין געשטאַנען דער באַלעבאָס — אן אלטער בחור ביי וועמען גדעון איז אויך איינגעשטאַנען אויף קוואַרטיר — דערלאַנגט אים די האַנט, און א זאָג געטאָן מיט א באַזאָרגטער שטים:

— אונדזער דזשינדזשי קוקט אייך אויס ווי מיט ליכט. ער אַרבעט שוין ניט דעם דריטן טאָג. ער איז אומגעוואָרפן געוואָרן ביים דורכגיין די גאַס דורך א פאַרבייפאָרנדיקן אויטאָ און ליגט מיט גיפּס אויפן פוס.

בנימין איז שוין ניט געגאַנגען עסן מיטאָג — ווי ער האָט עס געטראַכט צו טאָן — און איינקויפנדיק אויפן וועג א ביסל פרוכט און א פולן בייטל מיט פאַרשידענע קיכלעך, איז ער גלייך אוועק צו גדעונען.

דורך געדרייטע, ניט-געטעסעטע, שטיינערנע טרעפּ איז ער אַרויף צום איין שטאָקיקן הייזל וואו דער אלטער בחור, דער גאַראַזש-אייגנטימער, האָט געוואוינט. אויף בנימינס קלאַפּן אין טיר האָט אים קיינער ניט געענטפערט. אויפגעעפנט לייכט די ניט-פאַריגלטע טיר איז ער אַריין אין שטוב און א ווילע געבליבן שטיין אויפן שוועל פונעם צימער. די אויגן פול מיט דרויסנדיקער זונליכט, האָט אים איצט דער צימער מיט די אַלטמאָדישע שווערע מעבלשטיק, מיט די אייזערנע בעטלעך, אין צוויי ווינקלען פון צימער, אויסגעזען טונקעלער און אומעטיקער, ווי שטענדיק ווען ער איז אהער אַרויפגעקומען. אפשר דערפאַר, וואָס גדעון האָט דאָ געדאַרפט ליגן מערערע טעג גאַנץ אליין... ווי אויך צוליב דעם, וואָס ער האָט עס אין געדאַנק פאַרגליכן מיט זיין שיינעם, און ציכטיק-אויפגערוימטן, ליכטיקן צימער, וואָס פון זיין פענצטער האָט זיך געשפּרייט א צעגרינטער, באַרגיקער פּייזאַזש.

אויפן בעטל, פארבעט מיט א טונקל-גראָער, וואָלענער קאָלדרע, האָט בנימין דערזען ליגן גדעונען א שלאָפנדיקן, מיט א געגיפסטן פוס, וואָס האָט זיך געוויסלט אינעם טונקעלן ארום... אויפן טאבורעט נעבן בעטל איז געשטאַנען אַ פלאַך טעלער און דערין עטלעכע פענעצלעך ברויט, די רויטע הויט פון שווייצערקעז, רעשטלעך פון א סאלאט און דערנעבן — א געעפנט בוך. ער האָט זיך איבערגעבייגן און אריינגעבליקט. ס'האָט באהאנדלט פראָבלעמען פון מאָדערנער קונסט. מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אין דעם מאָמענט אויסגעדריקט אַ געמיש פון אנערקענונג און באדויער, האָט ער א לייכטן פיר געגעבן מיטן האנט איבער זיינע רויטלעכע האָר-קרויזן.

גדעון האָט א ציטער-געטאָן און איז אויפגעקומען. דערזען שטיין נעבן זיך בנימינען, האָט אויף זיין פנים, אויגנבליקלעך זיך צעלייגט א פריידיקער אויס-דרוק און ער האָט מיט דאנקבארקייט געדריקט בנימינס אויסגעשטרעקטע האנט.

— נעם אהער א שטול, בנימין, און זעץ זיך אָט דאָ... דו ווייסט ניט ווי איך האָב זיך די דריי טעג וואָס איך ליג... כ'קען ניט זאָגן זיך געלאַנגווייליקט, ווייל דאָס בוך וואָס ליגט דאָ לאַנגווייליקט שוין גאָרניט. אָבער... כ'האָב ניט געזען דאָ די עטלעכע טעג קיין לעבעדיקן מענטש... דו ווייסט דאָך, מיין באלעבאָס עסט אין גאס און נאָכן שליסן דעם גאראזש, זיצט ער ביז שפּעט אין אָוונט אין זיין קלוב ביי א דאָמינע אָדער שפּילט אין ביליארד.

— דאָס זיינען אלץ קלייניקייטן. — זאָג מיר בעסער וואָס איז מיט דיין פוס ?

— צו דערליידן... די צרה איז נאָר וואָס כ'וועל מוזן בלייבן עטלעכע וואָכן אין שטוב און דאָרף דערווייל זיך באנוצן מיט די דאָזיקע כלים... האָט גדעון אָנגעוויזן אויף צווײ קוליעס וואָס ביים בעט.

— אויב אַזוי, האָסטו דאָך מסתמא אין די אַלע טעג קיין מיטאָג ניט געגעסן, האָט בנימין באטראכט די שפייז-רעשטן אין טעלער.

אַנשטאָט אן ענטפער איז געקומען א שמייכלען...

— ווייסטו וואָס גדעון, איך וועל מאכן טיי און מיר וועלן קודם-כל ליקווידירן דאָס וואָס כ'האָב מיט זיך מיטגעבראכט !

ווי גדעון וואָלט פאקטיש געווען א לייבלעכער ברודער, פאר וועמען ער האָט ניט קיין שום סודות, האָט בנימין, אומקערנדיק זיך צוריק פון קיך, געזאָגט :

— כ'האָב פארגעסן דיר צו זאָגן גדעון, אז כ'האָב אויפן וועג אהער אָפּגענומען א בריוו פון דער מאמען. — כ'האָב אים נאָך אפילו ניט געעפנט.

— איז וואָס זשע וואַרסטו?... קום אהער, לאָמיר טאַקע הערן, האָט גדעון זיך אויפגעזעצט.

— זאָג מיר, האָט גדעון געפרעגט, נאָך דעם ווי בנימין האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו, צי זיינען אלע מאַמעס אַזוי?...

— כ׳מיין אַז יאָ. האָט אים בנימין געענטפערט.

— — — — — — — — — — — — — —

ערשט פאַרנאַכט צו, האָט בנימין זיך צוריקגעקערט צו גדעונען און אים געטראָפן ביים צייכענען אין בעט, האַלטנדיק פאַר זיך א ווייסן בויגן-פּאַפּיר, אַרויפגעלייגט אויף א שטיק דיקט.

דערזעען בנימינען, האָט ער איבערגעריסן זיין אַרבעט און מיט ביידע הענט פאַרדעקט די צייכענונג. און ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט, א זאָג געטאָן:

— מ׳מוז מיט עפּעס אוועקהרגענען די צייט... ניט געוואוינט גאָרניט צו טאָן. דאָס מאַכט מער מיד ווי דאָס אַרבעטן...

— ס׳איז דאָך אָבער שוין טונקל, ספּעציעל אין דיין ווינקל, איז וואָס-זשע טוסטו ביי אָט דער ליכט? — האָט בנימין אויסגעצויגן די האַנט צום ווייסן פּאַפּיר און עס מיט כוח אַפּערגעשלעפּט פון אונטער זיין חברס הענט.

— אָ, וואָס איך זע! דו צייכנסט גאָר! אינגאַנצן ניט געוואוסט וועגן דעם! זע נאָר זע, א קלויסטער מיט קניענדיקע מאַנאַשקעס, צלמים און קניענדיקע קינדער! — האָט ער געהאַלטן פאַר זיך די צייכענונג און געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף זיין חבר. זיך עפּעס דערמאַנט און שוין מער גאָרניט געפרעגט, נאָר ווידער איבערגעחזרט: — גאָרניט געוואוסט, אַז דו צייכנסט אַזוי גוט!

— כ׳האָב געצייכנט דאָס, וואָס ס׳האָט זיך מיר צום שטאַרקסטן איינגעקריצט אין זכרון פון מיין קינדהייט... אָט דאָס יאָטל דאָ, דער לעצטער, לינקס פונעם אַלטאַר, דאַרף איך זיין...

בנימין האָט זיך ווידער אַמאָל איינגעקוקט אין דער צייכענונג און ערשט איצט, באַמערקט אויפן אַנגעוויזענעם אָרט א קניענדיק יינגעלע מיט א דעפּאָרמירטן אויער, אַזאַ ווי ביי גדעונען.

— איז הער גדעון... אָט וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן... האָט בנימין מיט א מונטערע שטים זיך געווענדט צו זיין חבר. איך האָב שוין גערעדט און בין אַדורכגעקומען מיט דער פרוי רויזנער... דו גייסט אַריבער וואוינען מיט מיר צוזאַמען אין מיין צימער, און ווי לאַנג דו וועסט ניט קענען אַראָפּגיין אין גאַס, וועט די פרוי יוכבד, אַזוי גוט ווי זי קאָכט פאַר זיך, אויך

פאר דיר קאָכן מיטאָג. מיר וועלן עס טאָן נאָך היינט, טאקע באלד. מאַך זיך גרייט און לאָז איבער א פאָר ווערטער צו דיין באַלעבאָס. מיר פאָרן צו מיט א טעקסי.

א ביז גאָר געריךטער, איז גדעון ניט פעאיק געווען ארויסצוברענגען פון זיך קיין איינציק וואָרט פון דאנקבארקייט, נאָר האָט פעסט געדריקט בנימינס ביידע הענט, בעת זיינע אויגן האָבן זיך פייכטלעך צעשפיגלט...

✶

געטאָן דעם ערשטן געוואגטן שריט מיטן אָפּנארן דער פרוי רויזנער, האָט שוין בנימין, בלית ברירה, אויך געמוזט פאר די חברים פון אוניווערסיטעט, וואָס פלעגן אים פון מאָל צו מאָל באזוכן, פאַרשטעלן גדעונען ווי זיינעם א ברודער און דערביי ניט איינמאָל הערן די זעלבע פארוואונדערונג און פראַגעס, אויף וועלכע ער האָט געגעבן די זעלבע תשובה וואָס צו דער פרוי רויזנער.

נאָך אזויפיל מאָל ווערן פאַרגעשטעלט ווי בנימינס א ברודער, איז פון גדעונען אַלץ מער אָפּגעטראָטן דער מינדערווערטיקייט-קאָמפּלעקס, וואָס האָט אים פארפאָלגט צוליבן זיין א מענטש אָן דעראיינערונגען פון א היים, אָן אָן אייגענעם באַמען, וואָס רופט געוויס אַרויס — ווי ער האָט זיך דאָס איינגעבילדעט — ביי מענטשן א געפיל פון רחמנות און פאַרדאַכט.

מיט יעדן טאָג האָט זיך אין אים געגומען, אַלץ מער און מער, שטאַרקן אַ געפיל צו בנימינען ווי צו אן אייגענעם ברודער. פון זיין פאַרלייגנען פאר אים די בריוו פון דער מאמען, האָט זיך אין זיין געדאַנק איינגענעסטעט א פאַר-שוואומענע פאַרשטעלונג וועגן דער אומבאַקאַנטער פרוי אין ארגענטינע, פון וועלכער ער האָט זיך געשאַפן אן אויסגעטרוימטע מאמע... אין א געוויסן טאָג, האָט ער צוגעשריבן אין בנימינס בריוו צו דער מוטער זיין גרוס און צוגעגעבן נאָך איין זאַץ: "דערלויבט מיר ליבע פרוי, צו זען אין אייך מיינע א מוטער"...

נאָכן דאַזיקן צושריפט אין בנימינס בריוו אהיים איז יעדן מאָל, ווען די מוטער האָט עפּעס צוגעשיקט צום זון, געווען צוגעשריבן: "פאַר דיר און פאַר גדעונען".

— — — — — — — — — — — — — —

אין איינעם אָן אָוונט, איז בנימין אומגעריכט אהיימגעקומען מיט א יונג, בלאָנד מיידל און זי פאַרגעשטעלט פארן פארוואונדערטן גדעונען: "באַקען מיינע א נאָענטע פריינדין... יונה העפלער! ניט קיין סטודענטין, נאָר א פקידה. און צום מיידל צוגעגעבן מיט אַ שמייכל: — דאָס איז מיין ברודער, גדעון, ניט קיין סטודענט... א גאַראַזש-מעכאַניקער.

פון דעם, וואָס די בלאָנדע יונה האָט ניט געשטעלט קיין שום פּראַגעס וועגן זייער ניט-ענלעכקייט האָט גדעון פאַרשטאַנען, אַז בנימין האָט איר שוין זיכער פון פריער צוגעגרייט צו דעם. פון דעם אופן ווי ער האָט זי פאַרגעשטעלט, האָט ער אויך געדרונגען, אַזביידנס פריינדשאַפט איז אַן ערנסטע, ניט געקוקט דערויף וואָס ער האָט קיין איינציק מאָל וועגן דעם ניט דערמאָנט.

דער אָוונט פון אַרויפּברענגען צו זיך זיין פריינדין, יונה העפּלער, און זי באַקענען מיט גדעונען און זיין באַלעבאָסטע, איז דורך בנימינען אָפּגעצייכנט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלן אָוונטברויט, אין וועלכן ס׳האָט אויך מיטגעהאַלטן די באַלעבאָסטע, יוכבד רויזנער.

בעתן שמועס מיט יונה׳ן האָט גדעון זיך דערוואוסט, אַז זי איז סך-הכל זיבעט דריי וואָכן באַקאַנט מיט בנימינען. געזען זיין גרויס פאַרוואונדערונג, האָט זי צוגעגעבן:

— אַ סימן, אַז איר האָט זיך נאָך אין קיינעם ניט פאַרליבט... דאָס דערקענען זיך קעגנזייטיק און ווערן פאַרליבט איינער אינעם צווייטן, פאָדערט ניט קיין באַשטימטע מאָס פון צייט...

ס׳איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט ווען ביידע חברים, בנימין און גדעון, זיינען געגאַנגען צו זיך אהיים איבער די אויסגעליידיקטע גאַסן פון דער שלאָפנדיקער ירושלים, נאָך דעם ווי זיי האָבן באַגלייט די צוואַנציק-יאָריקע, יונה העפּלער.

די נאַכט איז געווען אַ שפּעט-זומערדיקע, אַ מילדע, און ס׳האָט געבלאָזן אַ לייכט ווינטל, וואָס האָט שטיפעריש צעשויבערט די קויל-שוואַרצע און פייער-רויטע האָר פון ביידע בחורים.

אויפן וועג אהיים האָט בנימין דערציילט גדעונען, ווי אַזוי ס׳איז פאַרגעקומען זייער באַקאַנטשאַפט, וועגן יונה׳ס מעלות און אַלץ וואָס ער האָט געוואוסט וועגן איר. ער האָט אים אויך אויפגעקלערט די סיבה פאַרוואָס ער האָט עס ביז איצט אויסבאַהאַלטן פאַר אים: — איך דערצייל וועגן אַ זאַך נאָר דעמאָלט, ווען זי איז שוין הונדערט-פּראָצענט באַשטימט און זיכער... איז ער שטיל געבליבן און געוואַרט. געוואָלט הערן גדעונס מיינונג.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, בנימין, האָט גדעון אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ, זי איז אַ פּראַקטיק מיידל! ניט-געקינצלט, צוגעלאָזן, קלוג און זייער אַ פאַרשטענדלעכע. פון מיין ערשטן שמועס מיט איר האָב איך אויסגעפונען, אַז זי פאַרמאָגט אַ זעלבסטשטענדיקע מיינונג, און איז זייער אַ וואויל מיידל.

בנימין האָט עפּעס געענטפערט און ס׳איז אַריינגעטראָטן אַ שווייגן. דאָס שווייגן האָט נאָך בולטער און שטאַרקער, געלאָזט הערן דאָס ריטמישע קלאַפּן פון

זייערע אייגענע טריט. אָבער באַזונדער און אָפּגעטיילט איז איצט געווען דער גאַנג פון די מחשבות, וואָס האָבן אַרומגעקרייזט אין זייערע מוחות.

— גדעון... האָט בנימין לסוף איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— הא?

— וואָס גייסטו אַזוי פאַרטראַכט?...

— אי־יך? כ׳מיין אַז דו...

— אי־יך? ווייס איך וואָס... ניט געזאָרגט גדעון... ס׳וועט אויך פאַר דיר אונטערקומען אַ וואויל און שיין מיידל...

— אָ, אָ, בנימין... גיט גערירט זיך... ביסטו טאַקע מיר חושד אין קנאה?... דאָס פאַרקערטע דערפון, יאָ. כ׳ווינטש דיר מיט יונה׳ן אַלדאָס גוטס! זאָל טאַקע דער קרייז פון אייגענע, פון נאָענטע, זיך פאַרגרעסערן!

— ווייסט דאָך מיר ניט לייקענען גדעון... ביסט אָבער דאָך געגאַנגען זייער פאַרטראַכט, איז זאָג...

— דערויף איז מען דאָך אַ מענטש... הער... כ׳וועל זיך פאַר דיר מודה־זיין... כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת... כ׳האָב געטראַכט צי... צי כ׳וועל איצט, ניט זיין פאַר דיר קיין שטערונג?...

— וואָס נאָך וועט דיר אַלץ איינפאַלן?... דו משוגענער קאָפּ! — האָט אים בנימין אַרומגענומען און געגעבן אַ צי צו זיך — פונקט פאַרקערט ווי דו האָסט עס געזאָגט. אדרבא, ברענג אויך מיט זיך אַ מיידל און זאָל טאַקע פולער און ענגער ווערן דער קרייז פון אייגענע!

— ווי מיינסטו גדעון, דאַרף איך שרייבן שוין איצט וועגן דעם, דער מאַמען? הא? ווי מיינסטו?

— כ׳ווייס... אויב דו ביסט אויף אַזויפיל זיכער אַז אַזוי בלייבט עס און אַז דו וועסט דערמיט פאַרשאַפן פרייד דער מאַמען... זי איז דאָך, יונה, ווי דו האָסט עס מיר דערציילט, אַן אָרעם מיידל... טו עס!

— יאָ גדעון, אַזוי איז עס און אַזוי בלייבט עס! מיין מאַמע וועט זיין צופרידן! זי איז אויך אַמאָל געווען זייער אָרעם... געדענקסט וואָס זי האָט מיר געענטפערט אויף מיין באַשלוס צו בלייבן אין ישראל: "דאָס וואָס איז ליב און גוט פאַר דיר — איז אויך מיר ליב און מיר צום הארצן". אַזאַ איז זי, מיין מאַמע... כ׳בענק זייער נאָך איר...

— כ׳מיין, בנימין, אַז זי ניט ווייניקער...

— יאָ, ריכטיק גדעון. כ׳האָף נאָך צו זען זי דאָ, זאָל נאָר די שוועסטער ארויס פון איר קראַנקהייט.

ס׳איז פאַרביי אַ קורצע צייט נאָך יונה׳ס ערשטן באַזוך ביי בנימינען. דאָס צימער וואָס זיי האָבן פאַרנומען, האָט באַקומען אַ ניי פּנים און איז אין די אָוונט-שעהן פול-געוואָרן מיט לעבן. דאָס איז געשען אַ דאַנק די דערפינדערישע פינגער, פריילעכן כאַראַקטער און מונטערן געזאַנג, וואָס יונה האָט אריינגעבראַכט מיט זיך. צו זייער קרייזל זיינען מיט דער צייט צוגעקומען בנימינס גאָר-נאָענטע חברים און חברטעס פון אוניווערסיטעט. אין די אָוונט-שעהן האָט זיך פונעם צימער ארויס געלאָזט הערן אַ געזאַנג, אין וועלכן ס׳האָט דאָמינירט יונה׳ס סאָפּראַן שטים, באַגלייט פון אַן אקאָרדיאָן.

אין אָט דעם קרייז פון יונגע לעבנסלוסטיקע חברה, איז געבוירן-געוואָרן און זיך לאַנגזאַם אַנטוויקלט, די נאָענטע, קעגנזייטיקע פריינדשאַפט פון דער סטודענטין פון הומאַניסטישן פאַקולטעט, דער ברונעטין, ברכה ציפּרוני, מיטן רויט-האָריקן, גאַראַזש-מעכאַניקער, גדעון. בנימין האָט מיט פרייד נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפט.

פול מיט האָפענונג אינעם מאָרגן, האָבן אין אַן אָוונט בנימין און גדעון, יעדער מיט זיין באַליבט מיידל, געשטראָמט מיט די מאַסן פון דער שטאָט ירושלים, צו באַגעגענען ניינצן יאָר עצמאות פון מדינת-ישראל. און ווי געטראָגן אויף פליגל, אונטער אַ ריזיקער חופּה פון אומצאָליקע, פאַרשידנפאַרביקע פייערן, אריינגעטאַנצט ביז אין דער שפּעטער נאַכט אריין...

★

אַ פאַרנאַכט, באַלד נאָך די רומפולע זעקס-טעג פון חודש יוני, ניינצן זיבן-און-זעכציק.

אָנגעשפּאַרט זייערע אויטאָמאַטן אין אַ ווינקל פונעם צימער, פעסט געאָרעמט מיט זייערע מיידלעך, זיינען געזעסן ביים טיש אין מיליטערישע קליידער, דער טאַנקיסט, גדעון חייט און דער פאַראַשוטיסט, בנימין פריינד.

באַגלייט פון די ברייט-אויפגעריסענע אויגן פוןביידע מיידלעך, פון דער בלאָנדער יונה און דער ברונעטער ברכה, ווי אויך פון דער באַלעבאָסטע, האָבן זיי ביידע שעה׳ן לאַנג איבערגעגעבן און דערציילט, וועגן די דורכגעמאַכטע טעג פון בלוט-גליווערנדיקן גרויל, פון טויט און פאַרניכטונג, פון יידישער גבורה און רום, וואָס וועלן אויף שטענדיק פאַרבלייבן אין זייער זכרון.

בעת בנימין האָט פאַרענדיקט צו דערציילן אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פונעם קאַמף, וואָס זיין אָפּטיילונג האָט געפירט אויף אַ געוויסן אָפּשניט פון דער אַלט-שטאָט, האָט זיך פּלוצים דערהערט די הייטערע שטים פון דער באַלעבאָסטע:

— קינדער! הערט וואָס כ׳וועל אייך זאָגן! איר וועט דאָך, מסתמא, אין קורצן באַפרייט ווערן פון מיליטער — איז אויף צו להכעיס אונדזערע שונאים וואָס האָבן אונדז געוואָלט פאַרטיליקן — האָט חתונה! אויב איר׳ט וועלן שטייט נאָך ביי מיר פריי א צימער, אין וועלכן איך בייטיק זיך ניט.

— בראַוואָ, בראַוואָ, באַלעבאָסטע! בראַוואָ, יוכבד! האָט זיך דערהערט א פריילעך רופן און א פּאַטשן מיט די הענט.

אויפגעמונטערטע, האָט חברה גלייך אויפן אָרט איינגעשטימט אויף יוכבדס פאָרשלאָג און גרייט געווען שוין אין די נאָענטסטע וואָכן צו שטעלן די חופּות. נאָר יוכבד האָט זיי אויפגעקלערט:

— ניט געאיילט זיך צו שטאַרק קינדער! איר דאַרפט עס באַשטימען, לויט מיין מיינונג, אויף חודש אָב, נאָך די ניין טעג. אין די טעג פון טרייסט, פון פרשת נחמו.

חברה האָט זיך איבערגעקוקט מיט ניט פאַרשטייענדיקע בליקן און באַשלאָסן צו פאָלגן זייער באַלעבאָסטע...

— — — — — — — — — — — — — — —

דער זומער האָט גענומען זיך אוועקרוקן. ס׳האָבן אָנגעהויבן בלאָזן לייכטע, ערב-האַרבסטיקע ווינטעלעך און די אָוונטן האָבן שוין גענומען אָפּקילן די אָנגעהיצטע לופט און הייזער פונעם שטיינערנעם ירושלים.

פון דער מאַמען איז אָנגעקומען א טעלעגראַמע, אז דינסטיק, צען אזייגער פרי, וועט זי אָנקומען מיט דער שוועסטער אויפן לודער פלי-פּלאַץ. שוין מיט א שעה פריער, האָבן בנימין און גדעון מיט זייערע מיידלעך זיך אויסגעקוקט די אויגן אין אומגעדולדיקער דערוואַרטונג אויף די געסט.

ענדלעך האָט זיך דערהערט א גערויש פון די מאָטאָרן, א באַלויכטענער פון דער זון, זילבערדיקער ״אל-על״ עראָפּלאַן, האָט נאָך עטלעכע מאָל אַרומקרייזן דעם פלי-פּלאַץ, זיך אַראָפּגעלאָזט, א גליטש-געטאָן איבערן אספאַלט און איז שטיין געבליבן.

אַראָפּ מיט דער טאָכטער פון עראָפּלאַן, האָט די פרוי פריינד, אָן אומגעדולדיקע און א ביסל א נערוועזע, גענומען זוכן מיטן בליק דעם זון.

ערשט ווען זי איז אריין אינעם בנין פון לופט-פּאָרט און זיך געשטעלט אין ריי צו דער דאָקומענטן-קאָנטראָל, האָט זי אויף דער צווייטער זייט פונעם באַריער, צווישן המון וואַרטנדיקע מענטשן, אויך דערזען בנימינען האַלטנדיק מיטן רעכטן אָרעם אַרומגענומען א בלאָנד מיידל. א לייכטער טרערן-נעפּל האָט

באַדעקט איר בליק און זי האָט כמעט ניט געהערט, וואָס דער פּקיד פון צאָלאַמט פרעגט זי.

ארויס אויף דער צווייטער זייט פונעם באַריער האָט פּרוי פריינד זיך איינגעקלאַמערט אינעם זון און אים באַדעקט מיט הייסע קושן. באַלד האָט זי אויך ארומגענומען יונה׳ן, ווי אַן אייגן קינד צוגעטוליעט צו איר ברוסט און געקושט מיט אמתער ליבשאַפט. ארויסגעלאָזט יונה׳ן פון אירע אָרעמס האָט זי געוואָרפן אַ בליק אויף גדעונען מיטן מיידל, וועלכע זיינען געשטאַנען דערנעבן. פּלוצים איז זי בלאַס געוואָרן און געבליבן שטיין אַ צוגעשמידטע צום אָרט. אירע ברייט-אויפגעריסענע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אינעם רויטהאָריקן גדעונען, אין וועלכן זי האָט דערזען אַן אָפּבילד פון איר ערשטן מאַן, באַלד נאָך זייער חתונה.

זי האָט געשטעלט אַ וואָקלדיקן טראָט פאָראויס און געלאָזט הענגען איר בליק אויף גדעונס דעפאָרמירטן רעכטן אויער. באַלד האָט זי האַסטיק אויס-געשטרעקט צו אים ביידע אָרעמס און פון איר ברוסט האָט זיך ארויסגעריסן אַן אויפטרייסלענדיקער אויסגעשריי:

— גאָט מיינער! גאָט מיינער! מיין וואָוועלע! מיין טייער זונעלע! מיין פאַרלוירענער אוצר! גאָט, גיב כוח מיין האַרץ אויסצוהאַלטן מיין גרויס גליק! וואָוואוש! בנימין! יונה!...

שמואל לאם : דוד פינסקי

רבקה קאָפּע

לידער

אַ געזאַנג צו ירושלים

שטיי אויף צום געזאַנג
ירושלים,
מאמע פון לעגענדע און וואָר,
ווי איין משפּחה
מיט צעפלאָסענער פרייד !
פאָלק ישראל,
קום ארויס אין די גאסן,
וועל איך א בויגן דיר זיין
אויף דיין פידל פון נצחון.

דער שונא באפרוכפּערט
מיט מאָרד,
ליגט פארשעמט און צעטרעטן.
לאָמיר דיין גבורה, מיין פאָלק,
זיך איילן,
דעם פלינקן מאָרגן
דערציילן.

געַנוג איז שוין געלעגן ישראל,
ווי א ספר אויפן קאפריז פון ווינט, —
איצט לעכערט מיט טרערן
די וואנט,
א ייד,
א צוויי טויזנט יעריק קינד !...
דער ליכטיקער מגן־דוד
אויפן יידישן פירמאמענט —
אלע שטערן־שפּיצן
איצט פארבלענדט.

דבורה די נביאה
האָט באזונגען א שלאכט
מיט יבין דעם מלך פון כנען.
דער שומר צה״ל
געשלאָגן האָט
דעם נאצער־טיראן !
מער ווי ניין הונדערט
אייזערנע רייטוועגן
זיינען געשטאנען צו דיין פארלענד.
דאָס הארץ פון ישראל
געווען איז א מדבר וואָס ברענט !

לאָמיר לויבן דעם שומר צה״ל !
זיין שכל האָט צעריסן א חלום
פון רויטע מעסערס.
לאָמיר בענטשן זיין גייסט,
דאָס פאנצער־געווער,
וואָס פינקלט ווי דער דימענט —
זעקסמיליאָניקע טרער !

צו סיסרא
האָט געטון יעל
מיט האמער און שטיפט. —
דו, ישראל,
מיטן טשוואָק פון דיין חכמה,
האָסטו די וועלט פארבליפט !

מאמע רחל,
מיין זעאונג אנטפלעקט דיך
אין הויטן,
אויסגעלייזט פון די פענטעס,
וואָס האָבן דיין קבר געדריקט.
דיינע געפאלענע קינדער
האָבן געבויט צו דיר א בריק !
קומט מיט אונדז
אלע הייליקע שאָטנס !
וואָלקן,
גיס אָן דעם כוס מיט געויין —
לאָמיר טרינקען לחיים
צו ירושלים !

זינג ישראל,
ווי א פויגל באפרייט פון שטייג;
זאָל געזאנג זיך ציען
צו די העלדזער פון וואָרצלען
געשוואָלן פון טרערן —
אלע טויטע געזאנג באגערן.

פרוי פון ירושלים,
זאָל דיין קינד ביים ברוסט
דיין געזאנג פון נצחון זייגן!
ווען דו וועסט בענטשן די ליכט
פון דיין טרויער,
בענטש אונדזער טורעם,
דעם צה״ל און דעם בויער!

דער שטורעם איז אריבער,
הייב אויף דיין קאָפּ,
ווי צום באגינען די בלומען־צוויטן,
לאָמיר אויפלעבן דעם אָטעם
פון דבורה די נביאה
און מיט געזאנג די ערד פארשיטן.

יוני 1967

נאָכן שלאַכט

ס׳איז ארויס איבער לאנד פון תנ״ך
דער מלך דוד — טרובאדאָר
מיט זיין פידעלע ער וואכט
און וועקט אויף פון חלום קאיאָר.
דער טויט ליגט אין ברוכווארג פארדרייט,
צעדרויבט און אין ראָסט איינגעצייגט.
א שפּיציקער פעלדז אין א זייט —
א פּנים אין א שטיין איינגעשטיינט...
אין בלויער צעגאָסענער שלווה,
ווי אותיות אין פארמעטן בעט,
עס רוט א בנימין, א זהבה,
פון בלוט־רעגן־בויגנס געגלעט.
וואו ס׳רוישט מיט א וואלד שמן־זית,

וואו שטילקייט מיט האָניג זיך גיסט,
א שטיינדל — א בלוטיק כזית
מיט ראָזשינקע־מאנדל פארזיסט...

איך רוף

כ׳האָב א מוציא געמאכט אויף א בוך
און געטרונקען א ליד אויף לחיים.
דאָס מוז זיין מיין הייליקע שפייז,
ווי א ייד איז א מצווה מקיים.

ביזן אויג פארפאנצערט מיט ביכער,
וועל איך שפאנען ביזן סוף פון מיין וועלט —
כ׳בין אריין אין פארצווייגטן וואלד,
פון קיל־גרין און פון דערנער צעקרעלט...

דאָס ליד איז א מסור און צעטראָגט,
ווי כ׳פארשווייס דאָ דעם חומר מיט גייסט —
און רוף צו אן עדה בציבור,
מיטצובענטשן די געטלעכע שפייז.

דער טאָג רינט אויס

ווינטן שויבערן וואָלקנס,
דריוולט זיך אָפּ א רעגן.
פאלן גאָלדענע טראָלדן
אראָפּ פון מיין לאמטערן.

אָט, די פינקלנע טראָפּנס, —
ווי שטערן מיט אומעט פארגלייזט
גלאָצן ביי מיין צוקאָפּנס,
הארטער ווי קריעות פון אייז...

★

דער ווינטער שפּרייזט איבער דעכער,
א מירמלנער אויסגעשפרייט.

שפּינט איבער פעלדער א פּעכער
און אין שויב א זילבערנע קווייט.

שנייעלעך אין גלימער פארפרירט
און הענגען אָן בערד פון אייז,
אלע פענצטער פארצירט
מיט פראָסטיקע טשוועקלעך פארשווייסט.

גוט איז אין פּוכיקע צעלטן,
ביי אן אָפענעם בוך פארטראַכט —
פארברודערט צו יענעמס וועלטן,
פון גייסטיקע פריינד זיין באוואכט.

פאריז, 1967



שלמה איצקאָוויטש : אַ בוים

יחזקאל קאָרנהענדלער

מכוח ראטעווען א פערל פון דער יידישער דיכטונג

צו די יידישע שרייבער וועלכע האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַר אונדזער ליטעראַ-טור, געהערט אָן ספק שמואל ראַזשאַנסקי, פאַר זיין רעדאַגירן און אַרויסגעבן אין אַרגענטינע, די סעריע ביכער ״מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור״.

צוליבן שווערן מצב אין פאַרלאַגס-וועזן אין יידיש, איז עס פון גאָר גרויסער זעלטנקייט, אז עס זאָלן ביי אונדז דערשיינען ביכער פון שרייבער וואָס לעבן ניט מער. איז טאַקע דער פאַרדינסט פון ש. ראַזשאַנסקי באמת גרויס, וואָרום ביז היינט צו טאָג זיינען אין דער אויסגאַבע שוין דערשינען איבער פיר צענטליק ביכער פון מחברים וועלכע האָבן אויסגעפירט א גרויסע געשיכטלעכע ראָל אין אונדזער ליטעראַטור; דאָס זיינען די פּובליציסטע ווערק פון אליהו בחור, פון ד״ר שלמה עטינגער, וועגן ר׳ נחמן בראַסלאַווער, גליקל האמיל, אברהם גאָלד-פאַדען, מאַרק וואַרשאַווסקי א.א.

האָב איך אויך אָפּגעפילט א גרויסע פּערזענלעכע סאַטיספאַקציע, ווען כ׳האָב געלייענט, אז אין די ״מוסטערווערק״ איז דערשינען א בוך לידער פון דעם, מיט 51 יאָר צוריק, אזוי יונג געשטאָרבענעם דיכטער לייב ניידוס; איינעם פון אונדזערע זעלטן פיינע פּאָעטן, וואָס איז פון אונדז אוועקגעריסן געוואָרן, ווען ער איז סך-הכל אלט געווען 28 יאָר.

מיט די לידער פון לייב ניידוס, האָב איך מיך אָנגעהויבן באַקענען אין די יאָרן 1915—1916, ווען כ׳בין נאָך געווען א יונגער לייענער און כ׳בין מיך מודה, אז ביז היינט צו טאָג, איז ער פאַרבליבן צווישן מיינע סאַמע באַליבטסטע פּאָעטן, וואָס א ריי פון זיינע שאַפונגען, געדענק איך ביז היינט פון אויסנווייניק און צווישן זיי, א פּאָעמע פון 56 שורות ״מיין באַבעשי״. האָב איך אָפּגעפילט א גרויסע פרייד, ווען כ׳האָב לעצטנס באַקומען אין מיינע הענט אריין דאָס לייב ניידוס-בוך, וואָס איז דערשינען אין די ״מוסטערווערק״, נאָך אין יאָר 1958 און דאָס ערשטע וואָס כ׳האָב אין דעם בוך א זוך געטאָן און גענומען לייענען, איז טאַקע געווען די פּאָעמע ״מיין באַבעשי״.

ס׳האָט מיך אָבער דערוואַרט א שווערע און ווייטיקלעכע אַנטוישונג, וואָרום די פּאָעמע איז אַרויסגעקומען שווער דעפאָרמירט און פאַר אַ לייענער וואָס קען ניט די פּאָעמע פון פריער, קומט זי אַרויס אומפאַרשטענדלעך און ניט

קלאָר. מיין אנטוישונג איז אויך געווען גרויס, ווייל די „מוסטערווערק" זייַנען דאָך ניט סתם אויסגאַבעס וועלכע דרוקן איבער וויכטיקע ווערק, נאָר אַלע אַרויסגעגעבענע ביכער טראָגן אויך אַ באַשטימטן פאָרשערישן כאַראַקטער און זייַנען באַגלייט מיט אָפּהאַנדלונגען און אויפקלערונגען וועגן דעם פּובליצירטן מחבר און זייַנע ווערק.

כ'ווייס ניט ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען דאָס צונויפזאַמלען די לידער פון לייב ניידוס פאַר דער דערמאָנטער אויסגאַבע, אָבער די 56 פּערזיקע פּאָעמע „מיין באַבעשי" איז אַרויסגעפּירט געוואָרן אַ שווער געליטענע און אין דער פאַרעפנטלעכטער פאָרם, גיט זי אינגאַנצן ניט דעם געגנוס וואָס דאָס ווערק, אַ זעלטענע פּערל אין אונדזער דיכטונג, שטעלט מיט זיך באמת פאָר.

דער שרייבער פון די שורות קען גאַרניט שלעכט די פּוילישע, רוסישע, פראַנצויזישע און פילוויניק אויך די דייטשע דיכטונג אין אָריגינאַל און כ'באַטראַכט לייב ניידוסן אַלס פּאָעט פון גרויסן אייראָפּעאישן פאַרנעם. „מיין באַבעשי" איז ניט נאָר אַ פּערל אין אונדזער דיכטונג, נאָר זי וואָלט אויך פאַר-נומען אַזאַ אָנגעזען אָרט בכלל, ווען זי באַווייזט זיך אין וועלכער ס'איז אַנדער אייראָפּעאישער שפּראַך און עס טוט מיר ביז גאָר וויי, וואָס די דאָזיקע פּאָעמע איז אין די „מוסטערווערק" אַרויסגעקומען אַזוי שווער דעפאָרמירט און מייַנע איצטיקע שורות זייַנען טאַקע אויסן צו ראַטעווען די דאָזיקע פּערל פון דער דעפאָרמאַציע.

איך האָף שטאַרק אַז מייַנע שורות וועלן ערגעץ-וואו אָנטרעפן נאָך ליב-האָבערס פון לייב ניידוסעס דיכטונג, וואָס וועלן זיך פאַראינטערעסירן מיט דעם דאָ דערציילטן, כדי ביי אַ געלעגנהייט פּרובירן עפּעס טאָן אויף צוריקצושטעלן דעם ריכטיקן טעקסט פון דער פּאָעמע און אפשר וועט עס אויך טאָן שמואל ראָזשאַנסקי גופא.

כדי אָנצואווייזן אין וואָס די דעפאָרמאַציע באַשטייט. ברענג איך לסוף דעם פולן טעקסט פון דער פּאָעמע אַזוי ווי זי דאַרף זיין און ווי זי איז מיר פאַרבליבן אין זיכרון. איך האָב אויך בכיוון אָנגעצייכנט אַ נומער ביי יעדער שורה כדי עס זאָל לייכט זיין צו פאַרשטיין און זיך צו באַקענען מיט דער פאָרגעקומענער דעפאָרמאַציע.

זאָל דאָ קודם-כל אָנגעוויזן ווערן, אַז די פּאָעמע „מיין באַבעשי" באַשטייט פון דריי טיילן. אין דעם לייב ניידוס-בוך האָט די פּאָעמע אויך דריי טיילן, אָבער די דריטע טייל וועלכע מיר געפינען דאָרט, האָט אינגאַנצן ניט קיין שייכות מיט דער פּאָעמע; לייב ניידוס האָט זייער ליב געהאַט זיין באַבעשי און איר געווידמעט נאָך אַנדערע לידער, אָבער די דריטע טייל פון דער פּאָעמע „מיין באַבעשי" איז אַ גאַנץ אַנדער ווערק און האָט מיט דער געברענגטער פּאָעמע אינגאַנצן ניט קיין שייכות און איז אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן, צוגעטשע-פּעט געוואָרן, ווי אַ דריטע טייל.

און ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט שיינען, דאַרף דאָ דערציילט ווערן, אַז די פּאָעמע הויבט זיך אָן אין שמואל ראָזשאַנסקיס רעדאַקציע, פון דער... 37-טער שורה און דעם פאַקטישן אָנהייב פון דער פּאָעמע לויט לייב ניידוס, געפינען מיר אין דעם באַהאַנדלטן בוך אַלס די 21-טע, 22-טע, 23-טע און 24-טע שורות.

ווייטערדיקע פּערזן וועלכע קומען נאָך די ערשטע, נאָר וואָס אויסגערעכנטע פיר שורות, זיינען אין דער פּאָעמע אינגאַנצן ניט פאַראַן; עס פעלן דאָרט גאַנצע 28 פּערזן ד.ה., אַז עס פעלן, אָנהויבנדיק פון שורה 5 ביז שורה 32.

מיט איין וואָרט, דער אָנהייב איז קיין אָנהייב ניט, דערנאָך פעלט אַ האַלבע פּאָעמע און דער סוף האָט מיט "מיין באָבעשי" אינגאַנצן ניט קיין שייכות.

און עס פרעגט זיך:

ווי אַזוי איז מעגלעך געוואָרן דאָס אַרויסברענגען די דאָזיקע פּאָעמע אויף אַזאַ אופן? דערצו נאָך אין אַן אויסגאַבע, וואָס האָט פאַר אַ ציל צו ברענגען "מוסטערווערק" פון אונדזער ליטעראַטור.

ווי שוין דערמאָנט, ברענג איך די פּאָעמע, באַזירנדיק זיך אויסשליסלעך אויף מיין זכרון, וואָרום זי איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין מוח און האַרצן. איך פלעג זי אָפט לייענען פאַר זיך גופא און ביי געלעגנהייטן, פאַר פריינד. אין מיין זכרון זיינען אויך פאַרבליבן אַ ריי איינצלנע ווערטער וועלכע איך טרעף אָן עטוואָס געענדערט אין דער לייב ניידוס-אויסגאַבע; אַזוי למשל אין פּערז נ. 41 וועלכער לייענט זיך אין דער שמואל ראָזשאַנסקי-רעדאַקציע:

"איך קום פון דעם לאַנד וואו דער מלך איז אייזן".

מיר איז אָבער פאַרבליבן אין זכרון ניט דאָס וואָרט "מלך", נאָר "מלאך". און אַז מיין זכרון נאַרט מיך ניט, באַשטעטיקט אויך דער יוגנט-חבר פון לייב ניידוס, דער דיכטער אברהם זאַק, וועלכער באַטייליקט זיך אין דער אויסגאַבע, מיט אַן אָפּהאַנדלונג געווידמעט דעם געשטאָרבענעם דיכטער און ער ציטירט דאָרט די (פאַקטישע) לעצטע פיר פּערזן פון דער פּאָעמע און מיר לייענען דאָרט, אין דער 54-טער שורה, די ווערטער:

"איך קום צו דיר ווידער פון רוישיקע שטעט".

איז די דאָזיקע, דורך אברהם זאַקן ציטירטע שורה, אַ ריכטיקע; אַזוי איז זי אויך פאַרבליבן אין מיין זכרון, בעת אין דער פּאָעמע גופא, לויט דער רעדאַקציע פון ש. ראָזשאַנסקי, לייענען מיר גאָר "זינדיקע" שטעט.

האָב איך געהאַלטן פאַר וויכטיק אַרויסצוקומען מיט מיינע שורות, וואָרום נאָך דעם ווי דער לייענער וועט זיך באַקענען מיט דער פּאָעמע "מיין באָבעשי", וועמעס טעקסט איך ברענג גלייכצייטיק, וועט ער זיך איבערצייגן וואָס פאַראַ פּרעכטיק ווערק די פּאָעמע שטעלט מיט זיך פאָר; אַז זי איז אַ פּערל אין אונדזער דיכטונג, וועלכע מען דאַרף ראַטעווען פון אַ פאַרדריסלעכער דעפאָר-מאַציע, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען.

לייב ניידוס

מיין באָבעשי

פארנאכט, ווען ס׳צעגיסט זיך דער ראָזיקער שימער
און ס׳קומען פון ערגעץ, ווי שאָטנס צו שוועבן,
פאַרלאָזט דאַן מיין באָבע איר איינזאַמען צימער
און גייט אין דעם גאָרטן, וואָס ליגט דאָ דערנעבן.

זי זעצט זיך אוועק אויף א באנק אויף א ברייטער
וואָס טוליעט זיך שטיל, צו א בוים צו אן אלטן,
געשלענגלטע מאטאָווע שאָטנס פארשפרייט ער,
וואָס שלייכן זיך דורך, פונקט ווי נעפל־געשטאלטן.

זי עפנט דעם סידור דעם גראָבן
וואו ס׳ליגן די געלבלעכע טרערן־סימנים באהאלטן.
רחמנותדיק ציטערט איר ווייבישער ניגון
וואָס גיסט זיך פונאנדער אין גאָרטן אין אלטן.

און צערטלעך ווי זיידנס, און לייכט ווי א דרימל
דערהויבט זיך א רויך פון פארנאכטיקן טוי
מיט אים שטייגט מיין באָבעשיס ניגון צום הימל
און איילט זיך זיין בענקשאפט פאר גאָט צו פארטרויען.

עס לעשן זיך לאנגזאם אין מערב די פלאמען.
עס ווערן אנטשוויגן די פייגלישע לידער.
די באָבע שלאָפט איין מיטן גאָרטן צוזאמען
און שטיל אויף די קני, בלייבט דער אָפענער סידור.

2

אין גאָרטן, אין שאָטן פון גרינע ערבות,
פלעג איך ביי די פיס פון מיין באָבעשי ליגן,
און זי, א פארטיפטע אין אלטע מחשבות —
פלעגט מיר מעשיות דערציילן, שטיל, מיט א ניגון.

פלעגט מיר מעשיות דערציילן פון „מנורת המאור״,
פון דעם אלטן פארחלומטן ספר פון דיקן.
איר בליק האָט געלויכטן מיט א הארציקן טרויער
וואָס פלעגט זיך פארטוישן און העלער אנטציקן.

און פלאטערן פלעגן, דערנעבן ווי טויבן,
די שאָטנס פון הייליקע, גרויסע צדיקים,
אומזיניקער חלום, אָ קינדישער גלויבן,
ס׳וועט קיינער שוין נישט ברענגען צוריק אים.

און פונקט ווי א טייערע פארמעט־מגילה
צעוויקלען זיך איצטער די בילדער, די אלטע,
און ס׳ציטערט אין ברוסט א פארגעסענע תפילה,
מיט בשמים דורכדרינגטע און בלומען באשטראלטע.

איך קום צו דיר טייערע באָבעשי ווידער,
איך קום צו דיר ווידער פון רוישיקע שטעט.
אָ זע, א פארמאטערטער פאל איך אנידער
פאר דיר אויף דיין שויס, מיט א שטילן געבעט.

3

איך קום פון דעם לאנד וואו דער מלאך איז אייזן
וואו ברוגזדיק קלינגען די מענטשלעכע טריט,
וואו ס׳ווערן די קינדער געבוירן שוין גרייזן
און שטארבן, נאָך איידער זיי האָבן געבליט...

און דאָ, אך טייערע, טייערע באָבע,
ווי ליב איז דאָ אלץ, ווי זיס און ווי גוט.
וועסט עפענען באלד דיינע ספרים די גראָבע,
און וועסט מיר דערציילן א מעשה בארוט.

און שטיל וועט דיין ניגון די מעשה באגלייטן,
דער שאָטן פון עבר וועט מיר צוריק
באקרוינען מיין הארץ מיט שטראליקע קוויטן
פון קינדישער תמימות און קינדעריש גליק.

איך קום צו דיר טייערע באָבעשי ווידער,
איך קום צו דיר ווידער פון רוישיקע שטעט.
אָ זע, א פארמאטערטער קני איך אנידער
פאר דיר, מיט מיין הארציקן, שטילן געבעט.



יהושע גראָסבאַרד : ווינ־יעטאַ (שער־שניט)



יהושע גראָסבאַרד : חנוכה־לייכטער (שער־שניט)

ד״ר גיזאַ פרענקעל

יהושע גראָסבאַרד און זיינע „שער־שניטן״

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און שיינע צווייגן פון דער יידישער פאָלקס-קונסט איז, אָן-ספק, דער "שער-שניט", וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין ניינצנטן יאָרהונדערט אין גאַליציע, פּוילן, רוסלאַנד, ליטע, אין צענטראַל-אייראָפּע (דייטשלאַנד און האָלאַנד) און מיט געוויסע סטיל אונטערשיידן אויך ביי די יידן פון צפון-אַפריקע און אויפן נאָענטן מזרח.

די דאָזיקע קונסט האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן אין אָנהייב פון אונדזער י.ה. און מיטן חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום, איז אויך אָפּגעווישט געוואָרן דער זכר פון דעם זייער שיינעם פאָלקס-קונסט צווייג.

כ'וויל דאָ ווידמען א פּאָר ווערטער וועגן דער "שער-שניט"-קונסט ביי די יידן אין פּוילן. דאָס וועט אונדז נאָענט מאַכן דעם זייער חנעוודיקן צווייג פון דער יידישער פאָלקס-קונסט, און מיר וועלן לייכטער פאַרשטיין די שאַפונגען פון יהושע גראָסבאַרד, אויף דעם געביט.

דער יידישער "שער-שניט" איז באוואוסט מיט זיינע פאַרשיידענע פאָרמען: "מזרח", "שויתי", "שבועת'ל", "רויזעלע", "שמחת-תורה פאָן" און "שיר-המעלות'ל", וואָס מ'רופט עס אויך "קימפּעט-בריוול". דאָס זיינען די טיפּישסטע מוסטערן פון דער פאָלקס-קונסט אויף דעם געביט.

די שאַפונגען פון די פאָלקס-קינסטלער — זיינען ניט קיין "קונסט לשם קונסט". זיי האָבן אויסגעפירט באַשטימטע נוצלעכע אויפגאַבעס. דער "מזרח", וועלכער הענגט אויף דער מזרח-וואַנט אין שול, אָדער אין שטוב — דאַרף ווייזן דעם דאַוונער די ריכטונג צו מזרח, צו ירושלים. אָבער צו דער זעלבער צייט האָט דער פאָלקס-קינסטלער אריינגעטאָן זיין גאַנצן נשמה-פליס אויף צו פאַרשענערן גאָטס נאָמען. דער "מזרח" אָדער "שויתי" — איז געבויט אויף א סך מאָטיוון, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער רעליגיעזער פאָלקס-קונסט און זייער גרויסער פאָרמאַט האָט דערמעגלעכט דעם קינסטלער אַרויסצואווייזן זיין שעפערישע פאַנטאַזיע. אין צענטער פון "מזרח" דערשיינט אָפט די זיבן-רעריקע מנורה מיט די צוויי לוחות-הברית. איבער זיי דער "כתר-

תורה", ארומגערינגלט מיט א לעמפערט, א לייב, אַן אָדלער און א הירש, באַגלייט מיט דער אויפשריפט: "הוה עז כנמר, קל כנשר, רץ כצבי וגבור כארי, לעשות רצון אָביך שבשמים". דער "מזרח" פלעגט אויך באַצירט ווערן מיט פאַרשיידענע פייגל, ארום דעם "עץ-החיים", אָדער מיט פאַרשיידענע מיטאָלאָגישע געשטאַלטן פון באַפליגלטע חיות — "כרובים". די אַלע מאָטיוון זיינען קאָמפּאָזי-ציאָנעל געווען דורכגעפלאָכטן מיט צווייגן און בלומען, אָדער מיט געאָמעטרישן אָרנאַמענט.

א צווייטער טיפּ פון "שער-שניט", אין קלענערע פיר-עקיקע אָדער קיילעכיקע פאָרמען, איז דאָס "שבועות'ל" און "רויזעלע", וואָס האָבן געדינט צו באַפּוצן די שויבן פון די פענצטער צום יום-טוב שבועות. אין די קליינע שטעטלעך פלעגט מען אויף שבועות, באַפּוצן די טירן מיט גרינס און אויף די שויבן פלעגט מען אָנקלעפּן די שיינע "שער-שניטן", אויף וועלכע ס'דערשיינט די מנורה, א מגן-דוד און דער "עץ-החיים", קאָמפּאָזיציאָנעל דורכגעפלאָכטן מיט פייגל, חיות און א פלאַנצן-אָרנאַמענט. דער דאָזיקער טיפּ "שער-שניט" — אין קעגנזאַץ צום "מזרח" און "שויתי", וועלכע זיינען געווען פאַרשפּרייט אין א סך לענדער — איז געווען אָנגענומען כמעט נאָר אין פּוילן, און דער עיקר אין "קליין-פּוילן" (דרום-מזרח טייל און אומגעגנט).

פאַרשטייט זיך אז דעם טיפּ "שער-שניט" וועלכער איז געווען אָנגעקלעפּט אויף די שויבן, האָבן אויך געזען פון גאַס די קריסטלעכע שכנים און ס'דערציילט זיך, אז אזא "שבועת'ל", וואָס ס'האָט געמאַכט יינגלוויין, דער באַרימטער יידישער מאָלער מאַוריצי גאָטליב (1879—1856), האָט געבראַכט צו התפּעלות א קריסט-לעכן גוטבאַזיצער, א קונסט-ליבהאָבער, און ער האָט באַשלאָסן העלפן דעם יונגן קינסטלער צו אָנקומען לערנען אין דער קראַקאָווער קונסט-אַקאַדעמיע. אַן ענלעכע לעגענדע דערציילט זיך אויך וועגן באַרימטן יידישן סקולפּטאָר, דעם גרויסן קינסטלער, ל.מ. אַנטאָקאָלסקי (1902—1843).

ס'זיינען אויך געווען באַוואוסט "שמחת-תורה" פענער, געמאַכט פון קאָלירטע "שער-שניטן", "שיר-המעלות" אָדער "קימפּעט-בריוול", וועלכע האָבן געדאַרפט היטן די געווינערין און דאָס קינד ביזן ברית, קעגן שלעכטע גייסטער, "משנכנס-אָדר", א לוח "לספירת העומר", "אושפּיזין-לסוכה" און אַנדערע.

מיט די שאַפער פון "שער-שניטן" האָבן זיך אויך באַוויזן קינסטלער בחסד-עליון, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פאָלקס-קינסטלער בכלל. כאָטש זיי האָבן ניט שטודירט קיין קונסט, איז פּשוט צו באַוואונדערן, וואָס נאָר מיטן אימפּעט פון דורותדיקער טראַדיציע, פלעגן זיי אָפּט שאַפן קליינע "שעדעווערן" אין דעם דאָזיקן קינסטלערישן צווייג. ס'איז כדאי דאָ צו באַמערקן דעם אינטערעסאַנטן פאַקט, אז די יידישע "שער-שניטן" האָבן געמאַכט נאָר מענער: חדר-יינגלעך, ישיבה-בחורים, מלמדים, באַהעלפערס, ווי אויך עלטערע יידן, וואָס פלעגן זיך פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער קונסט אין זייער פרייער צייט. די פרויען, האָבן

זיך ניט באַטייליקט אין דעם קונסט-צווייג — אין קעגנזאַץ צו אַנדערע פעלקער (פוילן, כינע), וואו דעם גרעסטן טייל פון ״שער-שניטן״ מאַכן פרויען.

די טעכניק פון אויספירן דעם ״שער-שניט״ איז געווען אַ זייער פשוטע: אויף אַ בויגן פאַפיר איינגעלייגט אויף דאָפּלט, האָט מען געצייכנט אין דער מיט אַ האַלבן מוסטער און נאָכער צוגעשפּילעט דאָס פאַפיר אויף אַ האַרט ברעט און עס אויסגעשניטן מיט אַ קליין שאַרף מעסערל. ביים עפענען דעם בויגן פאַפיר, באַקומט זיך אַ סימעטרישע קאָמפּאָזיציע, ס׳איז אָפט צו באַוואונדערן די פיינקייט און איידלקייט פון דער אויספירונג און פון דער רייכער פאַנטאַזיע פונעם פאָלקס-קינסטלער אינעם דאָזיקן קונסט-צווייג.

היינט צו טאָג, דערמאָנט מען זיך ניט כמעט אין דעם ״שער-שניט״. ס׳איז פאַרשוואונדן דער מנהג. פאַרגעסן זיין זכר. נאָר אין מוזעאומס, אָדער ביי פּריוואַטע קאָלעקציאָנערן, קען מען געפינען אינטערעסאַנטע מוסטערן פון ״שער-שניטן״, אָדער רעפּראָדוקציעס פון ״שער-שניטן״, וואָס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אין לעצטן חורבן.

גאָר לעצטנס, באַמערקט זיך אין דער גאַנצער וועלט, ווי אויך ביי אונדזערע געזעלשאַפטלעכע, דערציערישע אינסטיטוציעס ווי אויך מוזעאומס, אַ געוויסע טענדענץ אויפצולעבן די אַלטע פאָלקס-קונסט און צווישן אַנדערע אויך דעם ״שער-שניט״. געוויסע קינסטלער, וועלכע געדענקען די זייער חנעוודיקע קונסט פון זייערע קינדער-יאָרן, פּרובירן אויפצולעבן די דאָזיקע קונסט מיט באַנייטע מוסטערן און אַ נייער טעכניק. די נייע ״שער-שניטן״ זיינען זיכער, אַן אויסדרוק פון אַ נייער היינטצייטיקער עסטעטיק, גיט געקוקט דערויף וואָס זיי זיינען דורכגעפלאָכטן מיט די אַלע אָנגענומענע טראַדיציאָנעלע מאָטיוון און אינטערעסאַנטע רעמיניסצענציעס פון דעם בלי-פּעריאָד פונעם ביינצנטן י.ה.

ס׳איז דעריבער וויכטיק אונטערצושטרייכן מיט צופרידנקייט דעם פאַקט, וואָס אַ באַקאַנטער קינסטלער מיט ערנסטע דערגרייכונגען אין דער מאָלעריי, ווי יהושע גראַסבאַרד, האָט גענומען אין האַנט דאָס קליינע שערעלע, בכדי צו באַנעמען די אַלטע קונסט פון יידישן ״שער-שניט״. גראַסבאַרד באַנוצט זיך ניט מיט דער אַלטער אָנגענומענער טעכניק. ער צייכנט ניט דעם מוסטער, נאָר שניידט פריי מיט אַ שערל און ניט שטענדיק שניידט ער סימעטריש. דאָך קען מען אין גראַסבאַרדן זען אַ דירעקטן פאַרזעצער פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער ״שער-שניט״-קונסט, וואָס איז געווען אָנגענומען ביי די יידן פון פוילן און ליטע.

אויב איינע פון די קען-צייכנס פון דער פאָלקלאָריסטישער שאַפונג איז דאָס כסדרדיקע דערשיינען פון די פאָלקס-מאָטיוון, איז די מנורה, חיות און פייגל — וואָס זיינען אַזוי אייגנאַרטיק דעם יידישן פאָלקלאָריסטיש-רעליגיעזן אָרנאַמענט — דערשיינען אויך אין די ״שער-שניטן״ פון גראַסבאַרדן און זיינען

א באוויז אויפן היסטאָריש-קינסטלערישן דויער, און זאָגט אויך עדות וועגן דעם גייסטיק-נשמהדיקן בונד פונעם קינסטלער, מיט זיין פאַרגאַנגענהייט אין דעם צעווייטיקטן גלות פוילן.

יהושע גראָסבאַרד איז געבוירן אינעם קליינעם שטעטעלע סעראָצק ביי וואַרשע. אין זיינע קינדער-יאָרן איז די משפּחה אריבער קיין טשעכאַנאָוו. דאָרט האָט ער געלערנט אין דער ישיבה און נאָכדעם באַשלאָסן צו לערנען מאַלעריי. אָן ספק איז ער באַאיינפלוסט געוועז פון זיין פאָטער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט שטובן- מאַלעריי ווי אויך מיט "מלאכת הקודש" — ווי באַמאָלן דעם סופיט און די ווענט פון שול און בית-המדרש. און ס׳איז ניט קיין וואונדער, וואָס די יידישע מאָטיוון וועלכע ער האָט געזען אלס קינד אויף די ווענט פון שול און בית-המדרש, זיינען געוואָרן נאָענט זיין אויג און האַרץ, אזוי, אז נאָך אזויפיל יאָרן, שעפּט ער נאָך אלץ פונעם אוצר פון יידישע מאָטיוון פולע הויפנס, און באַמאָלט מיט זיי זיינע בילדער און "שער-שניטן" — "מעשה ידיו להתפאר".

די זכרונות פונעם יידישן לעבנס-שטייגער אין שטעטל, וואָס איז אָפּגעמעקט געוואָרן אין מזרח אייראָפּע, און אייגע פון אירע פּרעכטיק-חנעוודיקע, קינסטלע-רישע טראַדיציעס, קומען צו א פיינעם אויסדרוק אין די איידעלע שאַפונגען פון יהושע גראָסבאַרד.



יהושע גראָסבאַרד : שער־שניט

גיטל מייזיל

חברים מספרים...

געווידמעט רבקה שמידט — שמי

חברים דערציילן... מען וועט זיכער אין משך פון א גאנצן דור ניט באוויזן איבערדערציילן, וואס חברים זאגן וועגן חובי, וועגן מאַש, וועגן דני... און וועגן נאָך און נאָך, וועלכע זיינען געפאלן דאַ-הי — אין די פארשידענע עטאפן פון איין לאנגן, ארויפגעצוואונגענעם קריג.

חברים דערציילן... פארוואונדערט און דערשלאָגן, פונקט ווי יעדער איינער איז פערזענלעך שולדיק אינעם אומגליק, קלייבן זיי זיך צונויף, אַפט אין דער אַנוועזנהייט פון די פאריתומטע עלטערן. זיי פרואוון, צווישן זיך, מספיד זיין א לייבלעך-נאָענטן חבר, וואָס ווערט אזוי אכזריותדיק-אומדערוואַרטעט ארויס-געריסן פון זייער מיט. און ס׳איז אים, שטענדיק, אזוי אוממעגלעך צו פארטרעטן.

אין אָנהייב, קומט עס אָן זייער שווער. אָבער באלד, איינער נאָכן אנדערן, ריידן זיי שוין און דערציילן אוממיטלבאר און פריי וועגן דעם חבר וואָס איז אוועק, וועגן זיך אליין און וועגן דעם נאָענטן און ווייטן ארום. ווי פון עפּעס א געהיימען אומאויסשעפּלעכן קוואל, שווימען פלוצים ארויף אָן א שיער מאָמענטן, שטריכן, געשעענישן און איבערלעבונגען. עס צעוואקסט זיך גאנץ אומדערוואַרטעט, אזא פילזייטיקע, אזא פילפארביקע וועלט, אז זיי ווערן, על פי רוב, אליין איבערראשט און צוזאמען מיט זיי זיינען ניט ווייניקער, אויב ניט נאָך מער, ״נאָך העכער״, איבערראשט אויך די עלטערן.

יונגע זעלנער פון 17, פון 18 און פון 19 יאָר, וועלכע זיינען געפאלן אין צווייטן וועלטקריג, האָט מען אין סאָוועטרוסלאנד גערופן ״מענטשן אָן א ביאָגראַפיע״. זיי זיינען, האָט עס דאָרט געהייסן, געווען נאָך צו יונג, כדי אויסצוטיילן זיך פון די סאָוועטישע לעבנס-נאָרמען פאר יוגנטלעכע. צו יונג, כדי צו פארמאָגן אָן אייגענע, אינדיווידועל-באַפארבטע ביאָגראַפיע.

ווי אנדערש זעט עס אויס ביי אונדז! דער אומרואיקער לעבנסלויף, פול מיט קעמפערישן דינאמיט, פון יעדן איינציקן צווישן די יונג-געפאלענע, וואָס די חברים דערציילן וועגן זיי — איז גענוג, אויב ניט איבערגענוג, פאר דער געשפאנטסטער, מערקווירדיקסטער ביאָגראַפיע.

איז שוין גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דער חבריש-געשלאָסענער, ענג און ריין פּערזענלעכער, שטייגער פון טרויערן בצוותא. — איז אזוי פּאַרשפּרייט דאָ-הי. בעצם, וואָרצלט דאָך זיכער אזא פאָרם פון טרויער, אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, אין אַן אלגעמיין-מענטשלעכן (און אפשר אויך ספּעציפיש יידישן) מינהג. קוים זאָגט מען אָבער אַרויס די ווערטער "חברים דערציילן", וואַכט אויף אין זכרון און רופט זיך אָפּ אין הארצן דאָס בוך "חברים מספּרים על ג'ימי". דערשינען כמעט מיט א דור פריער (אין 1952). געבראַכט צום דרוק דורך די עלטערן, דעם מאָלער מנחם שמי (שמידט), ז"ל, און דער חיפהער לערערין רבקה שמידט. מיט א הייליקן ציטער האָבןביידע צוגעגעבן צום בוך: דער פאָטער זיינע פאַרצייכענונגען. די מוטער — א באַגלייט-וואָרט צום זון . . .

דער גורל פון אונדזער יוגנט האָט אין משך פון יאָרן, געפירט דערצו, אז "חברים מספרים על ג'ימי" זאָל אָן א שיער בייטראָגן צום היגן "עפּאָס פון בענקשאפט" נאָך די "בנים שנפלו"; אז אָט דאָס בוך זאָל ווערן און בלייבן ווי א לייכט-טורעם פאַר פריש דערשינענע זכרונות וועגן ניי געפאַלענע זין און חברים. דאָס רוב צווישן זיי איז דאָך, פונקט ווי דזשימי, אָריגינעל און איינמאָליק ביז גאָר; און דערביי, פונקט ווי דזשימי, טראָגן זיי אין זיך בולטע "צבר'ישע" שטריכן און אייגנשאַפטן. ווי עס ווערט געזאָגט וועגן דזשימין אין דער הקדמה צו "חברים מספּרים על ג'ימי" . . .

אויך איצט, נאָך דעם זעקס-טעגיקן קריג; איצט, — ערב די קומענדיקע אויפטרייסלונגען, — בלייבט די ווירקונג פונעם וואונדערלעכן דזשימי-בוך אויפן לייענער ניט געמינערט, אויב ניט געשטאַרקט.

אָט פּרואווט מען, איצט, נעמען אין האַנט דעם צניעותדיק באַשיידענעם דין שמאָלן, בלוילעכן באַנד, מען לייענט אויפסניי נאָך און נאָך פון די האַרציק-ריינדע שורות — און מען שטוינט.

איז עס דען מעגלעך? גלויבט מען זיך אליין ניט, אז פון דעמאָלט אָן, — פון יענע בראשיתדיקע טעג אין אונדזער מלחמה און מיליטער, — זיינען אַריבער איינגאַנצן צוויי צענדליק יאָר. אָבער באַלד דאַכט זיך שוין, אז דזשימי, מיט אַלע זיינע חושים און אייגנשאַפטן, געהערט אָרגאַניש צו דער היינטיקער חברה. און עס דאַכט זיך, אז ער איז געפאַלן ערשט-וואָס, מיט א קנאַפּער שעה פריער . . .

אין דער ווירקלעכקייט, איז דער 23 יאָריקער דזשימי, מפקד פלוגה "איום ונורא" געפאַלן, בשעת דער שלאַכט ביי דירבאַן — אין יאָר 1949.

מען קען נאָר באַגרייפן מיטן האַרצן דאָס אַלץ, וואָס חברים (פונעם קיבוץ חקוק, פונעם מיליטער און פון הדרכה) האָבן געהאַט צו דערציילן וועגן דזשימין. און ניט נאָר וועגן דזשימי, נאָר אויך וועגן נחום און יעקב, וועגן עמוס און

אליעזר, וועגן זוזיק און וועגן נאָך און נאָך... וואָס אייניקע צווישן זיי זיינען געפאלן א פּאָר טעג פּאָר אָדער א פּאָר טעג נאָך זייער חתונה. יעדער איינציקער אזוי פארשידן, אזוי אנדערש פון די איבעריקע. און דערביי — אלע ווי איינער.

און דזשימי? דער פיל-געשטאלטיקער דזשימי? עפּעס אזוי ווי מיט אן אינעווייניקסטן, טיף אין אים וואָרצלענדיקן, פּלי אפּאראט האָט ער, ווי א וויכער, באוויזן צו זיין אומעטום, וואו מען האָט זיך אזוי שטארק גענויטיקט אין אים. אין נען און אין בית-הערבה, אין עין-חרוד און אין דליה, אין אבא-גוש, און אוואו דען ניט... אומעטום אינסטרוקטירט, אינספּירירט, געפירט אין קאמף, אליין געקעמפט...

איר באגלייט-וואָרט צום בוך וועגן דזשימין הויבט אָן זיין מאמע מיט א ווענדונג צו די חברים:

„איר רופט אים דזשימי, דזשים. ער האָט ליב געהאט דאָס צונעמעניש, וואָס די חברים האָבן אים געגעבן. איך האָב אים גערופן אהרון, אהרונטשיק, אהרונעלע, און אזוי וועל איך אים רופן אויך איצט. א סך זאכן פון דעם, וואָס איר האָט דערציילט, זיינען געווען ניי פאר מיר. איך האָב קיין סך ניט געוואוסט פון דזשימיס וועלט. ער האָט אָט-די וועלט, אָנגעפּראָפּט מיט שווערקייטן, מיט געפאַרן און שלאכטן, — אויסגעבאהאלטן פון מיר. אייער דזשימי איז געווען א חברהמן, א לץ, א שטיפער. און אין די שלאכטן — א העלד. און מיין אהרון איז געווען ווייך, סענטימענטאל, אינטים און אָפנהארציק. ער האָט ליב געהאט איך זאָל אים צערטלען און גלעטן און צוגעבן מוט. ווייל צייטנווייז האָט ער זיך גענויטיקט, אוי, האָט ער זיך גענויטיקט, אין א ביסל מוט..."

...יזהר אשל, אָדער ווי די חברים רופן אים, זוזיק, איז געפאלן מיט 18 יאָר שפּעטער נאָך דזשימין. אָבער עס הערט זיך ניט אויף צו דאכטן, אז די רייד פון רבקה שמידט, דזשימיס מאמע, האלטן אין איין איבערפלעכטן זיך מיט די רייד פון יזהרס מאמע, שרה אשל...

דאכט זיך דען ניט, אז פון זיי ביידע פירט אן אויסגעטראָטענע מאמע-סטעזשקע ווייט, ווייט אויף צוריק, ביז צו אונדזערע „אמהות" שרה און רבקה?...

„עלם-עד". זר מלים אחרון ברעות וחיבה מידידים... (יונג-אויף אייביק. א לעצטער ווערטער קראנץ מיט חברישקייט און ליבע פון פריינד...) — אזוי הייסט דאָס בוך ארויסגעגעבן דורכן קיבוץ חצור, אין 1968, אין הייליקן אָנדענק פון זייער זון און חבר, דעם צוויי-און-צוואנציק יאָריקן פליער, יזהר אשל. געפאלן דעם 20-טן סעפּטעמבער, 1967, א פּאָר חדשים נאָך דעם זעקס-טעגיקן יוני קריג.

דעם 4-טן יוני, 1948, אין סאַמע ברען פון דער באַפרייאונגס-מלחמה, האָבן

די חברים און קעמפּער אינעם קיבוץ חצור — געשריבן צו זייערע קינדער אין עוואַקואַציע:

„צו אונדזערע קינדער אין חולון!

היינט איז פרייטיק־צו־נאַכטס. עס קומט דער שבת צו אייך — אָן אייערע עלטערן. מיר בעטן אייך: זייט ניט טרויעריק. זינגט, טאַנצט און פרייט זיך. אויך מיר זיינען ניט טרויעריק. מיר באַדויערן נאָר זייער, וואָס איר זייט ניט מיט אונדז. „שבת שלום". אַ גוט, פרידלעך שבת שיקן אייך איבער אַלע פּאַרטיידיקער פון חצור".

(אַ פראַגמענט פונעם קיבוץ בלעטל „מתחת לתל")

יזהר איז דעמאָלט נאָך ניט אַלט געווען קיין 4 יאָר. עס קען זיין, אַז אַט דער בריוו האָט פאַר די חצור־קינדער גערדינט ווי איינער פון זייערע וועגווייזער, באַוואוסטזיניק אָדער אונטערבאַוואוסטזיניק. און יזהר? זיין לעבן האָט ער דאָך פאַרווענדט אויף צו שאַפן און צו פאַרטיידיקן אַרום זיך און אין זיך — אַ האַרמאָנישע, פרידלעך־שעפערישע וועלט, פול, איבערפולט, מיט פרייד. דערפאַר האָט ער זיך געראַנגלט מיט הימל און ערד, זיך געראַנגלט אויך מיט זיך אַליין. ס'איז פשוט אומגלויבלעך וויפל געשטאַלטן ס'האָט געטראָגן אין זיך איין יזהר, ווי דאָס אַנטפּלעקט זיך אינעם יזהר־בוך. יעדע געשטאַלט, — אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך. אָבער זיי אַלע פאַראייניקט דער זעלבער ווייכער, אָפנהאַרציקער שמייכל, וואָס וועגן אים, וועגן דעם שמייכל, האָבן אַזויפל צו דערציילן זיינע חברים און קאָמאַנדירן; דער שמייכל וואָס שטראַלט אַרויס פון אַלע פאָטאָגראַפיעס אינעם בוך „עלם־עד"...

...חברים מספרים... עס מערן זיך די חברשע זכרונות, וואָס זיינען גלייכצייטיק אַ המשך פון די פריערדיקע און אַ הקדמה צו די שפּעטערדיקע זכרונות וועגן די געפאַלענע אין אונדזער אומענדלעכן קריג. עס וואַקסט און פאַרטיפט זיך, שעה אויס און שעה איין, זייער עמאָציאָנעלער און היסטאָרישער ווערט. פרוּווט מען איבערדערציילן, ריידן וועגן זיי — איז ווען מען זאָל זיך ניט אָפּשטעלן, און וואו מען זאָל זיך אַליין ניט איבעררייסן, שטייט מען סיי־ווי שטענדיק ביים סאַמע אָנהייב...

צום סוף, וואָס איז אייגנטלעך ווייט פון וועלכן־ס'איז סוף, — אַ פּאָר ווערטער וועגן „קינדער דערציילן"... אין צייכענונגען, וואָס זיי האָבן, אויף זייער קינדערשן אופן, געמאָלן לזכר די געפאַלענע אינעם זעקס־טעגיקן קריג. די וואונדערלעכע צייכענונגען זיינען ציטעריק צונויפגעזאַמלט געוואָרן אינעם פּאַוויליאָן „לזכרם", אויף דער צה"ל אויסשטעלונג, זומער 1968, אין תל־אביב.

און אין פּאַוויליאָן „לזכרם" — אינעווייניק... אַ מערקווירדיק־ווייכע, שמאָלע, קוים באַלויכטענע, אָפּגעזונדערטע סטעזשקע פירט אַרום און אַרום אָן אומענדלעכן, לאַנגזאַמען שטראָם פון מענטשן, זויגט איין אין זיך די שריט פון

יונג און פון אלט. מאכט מאָדנע זאכט די פּאַרזיכטיקע טריט פון א סך, א סך זעלנער.

א ווײלע דאכט זיך, אז עס הענגט אין דער לופטן, עס רירט זיך ניט, א ציטעריק-אָפּגעהיטע שטומקייט פון א טעמפּל, וואָס פארכאַפּט דעם אָטעם און נעמט איין דאָס קלאַפּן פון הארץ. און טאָמער רייסט זיך ארויס ביי עמיצן א וואָרט, ווערט עס ערגעץ-וואו איינגעזאפּט און פארלאָרן. אָבער באלד ווערט די שטילקייט אָנגעפּילט ביז איבער די ברעגן מיט א לעבעדיקן קינדערשן חיות.

א ביסל דערווייטערט, ניט צו דערלאַנגען מיט דער האנט, לייכטן אראָפּ, לייכטן אריבער פון אלע זייטן — א ים מיט פילפארביקע קינדערשע מאָלערייען. זיי באדעקן, אין דער גאנצער לענג און ברייט, דריי ווענט: א ראָזע, א גרינע און א בלויע וואנט, — און זיי ציען זיך ווייט-ווייט ארויף, זיכער העכער פון דער סטעליע און אפשר אויך העכער פונעם הימל. אין ערשטן אויגנבליק דאכט זיך, אז די אלע פארשידענע ליניעס, פאַרמען, צווייגן, וואָרצלען, בלעטער און אָן א שיער בלימלעך און בלומען, — זיי אלע גיסן זיך צונויף אין איין כוואַליעדיקן, פיל-קאָליריקן, בלומענפעלד, וואָס אָטעמט מיט איין אָטעם און קלאַפּט מיט איין האַרץ.

אָבער באלד נעמען זיך אויסטיילן איין בילד און נאָך, און נאָך איינע. יעדע איינציקע, אויף איר אייגענעם, באזונדערן אופן, אזוי אוממיטלבאר און עכט. און ווען מען רייסט זיך שוין אָפּ פון די בילדער, גייט מען ארויס פון דאָרט מיט א דערהויבן-דאנקבאר געפיל צו די קינדערלעך, וואָס זיי האָבן דערפילט א הייליקן חוב אויך פאר אונדז.

אין דער איצטיקער רגע, ווען אָט-די שורות ווערן געשריבן, געדענקען זיך, דער עיקר, צוויי פון די פיל קינדערשע צייכענונגען:

איין צייכענונג: אומקלאָרע פאָרמען זיינען ארײנגעזעצט איינער אין דער אנדערער. אין דער קלענסטער, אינעווייניקסטער, וואָס דערמאָנט מיט זיך א הארץ, זיינען מיט א בולט קינדערישן כתב אויסגעפּירט די ווערטער: „נצחון בידינו אך עצב בלבינו" — „דער זיג איז אין אונדזערע הענט, אָבער אין אונדזערע הערצער איז טרויער..."

די צווייטע צייכענונג: אויף א ברייטן שווארצן פאָן — א קליין גרעל-בלויע בלום, מיט א טרויעריק אראָפּגעהאָנגענעם קעפּל, אויף א דין בייגעוודיק שטענגל. און דערביי, מיט גרויסע קינדערשע אותיות, איז אָנגעשריבן איין וואָרט: „נזכור" (מיר וועלן געדענקען...).

ווערט מען ביז גאָר איבערראשט, ווען אויף אן אלטן בית-עולם דערזעט מען צופעליק א שטיינערנע מצבה, נאָך א גאָר יונגן בחור, וואָס איז אוועק פון דער וועלט מיט א פּאָר צענדליק יאָר צוריק, און אויפן מצבה-שטיין איז אויס-

געקריצט: א דין-בייגעוודיק צווייגל מיט א טרויעריק אראָפּגעהאָנגענעם קעפּל, וואָס דערמאָנט פּלוצים, שארף ביז גאָר, די בלויע בלום געצייכנט פון א מיידעלע, אין דעם פּאוויליאָן "לזכרם", אויף דער צה"ל אויסשטעלונג. זומער, 1968, אין תל-אביב.

תל-אביב, יאנואר, 1969.

הירש שיליס: יאנקעלע (צייכענונג)

ק. הלל

א בוים איז געפאלן

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין שווער,
ר׳ יהושע-יעקב פּיוווישעוויטש, ז״ל.

פיר גאָסן, אַ פּאָר געסעלעך, אַ מאַרק-פּלאַץ מיט קראָמען, איין לאַנגע גאַס, וואו ס׳וואוינען די גויים און דער ניעמאַן, וואָס וויקלט זיך צופוסנס דעם שולהויף, פון דעם באַשטייט דאָס שטעטל.

מען דאַרף נאָך צוגעבן די מיל אין איין עק פונעם שטעטל און רב׳ חיים-משה׳ס טאַרטאַק ביים ברעג ניעמאַן, אינעם אַנדער עק שטעטל, וואָס הייבט זיך איבער די הייזער מיטן לאַנגן, שוואַרצן, זיך רויכערנדיקן קוימען. אַ גאַנצן טאָג רוישן דאָ די גאַטערס וועלכע בייסן מיט זייערע שאַרפע ציין די קלעצער, צעזעגן זיי אויף פאַרשיידענע מינים געהילץ, וואָס ווערט ״בראַקירט״ און צעשיקט אין מרחקים מיט דער קליינבאַן.

דעם אויבנאָן אין שטעטל פאַרנעמט די שלאָס-גאַס. זי ליגט שטענדיק אָן אויסגעפוצטע און אַ ריין-פאַרקערטע. די גאַס גרייסט זיך מיטן שיינעם גאָרטן ביים קלויסטער, מיט אירע בייע, שיינע הייזער, מיט די קאַשטאַן-ביימער און מיט דעם צווויי-שטאָקיקן מויער, וואָס געהערט צו רב׳ חיים-משה׳ן, דעם ראש-הקהל און דעם חשובסטן בעל-הבית אין שטעטל.

רב׳ חיים-משה, אַ הייכער, אַ שלאַנקער, אַ הדרת-פּנימדיקער, איז אַ גרויסער גביר און דערצו אַ גרויסער גיבור. אויף זיין — פון זון און ווינטן — אָפּגעברענטן פּנים רויט כסדר אַ גוטמוטיקער שמייכל און זיין באָרד ווערט בכלל ניט גרוי, גלייך ווי ער וואָלט נאָך געווען אַ יונגערמאַנטשיק, כאָטש ער איז שוין אינמיטן פון די זעכציקער און איז אַ זיידע פון דערוואַקסענע אייניקלעך.

רב׳ חיים-משה איז שוין איבער צוואַנציק יאָר אַן אַלמן. זיין ווייב, רבקה, איז אים פלוצלינג פאַרשלאָפט געוואָרן און נאָך איידער מען האָט באַוויזן צו ברענגען דעם דאָקטאָר איז שוין געווען נאָך אַלעמען. אַז ס׳איז אַריבער אַ יאָר האָט די משפּחה, און אַפילו די אייגענע קינדער, גענומען אים צוריידן, אַז ער זאָל אַ צווייט מאָל חתונה האָבן. אויך שדכנים זיינען געקומען און אים אַפילו פאַרגעלייגט אַ בתולה מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר ייִנגער פון אים. ער פלעגט

זיי אויסהערן, באַטראַכטן מיט זיינע ברוינע, קלוגע אויגן, ווי ער וואָלט זיי געפּרעגט: ״נו שוין געענדיקט?״ און באַלד טאַקע פלעגט ער מיט אַ ביטולדיקער באַוועגונג מיט דער האַנט איבעררייסן דעם שמועס, זיך אויפהייבן פון אָרט און אַריינגיין אין שלאָפצימער, וואו ער פלעגט בלייבן זיצן אַ פאַרזונ-קענער אין רעיונות. דאָס פלעגט ער אַזוי, אין געדאַנק, זיך דורכשמועסן מיט רבקה׳ן, עליה השלום, און דאָס פלעגט אים געבן כוחות אָפּצושלאָגן אַלע רייד און אַנבאָטן וועגן בעמען אַ צווייט ווייב.

רב׳ חיים-משה פאַרגעמט זיך זיין גאַנצן לעבן מיטן מסחר פון האָלץ. געבוירן און זיך אויפגעהאָדעוועט ביי אַ טאַטן, אַ וואַלד-סוחר, איז ער פון זיינע פריסטע קינדער-יאָרן געווען פאַרבונדן מיטן וואַלד און מיטן רייכן, גוט פאַרפונדעוועטן, האָלץ-מסחר. נאָכן טאַטנס טויט האָט ער איבערגענומען בירושה דעם מסחר, אים אויסגעברייטערט און פאַרגרעסערט. באַלד נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען דאָס לעבן האָט זיך נאָרמאַליזירט האָט ער אויפגעבויט דעם גרויסן טאַרטאַק, מיט די פיר גאַטערס און אַן עלעקטרישע סטאַנציע, וואָס האָט באַלויכטן דאָס גאַנצע שטעטל. ער האָט ביי די פריצים און באַזונדערס ביים פוילישן גראַף מירסקי אָפּגעקויפט די וועלדער, וועלכע מען האָט אויס שוין זינט יאָרן און אַ גאַנצן זומער טרייבן פליטניקעס, — געזונטע, באַרוועסע גויים, די פליטן איבערן ניעמאַן צו רב׳ חיים-משה׳ס טאַרטאַק. די גויים וואַשעווען אַרויס די קלעצער פונעם וואַסער, שריינען, שילטן אין דער מאַמען און די קופּעס קלעצער וואַקסן אין דער הייך, וואַרטנדיק אויף זייער ריי איינגעשלונגען צו ווערן פון די שטענדיק הונגעריקע גאַטער-פּיסקעס.

רב׳ חיים-משה געפינט זיך אין אַזעלכע טעג ביים ברעג פון טייך; ער גיט די אַרבעטער אָנווייזונגען, מונטערט זיי אונטער, גיט זיך גוטמוטיק אַ בייזער און ווען ס׳איז נייטיק, לייגט אויך צו אַ האַנט. די זין און איידעמס בעטן זיך ביי אים: ״טאַטע לאָז אָפּ, ס׳איז ניט פאַר דיינע כוחות״, נאָר ווער הערט זיי דען? די קינדער ווינקען זיך איבער איינער מיטן אַנדערן, וואָס דאָס באַדייט: ״ער איז, אַן עין הרע, שטאַרקער פון אונדז און ס׳וועט אים חלילה ניט שאַטן״.

אין די יינגערע יאָרן זיינע האָט רב׳ חיים-משה די מערסטע צייט זיך געפונען אין די וועלדער, וואו ער האָט אַכטונג געגעבן אויפן האַקן די ביימער. ער פלעגט אָנווייזן וועלכע ביימער אויסצוהאַקן, ווי אַזוי זיי צו סאָרטירן, וועלכע פליטן אָפּצושיקן אין מרחקים און וועלכע אויף געהילץ אינעם אייגענעם טאַרטאַק.

אין יענע יאָרן פלעגט ער צוזאַמען מיט די האָלצהעקער טרינקען ריינעם ספּירט, אויך אַליין-געמאַכטן פּויערישן סאַמאַגאָן, פאַרבייסן מיט שוואַרצן, אַליין-געבאַקטן, קאָרן-ברויט, מיט ציבעלע און הערינג. אין די נעכט פלעגט ער אָפטמאָל שלאָפן צוזאַמען מיט די פליטניקעס, אין די פון צווייגן צוזאַמענגע-

קלאַפּטע ביידלעך אויף די פליטן, צוהערן זיך צו זייערע טרויעריקע לידער, און ניט איינמאָל פלעגט זיך אַריינגיסן זיין אייגענער טענאָר אין זייער געזאַנג.

ווען די קינדער זיינען גרויס געוואָרן, חתונה־געהאַט און אַריין אין שותפות מיטן טאַטן, האָט ער די אַרבעט אין וואַלד איבערגעלאָזט פאַר זיי און פאַר די געדונגענע בראַקערס. ער אַליין האָט אָנגעפירט מיט די געשעפטן אין שטעטל; געפירט ביד־חזקה דעם טאַרטאַק; געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די האָלץ־סוחרים מעבר לגבול, און אין די פרייע שעה׳ן זיך אָפּגעגעבן מיט קהלשע ענינים.

אַז קהל האָט געדאַרפט אַ נייעם מרחץ און אַ מקוה האָט ער געגעבן דאָס געהילץ און אויך באַצאָלט די טעסלערס פאַר זייער אַרבעט. ווינטער האָט ער געגעבן האָלץ אויף צו באַהייצן אַלע דריי בתי־מדרשים, פאַרן רב, פאַרן חזן, פאַר דער ״תרבות״־שול און פאַר סתם אָרעמעלייט, וועלכע האָבן ניט געהאַט די נייטיקע פרוטה צו באַצאָלן פאַרן האָלץ. אויך אָרעמע שטעטלשע גויים האָט ער באַזאָרגט מיט האָלץ אויף ווינטער און זיי האָבן אים ליב געהאַט ניט ווייניקער ווי די יידן אין שטעטל.

מערער פון אַלע זיינע קינדער, שניר, איידעמס און אייניקלעך האָט רב׳ חיים־משה ליב געהאַט זיין אייניקל רבקה׳לע, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אַ יאָר נאָך רבקה׳ס טויט. זי איז אויך געווען ענלעך צו איר: אַ הייכע, און אַ שלאַנקע ווי אַ יונג סאָסנעלע. שוואַרצע האָר, פאַרפלאָכטן אין אַ דיקן צאָפּ, האָבן באַדעקט איר קאָפּ און גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן צניעותדיק פרום אַרויסגעקוקט פון איר לענגלעכן, בלייכן פנימל.

ווען רבקה׳לע איז מיט מזל אַלט געוואָרן נײַנצן יאָר האָט מען איר חתונה געמאַכט. ס׳איז געווען מוצאי־שבת, נחמו, אַ קורצע צייט פאַר דער שרעקלעכער מלחמה, אָבער קיינער האָט ניט געאָנט וואָס עס דערוואַרט די יידן. אין שטעטל איז דעם שבת געווען אַ יום־טוב. אַלע יידן און אַפילו גויים האָבן זיך געפרייט מיט דער גרויסער שמחה.

די גאַסן וואָס פירן צום שולהויף זיינען אילומינירט געוואָרן מיט קאָלירטע עלעקטרישע לעמפּלעך, אַזוי אויך די דרויסנדיקע ווענט פון די בתי־מדרשים אויפן שולהויף. אין גרויסן זאַל פון חיים־משה׳ס שטוב, וואו די כלה איז געזעסן, האָט אַ בדחן געמאַכט וויינען די ווייבער, און צייטלינס קאַפּעליע קלעזמער, אַראָפּגעבראַכט פון דער קרייז־שטאָט, האָט געשפּילט ״מאַראַלישע״ ניגונים, וואָס האָבן אַרויסגערופן טרערן, אַפילו ביי די מענער.

נאָכן באַדעקנס האָט מען חתן־כלה געפירט צו דער חופּה אויפן שולהויף. די חתונה־פּראָצעסיע האָט געריירט פון אָרט. פאַראויס זיינען געגאַנגען די קלעזמער און זייער שפּילן האָט פאַרהילכט די גאַס. דערנאָך איז געגאַנגען דער חתן, — אַ הייכער, אַ ברייטפּלייציקער, אַ שיינער און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן

שעמעוודיקן בליק. ער איז געפירט געוואָרן פוןביידע טאַטעס און באַגלייט פון זיין משפחה. נאָכדעם האָבן די מאַמעס געפירט די כלה; זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנג, ווייס קלייד, וואָס האָט זיך געשלעפּט איבער דער ערד און דאָס פּנים באַדעקט מיט אַ ווייסן, דורכזיכטיקן וואוּאַל פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעבליקט אירע שוואַרצע, אַביסל צעשראָקענע, אויגן.

רב׳ חיים-משה איז געגאַנגען באַלד הינטער דעם חתן און די פרייד האָט פון אים געשלאָגן ווי מיט פייער. ער האָט אונטערגעטאַנצט גייענדיק, צוגעקלאַפּט מיט די פינגער צום טאַקט פון דער מוזיק און כסדר אַרומגעכאַפּט קושן עמיצן פון זיינע קינדער.

נאָך דער חופה, ווען רבקה׳לע איז אַ גליקלעכע און אַ פאַרטרערטע אַריינגעפאַלן אין זיידנס אָרעמס און אים אַרומגעכאַפּט קושן, האָט ער איר צוגעטראָגן זיין דרשה-געשאַנק, — אַ פּאָר גאָלדענע אויערינגלעך אין וועלכע עס זיינען געוואָרן אַריינגעפאַסט צוויי גרויסע בריליאַנטן, וואָס האָבן אַרויסגעשטראַלט אַ וואַרעמע ליכטיקייט און כישוף פון פאַרבן, וועלכע ליגן באַהאַלטן אין זייערע גיט-זעבאַרע אָדערן.

אונטן, אינעם גאָלד, זיינען געווען אויסגעקריצט מיט יידישע אותיות אַ ריש און אַ למד, די איניציאַלן פון רבקה׳לע ליבערמאַן, חיים-משה׳ס פאַמיליענאָמען, וועלכן ס׳האָט געטראָגן זיין אייניקל ביז צו איר חתונה.

★

פּרייטיק, דער ערשטער סעפּטעמבער, 1939:

דער ראַדיאָ האָט מודיע געווען, אַז היטלערס נאַצי-אַרמיי איז באַפאַלן פּוילן, און אויף דער פּוילישער ערד קומען פאָר בלוטיקע קאַמפן. ס׳איז געווען די התחלה פון דער שרעקלעכער, צווייטער וועלט-מלחמה.

יענעם שבת האָט זיך אָפּגעטאָן די מנוחה און די פרייד פון די יידן אין שטעטל, ווי אין אַלע אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. דער פּחד פאַרן אומבאַוואוסטן וואָס דערוואַרט די יידן האָט ניט אָפּגעלאָזט. אין די בתי-מדרשים האָט מען געפירט "סטראַטעגישע" שמועסן, באַוויזן, שוואַרץ אויף ווייס, אַז אויב ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלן קומען צו הילף פּוילן, וועט זיך היטלער האַלטן ניט מער ווי איין חודש, העכסטנס צוויי חדשים, און ער וועט ברעכן האַלדז און נאַקן.

דער עלטערער דור האָט געוואָלט הערן רב׳ חיים-משה׳ס מיינונג וועגן דעם מצב; ער איז דאָך אַזויפיל מאָל געווען אין אויסלאַנד, אפילו אין דייטשלאַנד, ערב היטלערס קומען צו דער מאַכט, און ער פאַרשטייט אין פּאָליטיק. דערצו האָט ער אַ ראַדיאָ און הערט וואָס מען רעדט וועגן דעם אין אויסלאַנד.

רבֿ חיים-משה האָט בנעימותדיק אויסגעהערט דעם עולם און גאַנץ רואיק געענטפערט:

— וואָס קען איך אייך זאָגן וועגן די דרכים פונעם אייבערשטן? ער האָט דאָך אונדזער פאָלק אַפּגעהיט אַזויפיל יאָרן, טאָ לאָמיר האָבן בטחון, אַז ער וועט אונדז אויך איצטער ניט פאַרלאָזן. לאָמיר מתפלל זיין מיט אַ ריין האַרץ און, חלילה, ניט פאַרשטערן זיך אַליין דעם הייליקן שבת.

אויסגעהערט די תשובה פון זייער ראש-הקהל האָבן זיך די יידן באַרואיקט און מיט גרויס כוונה ממשיך געווען די תפילות, פאַרלאָזנדיק זיך אינגאַנצן אויף אים, — וואָס זיצט אין די הימלען און פירט פון דאָרט זיין וועלט.

עס זיינען אַריבער מער ווי צוויי וואָכן און די מלחמה איז פאַרן שטעטל דערווייל נאָר אַ ווייטער באַגריף, — אַהער האָט זי נאָך ניט דערגרייכט. קיין צייטונגען קומען שוין ניט אָן; די ידיעות אין ראַדיאָ זיינען מבולבל, — מען קען ניט דערגיין פון זיי דעם אמת. דער דייטש גייט פאָראויס, זייט טויט און חורבן, און אין שטעטל גלויבט מען אַלץ אין זיין גיכער מפּלה; ס׳איז עפּעס אַ קלייניקייט, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך קעמפן אויך קעגן אים! דערווייל גייט זיך דאָס לעבן נאָרמאַל, כמעט אָן קיין שום ענדערונג.

פּלוצלינג — אַ צערודערונג אין שטעטל! די פּאָליצייַ אַנטלויפט אין גרויס פּאַניק, באַוויזט אַפילו ניט צו פאַרברענען די דאָקומענטן. אַ פּאָליציאַנט פאַרטרויט אַ סוד, אַז די רויטע אַרמיי דערנעענטערט זיך. די ידיעה צעציטערט די הערצער, מען פאַרכליניעט זיך ממש פון פרייד: ס׳איז געקומען אַ סוף צו דער פאַרהאַסטער פּוילישער, אַנטיסעמיטישער הערשאַפט; און דער עיקר, אַ סוף צו דער מלחמה.

און אָט זיינען זיי דאָ. סך-הכל אַ פּאָר מונדירטע לייט, אין לאַנגע, גרויע שינעלן, היטלען מיט רויטע פּאַסן, גרויסע שווערע שטיוול און די פּנימער — כולו שמייכל. מען כאַפּט זיך מיט זיי אַרום, מען קושט זיך. די יוגנט טרעט ניט אָפּ פון זיי, שלינגט דורשטיק אַלץ וואָס זיי דערציילן. און זיי, די מונדירטע, הערן ניט אויף צו דערציילן און שילדערן דעם גליקלעכן סאָוועטישן לעבן. די אויגן גליען, די פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך: — סאַראַ פּרעכטיקע צייט עס איז איצט געקומען פאַר אַלעמען, און דער עיקר טאַקע, — פאַר דער יוגנט.

אין גרויסן בית-המדרש קומט פאָר אַ מיטינג, — יידן און גויים צוזאַמען. אַ פאָרשטייער פון דער נייער מאַכט רופט צו פאַרברידערונג צווישן יידן און ניט-יידן; ער דערציילט וועגן סטאַליניש גן-עדן, און פאַרענדיקט מיט אַ הוראַ! אויסגעשריי פאַרן ״טאַטן פון די פעלקער״ — יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין.

— הוראַ! הוראַ! הילכט אָפּ אַן ענטפער צווישן די ווענט פון שול. די ספרי-תורה אין אָרון-קודש וועקן זיך פון זייער רו: — ווער שרייט עס אַזוי

אין אַ מקום קודש? די שויבן אין די פענצטער ציטערן און די געשניצטע כרובים איבערן אָרון-קודש, דאַכט זיך אַז זיי קורטשען זיך איין, ווערן קלענער אונטער אַזויפיל שטעכיקע גוישע בליקן.

צוויי טעג נאָכן מיטינג איז איינער פון די מונדירטע געקומען אין טאַרטאַק און ניט פרעגנדיק ביי קיינעם אַריין אין רב׳ חיים-משה׳ס צימער, זיך ברייט אַוועקגעזעצט אויף חיים-משה׳ס אָרט און באַפוילן אַריינרופן דעם ״סטאַריק״, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אויפן פלאַץ, צווישן געהילץ.

ווען רב׳ חיים-משה איז אַריין און האָט באַגריסט דעם גאַסט, האָט דער מונדירטער אַפילו ניט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג, און בלייבנדיק זיצן אויף אַן אָרט שטרענג אַ זאָג געטאָן:

— אַזוי, דאָס ביסטו דער געוועזענער ״כאַזאַיִן״ פון טאַרטאַק? נו, גענוג געווען אַ פּאַראַזיט, — אַ פּיאַווקע און גענוג געזויגן דאָס בלוט פון דיינע אַרבעטער! סטופּאַי אַלטער, און מער זאָל דיין פוס דאָ ניט זיין!

רב חיים-משה האָט מיט קיין וואָרט ניט געענטפערט. ער האָט דעם מונדירטן צוגעוואָרפן די שליסלען, איינאיינעם מיט אַ גוטן-טאָג, אַ קוש געטאָן די מזוזה און וואַרפנדיק אַ בליק אויפן טאַרטאַק, ווי ער וואָלט זיך מיט אים געזעגנט, איז ער אַוועק צו זיך אַהיים.

— — — — — — — — — — — — — —

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, אין די גרויסע פרעסט פון טויזנט-ניין-הונדערט-פערציקסטן יאָר, איז רב׳ חיים-משה געזעסן איינגעקוועטשט אין אַ לאַסט-וואַגאָן צווישן יידן און גויים.

אינמיטן נאַכט האָבן מונדירטע ענקאַוועדע-לייט זיך אַריינגעריסן אין שטוב, אַרויסגעשלעפּט פון בעט און מען האָט אים אַוועקגענומען פון דער משפּחה. ער האָט קוים באַוויזן מיטצונעמען אַ קליין פּעקעלע זאַכן, דעם טלית מיט די תפילין און אַפילו רעכט זיך ניט געזעגנט מיט די וויינענדיקע קינדער. די ענקאַוועדעניקעס האָבן צוגעאיילט, ברוטאַל אָפּגעריסן פון די קינדער און אַרויסגעשטופּט פון שטוב; זיי האָבן נאָך געהאַט אַ סך ״וויזיטן״ אָפּצושטאַטן די נאַכט און יעדע מינוט איז ביי זיי געווען טייער.

צומאַרגנס האָט שוין דער עשאַלאָן מיט די אַרעסטירטע, געשלעפּט פון אַ שווער-סאָפּעדיקן, גרויסן לאָקאָמאָטיוו — אַ ״פּעדיע״ — זיך געטראָגן איבער די שטחים פון רוסלאַנד, אויפן וועג קיין סיביר, בלייבנדיק שטיין נאָר אויף גרויסע סטאַנציעס, צו באַזאָרגן די מענטשן מיט ״קיפּיאַטאָק״ אויף צו דערוואַרעמען זיך.

נאָך לאַנגע וואָכן שלעפּן זיך האָט מען די פאַרשיקטע געבראַכט אין אַ יישוב

צווישן די געדיכטע וועלדער פון דער אויטאָנאָמער סאָוועטישער, סאָציאַליסטישער רעפובליק, קאָמי, ווייט פון אַ יישוב און באַוואַכט פון באַוואָפנטע ענקאַווע-דעניקעס.

אויפן צווייטן טאָג נאָכן אָנקומען אין „פּאָסיאָלאָק" נומער 268, האָט דער קאָמענדאַנט באַפוילן אַלעמען זיך צונויפזאַמלען פאַרן הויז פון ענקאַוועדע. ווען די מענטשן זיינען שוין געווען כמעט פאַרפרוירענע פונעם ברענענדיקן פראָסט און קוים געקענט שטיין אויף זייערע פיס, איז אַרויסגעקומען דער קאָמענדאַנט און געהאַלטן פאַר זיי אַ רעדע אין וועלכער ער האָט מודיע געווען, אַז מען האָט זיי געבראַכט אַהער, אינעם „פּאָסיאָלאָק", פאַר געהערן צו אַ קלאַס פון קאַפּי-טאַליסטן, פאַרברעכער, שפּיאָנען און אויסוואורפן. „אייערע שווערע זינד וועט איר מוזן אויסקויפן מיט גוטער אַרבעט ביים אויסהאַקן די וועלדער און צוגרייטן דאָס געהילץ אין וועלכן ס'נייטיקט זיך דער גרויסער ראַטן-פאַרבאַנד, אַזאַ איז דער באַפעל פונעם טאַטן פון אַלע פעלקער — יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין".

אַ הוראַ! געשריי פון די ענקאַוועדעניקעס, האָט באַגלייט זיינע ווערטער און אַלע פאַרשיקטע האָבן געמוזט מיטשרייען.

נאָכדעם האָט דער קאָמענדאַנט פאַרגעלייענט אַלץ וואָס ס'איז זיי פאַרבאָטן און פאַרענדיקט מיט דעם, אַז דעם יעניקן וואָס וועט ניט אויספילן זיין נאָרמע, וועט מען פאַרקלענערן די צוגעטיילטע פאַרציע ברויט, ווי ס'איז פאַרשריבן אין דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע: „ווער ס'אַרבעט ניט, דער עסט ניט"!

דער „פּאָסיאָלאָק" נומער 268, באַשטייט אינגאַנצן פון צוויי גאַסן, פאַרבויטע מיט הילצערנע באַראַקן און אַ צען נידעריקע הייזלעך געבויטע פון רונדע, ניט אָרומגעטעסעטע קלעצער. דערצו נאָך אַ גרויס, מאַסיוו הויז מיט פאַרקראַטעוועטע פענצטער אין סאַמע צענטער פון יישוב. דאָרט געפינט זיך די ענקאַוועדע און דער קאַרצער.

אין די באַראַקן וואוינען די פאַרשיקטע. אַ טייל פון זיי מיט זייערע משפחות צוזאַמען; דאָס זיינען די „גליקלעכע", ווען די איינזאַמע פאַרשיקטע זיינען שטאַרק מקנא. אין די הייזער וואוינען די ענקאַוועדע-מענטשן, כמעט אַלע מיט משפחות, און אויך עטלעכע געוועזענע פאַרשיקטע, וואָס זיינען נאָך דער באַ-פרייאונג, אויף דער „עצה" פון ענקאַוועדע, געבליבן אין „פּאָסיאָלאָק" ווי פריי-געדונגענע אַרבעטער, דער עיקר אַלס בריגאַדירן ביי די וואַלד-אַרבעטן.

ביים איינציקן אַריינפאָר אין „פּאָסיאָלאָק" שטייט שטענדיק אַ וואַך. זי קאָנטראָלירט די דאָקומענטן פון די וועלכע קומען אַהער, כאָטש דאָס רוב זיינען די באַזוכער אייגענע מענטשן, אָפיציעלע פאַרשטייער פון ענקאַוועדע אָדער פונעם געגנטלעכן האָלץ-טרעסט, וועלכע קומען מיט שליטנס אַרויסצופירן די אויסגעהאַקטע ביימער. די פאַרשיקטע איז פאַרבאָטן צו דערנעענטערן זיך צום

אַריינפֿאָר און פֿאַר עובר זיין אויפֿן פֿאַרבאַט באַקומט מען אַ פּאָר טעג קאַרצער, פֿון וועלכן מען קומט אַרויס אַ קראַנקער און צעבראָכענער.

פֿינף אַזייגער פֿאַרטאָג, ווען ס'איז נאָך גוט פֿינצטער, צעטראָגט זיך איבערן יישוב דאָס געשריי פֿון די בריגאַדירן. דאָס וועקן זיי די מענטשן צו זיין גרייט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט. אין די באַראַקן צינדן זיך אָן קליינע נאַפֿט-לעמפּלעך וואָס פֿאַרשפּרייטן אַרום זיך אַ טונקעלע שיין. די מענטשן הייבן זיך אויף פֿון די האַרטע געלעגערס, קוים וואָס זיי באַוועגן די צעווייטיקטע גלידער, זיי טרייסלען זיך פֿון קעלט און איילן וואָס גיכער אָרויפֿצוציען אויף זיך די מלבושים. אין די באַראַקן וואו ס'וואוינען אויך די משפּחות פֿעדערן זיך די פֿרויען און צינדן אָן אַ פֿייער אין די אייזערנע אייוועלעך, וואָס ווערן גיך אָנגעגליט אויף רויט און וואַרעמען אָן דעם באַראַק.

אויסגעטרונקען אויף גיך אַ טעפּל ערזאַץ-טיי, וואָס טראָגט דעם שיינעם נאָמען "פּרוקטאָווי טשאַי", מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט, שטעלן זיך די מענער צו אויפֿן פּלאַץ פֿאַרן ענקאַוועדע בנין. די בריגאַדירן ציילן זייערע מענטשן און גיבן איבער אַ באַריכט דעם קאָמענדאַנט, וואָס פֿאַרפֿעלט ניט קיינמאָל דעם אַפּעל. פּונקט זעקס אַזייגער רירן די בריגאַדעס אַרויס צו דער אַרבעט, באַגלייט פֿון אַ באַוואָפֿנטער וואַך.

די אַרבעט באַשטייט פֿון אויסהאַקן דעם אורוואַלד. דיביימער זיינען הייכע און דיקע, אַז צוויי מענטשן קענען זיי קוים אַרומנעמען. די ערשטע צייט האָבן די פֿאַרשיקטע אַפֿילו ניט געוואוסט ווי אַזוי מען נעמט זיך צו דער אַרבעט. די בריגאַדירן, וואָס האָבן מיט אַ סך יאָרן צוריק אַליין זיך געפֿונען אין אַן ענלעכן מצב, האָבן געשאָלטן מיט טויטע קללות, געזידלט און אַפֿילו געגעבן קלעפּ. די בריגאַדירן האָבן באַקומען פּרעמיעס, אַ צוגאָב פֿון שפּייז, ווען די נאָרמע איז געוואָרן אויסגעפֿילט און זיי האָבן אין די אומדערפֿאַרענע וואַלד-אַרבעטער געזען זייערע שונאים.

פּאַמעלעך האָבן זיך די מענטשן אויסגעלערנט אַרבעטן. די זעגן האָבן זיך אַלץ טיפֿער און טיפֿער איינגעשניטן אינעם געוועב פֿון די ביימער און פֿאַלנדיק מיט אַ קרעכץ באַגראָבן אונטער זיך יונגינקעביימעלעך. אַמאָל האָט עס געטראָפֿן אויך אַ ניט פֿאַרזיכטיקן, ווינציק דערפֿאַרענעם אַרבעטער.

אַנדערע בריגאַדעס האָבן באַאַרבעט די אָפּגעהאַקטע ביימער. מיט שווערע העק אַרומגעהאַקט די צווייגן, וועלכע מען האָט געמעגט מיטנעמען אויף צו באַהייצן די באַראַקן, אָפּגעשניטן די דינע בוים-שפּיצן און צוזאַמענגעשלעפּט די קלעצער אין קופּעס, גרייטע צו פֿאַרלאָדן אויף די שליטנס.

חיים-משה'ן — ווען מען האָט אויפֿגעהערט צו צוגעבן דעם "רב" — האָט מען צוליב זיין הייכן עלטער באַפֿרייט פֿון אַרבעטן מיטן זעג. פֿון די צוגעשיקטע דאָקומענטן האָט זיך דער קאָמענדאַנט דערוואוסט, אַז ער איז אַ

גרויסער מומחה אין האַקן וועלדער. ער האָט אים געלאָזט רופן צו זיך אין קאַבינעט, לאַנג, לאַנג באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס, און נאָכדעם אויסגעפרעגט וועגן זיינע וואַלד-קענטעניש. צום סוף פון דער חקירה האָט דער קאָמענדאַנט מודיע געווען, אַז ער טרויט אים אָן די וויכטיקע אַרבעט ביים אָפּקלייבן די ביימער צום אויסהאַקן; ״נאַר געדענק, האָט ער אים געוואָרנט, אויב דו וועסט סאַבאָטירן וועסטו באַקומען אַ קויל אין דיין אַלטן קאָפּ!״ ער האָט אויך באַפוילן אַרויסצוגעבן אים אַ וואַרעמע פופייקע, וואַטענע הויזן און גרויסע שווערע וואַליקעס.

עפּעס אַ מאָדנער געפיל פון גלייכגילטיקייט צו דער פאַרלוירענער גבירישקייט האָט אים באַהערשט און נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, ווען ער קומט צוריק אין באַראַק אַריין, פרייט ער זיך וואָס ביי זיין עלטער שטייט ער ניט אָפּ פון אַנדערע, און רעכנט זיך פאַר אַ גוטן אַרבעטער.

ס׳טרעפט אָבער אַז ביינאַכט, אין שלאָף, חלומט זיך אים זיין טאַרטאַק. ער הערט בולט ווי עס זינגען די צעיאָגטע זעגן, וואָס בייסן די קלעצער וועלכע וויינען מיט פעכיקע טרערן, און ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף דערפילט ער ערשט דעם גאַנצן עלנט זיינעם און דערפון ווערן באַזילבערט די האָר פון זיין באָרד. אָבער ביי זיינע פינף-און-זעכציק יאָר איז ער געווען געזונט און שטאַרק אַ סך מער פון אַנדערע פאַרשיקטע, וואָס זיינען געווען מיט צענדליקער יאָרן יינגער פון אים.

— דער אַלטער איז שטאַרק ווי אַ דעמב, פלעגן וועגן אים ריידן די איינוואוינער פון באַראַק.

דער שטאַרקער ריח פון דער סאָסנע זשיוויצע, די אומגעהויערע אַרומיקע שטילקייט, די מעגלעכקייט צו אַרבעטן ביי זיין באַליבטער אַרבעט, די צוגעשיקטע שפּייז-פעקלעך פון דער היים, און דער עיקר די בריוו פון די קינדער און אייניקלעך, האָבן אים ניט געלאָזן אַלט ווערן.

— — — — — — — — — — — — — — —

זומער, טויזנט-ניין-הונדערט-איין-און-פערציק:

שוין אַ פּאָר חדשים ווי ס׳ברענט דער שרעקלעכער פייער פון דער מלחמה צווישן דעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן און נאַצי-דייטשלאַנד, זיין נעכטיקן גוטן-ברודער און שותף ביים פאַרטיילן זיך מיט דער פוילישער ירושה.

פון דער היים קומען ניט מער קיין בריוו, דאָרט באַלעבאַטעווען שוין די דייטשן און זייערע מיטהעלפער — די גויים פון שטעטל. די זאָרג וועגן גורל פון דער משפחה און די מוראדיקע בענקשאַפט נאָך אַ נאָענט און ליב פּנים,

האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף חיים-משה'ן און פרעסן אים אויף. ער איז געוואָרן גלייכגילטיק צו דער אַרבעט, צו די מענטשן מיט וועלכע ער וואוינט אין באַראַק און נאָך דער אַרבעט פאַלט ער אַוועק אויף זיין בעטל, ליגט אויף איר מיט פאַרמאַכטע אויגן און פּרובירט אַרויסרופן אין זכרון די פּנימער פון זיינע קינדער און אייניקלעך. די שכנים טרייסטן אים, ווילן דערמוטיקן מיט אַ גוט-וואָרט, אָבער ער הערט אפילו ניט וואָס זיי ריידן צו אים און ענטפערט ניט קיין וואָרט.

— ס'איז ניט גוט מיטן אַלטן, זאָגט איין שכן צום אַנדערן מיט אמתן צער.

ווען ס'איז געקומען דער טאָג פון אַמנעסטיע פאַר די פאַרשיקטע פּוילישע בירגער, לויטן הסכם מיט דער שיקאָרסקי רעגירונג אין לאָנדאָן, האָבן עטלעכע באַפרייטע משפחות באַשלאָסן צו אַריבערוואַנדערן קיין אוזבעקיסטאַן; „ס'איז דאָרט שטענדיק וואַרעם און ס'איז פאַראַן ברויט צו דער זעט". האָבן זיי געטענה'עט. אויך רב' חיים-משה איז מיטגעפאָרן.

נאָך אַ חודש וואַלגערן זיך אויף פאַרשיידענע וואָקזאַלן און באַנען, צעפרעסענע פון לייז און שמוץ, האָט זיי די באַן אַ־ין אַ זוניקן פרימאָרגן געבראַכט קיין סאַמאַרקאַנד.

ס'האָט זיי באַגעגנט אַ לאַנגער, ווייסער וואָקזאַל, מיט אוזבעקישע און רוסישע אויפשריפטן אויף די ווענט; אַ גרויסער וואַרט-זאַל, מיט שפּיגלען אַרום די ווענט, אין וועלכן מען לאָזט אַריין נאָר הייכע אָפיצירן; אַ בופעט וואו מען פאַרקויפט נאָר, ניט געצוקערטן, גרינעם טיי אין „פּיאַלעס", — טעפּעלעך פון עכטן כינעזישן פאַרצעלאַן, און זייער אַ סך מונדירטע ענקאַוועדעלייט, וועלכע שפּיזן דורך מיט זייערע בליקן די פּאַסאַזשירן.

אויפן ברייטן שטח אַרום וואָקזאַל און אינעם הויף פון „עוואַקאַ-פּונקט" זיינען געזעסן אויף פּעקלעך אָדער אויף דער נאַקעטער ערד טויזנטער מענטשן. כמעט אַלע שמוציקע, באָוואַקסענע, אַ טייל אין צעפּליקטע בגדים, קוים וואָס זיי האַלטן זיך אויפן גוף. ביי די צוויי קראָמען, וואו מען האָט פאַרקויפט ברויט, איז געשטאַנען אַ ריי פון הונדערטער מענטשן, וועלכע איז גאָרניט געוואָרן קלענער; אַלץ שטופּט זיך, שרייט און שילט מיט דער נאַציאָנאַלער רוסישער קללה; דער גרעסטער טייל מענטשן איז געבליבן אָן ברויט און ווער ס'האָט נאָך געהאַט געלט צו באַצאָלן אַ „געזאָלצענעם" פּרייז, האָט געקויפט „לעפּיאָשקעס", — היימיש-געבאַקטע, ווייצענע קוכנס, וועלכע ס'פאַרקויפן אוזבעטשקעס, מיט שוואַרצע „פּאַראַנדזשעס" אויף זייערע פּנימער, פון הינטער וועלכע עס זעען זיך אַרויס זייערע שוואַרצע, גליאיקע אויגן.

נאָכן דורכגיין אַ סאַניטאַרע באַאַרבעטונג און אַנטלויזונג פון די זאַכן אין דער „וואָשאַבאַיקאַ", האָט זיך חיים-משה געלאָזט צופוס שפּאַנען צו דער אַלטשטאָט, וואו ס'האָט זיך קאָנצענטרירט די מערהייט פון די יידישע פּליטים.

פון וואָקזאַל אין שטאָט אַריין פירט אַ לאַנגע, ברייטע אַלייע פון ציפּרעסן און קליאָנען. בייביידע זייטן פון די טראָטואַרן אויסגעגראָבענע, פלאַכע "אַריקן" אין וועלכע עס פליסן טונקל-ברוינע, שמוציקע וואַסערן. אין די "אַריקן" פאַלט אַריין דאָס שמוץ פון די גאַסן, מען וואַשט דאָרט די שמוציקע קליידער און דאָס וועש. דורשטיקע אוזבעקן שעפּן פונעם וואַסער מיט די הויפּנס און טרינקען אים גיריק. יונגע אוזבעקישע מיידלעך, פילן אָן עמערס וואַסער און טראָגן זיי אויף די קעפּ, פאַרפלאָכטענע מיט צענדליקער פעט-גלאַנציקע צעפּעלעך, צווישן וועלכע עס זילבערן זיך אַרויס פאַרשיידענע מטבעות און בלעכלעך.

די זון האָט זיך דערווייל צעגליט און געברענט אָן רחמנות. אַ שווערער שוויס האָט זיך געקייקלט איבער חיים-משה׳ס פּנים און דורכגעווייקט די קליידער. דער זעקל מיט די ווינטערדיקע זאַכן, מיטן טלית און תפילין האָט געדריקט אויפן פּלייצע ווי אַ שווערע משא און ער האָט פון צייט צו צייט געמוזט אים אַראָפּנעמען און זיך זעצן אָפּרוען. נאָך אַ שעה שלעפּן זיך איז ער אַ טויט-מידער אָנגעקומען אין דער אַלטשטאָט.

אויפן רעגיסטאַן-פּלאַץ און אין די אַרומיקע געסעלעך האָבן זיך באַוועגט טויזנטער מענטשן: אוזבעקן, יידן און רוסן. ס׳האָט זיך געהערט אַ געמיש פון שפּראַכן: יידיש, פּויליש, רוסיש, אוזבעקיש און טאַדזשיקיש, אויף וועלכער ס׳רייד: די בוכאַרער יידן. די צוויי גרויסע מעטשעטן אויפן רעגיסטאַן, מיט זייערע הייכע, קרומע טורעמס, ווי אויסגעבייגענע צום פאַלן, באַדעקטע מיט אַ וואונדערלעכער פּיאַלעטער, אַראַנזש-געלער און רויטער מאָזאיק, האָבן געוואָרפן זייערע שאָטנס אויף אַ האַלבער גאַס. אויפן ברייטן געפּלאַסטערטן פּלאַץ צווישן ביידע מעטשעטן, זיינען געשטאַנען באַרוועסע מאַלער, סטודענטן פון דער וואָקזאַרטער לעניג-גראַדער קונסט-אַקאַדעמיע, און געאַרבעט ביי זייערע לייוונטן.

פונעם ראַדיאָ-הילכער האָט זיך איבערן גאַנצן פּלאַץ געהערט די הייזעריקע שטים פון אַן אוזבעקישן זינגער, וואָס האָט אָן אויפהער געציקלט און איבער-געחזרט די ווערטער: "דזשאַן, דזשאַן אוזבעקיסטאַן". אין די אַרומיקע "טשאַיכאַנאַס" זיינען אויף אַלטע, אויסגעריבענע טעפּיכער געזעסן, מיט די פיס אונטער זיך, אוזבעקן, כמעט אַלע דיקע, מיט פעטע גלאַנציקע פּנימער, לאַנגע וואָנסעס און גלאַט אָפּגעראַזירטע קעפּ. זיי האָבן געטרונקען ביטערן, ניט געצוקערטן, קאָק-טשאַי און צוגעקייט ראַזשינקעס. אַנדערע ווידער האָבן געקייט "נאַס", אַ געמיש פון גרינעם, דין צעמאַלענעם, טאַבאַק און וואַפּנע. פון צייט צו צייט אויסגעשפּייט אויפן דיל די גרינע מאַסע און באַלד אַריינגעשאָטן אין מויל אַ פרישן הויפן מיט "נאַס".

די וואַסטאַטשנע און פינדזשיקענטסקע, די צוויי הויפּט-גאַסן פון דער אַלטשטאָט, זיינען פאַרבויט געווען מיט קיאָסקן, אין וועלכע די אַרומיקע קאַלכאָזן האָבן פאַרקויפט זייערע פּראָדוקטן: עפּל, ווייַנטרויבן, גראַנאַטן, געטריקנטע אַפּריקאָסן, ראַזשינקעס און ניס.

ווען חיים-משה איז צוגעקומען צו איינעם פון די קיאָסקן און אַ פרעג געטאָן דעם פּרייז פון די פּרוכטן, איז ער, נאָכן באַקומען אַן ענטפער, געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער, וואו זאָל ער נעמען אַזויפיל געלט? און דאָס האַרץ חלשט אים, שוין אַזויפיל שעה׳ן גאָרניט טועם געווען. אַ פּוילישער ייד, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן, האָט באַמערקט זיין פאַרצווייפלונג און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— רב ייד, איר זייט מן-הסתם ערשט איצטער געקומען אַהער?

— יאָ, נאָר-וואָס געקומען פון וואַקזאַל. קוים אַ פּאָר שעה אין שטאָט, און כ׳ווייס ניט וואָס מען הייבט אָן צו טאָן. די פּרייזן זיינען שרעקלעכע און כ׳בין כמעט אָן געלט.

— אויב איר האָט ניט קיין געלט, פעטער, איז טאַקע זייער ניט גוט. איך זע אָבער, אַז איר האָט אַ ביסל זאַכן. גייט צו אויפן ״טאַלקוטשקע״ און פאַרקויפט עפּעס. נאָר זעט אַז מען זאָל אייך ניט אָפּנאַרן מיט די פּרייזן.

— — — — — — — — — — — — — —

די טאַלקוטשקע: אַ ריזיקער, ניט ברוקירטער שטח, ביים אַריינפאָר אין שטאָט מיטן זאַרעוואַנער שאָסיי. דער שטח איז אָנגעשטאָפּט מיט טויזנטער מענטשן, וועלכע קויפן און פאַרקויפן אַלץ וואָס קומט זיי אונטערן האַנט. מען פאַרקויפט דאָ אַלטע זאַכן, אַלטע מעבל, צעקלאַפּטע, אויסגעשטשערבעטע טעפּלעך, פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, שטיקלעך גלאָז, פאַרשיידענע זייפן, און אַפילו איינציקע אַלטע שיך, פאַר אינוואַלידן מיט איין פוס. מען קריגט דאָ צו קויפן פלייש, וואָס קיינער ווייסט ניט פון וואָס פאַראַ בעל-חיים עס קומט, שטיקלעך ברויט, געקאָכטע קאַרטאָפל און הייסע זופּן. אַלץ שטופּט זיך דאָ, געוואַלדעוועט, שרייט און דינגט זיך בקולו-קולות. ״שפּאַנאַר״ רייסט אַרויס זאַכן פון די הענט, פאַרשווינדט אין דער ענגשאַפט און מען קען זיי ניט כאַפּן. מיליציאַנערן דרייען זיך דאָ אַרום, באַקומען אַ פּאָר רובל כאַבאַר און מאַכן זיך ניט זעענדיק ווי עס ״בליט״ די ״ספּעקולאַציע״.

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און די פּופּייקע מיט די וואַטענע הויזן זיינען אַריבער אין רשות פון אַן אַלטן אוזבעק און חיים-משה, מיטן פּעקל ״טשער-וואָנצעס״ אין בוזעם-קעשענע, האָט זיך געאיילט קויפן עפּעס צו דערכאַפּן דאָס פאַרחלשטע האַרץ.

ס׳האָט גענומען נאָר געציילטע טעג און די ״טשערוואָנצעס״ זיינען צעפלאָסן, ווי דאָס וואַסער אין די ״אַריקן״ אויף די גאַסן פון שטאָט. דער הונגער האָט גענומען ווערגן, רייסן שטיקער, כאָטש נעם לייג זיך און שטאַרב אַוועק אַ געשוואָלענער פון הונגער, ערגעץ-וואו ביים ברעג פון אַן ״אַריק״.

די ערשטע צייט האָט ער נאָך פּרובירט זיך ראַנגלען מיטן הונגער און נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון אַ סך אַנדערע ווי ער. ער פלעגט אויפן באַזאַר צוגיין צו אַ פּאַרקויפער פון ראַזשינקעס, כלומרשט אַ קונה, פרעגן דעם פּרייז, טאַפּן מיט די פינגער, און אַריינשיטן אין מויל אַ הויפן ראַזשינקעס, צום פּאַרזוכן די סחורה, מאַכן אַ מינע אַז ס׳געפעלט אים ניט און אַוועקגיין צו אַן אַנדער פאַר-קויפער. אָבער נאָכדעם, ווי די דאַרפישע אוזבעקן האָבן זיך געכאַפּט אויפן פּאַרטל, און ניט איינער פון זיי האָט מיט אַ שווערן געוויכט געשפּאָלטן דעם מוח פון אַזאַ קונה, האָט זיך חיים-משה געמוזט אַראָפּלאָזן צו דער מדרגה פון אַ פשוטן בעטלער, אויסגעשטעלט אַ האַנט און שטום אַן ווערטער געבעטן אַ נדבה ביי די גוטע מענטשן, וואָס האָבן אַליין אויך ווייניק וואָס געהאַט צו געבן.

דעם טלית מיט די תפילין האָט מען אַוועקגעגנבעט פון אונטער זיין קאָפּ, ווען ער איז געשלאָפן אויף דער נאַקעטער ערד אין איינעם פון די שטאָטישע גערטנער, און ער האָט אַפילו אויפגעהערט צו דאַוונען, די אמונה איז עפּעס ווי אויסגעלאָשן געוואָרן אין אים.

און איינמאָל אין אַ האַרבסטיקן טאָג, ווען ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל גאַס, אַ האַלב-נאַקעטער אין זיינע צעפליקטע בגדים, די באָרוועסע, געשוואָלענע פיס אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס און פאַרבונדן מיט שטריקלעך, איז נעבן אים שטיין געבליבן אַ הייכער, באַברילטער מאַן און האָט זיך מיט זיין בליק ווי איינגעגעסן אין אים. אַז חיים-משה האָט אים דערזען האָט ער אַ ציטער געטאָן, און גענומען זיך וואַקלען צום פאַלן. דער יונגערמאַן האָט דאָס באַמערקט, באַצייטנס אַ כאַפּ געטאָן אים מיטביידע הענט און אַ דערשטוינטער אויס-גערופן:

— רב׳ חיים-משה! דאָס זייט, רב׳ חיים-משה?!

דאָס איז געווען יואל, דער שרייבער, וואָס האָט אַ פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון חיים-משה׳ס שטעטל און דאָרט געוואוינט אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה.

יואל איז אויך געווען אַ פּליט אין סאַמאַרקאַנד. געלעבט מיט זיין ווייב און קינד אין אַ ליימענער קיביטקע, אויף איינער פון די שמאָלע, אַן פענצטערדיקע געסעלעך אין דער אַלטשטאָט. ער האָט געאַרבעט אויף אַ פּאָסטן, ביי וועלכן ער האָט געקענט מאַכן אַ זייטיקן רובל און האָט געגעסן צו דער זעט.

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און ער האָט דעם אָפּגעשוואַכטן, ווי אַ ליכט צאַנקענדיקן, חיים-משה׳ן ממש אויף די הענט געבראַכט צו זיך אַהיים. געזעצט צום טיש אויף וועלכן זיין ווייב תמר, חיים-משה׳ס בת-עיר, האָט מיט ציטעריקע הענט פון איבעראַשונג אַוועקגעשטעלט עסן. ביידע זיינען זיי אַרויס פון צימער, געלאָזט אים אַליין, ער זאָל זיך ניט שעמען צו שטילן זיין שרעקלעכן הונגער.

ווען זיי זיינען צוריק אַריין אין צימער האָבן זיי אים געטראָפן זיצן ביים

אָפּגעליידיקטן טיש און פון זײנע אויגן זײנען געראָנען שטראָמען טרערן.

— ווײנט ניט רב׳ חיים-משה, האָט אים תמר צאַרטלעך אַרומגענומען, איר דאַרפט מער ניט זאָרגן, איר וועט זײן מיט אונדז און ווי מיר וועלן לעבן, אַזוי וועט איר לעבן. כ׳בעט אײַך באַרואיקט זיך און נעמט זיך אין די הענט אַרײַן.

יואל האָט אָפּגערײניקט דעם ליידיקן צימערל אויף דער "באַלכאַנאַ". נאָכדעם האָט ער געבראַכט פון "טשאַיכאַנאַ" אַן עמער הײסע וואַסער, אַרויפגענומען זײן קינדס בלעכענע וואַנע, אויסגעטאָן חיים-משה׳ן, אַרײַנגעזעצט אים אין וואַנע און ווי אַ קלײן, הילפלאָז קינד גוט אַרומגעוואַשן מיט זײף און אויסגעקעמט מיט אַ געדיכטן קעמל די האָר פון זײן קאָפּ און באָרד.

די אַלטע, לײַזיקע שמאַטעס האָט יואל פאַרברענט; חיים-משה׳ן האָט ער געגעבן אָנצוטאָן רײנע וועש, רײנע זאַכן און אַ פּאָר שיך. נאָכער האָט ער אין אָפּגערײניקטן צימערל אָװעקגעשטעלט אַ בעטל און זיך אָנגערופן:

— דאָ וועט איר, רב׳ חיים-משה, וואוינען און קומען צוריק צו די כוחות. לאָמיר ניט פאַרלירן דעם בטחון, אַז די מלחמה וועט זיך אײַנגיכן ענדיקן און איר וועט זוכה זײן קומען צוריק צו אײַערע קינדער און אײניקלעך.

חיים-משה האָט אים אַרומגענומען און לאַנג, לאַנג געקושט באַגיסנדיק זיך מיט טרערן.

✶

סוף האַרבסט, טויזנט-נײַן-הונדערט-פינף-און-פערציק:

לאַנגע עשאַלאָנען פון פראַכט-וואַגאָנען מיט פּליטים, דאָס רוב יידן, שלעפּן זיך וואָכן לאַנג איבער רוסלאַנד אויפן וועג צו די באַפרײַטע היימען, קײן ליטע, אוקראַינע, בעסאַראַביע און ווײַסרוסלאַנד.

צוזאַמען מיט יואלן און זײן משפּחה איז אויך חיים-משה געקומען צוריק אַהײם, אינעם שטעטל. געווען איז דאָס אין אַ דעצעמבער טאָג ווען קײן שנײ איז נאָך ניט אַרויסגעפאַלן, אָבער די קעלט איז געווען אַ ווינטערדיקע, האָט געצופּט און געביסן די נאַקעטע טײלן פון קערפּער.

דאָס שטעטל איז מער ניט געווען צו דערקענען: כמעט אַלע יידישע גאַסן זײנען געלעגן אין חורבות; נאָר בערגלעך ערד, ווי קברים, און קויפקעס ציגל פון די אויוונס. פון אַ טײל הײַזער שטײען נאָך פאַררויכערטע ווענט מיט אויפ-געריסענע לעכער און דער ווינט ווײנט דאָרט אַרײַן מיט אַ געיאָמער, — ער איז דער אײנציקער באַקלאָגער פון די אַלע וועלכע זײנען דאָ אַמאָל געווען און הײַנט איז זײער געבײן צעזײט און צעשפּרײט איבער די גוישע פעלדער.

דעם טאָג איז דער ווינט ניט געווען דער אײנציקער באַקלאָגער; דרײַ

דערוואַקסענע יידן און אַ קליין מיידעלע — אַ דאָ־הי געבוירענע אין די לעצטע טעג, ערב דעם חורבן — זיינען געקומען העלפן דעם ווינט וויינען און קלאָגן. זייער לאַנג־יאָריקער חלום צו דערלעבן קומען צוריק אַהיים ליגט איצט אַן אויסגע־רונענער, ביי די בערגלעך ערד וואו עס זיינען אַמאָל זייערע היימען געווען.

חיים־משה׳ס אויגן וויינען ניט. ניטאָ אין זיי מער קיין טרערן. אַ שרעקלעכער טרויער שלאָגט פון זיי. זיינע ליפּן מורמלען עפּעס, מען הערט ניט וואָס ער זאָגט. אפשר איז עס אַ קדיש נאָך זיין פאַרצווייגטער משפחה פון וועלכער נאָר ער איינער איז פאַרבליבן? פּלוצלינג בייגט ער זיך אַראָפּ, נישטערט און זוכט אינעם בערגל און שלעפּט אַרויס אַ פאַרזשאַווערטע זאַוויעסע פון אַ טיר. דער טרערן־קוואַל באַנייט זיך און ער באַגיסט מיט זיי דעם לעצטן זכר פון זיין געוועזענער היים און גבירישקייט.

באַזוכט אויך דעם בית־הקברות מיט די חרובע, געשענדעטע מצבות, און די בערגלעך ערד אויפן אָרט פון די געוועזענע בתי־מדרשים, פון וועלכע נאָר צוויי שטיקלעך ווענט זיינען פאַרבליבן. געוואָרפן אַ לעצטן בליק אויפן ״שטעטל״ און מיט דער זעלבער קליינבאַן, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, אַוועק פונעם שטעטל, דאָס־מאָל שוין אויף אייביק.

די פּוילישע ערד, אויף וועלכער זיי זיינען געקומען, האָט זיי אויפגענומען נאָך ערגער ווי דאָס פאַריתומטע שטעטל. פון אומעטום האָבן זיך געשטרעקט צו זיי שאַרפע מעסערס און נאָך שאַרפערע, גיפטיקע בליקן, גרייט אַוועקצונעמען דאָס מיט ניסים געראַטעוועטע לעבן.

ווען טויזנטער יידן זיינען, געטריבענע פון שרעק, איבער גרעניצן געלאָפן קיין דייטשלאַנד, איז אויך יואל מיט זיין משפחה מיטגעלאָפן, און ניט אָפּגעלאָזט פון זיך רב׳ חיים־משה׳ן.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער לאַגער פאַקינג־וואַלדשטאַט ליגט אין אַ זייט פון דער באַן סטאַנציע און די לאַנגע, פון ברעטער צונויפגעקלאַפּטע, באַראַקן שטייען באַהאַלטן פון אַ מענטשלעך אויג, צווישן זייער הייכע, שטאַרק צעוואַקסענעביימער. נאָר די לײדיקע וואָך־טורעמלעך ביים טויער, דערמאָנען אַז דאָ איז פריער געווען אַ לאַגער, אין וועלכן די נאַציס האָבן, דורך שווערער אַרבעט און הונגער, פאַרפּייניקט צום טויט טויזנטער פאַרשלעפּטע אַרבעטער פון די אָקופּירטע לענדער.

היינט וואוינען דאָ יידישע פּליטים, אַנטלאָפענע פון זייערע ״באַפרייטע״ היימען. מענטשן וואָס האָבן פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן פון עבר און האָבן ניט דערווייל פאַר זיך קיין מאָרגן.

און דער היינט?

ער איז אַזוי גרוי און זינלאָז ווי די באַראַקן מיט די וואַנצן צווישן די ברעטער. מיט די לאַנגע, פינצטערע קאָרידאָרן און שטענדיק שמוציקע, עיפּושדיקע, אַלגעמיינע קלאָזעטן און וואַש-צימערן.

דער לאַגער איז צעשניטן פון גאַסן אָן נעמען, נאָר באַצייכנטע לויטן לאַטייניש אַלפאַבעט, אַלע ענלעכע איינע צו דער צווייטער. די זעלבע באַראַקן, די זעלבע דריי טרעפּלעך אַרויפצוגיין, די זעלבע פענצטער אָן לאָדן, אָן אַ פּאַרהאַנגל אויף זיי. די זעלבע מיליטערישע אויפלייג-בעטלעך און די זעלבע בלעכענע פושקעס, אַנשטאָט טעפּ און טעלער.

רב׳ חיים-משה איז שטאַרק אַלט געוואָרן. דער פּנים צעקנייטשט און גרוי-שוואַרץ ווי די אַרומיקע ערד. די באָרד איז ווייס ווי שניי, די פּלייצע אויסגע-בויגן, מער ניט צום אויסגלייכן איר און די הענט ציטערן אים. די פיס, קוים וואָס זיי באַוועגן זיך, און ער פאַרמאַטערט זיך שוין ביי די ערשטע פּאָר טריט וואָס ער מאַכט. דערצו האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט אַ יאַדישלעווער הוסט, וואָס שלעפּט אַרויס פון אים דאָס לעצטע ביסל חיות, און ער פילט בחוש ווי זיין לעבן לעשט זיך אויס, פּונקט אַזוי ווי עס פלעגט זיך אין אָוונט, נאָך אַן אַרבעטס-טאָג, אויסלעשן דאָס פייער אין דער קאַטשעגאַרקע, וועלכע האָט געטריבן די זעגן פון זיין טאַרטאַק.

דריי מאָל אַ טאָג שלעפּט ער זיך מיט דער בלעכענער פּושקע אין קיך נאָכן ביסל עסן און ווען ער קומט צוריק קען ער קוים אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אמת, תמר, יואלס ווייב, לאָזט אים ניט גיין, זי וויל אים ברענגען דאָס עסן, אָנוואַרעמען און דערלאַנגען, אָבער ער איז אויף דעם ניט מסכים און זי שוינט זיין ווילן און גיט אים אָפּ כבוד, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן.

רב׳ חיים-משה איז געוואָרן אַ מוראדיקער שווייגער, גאַנצע טעג רעדט ער ניט אויס מיט קיינעם קיין וואָרט; אָבער די מחשבות און די זכרונות לאָזן אים ניט אָפּ אויף אַ מינוט, כאָטש דער פאָדים רייסט זיך אָפּט און ער מוז אָנהויבן וויקלען אים פון דאָס ניי.

אין די זכרונות רעדט ער יאָ מיט די ליבע געשטאַלטן וועלכע ער רופט אַרויס. ער שמועסט זיך דורך מיט זיי, פרעגט און דערציילט. אוי, וויפל ער האָט זיי צו דערציילן און זיי אים נאָך מער. פאַראַן אויך מאָמענטן ווען ער וויל פאַרגעסן, פאַרגעסן און ניט געדענקען מער; ער בעט זיך ביי גאָט, אַז ער זאָל אים העלפן פאַרגעסן, אָבער ווי קען מען פאַרגעסן אַזויפיל ליבע, טייערע און נאָענטע נפשות, אייגן בלוט און פלייש ?

טיילמאָל, קען ער זיך ניט דערמאָנען ווען דאָס איז אַלץ געווען. צי איז עס אפשר געווען נאָר אַ חלום ? און אויב ס׳איז ניט געווען קיין חלום, איז מן-הסתם אַן אייביקייט שוין אַריבער זינט דעמאָלט, און ער-ווייסט מיט וויפל דורות

צוריק דאָס איז געווען. אַלע דורות זײַנען אויסגעשטאָרבן און נאָר ער איינער איז פֿאַרבליבן לעבן, אַ פֿאַרוואָגלטער און אַ פֿרעמדער אין אַ פֿרעמדן דור. ער וואָלט אפֿשר אַליין געדאַרפֿט ענדיקן מיטן דאָזיקן לעבן, און אַוועקגיין צו די יעניקע צו וועמען ער געהערט, אָבער גאָט האָט אים דאָס לעבן געגעבן, און נאָר ער האָט דאָס רעכט דערויף.

זײַנע געדאַנקען רײַסן זיך איבער, ער קען מער ניט טראַכטן וועגן דעם. ער ווישט מיטן נאָזטיכל די טרערן און מוסרט זיך אַליין, "אַ מיאוסע טבע געקראָגן, ווײנען גאָר ווי אַ ייִדענע" און פֿאַרזינקט באַלד ווידער אין די זכרונות, מיט וועלכע ער פּילט אויס זײַנע עלנטע טעג און די שלאָפֿלאָזע נעכט.

ער טראַכט אויך, אַז ווען ער וועט שטאַרבן וועט קיינער נאָך אים ניט זאָגן קיין קדיש, ווײַל ער האָט ניט מער קיינעם אויף דער וועלט. ווי אַ בליץ צערײַסט די נאַכטיקע פֿינצטערניש, שלאָגט פּלוצלינג דורך אַ שטראַל פֿון דערמאָנונג דעם פֿינצטערן תּהום פֿון זײַנע זכרונות, ס׳איז יאָ פֿאַראַן אַ קדיש-זאָגער. ערגעץ-וואו אין ניו-יאָרק וואוינט אַ ווײַטער קוזין און ער וועט זיכער זאָגן קדיש. אָבער ווי אַזוי געפֿינט מען אים ?

ווען יואל האָט געהערט פֿון חיים-משהן וועגן זײַן קרוב האָט ער אים באַרויִקט און פֿאַרזיכערט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט אויפֿזוכן די קרובֿים דורכן זוך-אַמט, ביים צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער שארית-הפּליטה אין דײַטשלאַנד. און טאָקע באַלד אָפּגעשיקט אַהין חיים משה׳ס אַ בריוו מיט פּרטים וועגן קרובֿ.

קנייטשט רבֿ׳ חיים-משה זײַן שטערן, זאָרגט זיך וואָס ס׳איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין תּשובֿה וועגן געזוכטן קרובֿ, און טרייסט זיך דערמיט וואָס ער וועט, לכל-הפּחות, שטאַרבן אויף זײַן בעטל, צווישן ייִדן, און יואל וועט ביים קבֿר זאָגן קדיש נאָך אים.

עס זײַנען אַריבער עטלעכע חדשים, דער ווינטער איז אַוועק, דאָס אייז האָט געלאָזן און דער פֿרילינג איז געקומען.

די סאָסנע-ביימער אין לאַגער האָבן זיך באַפֿרײַט פֿון ווינטערדיקן שלאָף, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די אַלטע נאָדל-בלעטער און זיך באַדעקט מיט פֿרישע. די שטאַמען האָבן אַרויסגעגעבן פֿון זיך דעם גוטן ריח פֿון זשיוויצע, וועלכן חיים-משה האָט גיריק אַרײַנגעצויגן אין זיך, ווי אַ דורשטיקער ביים טרינקען וואַסער. די ריחות האָבן אים אַביסל אויפֿגעמונטערט און דערהאַלטן ביים לעבן.

אין איינעם פֿון די דאָזיקע פֿרילינג-טעג האָט מען אים געבראַכט אַ בריוו אין וועלכן מען איז אים מודיע, אַז ס׳האָט זיך אָפּגעזוכט דער קרובֿ, און ער ווערט געבעטן צו קומען פּערזענלעך קיין מינכען, אָפּצונעמען אַ בריוו און אַ צוגעשיקטע געלט-איבערווײַזונג פֿונעם קרובֿ.

ווי ליכטיק און זוניק ס'איז געווען אינעם דרויסן אַזוי איז געוואָרן זיין געמיט און אַ גליקלעכער שמייכל האָט זיך צעלייגט צווישן די קנייטשן פון זיין פּנים: ענדלעך זיך דערוואַרט אויפן קדיש-זאָגער.

צו-מאָרגנס האָט זיך חיים-משה געפּעדערט. אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, אויף גיך עפּעס טועם געווען און באַצייטנס געלאָזט זיך גיין צו דער סטאַנציע. ער האָט מורא געהאַט, חס וחלילה, צו פאַרשפּעטיקן די באַן. קומענדיק אין שטאָט האָט ער זיך קוים אַריינגעשטופּט אינעם איבערפולטן טראַמוויי, וואו אַ יונגער דייטש האָט אים העפלעך אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ.

זיצט רב' חיים-משה אין טראַמוויי און קוקט אַרויס פון פענצטער אויף די חורבות פון דער שטאָט. אַ געפיל פון נקמה באַהערשט אים, נקמה פאַר די חורבות פון זיין שטעטל, פאַר זיין טאַרטאַק און פאַר די געשענדעטע מצבות אויפן בית-עולם, וואו עס רוען זיינע אָבות. בענטשט ער אין זיינע מחשבות די נקמה-נעמערס און זיינע ליפּן מורמלען צו זיך אליין: "עין תחת עין, שין תחת שין".

אין וואַגאָן קוועטשן זיך אַריין אַלץ מער דייטשן. זיי טרעטן אויף די פיס און אַנטשולדיקן זיך העפלעך. באַטראַכט ער נייגעריק זיינע וואַגאָן-שכנים, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געזען זייערע טריפה'נע פּרצופים.

לינקס פון אים זיצט אַ דיקע, עלעגאַנט-געקליידעטע, דייטשקע און אויף אירע אויערן וויגן זיך גאָלדענע אויערינגלעך, אין וועלכע עס זיינען אַריינגעפּאַסט גרויסע בריליאַנטן.

אַז חיים-משה האָט דערזען די אויערינגלעך האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. עס גלויבט זיך אים ניט; בייגט ער זיך אַלץ נעענטער צו דער דייטשקעס קאָפּ; האַלט איין דעם אָטעם: איז עס מעגלעך אַזאַ ענלעכקייט? און אפשר? אפשר איז עס טאַקע דאָס זעלבע? האַ? ניין! ניין! וויל ער זיך אַליין באַרויקן און דאָך ווערט ער אַלץ מער באַהערשט פונעם געפיל, אַז דאָס איז רבקה'לעס דרשה-געשאַנק. ער זוכט מיט זיין בליק דעם ריש מיטן למד, די אויסגעקריצטע איניציאַלן, אָבער ער געפינט זיי ניט. צי איז עס אַ טעות? די בריליאַנטן פינקלען און לייכטן אַזוי וואַרעם ווי דעמאָלט ווען ער האָט זיי צוגעטראָגן רבקה'לען נאָך איר חופּה. זיין אָטעם האַקט זיך אָפּ, דער הוסט שטיקט, אָבער ער פילט אים ניט. ער זעט ווי רבקה'לע רייסט זיך צו אים פון גרוב אַרויס; אָט גייט זי צו אים מיט אָפּגעריסענע אויערן פון וועלכע עס פליצט בלוט, זיין בלוט. אַ היץ שלאָגט אים אין קאָפּ. ער רייסט זיך אויף פון אָרט און אַ דערשטיקטער געשריי רייסט זיך אַרויס פון זיין האַלדז:

— מ-ע-ר-ד-ע-ר!

דער טראַמוויי האָט אין מיטן גאַנג זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי עס וואָלט אין

אים פלוצלינג אַ בליץ אַריינגעטראָפן, און איז שטיין געבליבן. דערשראָקענע זיינען פון אים געשפרונגען די דייטשן איבער וועלכע ס'האָבן, ווי צוויי פליגל פון אַ ריזיקן אָדלער, זיך צעפאַכעט צוויי הענט, וואָס האָבן אַרומגעכאַפט דער דייטשקעס האַלדז און זי געגומען ווערגן, אָבער באַלד געבליבן אָן באַוועגונג, זינקענדיק צום שמוציקן דיל.

— — — — — — — — — — — — — —

די זון האָט זיך אין איר שקיעה געלאָשן. שאָטנס האָבן זיך צעלייגט איבער דער שטאָט, איינוויקלענדיק גאַסן און מענטשן אין אַ שווערער מרה-שחורה.

איבערן אַספאַלט האָט זיך געגליטשט אַן אַמבולאַנס מיט רויטע צלמים, טראַגנדיק אין זיך, ווי אַ קאָרטש פון אַ פאַרברענטן בוים, דעם שוואַרץ געוואָרענעם גוף פון דעם, וואָס איז אַמאָל געווען — רב' חיים-משה.

"סאַמאַגאָן" — אַליין געמאַכטער בראָנפן. "פּאָסיאָלאָק" — יישוב. "וואַשאַ-באַיקאַ" — לייז פאַרניכטער. אַריק — שמאָלע וואַסער קאַנאָלן. "טאָלקוטשקע" — אַ באַזאַר וואו עס שטויסן זיך אַ סך מענטשן. "שפּאַנאַר" — יונגע פאַרברעכער. "טשאַיכאַנאַ" — טיי-הויז. "באַלכאַנאַ" — בוידעם-שטיבל.

דוד לאַבקאָווסקי : אַריינפיר אין געטאָ

נתן מאַרק (אַבי אַביר ציון)

פון חסידישן קוואל

דער בעל-שם טוב

געווען ביסטו דער ערשטער,
וואָס ביי דיר זיינען,
יידישע קינדערלעך
די יצחקעלעך, אברהמעלעך,
ווי לעמעלעך
צום קול פון פאסטעכס פייפל
און גלאָק-געקלאנגען,
דיר נאָכגעגאַנגען,
און באצירט מיט בלומען
זיינען זיי פון וואלד, און פעלד
אין שול געקומען.
פול געזאנג און פרייד,
געווען איז דיין גאנג אויך נאָכדעם
ווי די מענטשן האָבן דיך, אלס לוין,
געזאלבט צום קעניג אָן א קרוין!

☆

אין הערצער טרויעריקע, נשמות אויסגעליידיקטע,
האָסטו געזאנג אריינגעגאָסן.
דערצו א רמז אויך געפונען,
אין דעם ניט-אויסצושעפּנדיקן ברונען,
אינעם סוד-יסוד פון אונדזער קיום
אינעם סאמע ערשטן וואָרט פון אונדזער תורה:
"בראשית" — דו האָסט געטייטשט —
"שיר תאב":
צו שירה האָט געגלוסט דער בורא, —
האָט ער הימל-ערד באשאפן.

☆

איז דאָס געווען דיין תכלית, גוטער־ייד:
ניט לאָזן קיינמאָל, אז עצבות־פּיין,
זאָל דעם מענטשן גובר זיין.
וואָלט גאָט,
מיט דיין נשמה
געהאלטן א באראָט,
וואָלט ער זיכער צו די צען־געבאָט,
אויף זיינע לוחות נאָך איין געבאָט געקריצט:
"לא תעצב!"
זאָלסט ניט טרויערן
ווייל —
תפילה איז בכוח עפענען טויערן,
געזאַנג און פרייד — צו ברעכן מויערן.

ר' משה־לייב סאַסאָווער

1.

אין א פּראָסטן מיטוואָך,
ניט קיין קריאת־תורה, ניט קיין מארק־טאָג,
ווען דער רבי האָט א שעת־הכושר
זיך פארטיפן אין דברי חז"ל
און גרייטן "ליקוטי רמ"ל",
צו פארשלמותן דעם רעיון,
אז 'דער מענטש וואָס קען ניט אויסדריקן
דאָס בלוט פון מכות און פון שחין ביי קינדער,
האָט ניט דערגרייכט די העלפט אפילו פון אהבת ישראל';
"די וואָס מיינען, אז מיט תעניתים און מקוואות
איז מען יוצא —
לעבן אין א גרויסן טעות;
און איידער זאָגסט א צווייטן מוסר:
וואָס איז מותר, וואָס איז אָסור —
קודם די אייגענע מעשים אויף דער וואָגשאָל לייגן".

די גרויסע, בלויע אויגן לייכטן
און די באקן, ווי א קינדס אין שלאָף, שיינען,
ביז אינמיטן קאָפּ ארויפגערוקט די יארמעלקע, די פלושענע,

רעכטע האנט מיט אלע פינף פינגער
ארײַנגעפלאָכטן אין דער ברייטער זילבער־באָרד,
די פאות — סאנטינעלן וואָס אָן אוצר היטן.
שטעלט זיך אויף פון צייט־צו־צייט
גייט־צו צום ספרים־שראנק,
מאכט־אויף א ספר,
א קוק צו דער סטעליע,
ווידער אינעם ספר,
איילט צום טיש
און מיט דער געגנדזענער פעדער א נאָטיר —

נאָר דאָ,
באוויזט זיך א בעל־עגלה אין דער טיר
א קוש ער טוט די מזוזה
און רירט זיך ניט פון שוועל.

— קומט נעענטער ר׳ יחיאל!

דער בעל־עגלה,
א ייד, א גרויסער עם־הארץ
קוקט מיט זיינע אָנדערטהאלבן ברילן
גלייך דעם רבין אין די אויגן,
און אזוי דערציילט יחיאל:
— רבי, שוין א וואָך ווי ס׳איז מיין פערד געפגרט,
און איך האָב קיין ברויט ניט פאר די קינדער.

— וואָזשע האָסטו אזוי לאנג געצעגערט?
וואָס ביסטו תיכף צו מיר ניט געקומען?

— איך האָב ניט געוואָלט מטריח זיין דעם רבין.

— א רבין איז מען ניט מטריח,
א רבי איז מחוייב צו טון
וואָס מען פארלאנגט ביי אים;
און ער איז עס בכוח.
און ניט בעל־כרחו, איבערדאנק,
נאָר מיטן גאנצן הארץ.
ניט דער חכם נבון,
טוט דעם אייבערשטן הנאה,
נאָר דער עניו און בעל־טובה.

'תורה שאין עמה מלאכה,
סופה בטלה וגוררת עוון' —
א דאנק אזעלעכע ווי איר, וואָס טוען מלאכה,
קענען יידן ווי, למשל, איך,
עוסק זיין אין תורה,
און עבודת הבורא.
פונקט אזוי ווי מיטן כוח פון די אָרעמע,
עס קענען עקזיסטירן רייכע...
זיינען מיר, יחיאל, שותפים גלייכע...

2.

— קומט מיט מיר!
רמ'ל פירט דעם בעל־עגלה אינעם שטאל
און זאָגט אים:
— נעמט די קו! פארקויפט זי,
און פארן געלט קויפט זיך א פערד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען די רביצין האָט דערפון געהערט,
האָט זי געמאכט א ויצעקו:
— גאָט אין הויכן הימל! רבונו־של־עולם!
האָסט דאָך גאָר קיין הארץ ניט!
וואו וועל איך נעמען אביסל מילעך,
די קינדער צו דערנערן?
און ס'באגיסן אירע בלאסע באקן,
הייסע טרערן.
— איך פארשטיי דיך ניט;
דאָ וויינט א ייד: ער האָט קיין ב ר ו י ט ניט פאר די קינדער
און דיר זיך גלוסט גאָר מ י ל ע ך...
ענטפערט ערנסט דער רמ'ל,
און די רביצין גייט וויינענדיק אריין אין שטאל.

דער באַרדיטשעווער

שטייט ער, קליינטשיק און פארפלאמט,
די לאנגע פאות און דאָס בערדל גרוי ווי זאמד,
די אויגן שווארץ ווי קויל.

הגם עס האָבן לאנג שוין שטערן זיך באוויזן,
איילט זיך ניט דער עולם ;
ער איז גרייט צו שטיין א נאכט נאָך און א טאָג,
אין שאָטן פון דער שכינה
און דעם צדיקס פליגל,
ווער איז דען בכוח משיג זיין,
דערגרונטעווען דעם מיין,
וואָס עס האָט א מענטש א חוטא
(ווי אונדז ! ווער איז עס דען ניט ?
ווער קען זיך דען זיין שטעטעלע אליין באשטיין
און זיך באגיין אָן א פּרקליט ?...)
בעת ער געפינט זיך אינעם מקום קודש
און איז בטוח :
מעג דער פינצטערער קטיגור
שיטן פּעך און שוועבל,
וועט דער הייליקער סניגור
מאכן אים מיט בלאָטע גלייך,
צעמאָרשן ווי א פּרוכליע בנין.
איילט מען זיך ניט.
שטייט מען, איינגעבויגן חוט השדרה,
גלייך עס איז נאָך ניט נעילה
נאָר "כל נדרי" —
און מ'וואַרט :
וואָס וועט דער גרויסער מליץ־יושר זאָגן...
ווי זיין שטייגער,
וועט ער זיך ניט קלאָגן,
ניט פארגיסן טרערן,
נאָר פ א ר ל א נ ג ע ן ;
מאנכמאָל פעסטעט ער זיך ווי א כלה פאר א חתן,
מאנכמאָל שרייט ער,
ווי א פּועל וועמען ס'האָט דער האר
דעם לוין ניט אויסגעצאָלט...

דער צדיק נעענטערט זיך צום "שולחן".
ווערט א שטילקייט, אז מ'קען דעם שכנ'ס הארצקלאַפּ הערן.
יישובט זיך א רגע,
ס'פּנים ווערט מיט ליכט באגאָסן,
פון די אויגן, געדיכט באברעמט,
רחמים שטרעמט :

"רבונו של עולם!
— הייבט ער אָן זיין טענה —
איך און אַ־די גאנצע עדה
זיינען מודה:
'אנו מלאי עוון'
אלע זיינען פול עוונות;
אָבער,
וויפל איז די גרויס פון גאנצן לוי־יצחק?
וויפל איז די גרויס פון יעדן פון דער עדה?
יעדער ווי א ווערעמל א פּיצינקעלע;
און אז מ'איז שוין פול מיט זינד —
וויפל זינד קען דאָס אין מיר אריין?
גאָרנישט.
אָבער —
דאַ צעשרייט זיך דער צדיק אז עס ציטערן די ווענט —
'אתה מלא רחמים!'
דו ביסט פול מיט רחמים, טאטע,
איז שייך אז מיר זאָלן זיך פארגלייכןביידע!?
אויבן דו,
אונטן דו,
מערב דו,
מזרח דו,
צפון דו,
דרום דו,

'הכל ירוממוך,
השמים ושמי השמים לא יכלכלוך',
אלע הימלען קענען דיך ניט פאסן,
קענען דיך ניט זמיעשטשען;
אז דו ביסט פול מיט רחמים,
איז דאָך עפּעס דאָ אין דיר א מאָס מיט רחמים —
מוזטו אונדז א שנה טובה געבן!
מיט א פריידיק און צופרידן לעבן,
יעדע שטרויכלונג פון דיין פאָלק פארמיידן!
און כאָטש דו ביסט א טאטע,
און מיר האָבן רעכט ביי דיר אומזיסט פארלאנגען,
טוען מיר עס ניט —
איך מאך מיט דיר א בייט:
איך גיב דיר:

חטאים,
עוונות,
פשעים,
און דו גיסט אונדז :
מחילה,
סליחה,
און כפרה.
אָבער על פי שכל, על פי סברא,
דארף אזא נשוא־פנימ׳דיקער קונה,
געבן עפּעס א הוספה ;
ווּעסטו אונדז נאָך צוגעבן
בני,
חיי,
ומזוני !
איצטער יידן !
אונדזער טאטע ווארט צו הערן,
וואָס די קינדער בעטן ;
בעטסט מיט מיר !״

א קול פון טויזנט מיילער
קול פון פרייד און טרערן,
לאָזט זיך מיט דבקות הערן :
׳עינינו נשואות אליך,
— וואָס איעדער דארף זאָלסט אים באשערן —
חתום לחיים טובים כל בני בריתך !!!׳.

קלאַראַ בראַט : מיין יידישע מאַמע (סקולפּטור)

שמחה פּאָליאַקעוויטש

פון ביידע זייטן געטאָ-דראָטן

דאָס הייזל וואו יעקב-לייב דער שוסטער האָט געוואוינט איז געשטאַנען ווייט אָפּגערוקט פון צענטער. דער שטעטלדיקער גערודער פלעגט דאָ אהער דערגיין מיט א שוואכן אָפּקלאַנג. נאָר אין די מארק-טעג האָט דער רעש פון די אַנגעפּאַרענע וועגענער, מיטן טומלדיקן האנדל, זיך געהערט שארפער אין דעם עק פון דער יידישער גאַס, וואו ס׳האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די גוישע הייזער, מיט די שטרויענע און שינדלנע דעכער.

א גאַנצע וואָך איז יעקב-לייב געזעסן אויף זיין שוסטער-בענקעלע, ווי אָפּגעזונדערט פון שטעטלדיקן לעבן. ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן אזוי האָט מען דורך די נידעריקע פענצטער שוין געקענט זען יעקב-לייבן, זיצן א געבייגענעם איבער די קאָפּיטעס אויף זיינע קני. די שכנים האָבן מיט דער צייט זיך צוגעוואוינט צו די פרימאָרגן-קלעפּ פון זיין העמערל, ווי צום קלאַפּן פון א וואנט-זייגער.

אזוי זיינען געגאַנגען יעקב-לייבס טעג פון שווערער מי, ביז ס׳פלעגט אָנקומען דער ערב-שבת. פרייטיק פאַרנאכט פלעגט ער אויפשטיין פון שוסטער-בענקעלע, אראָפּטרייסלען פון זיך די ברעקלעך לעדער, אויסטאָן דעם לאַנגן פאַרטעך און איבערדעקן מיט אים דאָס וואַרשטאַטל. זיין אָרעם שטיבל איז פריי געוואָרן פאַרן שבת, וואָס האָט אויפגעלויכטן מיט די ציטעריקע פלעמלעך פון די ליכט, וואָס זיין ווייב האָט געצונדן און דער שטילער דלות אין זיין הייזל האָט מיטגעציטערט.

יעקב-לייב, אָן איבערגעטאָענער אין שבתדיקן בגד, מיט די אויסגעצוואָגענע קינדערלעך פאַר די הענט, פלעגט געמיטלעך שפּרייזן אין בית-המדרש אריין צו קבלת-שבת. און נאכער, מיט זיין משפחה ביים טיש, אויסגעטאָן פון די וואָכעדיקע דאגות, דורכגענומען מיט הייליקער רואיקייט, געזונגען די שבתדיקע זמירות.

אָט יענע פרידלעכע טעג זיינען איצטער, אינעם געטאָ, געלעגן אויסגעלאָשענע ערגעץ-וואו אין יעקב-לייבס מחשבות. די דראָט-פאַרצוימונגען האָבן דראָענדיק אריבערגעקוקט אויפן איבערגעדעקטן וואַרשטאַטל, אויף די נאַקעטע קאָפּיטעס מיטן פאַרזשאַווערטן העמערל און אויף די מענטשן אין שטוב, מיט די פון הונגער און שרעק אָפּגעצערטע פּנימער.

זינט יענעם טאָג, ווען דער פּוילישער אינזשיניער האָט פאַרענדיקט ארומצוי-מען די געטאָ, האָט דאָס הייזל באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען. יענעם טאָג האָט יעקב-לייב זיך געפילט ווי אַ שווער-פאַרמשפּטער, וואָס הערט הינטער זיך דעם קלאַפּ פון די צוגעהאַקטע תפיסה-טויערן. געוועזן איז דאָס אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען אַ באַנדע מונדירטע און ציווילע דייטשן האָבן פּונקט אַנטקעגן זיין הייזל פאַרענדיקט זייער אינספּעקציע אַרום די פאַרצוימטע געטאָ-דראָטן. דער פּוילישער אינזשיניער, וואָס לויט זיין פּלאַן זיינען דאָס די יידן געוואָרן פאַרצוימט און אָפּגעזונדערט פון זייערע גוישע שכנים, איז שטיין געבליבן ביי יעדן פּונקט, וואו די יידישע הייזלעך האָבן זיך געגרעניצט מיט די גוישע און אויפגעקלערט די טעכנישע שוועריקייטן ביים דורכפירן דעם פּלאַן. די דייטשע באַגלייטער האָבן דאַנקבאַר צוגעשמייכלט און צופרידענע געדריקט זיין האַנט.

מיט שרעק האָט יעקב-לייב פאַריאָגט זיין משפחה אין אַ ווינקל פון שטוב, און זיי אָנגעזאָגט צו זיין שטיל, מען זאָל זייערע שטימען ניט הערן. נאָר ער אַליין האָט פון דער זייט אַרויסגעקוקט מיט צעשראָקענע בליקן צו די דייטשן. עפּעס האָבן זיי דאָרט געקוקט, אַמאָל אויף זיין גוישן שכנס הייזל און ווידער אַמאָל אויף זיין הייזל. דער אינזשיניער האָט מיט זיינע טריט געמאָסטן דעם שטח צווישן ביידע הייזלעך און שטיין געבליבן מיט צענומענע הענט. די דייטשן האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, ווייזט אויס ווי אַ צייכן פון הסכמה פאַר זיין פאַרענדיקטער אַרבעט אַרום געטאָ.

ווען די דייטשן זיינען אַוועק, איז יעקב-לייב פאַרזיכטיק אַרויס פאַר דער טיר. פאַר זיינע אויגן זיינען געשטאַנען די הויכע פיר-מעטערדיקע סלופּעס, ווי באַוואָפנטע שומרים, מיט די געדיכטע דראָט-צוימען, וועלכע האָבן איבערגעהאַקט זיינע טריט צום נאָענטן וועג, אויף וועלכן ער איז אַזויפיל יאָרן געגאַנגען, צו די סטעזשקעס צווישן די דערנעבנדיקע גרינע פעלדער, און צום ברייט-צעצווייגטן בוים אַנטקעגן זיין הייזל.

אונטער דעם דאָזיקן בוים פלעגט ער אין טונקל-בלויע זומער-פאַרנאַכטן, נאָך דער וועטשערע, זיצן מיט זיין ווייב און קינדער, זיך איינהערן צו דעם פריילעכן טשוויטשערן פון די טשאַטעס פייגל, וואָס פלעגן זיך אַראָפּלאָזן פון אונטער די שווימענדיקע וואָלקנס גלייך אויף די געדיכטע צווייגן פון בוים. דאָ פלעגט ער, אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט, געפינען רו נאָך אַ שווערן אַרבעטס-טאָג. אונטער דעם זעלבן בוים פלעגט אויך זיין שכן יאַן קומען זיך אָפּרוען און ביידע פלעגן זיי פירן פריידלעכע שמועסן, ווי ס'פּירט זיך צווישן גוטע שכנים. און יאַן האָט דאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין אָפענע שנאה צו זיין שכן און צו יידן בכלל.

די קינדער, וועלכע האָבן נאָך ניט געקענט באַנעמען וואָס דאָ איז געשען, האָבן זיך דערנענטערט צו די דראָטן און געבליבן שטיין ווי צעפּלאַטערטע פייגעלעך אין אַ שטייג. נאָר ווען זיי האָבן דערהערט דעם טאַטנס קול, וואָס

האָט זײ געוואָרנט פאַר די געפאַרן און דער מאַמעס אַרײַנווײַנען אין די הענט איבערן פּנים, האָבן אױך זײ דערפילט, אַז אױף די געטאָ-דראָטן דאַרף מען קוקן מיט שרעק און זיך האַלטן וואָס-ווײַטער פון זײ.

זינט דעם טאָג ווען דאָס געטאָ איז פאַרמאַכט געוואָרן האָט יעקב-לײב, זיצנדיק אױף זײַן נידעריקן שוסטער-בענקעלע, מיטן רוקן צום איבערגעדעקטן וואַרשטאַטל, אױסגעזען ווי אָן אָבל אין די שבעה-טעג. מיט צער און ווײטיק האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער אױסגעלאָשענער פרײד פון זײַן משפּחה-לעבן. אַלץ האָט איצטער אױסגעזען אַזױ טרויעריק און דער אומעט האָט צעריסן זײַן האַרץ. פון זײַנע אױגן איז פאַרשוואונדן דער מילד-גוטער בליק און זײ זײַנען געוואָרן רויט ווי פײַער, בולט אַרױסגעזעצטע אונטערן טיף-געקנײטשטן שטערן. זײַן ווײַב, רחל, וואָס איז פול געווען מיט פרומקײט און מעשׂים-טובֿים, האָט געוואָרפן אױף אים צעטומלט-אױסגעלאָשענע בליקן און פײַנלעך געשוויגן. יעקב-לײב האָט אַ צערודערטער פון זײַנע שווערע רעיונות געפרעגט זיך אַלײן:
— פאַר וועלכע זינד איז אױף מײַן שטוב געפאַלן אַזאַ שטראָף?

אױך די קינדער איז באַפאַלן אַן אומרו. ס'האָט זײ געשראָקן די הילפלאָזיקײט פון טאַטע-מאַמע, די גרויע שײַן פון די געטאָ-טעג, די שוואַרצע נעכט פול אַנגעלאָדענע מיט דער שרעק, וואָס האָט געלויערט הינטער טיר און פענצטער. דער הונגער האָט פון זײ אַרױסגעשריען מיט שאַרפן ווײטיק און קינדערשן צאָרן.

בײַ יאַנען, אױף דער אַנדער זײַט פון די דראָטן, האָט זיך גאָרניט געהאַט געענדערט; די זעלבע קו איז אַרױס אין פעלד צו דער פּאַשע; דער זעלבער פערד האָט אַרײַנגעשלעפּט די אָנגעפילטע וועגענער מיט תּבֿואה; מיטן זעלבן זיכערן גאַנג האָט יאַן געשטעלט זײַנע טריט אַרום הײזל, און אַפילו די זונטיקדיקע הוליאַנקעס מיטן צעהילכטן גראַמאַפאָן האָבן ניט אױפגעהערט. ווען ניט די מונדירטע דײַטשן וועלכע פלעגן קומען צו יאַנס יונג ווײַב, ווען ער איז געווען אין פעלד, וואָלט אין גוישן הײזל זיך ניט אָנגעזען קײן סימן פון דער מלחמה.

באַלד נאָך דעם ווי יעקב-לײַבס הײזל איז געוואָרן אָפּגעצוימט, האָט ער דערזען אַ ברענענדיקע שׂנאה אין די בליקן פון יאַנען און זײַן משפּחה. יאַן האָט גלײַך אָנגעהױבן אַרױסווײַזן בולטע געפילן פון נקמה און געטאָן האָט ער דאָס אױף אַ גראָבן סאַדיסטישן אופן. ווען ער איז געקומען פון פעלד פלעגט ער מיט דער משפּחה זיך אױסזעצן אין דרויסן אַרום נידעריקן טיש אַזױ נאָענט, אַז די ריחות פון געקאָכטן עסן אין די פולע שיסלען אױפן טיש, זײַנען דערגאַנגען צו די פענצטער פון זײַן ײדישן שכן. יעקב-לײב מיטן ווײַב האָבן מיט ווײטיק אָוועקגעקוקט אָדער צוגעמאַכט די לאָדנס, אָבער די קינדער האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרטרײַבן פון פענצטער. יאַן האָט פון דעם נאָך מער הנאה געהאַט ווי פונעם עסן.

דער צען יאָריקער יצחקל, דער עלטסטער פון יעקב-לייבס קינדער, האָט מיט עקשנות זיך געריסן צום שפּאַלט פונעם לאָדן; געבעטן דעם טאַטן ער זאָל אים לאָזן זיך איינקוקן, ווי אַזוי יאַן שטופּט די פּולע לעפל אין אָנגעשטאָפּטן מויל. ער פלעגט אַזוי לאַנג שטיין מיטן צוגעדריקטן פּנימל צום לאָדן, ביז ס׳פלעגט אים אָנכאַפּן א קראַמף אין בויך. ער פלעגט זיך וואַרפן אויפן בעט און גראָבן דעם פּנים אין קישן, אָבער מיט זיינע פאַרמאַכטע אויגן האָט ער אַלץ נאָך געזען ווי אַזוי יאַן שלינגט די קאַרטאָפל מיטן פעטן באָרשט און יורעק, וואָס איז פריער געווען זיין חבר אין שקאָלע, האָט א זאַטער פון עסן זיך אָפּגערוקט פון טישל און גענומען וואַרפן ברעקלעך פאַר די פייגעלעך. יצחקל האָט אים מקנא געווען מיט אַזא אייפער, אַז ער פלעגט זיך ממש טרייסלען ביים אַריינוויינען אין קישן.

יצחקל פלעגט זיך איינשטילן ערשט דעמאָלט, ווען אין זיין קינדערשן דמיון האָט זיך צעוויקלט דאָס בילד, וואָס פלעגט אים דערמאָנען די פאַרגאַנגענע טעג, ווען ער מיט יורעקן פלעגן זיך שפּילן מיט די פייגעלעך, אויספייפן דעם זעלבן קלאַנג, ווי דאָס צוויטשערן אויף די צווייגן פון בוים, און וואַרפן ברעקלעך ברויט פאַר די פייגעלעך, וועלכע זיינען שוין מיט זיי געווען פאַרהיימישט און פאַרשטאַנען אַראָפּצופלידערן פון בוים, שפּרינגען פון ברעקל צו ברעקל און מיט פולע שנאָבעלעך זיך אויפהייבן צוריק צו די צווייגן פון בוים.

יעדן טאָג איז ער מיט יורעקן צוזאַמען געגאַנגען אין דער שקאָלע, געזעסן מיט אים אויף דער זעלבער באַנק און געשפּילט זיך צוזאַמען. יצחקל איז אויך געווען באַליבט ביים פּוילישן לערער, פאַר זיינע בלאָנדע האָר און פאַר די גרויסע פעיִקייטן ביים לערנען. ער פלעגט תמיד אַרויסהעלפן יורעקן ביי די לעקציעס, ער זאָל ניט בלייבן פאַרשעמט צווישן די קינדער. א סך מאָל פלעגט יורעק דורכן פענצטער אים רופן צו זיך אין שטוב אַריין, ער זאָל אים העלפן מאַכן די שול-אויפגאַבעס. די יאַניכע פלעגט אים דערפאַר מכבד זיין מיט פאַרשיידענע פּרוכטן פון זייערע ביימער. אַממייניסטן האָט יצחקל ליב געהאַט די גרויסע, שוואַרצע קאַרשן, וואָס זי פלעגט אים אָנשיטן א פולן היטל, ביזן ראַנד. אין שטוב פלעגט ער פאַרטיילן די קאַרשן אין די אויסגעשטעלטע הענט אַריין. נאָר דער טאַטע פלעגט קיין צייט ניט האָבן איבערצורייסן די אַרבעט, פלעגט ער אים לייגן די קאַרשן גלייך אין מויל אַריין, און זיך בעטן ביי אים:

— נאָך א קאַרש, טאַטע, נעם נאָך א קאַרש...

יצחקל האָט זיך אויפגעריסן פון דרימל און געזען פאַר זיך א שוואַרצע פינצטערניש. ער האָט געטאַפּט מיט די הענט אַרום זיך און מוראַדיק זיך צעשריען:

— וואו זיינען מיינע קאַרשן?... די קאַרשן... וואו איז דער טאַטע?...

יעקב-לייב, אַן איינגעבראָכענער, איז געשטאַנען ביים בעט, וואו זיין קינד האָט

זיך געראַנגלט מיטן שלאָף און מיטן רעשטל חלום, און אַ פּאַרציטערטער גערופן גאָט, ער זאָל מציל זײן זײַנע אויסגעמאַטערטע קינדער פון אַ הונגער-טויט.

✶

שוין אַ פּאָר טעג ווי די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער די ווייטע וואַלד-ראַנדן אויף דער גוישער זייט און מער זיך ניט באַוויזן. אַן אַנגעדראָלן-פאַרכמאַרעטער הימל, ווי אַן אײַזערנער צודעק, איז אימהדיק געהאַנגען איבערן געטאָ. שנײידיק-קאַלטע ווינטן פון ווייטע געפרוירענע וויסטעניש, האָבן מיט אַ וואָיען, ווי פון אַנגעלאָפענע ווילדע חיות, גענומען בלאָזן איבערן געטאָ, געריסן טירן און פענצטער פון די הייזער. דער פראָסט האָט דין געשניטן די ווייסע לופט, ווי מיט אַ חלף.

יעקב-לייבס הייזל איז געשטאַנען פאַרזונקען אין שניי. דאָס וואַסער אין עמער איז פאַרפרוירן געוואָרן. אין קיך האָט דורכן קאַלטן קוימען אַרײַנגעוויינט דער ווינט, און די געדיכט פאַרפרוירענע פענצטער האָבן מיט שרעק אַרויסגעקוקט צו די הייכע בערג שניי, וואָס דער געווירבל האָט אהער אַנגעיאָגט.

זינט ס׳איז אויסגעבראָכן די טיפוס עפּידעמיע, האָט דער קברן יעדן טאָג געדאַרפט זיך מעלדן אין יודענראַט, צו דערוויסן זיך פאָר וויפל מתים ער זאָל צוגרייטן קברים. צוליבן שניי געווירבל איז אַנשל, דער קברן, שוין צוויי טעג ניט געקומען אין געטאָ אַריין פון זיין שטיבל אויפן בית-עולם. די קברים וואָס ער האָט אויסגעגראָבן זײַנען פאַרשאָטן געוואָרן מיט שניי, און דער וועג צום בית-עולם איז געבליבן אָן אַ צייכן. אין געטאָ זײַנען געלעגן די מתים און ניט געקענט קומען צו קבר-ישראל.

שוין דעם דריטן טאָג איז ביי דער וואַנט, צוגעדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך, געלעגן דער פאַרשטייפטער קערפּערל פון יצחקן. די לייכטער זײַנען געשטאַנען אויף דער ערד, קאַלטע, אויסגעלאָשענע, ניט געוועזן מער קיין ליכטל אָנצוצינדן. אין די בעטן זײַנען אַלע געלעגן אַריבערגעוואָרפן מיט אַלטע בגדים אויף די צעלעכערטע, וואַטענע קאָלדרעס. זייערע הענט און פיס האָבן געציטערט פון הונגער און פון דער פאַרגליווערטער, פראָסטיקער קעלט.

רחל האָט שוין ניט געקענט שטיין אויף די פיס. באַלד נאָך יצחקלס טויט האָט זי נאָך געהאַט כוח מיט יאָמערלעכע געשרייען צו באַוויינען איר קינד. צוויי טעג און דריי בעכט איז זי געזעסן אויפן נידעריקן בענקעלע, געוויגט איר אײַנגעבראָכענעם גוף אַנטקעגן ווייסן ליילעך, ביז זי איז אוועקגעפאַלן אָן כוחות. איז זי געלעגן אין בעט מיט אָפענע אויגן און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי געפינט זיך ערגעץ-וואו אין פאַרגעסענע מקומות, וואו ס׳איז שוין ניט געבליבן מער קיין לעבעדיקער נפש.

אויף דער צווייטער זייט פון די דראָטן, אין יאַנס הייזל, האָט דער פראָסט

ניט געהאט קיין שליטה. די געדיכטע ווארעמע לופט פונעם צעגליטן איוון, האָט זיך אָפּגעזעצט אויף די פענצטער און צעשמאָלצן דאָס אייז אויף די שויבן.

יאַן מיט זיינע שטוביקע האָבן באַלאַגערט די פענצטער. די יאַניכעס האָט מיט א טרוקענער שמאטע אויסגעווישט די נאסע שויבן, כדי בעסער צו זען די לוויות פון די מתים אין געטאָ. „מאָדנע באַשעפענישן זיינען זיי די זשידעס — האָט יאַן געטראכט — איזאָלירטע פון דער וועלט, געשלאָגענע און דערנידעריקטע ביז צו דער ערד, דערצו אזא הונגער מיט א טיפוס מגיפה און סך-הכל נאָר פיר טויטע אין אזא טאָג. אָבער, האָט ער זיך דערמאָנט וואָס ער האָט געהערט דערציילן, סוף-כל-סוף וועט מען פטור ווערן פון זיי, די דייטשן הויבן אָן צו בויען אין טרעבלינקע א פאבריק צו טויטן אלע יידן. איי וועט מען דאָס אָפּלעקן א ביינדל, ווען די פאבריק וועט פארטיק ווערן און מען וועט זיי אלעמען ארויספירן פון דאנען; מען דארף נאָר ניט פארזען די געלעגנהייט", האָט ער פארענדיקט זיינע בייזע טראכטענישן און אומגעדולדיק געווארט אויפן דאָזיקן טאָג.

— — — — — — — — — — — — — —

אין דער פיינלעך-שטילער נאכט פון מוצאי יום-כיפור, האָבן טונקעלע גע-שטאלטן ארומגערינגלט די געטאָ. מיטן אויפגאנג פון טאָג האָט א פייערדיקער דונער אָפּגעהילכט איבערן געטאָ: — דאָס זיינען די לעצטע שעהן פונעם לעבן!

פארגעסענע פון גאָט און מענטש זיינען די יידן, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ געגאנגען זייער לעצטן וועג, ארומגערינגלט מיט א באוואָפנטער וואך.

ס'איז געווען א שטומער מארש צום טויט; קיינער האָט ניט גערעדט, ניט געוויינט און ניט געבעטן רחמים; מען האָט נאָר געהערט די טריט פון זיינע אייגענע פיס, ניט געפילט דעם לעבעדיקן אָטעם וואָס האָט זיך געריסן פון פארטריקנטע מיילער; מען איז שוין גאָרניט ווערט געווען, ניט פאר זיך און ניט פאר קיינעם. נאָר די הייזלעך, און די ווינציק-פארבליבענע חפצים אין זיי, האָבן נאָך געהאט א ווערט, אָבער נאָר פאר די גויים, וועלכע האָבן זיך אויסגעקוקט די אויגן אויפן דאָזיקן טאָג.

יאַן האָט זיך דערוואַרט, — זיין גליקלעכע שעה האָט אויסגעשלאָגן. ביים ליכט פונעם לבנה-שיין האָט ער, מיט זיין ווייב און קינדער, געשלעפּט פולע זעק מיט יידישע חפצים צו זיך אין כאטע, זיך געריבן די הענט פון הנאה און פון דער מחשבה ווי רייך ער איז פלוצלינג געוואָרן, און ווי מען איז דאָס פטור געוואָרן פון די פאראזיטן — די זשידעס.

אין דער זעלבער צייט האָט איבער די פארשפּארטע יידן אין טרעבלינקער גאז-קאַמער, דער טויט געשפּאנט איבער זייערע לייבער; דער טויט, וואָס האָט געשוועבט אין דער לופט, נאָך איידער ער איז ארויס פון די גאז-רערן:

טרעבלינקער-טויט.

ד״ר דב נוי

דאָס מיידל און דער רויבער

א פארגלייכיק־סטרוקטורעלע שטודיע אין יידישער פאָלקס־באלאדיסטיק

כאָטש דאָס יידישע פאָלקסליד האָט זוכה געווען צו פארנעמען דעם אויבן-אָן אין דער פאר-מלחמהדיקער יידישער פאָלקלאָריסטיק (1), האָט מען די יידישע באלאדע און דאָס יידיש באלאדיש-דערציילנדיק פאָלקסליד גאָר ווייניק געזאמלט און אנאליזירט. ס׳איז א גוט באוואוסטער פאקט אז זינט דעם אָנהייב פון דער יידישער וויסנשאפטלעכער פאָלקלאָר-ארבעט האָט איר מזרח-וואנט געהערט צו דעם לירישן און ניט צו דעם עפּישן פאָלקסליד. דער חלוץ-פאָרשער אויף דעם פעלד פון דער יידישער באלאדיסטיק איז געווען י. ל. כהן (2), אָבער זיין פריצייטיקער טויט (דעם 3-טן אפּריל 1937) האָט צוניט געמאכט די גרויסע און וויכטיקע פאָלקלאָריסטישע פּלענער מיט וועלכע ער און די פאָלקלאָר-אספּיראנטן פון דעם ווילנער ייוואָ האָבן זיך ארומגעטראָגן (3). כהנס גע-טרייער תּלמיד, שמואל-זיינוול פּיפּע, דער טאלאנטירטער ייוואָ-אספּיראנט פון סאָניק (4), האָט ווייטער געפירט כהנס פאָלקסליד-פּראָיעקטן, און דווקא אויף א גרויסן פארנעם, ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה אין ווילנע, און זינט 1940 אין סאָניקער געטאָ (5). מיט פּיפּעס אומקום אין זאסלאווער ארבעט-לאגער (1943), האָט די יידישע פאָלקלאָריסטיק פארלוירן איר צוקונפטיקן ״ראש המדברים״; אונדזער פאָלקסליד-פאָרשונג האָט ניט זוכה געווען צו באקומען דעם געהעריקן תּיקון.

אפילו די אָקאָרשט-דערמאָנטע צוויי פאָרשערס, ווי אויך אנדערע וואָס האָבן צוגעשטייערט, ווער מער און ווער ווייניקער, צו דער יידישער וויסנשאפטלעכער באלאדיסטיק (6), האָבן זיך גאָר ווינציק באשעפטיקט מיט פארגלייכן פון דער באלאדע-טעמאטיק, שוין אָפּגערעדט פון קאָמפּאראטיווער מעלאָדיע-אויספאָרשונג.

די ארבעטן פון פרוי חנה ג. מלאָטעק, און באזונדערס אירע צוויי ענגלישע ארטיקלען, איינער אין דעם ווײַנרייך-בוך (7) און איינער אין צווייטן באנד פון אוריאל ווײַנרייכס פעלד פון יידיש (8), האָבן אויפגעלעבט די יידישע באלאדע-פאָרשונג און געגעבן א נייעם אימפּעט פאר ווייטערדיקע ארבעטן (9). די צוויי ארטיקלען פון חנה מלאָטעק זיינען גאָר וויכטיק, ניט נאָר ווייל זי

האַט איבערגעאַקערט בנאמנות סיי די יידישע געדרוקטע פאָלקסליד-זאַמלונגען (וואָרשיינלעך איבער 3000 לידער) און סיי די מאַנוסקריפּטן-זאַמלונגען אין דעם ניו-יאָרקער ייוואָ (10). נאָר ווייל זיי ווייזן אויך ארויס אן אויסגעצייכנט קענטעניש פון דער אייראָפּעאישער, און בעיקר פון דער ענגלישער באַלאַדע, אָפּגעקליבן אין דער קלאַסישער טשיילד-אויסגאַבע. אין אירע צוויי אַרבעטן באַהאַנדלט פרוי מלאָטעק ניינצן באַלאַדע מאָטיוון, וואָס זיינען בשותפותדיק פאַר יידישע און אייראָפּעאישע (ענגלישע) באַלאַדעס, און די אָנגעגעבענע ביבליאָגראַפישע מקורות ווי אויך די פאַרגלייכערישע אויספירונגען אירע, זיינען אַ גוטער און געזונטער פונדאַמענט אויף וועלכן יעדע צוקונפטיקע אַרבעט וועט זיך דאַרפן באַזירן.

מיר ווילן אין דעם איצטיקן אַרטיקל גיין אַ טריט ווייטער און באַנוצנדיק זיך מיט דעם סטרוקטורעלן אַרבעט-מעטאָד, פאָרשלאָגן דעם ווייטערדיקן, אינהאַלטלעך-מהותדיקן וועג פון דער יידישער באַלאַדע-פאָרשונג.

לאָמיר קודם כל אויסרעכנען הנה מלאָטעקס ניינצן מאָטיוון, אָננעמענדיק איר לויפיקן סדר:

1. דער דיאַלאָג צווישן מוטער און טאָכטער וואָס איר שוויגער האָט זי פאַרסמט („וואו ביסטו געווען, טאָכטער דו ליבסטע דו מיין?") (11).

2. די אכזריותדיקייט פון דער שוויגער בשעת איר שנור ליגט אין קימפּעט („טאָכטער דו ליבסטע, טאָכטער דו מיינע") (12).

3. די שוואַנגערנדיקע (ניט חתונה געהאַטע) שוועסטער (13).

4. דאָס מיידל, דער רויבער און איר ברודער („גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, מילנער מיין") (14).

5. דעם מאַנס צוריקקומען צו זיין פרוי נאָך אַ לאַנגער צייט פון צעשיידונג („איינמאָל איז געווען אַ געשיכטע אַזוי, ווי איין מאַן האָט אוועקגעוואָרפן אַ יונגע פרוי") (15).

6. דאָס שטאַרבנדיקע מיידל און דער בחור וואָס שטאַרבט איר נאָך („כ'האָב געליבט אַ מיידעלע פון אכצן יאָר") (16).

7. די צוויי ברידער, רייך און אָרעם („צוויי ברידער, צוויי ברידער, אונטער איין דאַך") (17).

8. דאָס אָפּגענאַרטע חסידל („פאָרט דער חסידל צו דעם רבין") (18).

9. דער אהיימקומענדיקער מאַן, וואָס ווערט אָפּגענאַרט פון זיין פרוי („גיי איך מיר אריין צו מיין געליבטער פרוי") (19).

10. דער אויסטויש פון רעטעניש („דאָס רעטעניש-ליד: דו מיידעלע דו פיינס . . . דו נאַרישער בחור") (20).

11. די ניט-מענלעכע אויפגאבן (״נעם ארויס א בער פון וואלד״) (21).

12. פון די אלע פאַרערערס און ליבהאָבערס פון דער תורה (דער כלה) איז משה רבנו דער איינציקער געווינער; נאָר ער איז זוכה אין דעם פאַרמעסט און ווערט איר חתן (״טאַכטער תורה, טאַכטער דו מיין״) (22).

13. דאָס מיידל און דער מלאך-המות (״זיצט א מיידעלע אין וויינ-גאָרטן״) (23).

14. דאָס מיידל וואָס האָט זיך געשמדט פון ליבע צו א שרייבער (״הינטער פוילן וואוינט א ייד״) (24).

15. דער דערטרונקענער חתן (״ס׳איז דערטרונקען געוואָרן א בחור א פאַרקנסטער״) (25).

16. דאָס מיידל אנטלויפט מיטן געליבטן (״פייגעלע, מיין טאַכטער, קום צו מיר אהיים״) (26).

17. די פרוי בעט א פויגל צו געפינען איר דעם מאַן, וואָס האָט זי פאַרלאָזט; דער פויגל ברענגט איר פון אים א גט און זי באגייט זעלבסטמאָרד (״דער מלך האָט די מלכה אוועקגעוואָרפן״) (27).

18. דער פאַרוואונדעטער האַר און זיין קנעכט, וואָס וויל אים ניט העלפן (״א גוט-מאָרגן, א גוט-מאָרגן, ליבסטער האַר״) (28).

19. דער ליבהאָבער בעט זיך ביים געליבטן מיידל זי זאָל אים אריינלאָזן צו זיך, אָבער זי וויל דאָס ניט טאָן (״קליפּ,קלאַפּ, אין גאָלדן טיר, מיין טייער לעבן, עפן מיר״) (29).

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבן אין דער פאַרגלייכיקער (היסטאָריש-געאָגראַפישער) פאָלקלאָריסטיק איז צו דערגיין צום מקור (״אורטיפּ״, ״ארכיטיפּ״) פון די באהאנדלטע וואַריאַנטן. נאָר אויפן יסוד פונעם רעקאָנסטרואירטן (און זייער אָפט — היפּאָטעטישן) מקור, קען מען נאָכגיין, סיי היסטאָריש און סיי געאָגראַפיש, דעם פּראָצעס פון דער אנטוויקלונג און אויפקום פון פאַרשיידענע גילגולים און וואַריאַנטן, כדי צו אנאַליזירן און אויסצופאָרשן זייער פאַרהעלטניש צום פאַרלוירן-געגאַנגענעם אָדער פאַרגעסענעם מקור.

דאָס רוב פון די יידישע פאָלקס-באַלאַדעס זיינען פאַרשריבן געוואָרן פאַרהעלטניסמעסיק שפּעט, לאַוו-דווקא פונעם מויל פון גוטע פאָלקס-זינגער, און ניט תמיד פון גלויבווערדיקע זאַמלערס און אויטענטישע אינפאָרמאַטאָרן. די סטאַטיסטיק באַווייזט, אז דעם פאָלקס-ליטעראַרישן באַלאַדע-שטייגער האָט מען שוין גאָר ווינציק געזונגען ביים סוף פונעם 19-טן י״ה (30). דאָס דערקלערט פאַרוואָס אזוי פיל פאַרשריבענע יידישע באַלאַדע-טעקסטן זיינען פראַגמענטאַריש אָדער גאָר פאַרקריפּלט.

כדי צו שפּאַנען אויף א זיכערער בריק מוזן מיר פאַרגלייכן דעם פאַרקריפּלטן

טעקסט מיט אלע אונדז באקאנטע יידישע ווארציאנטן פון דעם באהאנדלטן מאָטיוו, און דערצו אויך אויספאָרשן די אונדז באקאנטע ניט-יידישע, שכנותדיקע (מזרח-אייראָפּעאישע) ווארציאנטן; זיי, אלע צוזאמען, קענען באלייכטן אונדזערע, מיינסטנס פארקירצטע, טעקסטן און העלפן אויסגעפינען זייערע אורשפּרינגלעכע סטרוקטורן: סיי די אורשפּרינגלעכע פאָרעם און סיי דעם אורשפּרינגלעכן אינהאלט.

ווי א ביישפּיל װעלן מיר אָנהייבן אונדזער אנאליז מיט איינעם פון די מאָטיוון וואָס ווערט קלאסיפיצירט און באהאנדלט פון ח. מלאָטעק (זען פריער, נומער 4). מיר האָבן אויסגעוויילט אלס אויסגאנגס-טעקסט דווקא דאָס דאָזיקע ליד, ווייל לויט דעם ביז-איצטיקן, פארגלייכיקן צוגאנג אין אונדזער באלאדע-פאָרשונג, איז דאָס דער איינציקער מאָטיוו אין דער פריער געבראכטער רשימה פון די ניינצן מאָטיוון, פון וועלכן ס'עקזיסטירט נאָר איין-און-איינציקער יידישער ווארציאנט (31). מיר ברענגען דאָ דעם פולן טעקסט פונעם דאָזיקן "איינציקן" ליד (32):

גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, מילנער מיין

גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, מילנער מיין!
צי האָסטו ניט א שיין ווייבוליין?
מיר וועלן פאר איר טייער באצאָלן,
מיר וועלן פאר איר טייער באצאָלן.

דער ערשטער צוג איז בייטלשנור,
פיר הונדערט דאלער באָט מען נור;
דער מילנער טוט די ווייבכען פירן,
דער מילנער טוט די ווייבכען פירן.

דער צווייטער צוג איז בייטלשנור,
אכט הונדערט דאלער באָט מען נור;
דער מילנער טוט די ווייבכען פירן,
דער מילנער טוט די ווייבכען פירן.

דער דריטער צוג איז בייטלשנור,
צוועלף הונדערט דאלער באָט מען נור;
דער מילנער טוט די ווייבכען פירן,
דער מילנער טוט די ווייבכען פירן.

דער מילנער טראכט אין זיינע זינד,
צוועלף הונדערט דאלער איזט שוין פיל;
דער מילנער טוט אין איילן לויפן,
און איז גלייך צו הויז געקאָמען:

״גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, ווייבוליין!
איך האָב דיר געבראכט טרויערשאפטיין;
דיין מוטער איז געשטאָרבן,
דיין מוטער איז געשטאָרבן״.

דאָ גייט זי גלייך אין שלאָפצימער אריין
און טוט גלייך שווארצע קליידער אָן;
און טוט אין איילן לויפן,
און טוט אין איילן לויפן.

און ווי דעם מילנערס ווייבוליין
איז דאָך אין וואלד אריין;
דריי מערדער אנטקעגן קאָמען,
דריי מערדער אנטקעגן קאָמען.

״גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, ווייבוליין!
צי בינסטו ניט דעם מילנערס ווייבוליין?
מיר האָבן פאר דיר טייער באצאלט,
מיר האָבן פאר דיר טייער באצאלט״.

דער ערשטער טוט דעם מאנטל שפרייטן,
דער אנדערער דעם מעסער אין האנט;
דער דריטער וויל שוין שניידן,
דער דריטער וויל שוין שניידן.

״האלט איין, האלט איין, מערדער מיין,
לאָזט מיר דריי שטימען טאָן;
דער ערשטער צו דעם אויבערשטן,
די צווייטע צו מיין מוטער,
די דריטע צו מיין ברודער.

מיין ברודער, מיין ברודער איז איין געיעגן-מאן,
ער וועט אייך שוין פיל שיסן קאָן;
ער וועט אייך געוויס שוין שיסן,
ער וועט אייך געוויס שוין שיסן״.

ווי דער ברודער האָט די שטימען דערהערט,
איז ער גלייך אין וואלד אריין;
און געפונען די שוועסטער הענגט אויף א ביימעלע,
און דערצו נאָך צוויי יונגע קנאבלען.

״וואָס קומט די מענטשן פאר דערפאר,
וואָס נעמט און שניידט בלוט און פלייש?״

״טוט מיט אונדז וואָס איר ווילט,
הענגט און טרענקט, ברענט און בראָט״.

די באַלאַדע, וואָס מאַכט, אפילו אַן דעם פאַרגלייך מיט ניט־יידישע פּאַראַלעלן, אַ גאַר אַלטן איינדרוק (פאַרמאָגט אַ סך שפּראַך־אַרכאַיזמען און אַלטע גראַמען ווי: מילנער מיין — ווייבולייַן, אַריין־אַן, דאַלער, בייטלשנור (33), ווייבכען, טרויערשאַפטיין, א.א.וו), האָט אַ היפּש ביסל, לכל הפּחות 213, איירָאָפּעאישע פּאַראַלעלן, 185 פון זיי — דייטשע (34). נאָר דער פאַרגלייך פון אונדזער טעקסט מיט אַלטע דייטשע וואַריאַנטן (פינף פון זיי געהערן דעם 16־טן י״ה!) דערקלערט אונדזער באַלאַדע און פאַרענטפערט אַ סך האַרבע קשיות. לאָמיר ברענגען אַ פּאָר ענטפערס אויף זעקס פראַגעס (לויט דעם לויפיקן סדר פונעם טעקסט), וואָס אויפן סמך פון אונדזער יידישן וואַריאַנט קען מען זיי ניט לייזן, אָבער די ניט־יידישע וואַריאַנטן פירן אונדז צו דער ריכטיקער אינטערפּרעטאַציע:

1. פאַרוואָס פאַרקויפט דווקא אַ מילנער זיין ווייב?

2. ווער זיינען די קויפערס וואָס זיינען גרייט אַזוי טייער צו באַצאָלן, סוחרים צי מערדערס? אויב סוחרים, וואָס ווילן די פרוי וייטער פאַרקויפן פאַר אַ שקלאַפין, פאַרוואָס־זשע קויפן זיי ניט אַ יונג שיין מיידל (פאַר בתולות פלעגט מען דאָך צאָלן אַ סך העכערן פּרייז אויפן שקלאַפן־מאַרק), נאָר דווקא אַ פאַרהייראַטע פרוי? און אויב מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט רויבערס, פאַרוואָס־זשע פירן זיי לעגאַלע, סוחרישע פּערטראַקטאַציעס, אַנשטאָט צו באַפאַלן און באַרויבן דעם מילנערס הויז, ווי עס פּאַסט זיך טאַקע פאַר רויבערס?

3. פאַרוואָס שפּרייט מען אויס דעם מאַנטל פאַרן מאָרד? באַדאַרף מען דען אַ מאַנטל אויף צו הענגען אַ שוצלאָזן קרבן?

4. פאַרוואָס באַנוצט דאָס ליד דאָס וואָרט ״שניידן״ אַנשטאָט ״שטעכן״ אד״גל. דאָס שניידן וואָס ווערט אויך דערמאָנט אין דער לעצטער סטראָפע, מאַכט אַ רושם פון אַ ספּעציפיש־פיינפולן, ניט־געוויינלעכן טויט. אין דער פאָר־לעצטער סטראָפע געפינט דער ברודער זיין שוועסטער הענגען ״אויף אַ ביימעלע״; טאָ וואָס־זשע באַדייט דאָ דאָס מעסער, דאָס שניידן, דאָס שפּרייטן פונעם מאַנטל? וואָס האָט דאָס צו טאָן מיטן הענגען?

5. האָט זיך געלוינט (סיי די סוחרים און סיי די מערדערס) אַזוי טייער צו באַצאָלן פאַר דעם מילנערס ווייב, און אַלץ נאָר כדי זי שפּעטער צו טויטן (הענגען, שניידן)?

6. ווער זיינען די ״צוויי יונגע קנאַבלען״ וואָס הענגען צוזאַמען מיט דעם מילנערס ווייב אויף אַ ביימעלע?

צו די דאָזיקע זעקס פראַגעס קען מען צוגעבן אַ סך מער קשיות, באַזונדערס וועגן ניט־אויסגעהאַלטענע אידיאָמען און פעלנדיקע מאָטיוון (ווי אַזוי שניידט

מען בלוט אין דער לעצטער סטראָפע? פאַרוואָס דערלויבן די מערדערס דעם ווייב צו טאָן דריי ״שטימען״? פאַרוואָס ווערט ניט דערמאָנט דער סוף פון דעם פאַרברעכערישן שותף — דעם פאַררעטערישן מאַן? א.א.וו). אָבער די אַלע אַדיציאָנעלע פראַגעס זיינען דאָך א פּועל-יוצא פון די פריער פאָרמולירטע זעקס אינהאַלט-קשיות.

באַזירנדיק זיך אויף די דייטשע וואַריאַנטן וועלן מיר פאַרענטפערן די פראַגעס, על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

1. פאַרוואָס דווקא א מילנער? אויך אין אַלע דייטשע וואַריאַנטן, אָן אויסנאַם, איז דער פאַלשער און פאַרברעכערישער מאַן א מילנער דווקא, פּונקט ווי אין אונדזער יידישן טעקסט. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אינעם שפּעטן מיטלאַלטער, ווי אויך אין דער נייער צייט, האָט מען אין דייטשלאַנד אידענטיפיצירט מילנעריי מיט גניבה, אויסנוצעריי און ניט-ערלעכקייט. די מילנערס פלעגן אַראָפּנעמען פאַר זיך א גאַר גרויסן טייל פונעם געמאָלטן מעל און דאָס אויסער דעם אַרבעט-לוין, וואָס זיי האָבן רעכטמעסיק און אָפיציעל באַקומען פון די פּויערים. דעריבער זיינען די מילנערס געווען געהאַסט פונעם פּויערים-פאָלק, און א סך דייטשע שפּריכווערטער, דערציילונגען א.א.וו. באַווייזן די דאָזיקע פאָלקס-שטעלונג, ווי צ״ב דאָס שפּריכוואָרט: ״אַללע מיללער זינד שעלמען״ און א סך אַנדערע (35).

2—5. ווער זיינען די קויפערס? זיינען זיי סוחרים אָדער מערדערס? פאַרוואָס האָבן זיי אַזוי טייער געקויפט די פרוי? כדי זי סתם צו טויטן? מיר קענען ענטפערן נאָר אויפן סמך פון די וואַריאַנטן, ווייל דער יידישער טעקסט איז פעלערהאַפט.

לאָמיר אַנאַליזירן צוערשט איינעם פון די דייטשע וואַריאַנטן (36), א לאַנגע באַלאַדע (20 סטראָפן — 160 פערזן, ד.ה. דריי מאָל לענגער פונעם יידישן וואַריאַנט), וואָס הייסט ״די פאַרקויפטע מיללערין״. געדרוקט אין א ״פלוג-בלאַט״ שוין אין יאָר 1580, דערציילט ער אין זיין היסטאָרישן אַריינפיר, אַז די שוידערלעכע מעשה האָט טאַקע פּאַסירט אין דער שטאָט ברעמען, אין יאָר 1575. שוין אין דער ערשטער סטראָפע, פון דעם דאָזיקן וואַריאַנט (איינעם פון די סאַמע עלטסטע) לייענען מיר: ״איינע פראַו שוואַנגער וואַר״, און די שוואַנגער-שאַפט פון דער פאַרקויפטער און דערמאָרדעטער פרוי, איז טאַקע דער צענטראַלער מאָטיוו אין דער באַלאַדע. אַזוי ווי ער פעלט אין דעם יידישן וואַריאַנט, האָט זיין טעקסט אָנגעוואוירן די מקורדיקע כוונה און געוואָרן שווער און אומפאַרשטענדלעך.

אין דער צווייטער סטראָפע פון דעם זעלבן דייטשן וואַריאַנט, חזרט זיך איבער דער פאַקט פון דער שוואַנגערשאַפט וואָס איז שוין געווען גאָר הויך: ״זיין פראַו וואַר שוואַנגער מיט קינדע / פאַסט אוף דיע צייט״.

אויך אנדערע דייטשע וואריאַנטן, וואָס הייבן זיך אָן פּונקט ווי אונדזער יידישער טעקסט, דערמאָנען תמיד אַז ט׳האַנדלט זיך וועגן אַ שוואַנגערער פרוי. אָט זיינען אַ פּאָר פּאַראַלעלע סטראָפן פון פאַרשיידענע וואַריאַנטן:

"איי מילנער, ליבסטער מילנער מיין,
וויסט איהר קיי שוואַנגער פרייערליין?
וויר וועללען איינע קייפע". (37)

"אך מיללער, ליעבסטער מיללער מיין,
האבט איהר קיין שוואַנגרעם ווייבעליין?" (38)

"גוטען טאג, גוטען טאג, הער מיללער מיין,
האסט דו קיין שוואַנגרעם ווייבעליין?
וויר וואָללען זיע גוט בעצאהלען." (39).

"אך מיללער, הערצליבסטער מיללער מיין,
האסט דו קיין שוואַנגרעם יונגפרויליין?
וויר וואָללען איינע קאופען." (40).

פאַרוואָס דווקא אַ שוואַנגערע פרוי? אויך דאָ ווערט דער ענטפער קלאָר ביים אַנאַליזירן די עלטערע דייטשע וואַריאַנטן (41): די קויפערס זיינען ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע סוחרים, זיי זיינען גנבים-גזלנים-רויבערס, און זיי זיינען פאַראינטערעסירט ניט אין דער מעוברת נאָר אין איר עובר, און באַזונדערס אין זיין הענטל. ווייל, לויט דער ווייט-פאַרשפּרייטער אין מיטלאַלטער גלייבונג אין גאַנץ אייראָפּע, האָט אַ ליכטל, געמאַכט פונעם חלב פון אַ נפל, אַ בן-זכר, און באַזונדערס פון זיין הענטל, אַ סך מאַגישע סגולות. די וויכטיקסטע פון זיי איז די, אַז דער וואָס באַנוצט זי, זעט אַלץ, אָבער אים אַליין זעט מען ניט. אַזוי-אַרום קען דאָס "קינד-הענטל" אָדער "גנבים-ליכטל" בייהילפיק זיין די גנבים אין זייער פאַך, ווייל וואָס איז טייערער פאַרן גנב ווי צו ווערן אַ "רואה ואינו נראה".

אין איינעם פון די וואַריאַנטן (42) דערוויסן מיר זיך פונעם שמועס פון די גזלנים, אַז זיי האָבן שוין דערמאָרדעט פופצן שוואַנגערע פרויען, אָבער ביי קיין איינער פון זיי האָבן זיי ניט מצליח געווען צו געפינען אַ בן-זכר אונטערן האַרץ. אין דעם וואַריאַנט פאַרזיכערט דער מאַן (זיין נאָמען איז: יאָהאַן) די גזלנים, אַז ז ײ ן פרוי "טרעגט איין יונגען זאָהן", און באַקומט פון זיי די "דריי הונדערט גילדען" (43), וואָס זיי האָבן זיך דערקלערט גרייט פאַר איר צו באַצאָלן.

קומענדיק אהיים דערציילט דער "פיינדלעכער" מאַן זיין ווייב אַ ליגן: ס׳איז דאָ אַ מציאה אין וואַלד — אַ פעטער חזיר פאַר צוואַנציק "טהאַלער" (אַזוי! ניט "גילדן"), און זי מוז אים העלפן די מציאה אהיימברענגען פונעם וואַלד (44). דאָרט ווערט די שוואַנגערע פרוי געפאַקט פון די רויבערס, און דאָס

ליד גיט אונדז א פּלאַסטיש און גרויזאַם בילד פון דעם קאָנטראַסט צווישן דער נאַקעטער, געקנעבלטער און וויינענדיקער פרוי, וואָס דאַרף געטויט און שפּעטער ״אָפּעריִרט״ ווערן, און צווישן איר פאַלשן, פאַררעטערישן מאַן. אָט איז די פולע עלפטע סטראָפע פון דעם באַהאַנדלטן וואַריאַנט:

איר מאַן, זעהר פאלש פאָן שטונדע,
דער גרייף זיין פראו ערסט אן,
האט זי נאקעט אן איין באום געבונדען,
שטעקט אין אירען מונד איין באל.
דא שטונד די אָרם שוואנגער פראו
אונד ליעס זאָ מאנכען טראן.
איר מאַן, דער זיע ליעב האבען זאָלטע,
דער האט זי ערסט פערראהטען טהון.

אין א ווייטערדיקער סטראָפע פון אונדזער וואַריאַנט זעען מיר ווי אַזוי די דריי גזלנים וואַרפן גורל, ״ווער זי ע ר ס ט אויפשניידען זאָלט״. מיר קענען זיך פאָרשטעלן, אַז דער ערשטער וואָס דערגייט צום עובר וועט זיך טאָקע מער באַנוצן מיט דעם מאַגישן אָביעקט.

איצט פאַרשטייען מיר אויך פאַרוואָס מען שפּרייט אויס דעם מאַנטל. דאָס ווערט געטאָן כדי אויף אים דורכצופירן די ״אָפּעראַציע״ — דעם ״קייזער-שניט״ — און דערגיין צום עובר. אַזוי לייענען מיר בפירוש אין איינעם פון די דייטשע וואַריאַנטן (45):

דער ערסטע ברייט דען מאנטעל אוף,
דער אנדרע זעצט דאס וייבליין דראוף.
דער דריטער ציעהט דען זעיבעל הערױס,
און וויל דאס וייבליין שניידען אוף.

אַז די אייראָפּעאישע (און ניט נאָר דייטשע) מאַסן האָבן געגלויבט אין דעם מאַגישן כוח פון א ניט-געבוירענעם ולד׳ס איברים, איז א גוט באַקאַנטער און באַווּיזענער פאַקט: די פאָרשערס פון דעם אייראָפּעאישן אָבערגלויבן, פאָלקלאָר און מאַגיע, ברענגען צענדליקער געשעענישן, פּראָצעסן און דאָקומענטן, וואָס באַווייזן אַז סיי די גלייבונג, סיי דער מנהג, און סיי דער מאַגישער מאָרד פון שוואַנגערע פרויען זיינען געווען פאַרשפּרייט און פאַרוואָרצלט אין גאַנץ אייראָפּע שוין אינעם 15-טן י״ה, און ניט נאָר צווישן גנבים און גזלנים (46). זיינען זיי געווען אויך באַקאַנט ביי יידן? אויב דער ענטפער איז א פּאָזיטיווער, וועלן מיר בעסער פאַרשטיין ווי אַזוי די אורשפּרינגלעכע דייטשע באַלאַדע איז אַריבערגענומען געוואָרן אינעם יידישן באַלאַדישן רעפּערטואַר, כאָטש זי איז איבערהויפּט ניט צו געפינען אינעם סלאַווישן, מזרח-אייראָפּעאישן קולטור-קרייז.

דער גרויסער קענער פונעם יידישן פאָלקלאָר און באַזונדערס פון די יידישע פאָלקס-גלייבונגען, ד״ר מאַקס גרונוואַלד, גיט אויף אונדזער פראַגע א נעגאַטיוון ענטפער. אין גרונוואַלד-כּישוף, ז׳ 223, באַמ׳ 1, ווערט בפירוש געזאָגט, אַז פון ״דיבסקערצען״ (ד״ה ״גנבים-ליכטלעך״, געמאַכט פון הענטלעך פון ניט-געבוירענע קינדער; אין דייטש ווערן זיי אויך גערופן: ״דיבעסליכטער״), ״איז ניטאָ קיין שום שפּור אין דעם יידישן פאָלקס-גלויבן״.

דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. סיי די גלייבונג און סיי די באַהאַנדלטע מאַגישע פּראַקטיק זיינען ניט נאָר פאַרשריבן פון זאַמלערס, נאָר זיינען אויך באַוויזבאַר אין אונדזער ליטעראַטור:

צווישן די זאַבאַבאָנעס, סגולות און גלייבונגען, פאַרשריבן ביי לעהמאַן-גנבים געפינען מיר (ז׳ 66, נ׳ 4) די דאָזיקע גלייבונג (דעם אויסלייג האָבן מיר ניט געענדערט): ״מ׳זאָגט אַז ציגיינער כאַפּען קינדער און הרגנען זיי, און די אַדערן נעהמען זיי אַרויס. און ווען זיי געהן ביינאַכט גנבענען, צינדען זיי די אַדערן אָן, און וואו זיי קומען, זעהט יענער אַלץ און קען זיך ניט ריהרען: ער קען ניט שרייען, ער קען גאָרניט טהון״. שמואל לעהמאַן באַמערקט דאָרטן אַז ״עס געהן וועגען דעם אַרום פאַרשיעדענע לעגענדעס״ (47), אָבער ער ברענגט זיי ניט.

ענלעכע פאָלקס-גלייבענישן ברענגט חיות ז׳ 307: ״א גנב, אַז ער קריגט א טויטע האַנט און קומט אַריין אין א שטוב מיט דער האַנט, פאַרשלעפערט ער אַלעמען; דער פינגער פונעם מת עפנט אַלע שלעסער; מיט די אַדערן וואָס מען האָט אַרויסגעצויגן פונעם מת באַקומען די גנבים א שליטה איבער זייערע קרבנות (48)״.

די דאָזיקע געבראַכטע גלייבענישן דערמאָנען ניט די ״נפלעך״ — די ניט-געבוירענע קינדערלעך. אָבער אין אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ האָבן מיר מער אָנצוהערענישן וועגן דעם ענין: אין ״אַז מען זאָגט משוגע״ (באַנד I, ז׳ 357) ברענגט פּרץ א גנבים-גלייבעניש וועגן דעם, אַז ״אויב מען ציהט א ליכט מיט חלב פון א נפלע אויף א פאָדעם פון א ציצה — ווערט מען א רואה ואינו נראה״. ס׳איז קלאָר אַז מיר האָבן דאָ די אוניווערסאַלע פאָלקס-גלייבונג, וואָס ווערט ״פאַריידישט״ דורכן פאַקט, אַז דער קנויט פונעם ״גנבים-ליכטל״ ווערט געמאַכט דווקא פון א טלית. דאָרטן באַנד VIII, ז׳ 329, ווערט דערציילט, אַז גנבים ווילן אַרויסגנבענען פון א רשעס גוף ״פעטס אויף חלב און אָן אַדערל אויף א קנויט״, כּדי צו ווערן, ווי אויבן, א רואה ואינו נראה. אַן ענלעכע גנבים-גלייבונג אין פאַרבינדונג מיט איברים פון טויטע ווערט דערמאָנט אין פּרץ׳ס ״פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ ז׳ 278. דער גנב זאָגט דאָרטן: ״איך וועל באַלד וויסן; איך טראָג שטענדיק מיט מיר מיין געהאָנגענעם טאַטעס מויל. וואָס איך פרעג אים, ענטפערט ער מיר״.

די צוויי פאַרשיידענע גלייבענישן וועגן דער מאַגישער קראַפט פון ספּעציפישע

איבּרים, פון א געהאָנגענעם (פארברעכער), אָדער פון א ניט-געבוירענעם עובר, זיינען קאָנטאמינירט געוואָרן אין דער פאָלקס-פּראקטיק שוין אין מיטלאלטער. און אזוי פלעגט מען הענגען די קליינע נפלעך, כדי צו שטארקן די פּעולה פון דעם מאגישן מיטל וואָס שטאמט פון א געהאָנגענעם עובר. דער דאָזיקער מנהג פאַרענטפערט אונדזער פראגע 6: אין א סך דייטשע ווּאריאנטן הערן מיר אז די שוואנגערע פרוי האָט אין זיך צוויי עוברים, און דאָס זיינען טאקע די ״צוויי יונגע קנאבּלען״ וואָס הענגען אויפןביימעלע, צוזאמען מיט זייער מוטער.

די ווּאריאנטן דערקלערן אויך דעם אויסדרוק ״בּלוט און פליישׁ״ אין דער לעצטער סטראָפע. ס׳ווערט דאָ געמיינט די פרוי אליין, וואָס איז דעם מאנס אייגן ״פליישׁ און בּלוט״ (״פלג-גופא״). אָט דערציילט איינער פון די וואר-יאנטן (49), ווי אזוי דער נקמה-נעמער און דער אויספירער פונעם גזר-דין, דער פּרויס ברודער, טענהעט זיך אויס מיט זיין פאלשן שוואָגער און ווארפט אים פאָר:

״דו האסט פערקאופט דיין פליישׁ און בלוט
אונד האסט גענאָמען פיל געלד און גוט״.

אזוי זאָגט עדות דאָס ״שניידן פון בּלוט און פליישׁ״, אין דער לעצטער סטראָפע פון דער יידישער באלאדע, אז אויך דער יידישער מקורדיקער טעקסט האָט פארמאָגט די אורשפּרינגלעכע קאָנפראָנטאציע צווישן די צוויי שוואָ-גערס.

ס׳קען זיין, אז איינער פון די יידישע פאָלקס-זינגערס וואָס האָט געזונגען און טראדירט די באלאדע האָט שוין ניט פארשטאנען פארוואָס די פארקויפטע פרוי איז שוואנגער, און פארבייטנדיק דאָס וואָרט ״שוואנגער״ אויף ״שיין״ (סטר׳ 1, פערז 2), האָט ער גורם געווען דערצו אז די באלאדע דערוועקט עראָטישע אסאָציאציעס. דער דאָזיקער פארבייט און איבּערגאנג פון דעם מאגישן צו דעם עראָטישן איז אויך דערווייזבּאר אין א פּאָר שפּעטערדיקע דייטשע ווּאריאנטן, און אויך אין אנדערע באלאדעס און פאָלקס-מעשהלעך.

באזונדערס זיינען די עראָטישע אסאָציאציעס פארבונדן מיט דעם שפּרייטן פונעם מאנטל (סטר׳ 10, פערז 1), וואָס קומט אין דייטשע ליבּע-לידער אָפט פאָר אין א געגראַמטן פאָרמוליסטישן צוויי-פערזער:

ער שפּרייט (אָדער ״בּרייט״) זיין מאנטעל אין דאס גראס,
אונד באט זיע, דאסס זיע צו איהם זאס (50).

דער ״מאנטל״ (אָדער ״דאָס זיידן קלייד״) פארמאָגט אן עראָטיש אָנשפּי-לעניש אויך אין א ריי יידישע פאָלקסלידער (51), און אונדזער באלאדע איז ניט קיין אויסנאַם אין דער הינזיכט.

די אַלטע דייטשע ווּאריאנטן באלייכטן אויך דאָס פּראָבּלעם, פארוואָס די

רוצחים דערלויבן דער פרוי די ״דריי שטימען״ (סטר׳ 11), כאָטש ס׳איז א סכנה דערביי, און יעדע ״שטימע״ קען ווערן א הילף-געשריי. אין די דייטשע וואריאנטן ווערן אָפט די וויטערדיקע סאַרקאסטישע פערזן דערקלערט פון די רוצחים:

וועגען אונזרער דו שרייסט דע נוינע,
זיין וויר היער נור אליינע (52).

אין מיטלאלטער האָט מען געמוזט אויספילן די לעצטע בקשה פון די פארמשפטע צום טויט (53), אָבער אונדזערע רוצחים האָבן ניט מורא פאר די געשרייען פון דער פרוי און דערלויבן איר אפילו דריי-מאָל-דריי (ניין) ״שטימען״.

דער מאָטיוו פון א פארקויפט מיידל איז באַקאנט אויך פון אן אנדער באלאדע-טיפּ, פארשפרייט איבער גאנץ אייראָפּע אלס ״באלאדע וועגן דער שיינער אדעלהייד״ (54). אָט איז אן אָנהייב אין איינעם פון די דייטשע וואריאנטן (55):

עס וואר איינמאל איין קיפער (56) שלאו,
דער שטאהל דעס גראפען טאָכטער;
ער בראכט זיע איינעם קעניג צו,
ער טאט זיע טויער פערקאופען.

אין דער דייטשער באלאדע גנבעט דער כיטרער סוחר די יונגע טאָכטער פונעם גראף, כדי זי טייער צו פארקויפן דעם קעניג. אין דער יידישער באלאדע האָבן מיר דריי סוחרים וואָס קויפן א ווייב פון איר מאן, און כאָטש דער ציל פונעם קויפן ווערט ניט דערמאָנט, פארשטייען מיר אז די סוחרים ווילן די פרוי ווייטער פארקויפן (אלס שקלאפין), פונקט ווי אין דעם דייטשן ליד. די פארענ-דערונגען אין דער יידישער פארעם זיינען פארשטענדלעך: א ייד האָט גאָר ווייניק צו טאָן מיט רויבערס און פיראטן, וואָס פארפירן פרויען כדי זיי צו פארקויפן אויפן שקלאפן-מארק (57). א סוחר פארכאפט ניט און רויבט ניט; ער קויפט, כדי צו פארקויפן מיט רווח. און ווען דען טאטע-מאמע מסכים זיין צו פארקויפן א קינד? עס לייגט זיך מער אויפן שכל, אז א מאן איז גיכער געניי־גט צו געבן זיין הסכמה אויפן פארקויף פון זיין ווייב און עס שטערט אים גאָרניט, אז זי איז דווקא שיין. ווייל מיר קענען זיך פאָרשטעלן, אז וואָס שענער די פרוי, דעסטאָ מער מרשעת איז זי... און אזוי האָט דאָס מאנסביל-פובליקום טאָקע שטארק הנאה פון דעם סוחר וואָס האָט גאָר גאָר מצליח געווען: אי געלט פארדינט, אי דאָס ווייב געפּטרט. דער המשך פונעם ליד, וועגן גורל פון דער פארקויפטער פרוי, איז פארן פובליקום ניט אזוי וויכטיק. אין די אייראָפּעאישע וואריאנטן טרעפט שפעטער דער ברודער זיין שוועסטערל (אוועקגערויבט מיט יאָרן צוריק, אלס קינד), אידענטיפיצירט זי אינעם לעצטן מאָמענט, טאָקע פאר דעם אקט פון ״גילוי עריות״ צווישן שוועסטער און ברודער, און ברענגט זי אהיים, צו טאטע-מאמע.

די יידישע פאָרעם איז ניט אויסן דעם דאָזיקן עראָטישן מאָטיוו. די צוריקגעפונענע, פאַר א סך יאָרן אוועקגערויבטע אָדער פארקויפטע פרוי (ניט קיין מיידל!), איז דאָך שוין זיכער אן אלטע יידענע, און אזא העלדין איז גאָר א שוואכער באלאדע-שטאָף, וואָס קען דאָס פובליקום גאָרניט דערקוויקן.

דאָס בשותפותדיקע אין די צוויי באלאדן — פון דער פארקויפטער מילנערין און פון דער שיינער אדעלייד — זיינען די דריי הויפט-העלדן פון דער האנדלונג: מיידל (פרוי), רויבער(ס), ברודער. לאָמיר אנאליזירן די דאָזיקע בשותפותדיקע דרייפאכע העלדן-סטרוקטור אין דעם יידישן טעקסט, אין צוזאמענהאנג מיט די ניט-יידישע ווארינאנטן, ווייל די "דרייהייט" איז איינער פון די וויכטיקסטע נאררא‏טיווע סימנים אין דער פאָלקס-שאפונג בכלל, און אין דער באלאדע בפרט:

די העלדן־סטרוקטור

1. די געשטאלט וואָס געפינט זיך אין א נויט: אן אוועקגערויבט מיידל, א פארקויפטע פרוי, א פערזאָן וואָס דארף שטארבן אד"גל; דאָס איז דער פאָזיטיווער העלד (+), ווייל מיר זיינען אויף זיין זייט, האָבן אים ליב און פילן מיט אים מיטלייד.

2. דער גורם פון דער נויט, אין וועלכער דער פאָזיטיווער העלד געפינט זיך: א רויבער, א פאָטענציעלער מערדער, א פאלשער מאן, דער מלאך־המות אד"גל; דאָס איז דער נעגאטיווער העלד (—), ווייל מיר זיינען קעגן אים, האָבן אים פיינט און דערווארטן זיין דורכפאל און מפלה.

3. די דריטע העלדן-געשטאלט איז אין אָנהייב פאסיוו (זי עקזיסטירט איבערהויפט ניט) אָדער נייטראל (0), אָבער שפעטער ווערט זי גערופן צו ראטעווען די צום טויט פארמשפטע (פאָזיטיווע) געשטאלט, און אזוי ווערט זי אן אקטיווער העלד. די באמיאונגען פון דעם דריטן העלד קענען זיין אָדער (3א') נוצלאָז ("ניטאָ קיין אנטלויפן פון דער גזירה"), אָדער (3ב') געלונגען, אָבער דער סאמע פאַקט אז דער העלד איז גרייט צו העלפן, זיך צו שטעלן אויף דער זייט פון דעם פאָזיטיוון העלד, מאכט אויך אים, דעם העלפער, דעם דריטן העלד, פאָזיטיוו (+). נאָר אין פאל אז ער וואקלט זיך, צווייפלט און וויל ניט העלפן, זוכט (און געפינט) אויסריידן א.א.וו., נאָר דעמאָלט ווערט דער דריטער העלד א טייל פון דעם נעגאטיוון צד אין דעם באלאדישן דרייעק-פערסאָנאזש. אין אונדזער טעקסט ווערט דעם קרבנס ברודער א פאָזיטיווער העלד, כאָטש זיין אינטערווענץ קומט צו שפעט און איז נוצלאָז (3א').

דאָס ליד פון דער פארקויפטער פרוי וואָס בעט זיך ביי אירע מערדערס (די צווייטע העלפט פון אונדזער באלאדע) איז פארשטענדלעך נאָר ווען מען אנאליזירט זי אין ליכט פון דער דריי-עקיקער העלדן-סטרוקטור און פארגלייכט מיט אנדערע ווארינאנטן, וואָס געהערן צו דער זעלביקער סטרוקטור. מיר זיינען

אָבער מחויב צו געדענקען אַז די העלדן-סטרוקטור איז נאָר איינע פון די אַנאַליז-סטרוקטורן. מיר מוזן אַנאַליזירן אויך די סטרוקטור פון דער כראָנאָלאָ-גישער אַנטוויקלונג פון דער האַנדלונג, און געדענקען אונדזער ביז-איצטיקן אויספיר:

לויט דער העלדן-סטרוקטור פאַרמאָגט אונדזער באַלאַדע דריי העלדן:

1. אַ פּאָזיטיוון, וואָס האָט אונדזער אַלעמענס מיטגעפיל (דאָס פּובליקום, די צוהערערס, שטייען אויף דער פּרויס צד און ווינטשן זיך איר נצחון);

2. אַ נעגאַטיוון, וואָס קעמפט קעגן דעם פּאָזיטיוון העלד. אַזוי-ווי דער מילנער פאַרקויפט זיין פרוי, און די מערדערס נעמען איר לעבן, זיינען זיי נעגאַ-טיוו, און די צוהערערס ווינטשן זיך זייער מפלה;

3. אַ נייטראַלן, וואָס געהערט ניט צו דער תחילתדיקער פּערסאָנאַזש-קאָנפראָנטאַציע צווישן דעם פּאָזיטיוון און נעגאַטיוון העלד, אָבער ווערט שפּעטער אַריינגעצויגן און אַריינגעוועבט אין דער האַנדלונג דורך דעם הילפס-געשריי פונעם פּאָזיטיוון העלד. אַזוי-ווי די תחילתדיק נייטראַלע פּערזאָן (אין אונדזער טעקסט — דער ברודער), איז גרייט צו העלפן דעם פּאָזיטיוון העלד (און ניט נאָר מיטן מויל), שפּילט די פּערזאָן אַ פּאָזיטיווע ראָל, סיי ווען זי איז מצליח און סיי ווען זי פאַלט דורך.

די האַנדלונג־סטרוקטור

א'. **דער קאָנפראָנטאַציע-אַריינפיר.** די צוויי העלדן פון דער באַלאַדע, + (דער פּאָזיטיווער) און — (דער נעגאַטיווער), שטייען זיך קעגנאיבער. אין דער דאָזיקער דיפערענציאַציע איז + דער פיזיש שוואַכערער (אין אונדזער ליד: דאָס פאַרקויפטע, אָפּגענאַרטע ווייב, די אָוועקגעריבטע פרוי אַליין אין וואַלד), — דער פיזיש שטאַרקערער (ביי אונדז: דריי מערדער, באַוואָפנטע מענער). די דיפערענציאַציע קען אַ סך מאָל אינטענסיפיצירט ווערן: + איז אַלט (און שוואַך), — איז יונג (און שטאַרק); + איז אַ פרומער (שוואַכער) ייִד, — איז אַן אַכזריותדיקער (שטאַרקער) גוי, אָדער טאַקע עטלעכע גוים; + אַ קנעכט, — אַ האַר, א.א.וו. אָבער אין אונדזער באַלאַדע איז די הויפּט-דיפערענציאַציע ניט סאָציאַל-נאַציאָנאַל און ניט לעבנסאַלטערלעך. זי איז בעיקר סעקסועל: "אַ שיין ווייבולייין" אַליין אין וואַלד, קאָנפראָנטירט דריי מערדערס-מאַנסבילן; זי געהערט צו זיי און געפינט זיך אין זייער מאַכט גאַנץ לעגיטים, ווייל זיי האָבן זי דאָך געקויפט, כאָטש קעגן איר ווילן; אָבער אפילו אויב איר איצטיקער, תיכפדיקער צושטאַנד איז ניט פון אַ געשלעכטלעכער קאָנפראָנטאַציע און סעקסועלער געפאַר (אפשר זיינען די סוחרים אַלט, אפשר איז די געריבטע קעניגסטאָכטער נאָך אַ קינד, אפשר ווילן זי די סוחרים פאַרקויפן אַלס בתולה, כדי צו באַקומען אַ העכערן פּרייז אד"גל), האָט דאָך דער סאַמע רויב (אָדער קויף) אַ געשלעכטלעכן כאַראַק-טער: מ'האָט זי געריבט (געקויפט) ווייל זי איז אַ פרוי און שיין דערצו. און אַז

ניט היינט און ניט דורך די סוחרים, וועט זי אויפגעפּאָדערט ווערן מאָרגן צו באַפרידיקן די סעקסועלע באַדערפענישן און לוסטן פון איר נייעם האַר אָדער פון אירע צוקונפטיקע באַלעבאַטים און באַזוכערס. אַזוי שטייט די פרוי, אַליין, שוואַך און דערנידעריקט (לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז דער אייגענער מאַן האָט זי אויף אַזאַ כיטרע אופן פאַרקויפט...), אַ "לעבעדיק שטיקל סחורה". אויך דער אָנהייב פון דער צענטער סטראָפע אין אונדזער באַלאַדע, "שפּרייטן פונעם מאַנטל" (אָדער פונעם קלייד) איז אַ בולטער סעקסועלער סימבאָל און קומט אויך פאָר אין אַנדערע יידישע און ניט-יידישע פאָלקסלידער (58).

אָבער ניט תמיד איז די דיפערענציאַציע און קאָנפראָנטאַציע אין אונדזער סטרוקטור געשלעכטלעך. אָט שטייט אַ יונג מיידל (+) און אַנטקעגן איר דער מלאך-המות (—). די דיפערענציאַציע איז לעבנסעלטערלעך, צווישן יונג און אַלט, און דער מלאך-המות איז טאַקע פּערסאָניפיצירט אין די באַלאַדן פון דעם דאָזיקן שטייגער אַלס אַלטער מאַן, "גרייזער מאַן", "אַלטער זיידע", וואָס איז געקומען צונעמען דעם מיידלס "יונגע יאָר", א.א.וו. אָט איז אַ ביישפּיל פון דעם דיפערענציאַציע-אַריינפיר אין איינעם פון די באַלאַדע-וואַריאַנטן (59):

זיצט אַ מיידעלע אין ווייַנגאָרטן,
זי זיצט און שפּילט אין קאָרטן;
קומט צו גיין אַן אַלטער מאַן
און גייט אין ווייסע קליידער אָנגעטאָן.

— גוט מאָרגן דיר, שיין מיידל!
— אַ גוט יאָר אייך, אַלטער זיידע!
— וואָס ענטפערסטו מיר אַזאַ שיינעם גוט-יאָר?
כ'בין דאָך געקומען צונעמען דיינע יונגע יאָר!

ווי תמיד אין אונדזער באַלאַדן-סטרוקטור איז דער אָנהייב אַ "פּאָזיטיווער": מיר טרעפן זיך קודם מיט דעם פּאָזיטיוון העלד. מיט אַנדערע ווערטער: דאָס לעבן איז שיין און רויִק, גוט און געמיטלעך. אָבער די זאָרגלאָזע רויִקייט ווערט פּלוצלינג צעשטערט, ווען דער נעגאַטיווער העלד דערשיינט (סטר' 1, פערז 3).

אין אַן אַנדער וואַריאַנט (60) ווערט דערמאָנט, צוזאַמען מיט די יונגע יאָרן, אויך די שיינקייט און רייכקייט פונעם יונגן מיידל, און אַזוי ווערט די דיפערענציאַציע אַרטיסטיש געשטייגערט. אָבער אין תוך גענומען איז אויך אין דעם וואַריאַנט די עיקרדיקע קאָנפראָנטאַציע צווישן דער יונגער שׂרהלה און דעם אַלטן גרייז. עס ווערן טאַקע אַנטקעגנגעשטעלט צוויי פאַרשיידענע געשלעכטער, אָבער בעיקר זיינען דאָס צוויי לעבנס-עלטער:

שטייט שׂרהלע נעבן שפּיגל
און זאָגט:

— איך בין שיין, און מיין טאטע איז רייך.
ווער איז נאָך צו מיר גלייך ?

דאָ קומט אָן אַן אלטער, א גרייזער מאַן
און זאָגט :
— איך בין צו דיר גלייך,
דו מוזט מיט מיר גיין.

אין א סך וואריאנטן וואָס געהערן צו אונדזער סטרוקטור פעלט דער אריינפיר וואָס שטעלט אונדז פאָר די צוויי קאָנפראָנטירטע העלדן, (+) און (—), און "ווייזט" זיי אונדז, עין בעין, איינעם קעגן דעם אנדערן. אָבער סיי אין די וואריאנטן וואָס האָבן דעם פאַרשטעלנדיקן אריינפיר און סיי אין די וואריאנטן וואָס הייבן זיך אָן מיטן דיאלאָג, ווייזט אונדז דער צווייטער טייל פון דער באלאדע, אז דער שוואכער, פאָזיטיווער העלד נעמט ניט אָן הכנעהדיק זיין גורל; ער שטעלט זיך אנטקעגן דער טויט-גזירה, סיי דער דראָענדיקער טויט איז פיזיש (מלאך-המות, מערדער) און סיי ער איז פסיכיש-מאראליש (רויבער, פארברעכער וואָס פארלאנגט אויספירן זיין ווילן, א.א.וו.). אזוי גייט דער (+) העלד זיך פארמעסטן מיטן (—) העלד, און דער פארמעסט קען זיין אָדער אין אַן אָפּענעם קאמף, אָן העלפערס (וויטער ב׳ 1), אָדער (ב׳ 2) דורך הכנעהדיק בעטן זיך פארן לעבן ביים רויבער, אָדער (ב׳ 3) דורך בעטן א דערלויבניש צו געבן דריי שטימען וואָס פירן צום הילף-רוף.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז סיי די וואריאנטן וואָס פארמאָגן דעם פולן קאָנפראָנטאציע-אריינפיר (אין אונדזער סטרוקטור: א׳), און סיי די וואריאנטן וואו דער אריינפיר איז ניט בנמצא אָדער גאָר פעלערהאַפט — די אלע וואריאַנטן לויפן ווייטער לויט אונדזער סטרוקטור און פארמאָגן תמיד דעם צווייטן טייל: (ב׳ 1, ב׳ 2, אָדער ב׳ 3).

ב׳ 1. **דאָס מיידל באזיגט דעם רויבער אין קאמף.** נעמענדיק אין באטראכט די פארשיידענע, ניט-גלייכע פיזישע כוחות פון די צוויי הויפט-העלדן, און די אָביעקטיווע אומשטענדן פון דער דיפערנציאציע, האָט ניט דער (+) קיין שום שאנסן גובר צו זיין אין דעם פארמעסט קעגן (—). אָבער שוין דוד המלך (+), קעגנשטעלנדיק זיך גליתן (—) און אויפנעמענדיק דעם קאמף קעגן אים, האָט באוויזן, אז סע טרעפט, און דער כלל "לא בכוח" זיגט, און די "מעטים" באזיגן די "רבים". אין דעם פאָלקס-מעשהלע האָט דער פאָזיטיווער, סימפאטישער העלד, א סך סופערנאטורעלע מאגישע מיטלען כדי צו באזיגן דאָס נעגאטיווע, אנטיפאטישע פארזעניש: דעם שטארקן דראקאָן, די אכזריות-דיקע מכשפה, דעם רשעותדיקן ריז. אָבער די באלאדע איז אין תוך גענומען רעאליסטיש און אנטי-מאגיש, כאָטש זי איז פול מיט אויסערגעוויינלעכע (ניט-מאגישע) געשעענישן. אזוי איז דער איינציקער וועג צו באזיגן דעם שטארקערן קעגנער — א פאָרטל, א כיטרער מאנעוור. שוין דער קליינער דוד האָט געוואונען

דעם דועל מיטן ריז גלית, ווייל דער ריז האָט געוואָרט אז דער שוואכער יונגער־מאנטשיק זאָל זיך צו אים דערנעענטערן און פירן מיט אים אַן אָפענעם קאָנווענ-ציאָנעלן דועל, אין וועלכן דער ריז וואָלט זיכער געזיגט; אָבער דוד האָט גאָר אנדערש געהאנדלט, און ווייל ער האָט צוניט געמאכט דעם שונאס פּלענער, האָט ער געוואונען דעם פארמעסט. אזוי האָט אויך די שוואכע יהודית געהרגעט, בערמה, האָלאָפערנעסן, און נאָך פאר איר האָט יעל ליסטיק באַנוצט איר פרויען-מיטל כדי צו באזיגן און טויטן דעם שטארקן סיסראָ. דער מאָטיוו פון פרויען וואָס באפרייען זיך אליין, מיט זייערע אייגענע מיטלען, פון פארפירערס, פארברעכערס און פּאָטענציעלע מערדערס, איז גוט באקאנט אין פאָלקס-דערציילונגען און באלאדעס (61), אָבער ער איז געווען פרעמד און ווייט פון דעם יידישן פובליקום צוגעוואוינט צו הכנעה און ניט צו ליסטיק-העראָאישע קאמף-אקטן. דערפאר זיינען נאָר שוואכע שפורן פון דעם דאָזיקן מאָטיוו פארבליבן אין אונדזערע פאָלקס-באלאדעס.

מיר ברענגען אונטען דעם באהאנדלטן מאָטיוו פון דער ב׳ 1 סטרוקטור ווי ער קומט פאָר אין אייראָפּעאישע באלאדעס און באווייזן אויך זיין אָנהערעניש און אונדזער אַ ליד.

דאָס פאָרטל פונעם מיידל וואָס געפינט זיך אין אַ סכנה און שטעלט זיך קעגן דעם מערדער, רויבער, ״פאלשן ריטער״ אד״גל, איז פארשיידנארטיק. אַ מאָל שפּילט דאָס מיידל די ראָל פון אַן איבערגעגעבענער ליבהאָבערין, איז מבטיח איר פארפירער גאָלדענע בערג, פארשליסנדיק ביי זיך, טיף אין הארץ, יעדן סימן פון פּראָטעסט און שנאה; זי שלעפּערט איין דעם ״געליבטן״ און... הרגעט אים אין שלאָף, זייער אָפט מיט זיין אייגענעם שווערד; אַ מאָל פארשיכורט זי קודם איר ״ליבהאָבער״, כדי שפּעטער אים אַ האלב-פארשיכורטן צו פארסמען; אַ מאָל בעט זי אים אז ער זאָל ניט קוקן אויף איר, ווען זי טוט זיך אויס פארן מאָרד אָדער סעקסועלן אקט (״סע פּאַסט ניט פאר אַ מאנספארשוין צו זען אַ נאקעטע פרוי״), און אז ער דרייט זיך אויס, טוט זי אים אַ שטופּ אריין אין טיפן אָפּגרונט (טייך); אַ מאָל טוט זי דאָס, נאָכדעם זי גיט דעם רוצח אַן עצה אז ער זאָל קודם אויסטאָן ז י י ן מאנטל (62), ווייל איר בלוט וועט אים פארפלעקן און פארשמוציקן, בשעת ער וועט זי הרגענען.

מיר ברענגען דאָ דריי ביישפּילן (אין ענגליש, פּויליש און דייטש) פון דעם זיגרייכן פאָרטל וואָס געווינט דעם פארמעסט. דער ערשטער וואריאנט איז גענומען פון אַן ענגלישער באלאדע (63):

> “Turn you about now, falsh Mess John
> To the green leaf of the tree;
> It does not fit a mansworn man
> A naked woman to see”.

He turnd him quickly round about,
To the green leaf of the tree;
She took him hastly in her arms
And flung him in the sea.

אין א פוילישן וואריאנט (64) פארפירט דער בחור יאש דאָס מיידל מארישא אין א ״בייזן וואלד״, כדי זי דאָרט אוודאי צו הרגענען:

זאָווידל טשי יאַן זאָווידל
דאָ לאַסו סראָגיעגאָ,

אָבער שפּעטער האַקט דאָס מיידל אָפּ דעם פארפירערס קאָפּ מיט זיין אייגענעם שווערד:

יאק טשי טעזש מארישא
שאבלעטשקאָן בריסלא,
יוזש טשי יאַשענקאָווי
גלאָוועטשקא אָווויסלא.

און א דייטשער וואריאנט (65):

מארגראף מיין, ציעה אוס דיין זיידען קלייד,
יונגפרויליין בלוט שפּריצט וויט אונד ברייט.
אלס ער דאָס זיידען קלייד אוסטראַק,
זיין קאָפּף פאר זיינע פיסע פלאַג.

פון דעם מיידלס כיטרען און העראָאישן באנעמען זיך איז אין איינעם פון אונדזערע יידישע וואריאנטן פאַרהאַנען א גאַר שוואכע שפּור. דער דאָזיקער וואריאנט (66) ענדיקט זיך (סטר׳ 9) מיט די דראַענדיקע רייד, וואָס ווערן געווענדט צום רויבער, אָבער ניט פון א מיידל נאָר טאקע פון א מאן (בעל-עגלה):

דו רויבער, דו מערדער, וואָס ווילסטו מיר טייטן,
איך וועל דיר איינשמידן אין אייזערנע קייטן.

פון דעם דאָזיקן קנאפּן אָנצוהערעניש איז שווער צו דרינגען אז פון דער דראַאונג וועט ארויסקומען אן אקטיווע אקציע. אין דעם ליד (דער פולער טעקסט ווערט געבראכט ווייטער) בעט זיך דער פּאָזיטיווער העלד (א מאן, א בעל-עגלה, ניט קיין פּרוי) רחמים ביים רויבער, אָבער דער האָט ניט קיין רחמנות אין זיין הארץ. די דראָאונג איז אין גאנצן נוצלאָז, און אין אונדזער ליד איז זי מן הסתם א שפּעטע הוספה, גענומען פון אן אלטן וואריאנט וואו די דראָאונג איז יאָ פארוויקלעכט געוואָרן.

ווי געזאָגט פריער, איז די סטרוקטור ב׳ 1 א יוצא מן-הכלל אין אונדזערע

באַלאַדעס. אויך די ווייטערדיקע סטרוקטור (ב׳ 2) איז גאָר ווינציק פאַרשפּרייט.

ב׳ 2. **דאָס מיידל בעט זיך ביים רויבער.** לאָגיש וואָלט עס געווען א געזונטע סברה, אז א שוואכע פרוי וואָס געפינט זיך אין די הענט פון א שטאַרקן מאַנסביל זאָל זיך בעטן ביי אים, אז ער זאָל רחמנות האָבן אויף איר יונג לעבן. אָבער אזא מין בעטן זיך דירעקט ביים מערדער קומט זייער זעלטן פאָר אין אונדזערע פאָלקס-באַלאַדעס. וואַרשיינלעך ווייסט דער יידישער צוהערער גאַנץ גוט, אז עס איז ניטאָ קיין רחמנות אינעם האַרץ פון א גוייִשן גזלן (און ווער איז א גזלן אויב ניט קיין גוי?), און קיין שום געבעט וועט ניט באַאיינפלוסן דעם מערדער ער זאָל זיין קרבן שענקען דאָס לעבן. און וואָס די צוהערערס ווייסן, ווייסן אויך דער פאָלקס-דערציילער און דער פאָלקס-זינגער.

דאָס ניין-סטראָפיקע פאָלקס-ליד וואָס ווערט געבראַכט ווייטער איז א ביישפּיל פון דעם פּאָזיטיוון העלד וואָס וויל זיך אויסקויפן ביים רויבער, און זאָגט אים צו זיין גאָלד און זילבער, זיין פערד און וואָגן, זיין גאָלדענעם זייגער, זיינע שיך און קאַלאָשן, אבי דער מערדער זאָל אים פריי לאָזן. אָבער אַלץ איז אומזיסט: דער רויבער (פון דעם גוייִשן רעפרען-ענד אין סטר׳ 2, וואָס מיינט: ״איך וועל דיך אוועקהרגענען״, דרינגען מיר אַרויס, אז דער מערדער איז א גוי) בייט ניט זיין מערדערישן באַגער, און מאַכט צוגרייטונגען (שאַרפט אָן דאָס מעסער — דעם חלף) דעם ייִד צו שעכטן.

ווי מיר האָבן געזען אויבן, איז די ניינטע סטראָפע פונעם ליד ניט קיין אָרגאַנישער טייל פון אים, ווייל די שפּעטע דראַאונג (ביים סוף פונעם ליד) און דאָס פריערדיקע בעטן זיך ביים מערדער פּאַסן זיך איבערהויפּט ניט צוזאַמען. אָט איז דער פולער טעקסט (66) (די לעצטע, ניינטע, סטראָפע איז געבראַכט געוואָרן פריער):

נא דיר אוועק מיין גאָלד און זילבער

— נא דיר אוועק מיין גאָלד און זילבער,
לאָז מיר גיין צו מיין ווייב און קינדער.
לא-לא-לא-לא,
לא-לא-לא-לא.

— דיין גאָלד און זילבער טו איך ניט באַדאַרפן,
נאָר איך וועל דעם חלף אָנשאַרפן.
לו-לו-לו-לו,
לו-לו-לו-יא טעביע זאביו!

— נא דיר אוועק מיין פערד און וואָגן,
נאָר אין וואלד זאָלסטו מיר ניט באַגראָבן.

לא-לא-לא א.א.וו.

— דיין פערד און דיין וואָגן טו איך ניט באַדאַרפֿן,
נאָר איך וועל דעם חלף אָנשאַרפֿן.
לו-לו-לו א.א.וו.

— נא דיר אוועק מיין גאָלדערנעם ווייזער,
און לאָז מיר גיין איבער די הייזער.
לא-לא-לא א.א.וו.

— דעם גאָלדערנעם ווייזער טו איך ניט באַדאַרפֿן,
ווייל איך דאַרף דעם חלף אָנשאַרפֿן.
לו-לו-לו א.א.וו.

— נא דיר אוועק די שיך מיט די קאַלאָשן,
און לאָז מיר גיין איבער די גאַסן (66 א)
לא-לא-לא א.א.וו.

— די שיך מיט די קאַלאָשן טו איך ניט באַדאַרפֿן,
ווייל איך דאַרף דעם חלף אָנשאַרפֿן.
לו-לו-לו א.א.וו.

כאָטש אזא פֿאָלקסליד-קענער ווי י. ל. כהן האָט אונדזער ליד קלאַסיפֿיצירט צווישן די זעלבסטשטענדיקע און אייגנאַרטיקע באַלאַדעס, איז דאָס ליד בעיקר א גזלן-ליד, וואָס געהערט צו די "רויבער-שפּילן" אָדער "רויבער-באַנדע-שפּילן", און איז א טייל פֿון דעם "פּורים-שפּיל" רעפּערטואַר (67).

אָבער אין תוך גענומען געהערט סטרוקטורעל יעדע גזלן-ליד צו דעם זעלביקן טיפּ צו וועלכן ס׳געהערן די באַלאַדעס וועגן דער פּאַרקויפֿטער פּרוי. איןביידע באַלאַדישע זשאַנערס זעען מיר די זעלביקע קאָנפֿראָנטאַציע צווישן דעם שוואַכן (+), וואָס בעט זיך פֿאַר זיין לעבן און דעם שטאַרקן (—), וואָס האָט קיין שום רחמנות אין זיין האַרץ און וויל ניט נאָכגעבן. אַלע פֿערזן פֿון יידישע און ניט-יידישע גזלנים-לידער קענען זיך לייכט אַריינפּאַסן אין יעדן פֿאָלקס-ליד, וואָס ווערט אַנאַליזירט לויט אונדזער סטרוקטור.

אָט האָבן מיר אין איינעם פֿון די "פּורים-שפּיל"-וואַריאַנטן (68) אן ענלעכן דיאַלאָג צווישן דעם באַפּאַלענעם און דעם גזלן; דער דיאַלאָג ווערט געבראַכט מיט א פּאָר השמטות פֿון ניט-מהותדיקן מאַטעריאַל (אַריינפֿיר, רעפֿרען א.א.וו.).

— . . . נא דיר אוועק מיין לעצט שטיקל ברויט
און שלאָג מיך נישט ביז צום טויט.
— ניין, ניין, כ׳וויל נישט דיין ברויט,
איך וועל דיך שלאָגן ביז צום טויט . . .

— נא דיר אוועק מיין לעצט שטיקל פיש,
לאָז מיך זיצן ווי א טאטע ביים טיש.
— ניין, ניין, איך וויל נישט דיין פיש,
איך וועל דיך נישט לאָזן זיצן ביים טיש...

— נא דיר אוועק מיין לעצט שטיקל חלה
לאָז מיר מאכן מיין טאָכטער פאר א כלה.
— ניין, ניין, איך וויל נישט דיין חלה,
כ׳וועל דיך נישט לאָזן מאכן דיין טאָכטער פאר א כלה...

— נא דיר אוועק מיין לעצט ביסל געלט,
לאָז מיך לעבן ווי א מענטש אויף דער וועלט.
— יאָ, יאָ, אהער גיב דיין געלט,
וועל איך דיך לאָזן לעבן אויף דער וועלט...

אין דעם דאָזיקן ווארינאנט איז דער סוף אן אָפּטימיסטישער, א גוטער. דער גזלן (נאָך יעדן אויסטויש פון צוויי פערזן זאָגט ער אויף זיך אליין: ״יא ראָזבאָיניק, מאָלאָדיעץ״) איז מסכים צו שענקען דעם באפּאלענעם זיין לעבן פאר אויסקויף-געלט, נאָכדעם ווי ער האָט פריער אָפּגעוואָרפן זיינע אלע אנדערע פאָרשלאָגן, צווישן זיי טאקע די שענסטע און בעסטע שבת-מאכלים: חלה און פיש.

נעמענדיק אין באטראכט די פאראלעלן, און צווישן זיי דעם אויבן-געבראכטן פולן טעקסט, איז דער אויסגאנג פון אונדזער ווארינאנט גאָר א געקינצלטער; ס׳קען זיין אז א גרופּע פון פורים-שפּילערס אין ווארשע, וואו דער דאָזיקער ווארינאנט איז פארשריבן געוואָרן, האָט געוואָלט באפרידיקן די צוהערערס מיט א גוטן סיום, און האָט פארביטן דעם אָריגינעלן טראגישן סוף פונעם ליד אויף א מין ״העפּי ענד״ און געלאָזט דעם רויבער נאָכגעבן דעם באפאלענעם און שענקען אים דאָס לעבן. וואָס טוט מען ניט, כדי דער עולם זאָל הנאה האָבן? אין דעם אורטיפּ פונעם ליד איז דער ״ראָזבאָיניק״-גזלן מסתמא געווען אכזריותדיק און ניט-נאָכגיביק, ביז צום ביטערן סוף פונעם באפאלענעם. אָט האָבן מיר טאקע א ראָדעמער ווארינאנט (69) וואָס גיט דערצו א פולע באשטעטיקונג. סיי דאָס בעטן זיך פון דעם באפאלענעם, סיי די פארניינענדיקע ענטפערס פונעם גזלן, און סיי דער רעפרען איןביידע ווארינאנטן, דעם ווארשעווער און דעם ראָדעמער, זיינען די זעלביקע, אָבער דער ראָדעמער ווארינאנט האָט אָפּגעהיט זיין אָריגינעלן סיום: צום סוף בעט זיך דער באפאלענער פאר ניט מער ווי ״לאָמעך נאָך לעבן א שעה אויף דער וועלט״, אָבער דער גזלן שענקט אים אפילו דאָס אויך ניט און זיין ענטפער איז דריי מאָל ״ניין״ (סוף פון ליד):

— ניין, ניין, ניין! איך וויל נישט דיין געלט,
כ׳לאָז דיך נישט לעבן א שעה אויף דער וועלט (69).

סיי ש. ז. פּיפּע (70) און סיי ד״ר יצחק שיפּער (71) וועלכע האָבן די צוויי וואַריאַנטן באַהאַנדלט, האָבן אַנגעוויזן אויף דעם פאַקט, אַז די יידישע גזלנים-לידער זיינען פונקציאָנעל און קומען פאַר סיי אומאָפּהענגיק און סיי ווי טענץ ארייַנגעפלאָכטן אין די פּורים-שפּילן. ביידע פאָרשערס האָבן באַשריבן די טענץ און שפּילן און דערביי אויך געפונען און אָנגעגעבן דעם כלל-אייראָפּעאישן מקור פון די דיאַלאָגן צווישן רויבער-מערדער און זיין קרבן: די בענדלעך פון רינאַלדאָ רינאַלדיני — ״בעשרייבונג פאָן דעם שרעקליכן איטאַליענישען רייבער״ (72).

דער סטרוקטורעלער צוגאַנג צו די פאָלקסליד-וואַריאַנטן וואָס מיר האָבן ביז אהער אַנאַליזירט, דערמעגלעכט אונדז צו דערגיין צום יסוד פון דער פאַרבינדונג: גזלן — מלאך-המות, און אויף אַ ווייטערן שטאַפּל אפשר אויך צו דעם צוזאַמענהאַנג: גזלן-טאַנץ — טויטן-טאַנץ. ווייל סטרוקטורעל איז גאָרניט קיין נפקא-מינה ווער ס׳איז דער ״נעגאַטיוור״ העלד (פאַרו־עטע-רישער מאַן, פאַרפירער, מערדער, מלאך-המות א.א.וו.) און ווער ס׳איז זיין ״פּאָזיטיווער״ קרבן (איינזאַמע פרוי, יונג מיידל, באַראַבעוועטער סוחר א.א.וו.). די עיקר-פראַגע איז פאַרוואָס ס׳איז געקומען צו דער קאָנפראָנטאַציע צווישן די צוויי העלדן (+) און (—), ווי אַזוי זי אַנטוויקלט זיך, ווער איז דער נייטראַלער העלד און וואָס ווערט ער צום סוף: פּאָזיטיוו צי נעגאַטיוו?

די פאַרשיידענע פאָלקס-אַסאָציאַציעס ווערן געבויט אויף דעם זעלביקן סטרוקטורעלן מישור, און דערפאַר קענען זיך די העלדן, אָבער ניט זייערע ראָלן, בייטן. אַזוי איז דאָס איבערהויפּט ניט וויכטיק, צי דער אָריגינעלער ״רינאַלדאָ רינאַלדיני״ האָט אויסן געווען צו זיין אַן אַלעגאָרישע אילוסטראַציע פון דעם אייביקן געראַנגל צווישן מענטש און זיין גורל (שטן? מלאך-המות?), צי ניט. דאָס קען מען באַווייזן אָדער אָפּלייקענען. ס׳איז אָבער ניטאָ קיין ספק, אַז דאָס פאָלק האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן די העלדן, און האָט אין די שפּילן און אין די דיאַלאָגן געזען סיי דעם רויבער און סיי דעם מלאך-המות. אַזוי איז טאַקע געווען אָנגעטאָן דער מלאך-המות אויף דער ״בינע״: ״אין אַ רויטער בלוזע און אין אַ גאַרטל. אין גאַרטל איז אַריינגעשטעקט אַ מעסער״ (73). אַזוי פלעגט מען אויך פּערסאָניפיצירן דעם בלוטיקן טויט אין דעם גויישן פּוילן, נאָר אַנשטאָט דעם מעסער פלעגט ער האַלטן אין האַנט אַ קאָסע.

די דיאַלאָגן צווישן מענטש (+) און טויט (—) זיינען געווען אַ וויכטיקער טייל פון דער פּוילישער און כלל-אייראָפּעאישער פאָלקס-ליטעראַטור (74). אָפט האָבן זיי געשטאַרקט די רעליגיעזע געפילן פון דעם גלויבן אין גורל, דעטערמינאַציע און אינעם פאַקט אַז ״דער טויט, דער טויט איז איינער, שטאַרקער פון אים איז קיינער!״ אויסער גאָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָס נאָר ער אליין קען מבטל זיין די בייזע גזירה און צערייסן דעם פּסק-דין. ווייל דער מלאך-המות איז ניט מער ווי גאָטס מלאך, ד״ה גאָטס שליח.

דאָס הייסט, אז אינעם מענטשלעכן הארץ לעבט פּאַרט א האָפענונג אז מען קען גובר זיין דעם טויט. דאָס איז דער יסוד פון די פאָלקס-מעשהלעך פון דעם גראַז פון אומשטערבלעכקייט וואָס דער העלד זוכט (און געפינט?). דער אומשטערבלעכקייט-מאָטיוו, אזוי פּאָפּולער אין דער אלגעמיינער און יידישער פאָלקס-ליטעראַטור (75), איז, סטרוקטורעל גענומען, א נצחון פון דעם שוואכן און פאָזיטיוון העלד (+) איבער זיין שטאַרקן און נעגאַטיוון קעגנער (—), דאָס הייסט אונדזער פריער דערמאָנטע סטרוקטור ב׳ 1. אָבער אזוי ווי ס׳איז ניטאָ, ווי אויסגעפירט פריער, קיין מהותדיקער אונטערשייד צווישן די פארשיידענע העלדן פון דער סטרוקטור, קען מען באהאנדלען אין איין אָטעם סיי די לידער וועגן מיידל און רויבער (דאָ, אפילו אין פאל פון נצחון, איז דער נצחון נאָר א צייטווייליקער, ביז צום נאַטורעלן טויט פונעם זיגער), און סיי די לידער וועגן מענטש און מלאך-המות (דאָ איז דער נצחון א תיכפדיקער און אייביקער).

מיר האָבן געזען א מעגלעכקייט פון א נצחון אין דער סטרוקטור ב׳ 1, וואו דאָס שוואכע אָבער כיטרע מיידל איז גובר דעם שטאַרקן קעגנער. די דאָזיקע טעאָרעטישע מעגלעכקייט קומט זייער זעלטן פאָר אין דער פאָלקס-ליטעראַטור. די עיקרדיקע סיבה איז א פּאָרעמדיקע: דאָס טראַדירנדע פאָלק איז נוטה אָנצונעמען, פּרעזערווירן און איבערגעבן פון דור צו דור, דווקא האנדלונגען וואו דער פאָרמולישער נומער דריי שפּילט די הויפּט-ראָל (76). די פריער-דערמאָנטע העלדן-סטרוקטור איז טאַקע א חלק פון דער פאָרמולישער דרייהייט. אָבער ביי דער סטרוקטור ב׳ 1, וואו דער פאָזיטיווער העלד (+) באזיגט א ל י י ן דעם נעגאַטיוון העלד (—), באטייליקן זיך אין דער האנדלונג נאָר צוויי העלדן, און אזעלכע האנדלונגען ווערן ניט ווייטער טראַדירט פונעם פאָלק.

אזוי קומען מיר צו דער וויטערדיקער סטרוקטור (ב׳ 3), וואָס איז די הייפיקסטע און פאַרמאָגט ניט נאָר די צוויי קעמפנדיקע העלדן, נאָר אויך א דריטע געשטאַלט, וואָס פאַרפולקאָמט די דרייפאַכיקע סטרוקטור.

ב׳ 3. **דאָס מיידל רופט הילף.** אין נייע, רעליגיעז פאָרמולירטע דער-ציילונגען און לידער איז דער דריטער העלד גאָט אליין. פאַר דעם רעליגיעז-געשטימטן פּובליקום עקזיסטירט דאָך תמיד די השגחה, און זי מישט זיך אריין און ראַטעוועט, זייער אָפט אין דער לעצטער מינוט, דעם (+) העלד. אָפט ווענדט זיך דער פאָזיטיווער העלד מיט א דירעקטער תפילה צו גאָט, און דאָס געבעט פועלט. אָבער עס טרעפט זיך אז דער (+) העלד טוט (אָדער האָט געטאָן אמאָל) א מצוה, און די דאָזיקע מצוה (לרוב ניט קיין רעליגיעזע נאָר א געזעלשאפטלעכע, ווי צ"ב צדקה, אויסהעלפן אן אָרעמאַן אד"גל) שטייט אים ביי און ראַטעוועט אים ("תפילה, תשובה און צדקה צערייסן די בייזע גזירה"). ס׳טרעפט אז די סיבה פונעם נצחון איז אן אויס-ערלעכע און הענגט ניט אָפּ דירעקט פונעם העלד וואָס באטייליקט זיך אין דער

האנדלונג (״זכות אבות״, דאָס איינשטעלן זיך פון א גוטן מלאך אָדער שר אין הימל אד״גל), אָבער תמיד קומט די ישועה פון גאָט אליין, אָדער פון זיינס א ספּעציעלן שליח.

דאָס זיינען שוין שפּעטערע, רעליגיעזע און סופּער־נאַטורעלע צוגאָבן און באַפאַרבונגען פון דעם מקורדיקן העלפער. ווי שוין אויסגעפירט אויבן, באַמיען זיך די פאָלקס־באַלאַדעס אויסצומיידן ניט־רעאַליסטישע מאָטיוון און דערפאַר איז אויך דער העלפער א בשר־ודם, א פאַרשוין וואָס איז גאָר נאָענט צו דעם פּאָזיטיוון (+) העלד. און ווער איז נאָענטער ווי א בלוט־קרוב?

אין פאַרשיידענע האַנדלונגען (באַזונדערס אין לאַנגע, מאַגישע מעשהלעך) קומען די קרובים אליין צו הילף. ווי נאָר א ליבהאָבער, א ברודער, א שוועסטער, א פרוי א.א.וו. דערשפּירן אַז זייערע געליבטע זיינען אין געפאַר, קומען זיי תיכף און צום סוף באַזיגן זיי דעם דראַקאָן, די מכשפה אָדער אַן אנדער (—) העלד. אָבער די פאָלקס־באַלאַדע איז קורצער פון דער פאָלקס־דערציילונג. די האַנדלונגס־״בינע״ בייט זיך ניט (א שאָד די צייט), און אַזוי ווי מיר האַלטן ביי דער קאָנפראָנטאַציע פון די צוויי העלדן, (+) און (—), וואָס נעמט אָן די פאָרעם פון דיאַלאָג, מוז אויך די הילף זיין א פּועל־יוצא פונעם דיאַלאָג.

און ווידער קומט אָן דער (+) העלד צו א פּאַרטל, וואָס איז אויסן צו רופן הילף. ער בעט ניט דירעקט פאַר זיין לעבן, ווי אין דער סטרוקטור ב׳ 2. דאָס איז דאָך נוצלאָז: דער (—) העלד קען אויף דעם ניט איינגיין, ווייל רחמנות איז קעגן זיין נאַטור. אָבער אַזוי ווי ס׳איז אָנגענומען אין דער געזעלשאַפט, קומט דעם צום טויט פאַרמשפּטען מענטש אַז מען זאָל אויספילן זיין ״לעצטע בקשה״, אויב זי שטערט ניט דער אויספירונג פונעם טויט־אורטייל און פאַרלענגערט דאָס לעבן נאָר מיט עטלעכע מינוט. א גוטע סעודה, א שיינע פרוי, א תפילה אד״גל, זיינען לעגיטימע בקשות, וואָס דער פאַרמשפּטער האָט דאָס רעכט זיי צו בעטן, און דער תליון מוז זיי אויספילן, כדי ניט אריינצופאַלן אין קאָנפליקט מיטן הערשנדיקן רעכט און אָנגענומענעם מנהג.

און וואָס איז לעגיטימער און אומשולדיקער ווי ״די לעצטע תפילה״, דער וידוי, אָדער ״דאָס געשריי צו גאָט״? פון דעם מערדערס שטאַנדפּונקט קען דאָס דעם קרבן גאָרניט העלפן, טאָ פאַרוואָס זאָל ער אים אָפּזאָגן זיין לעצטע בקשה? אָבער דעם קרבנס געשריי פירט צו א ווייטערדיקער האַנדלונג, און דאָס געבעט איז בסופו של דבר ניט קיין וידוי, נאָר א רוף צו הילף, צו ממשות־דיקער, ערדישער און ניט־הימלישער הילף.

מיר ברענגען דאָ א שפּעטן יידישן וואַריאַנט (77) פון אונדזער סטרוקטור וואָס איז גאַנץ פאַרקריפּלט. עס קומען אין אים פאָר פ י נ ף געשרייען, און אַזוי־ווי די דאָזיקע צאָל איז ניט פאָלקסטימלעך און ניט פאָרמוליסטיש,

דארפן מיר זי דערקלערן, ווידער פאַרגלייכנדיק אונדזער וואַריאַנט מיט יידישע און ניט-יידישע פּאַראַלעלן.

דעם ערשטן געשריי שריי איך דאָך

דעם ערשטן געשריי שריי איך דאָך,
דעם ליבן טאַטן רוף איך דאָך;
העלף מיר, טאַטע, אין מיינע נויטן,
אַז דער גזלן וויל מיך טויטן.

דעם צווייטן געשריי שריי איך דאָך,
דער ליבער מאַמען רוף איך דאָך;
העלף מיר, מאַמע, אין מיינע נויטן,
אַז דער גזלן וויל מיך טויטן.

דעם דריטן געשריי שריי איך דאָך,
דעם ליבן ברודער רוף איך דאָך;
העלף מיר, ברודער, אין מיינע נויטן,
אַז דער גזלן וויל מיך טויטן.

דעם פערטן געשריי שריי איך דאָך,
דער ליבער שוועסטער רוף איך דאָך;
העלף מיר, שוועסטער, אין מיינע נויטן,
אַז דער גזלן וויל מיך טויטן.

דעם פינפטן געשריי שריי איך דאָך,
דעם ליבן גאָט רוף איך דאָך;
העלף מיר, גאָט, אין מיינע נויטן,
אַז דער גזלן וויל מיך טויטן.

מיר פאַרשטייען אַז אויף דער "בינע" שפּילן צוויי העלדן: אַ (+) וואָס איז "אין נויטן", שרייט און בעט זיך: "העלף מיר", און אַ (—) וואָס ווערט דערמאָנט אינעם פערטן פערז פון יעדער סטראָפע, ד"ה "דער גזלן" וואָס וויל דעם (+) טויטן. דער (+) "שרייט" פינף מאָל, דאָס הייסט ער ווענדט זיך צו פינף פּאָטענציעלע העלפערס. מיר הערן ניט די תשובות פון די אָנגערופענע העלדן, אָבער פון דעם פאַקט אַז דער העלד שרייט ווייטער קענען מיר אויסן זיין, אַז דער ענטפער פונעם פריער אָנגערופענעם פּאָטענציעלן העלפער איז נעגאַטיוו, און דערפאַר מוז זיך דער קרבן ווענדן צו אַ נייער געשטאַלט. דער סדר פון די "שטימען" און פון די פּאָטענציעלע העלפערס איז אויסגעהאַלטן: טאַטע — מאַמע — ברודער — שוועסטער זאָגן אָפּ, זיי ווערן נעגאַטיווע העלדן, און די איינציקע, לעצטע האָפענונג פון דערלייזונג איז "דער ליבער גאָט" אַליין.

פון וואנען אָבער קומען פ י נ ף געשטאַלטן אין אונדזער באַלאַדע? כדי צו פאַרענטפערן די פראַגע מוזן מיר אָנקומען צו יידישע און ניט-יידישע פּאַראַלעלן, אָבער שוין איצט דאַרף אָנגעוויזן ווערן אויף דער נאָענטקייט פונעם טעקסט מיט דער באַלאַדע פון דער פּאַרקויפטער מיִלנערין. די בשותפותדיקע עלעמענטן זיינען: די געשרייען (דריי שטימען -- פינף געשרייען) און די פּאָטענציעלע העלפערס פון וועלכע דריי זיינען אידענטיש: מוטער, ברודער, גאָט.

לאָמיר אָנהויבן מיט אַן אַלט-העברעאישן וואַריאַנט (78) וואָס געהערט צו דער סטרוקטור (ב׳ 3) און פאַרשפּרייט אַ סך ליכט אויף אונדזער פּראָבלעם. די דריי העלדן זיינען (אין קלאַמערן ווערן דערמאָנט מאָטיוון אין די וואַריאַנטן):

1. אַ יונגערמאַן נאָך זיין חתונה (אין זיין חופּה-נאַכט) (+).
2. דער מלאך-המות וואָס איז געקומען נעמען זיין נשמה (—).
3. דער פּאָטענציעלער העלפער, וואָס דער (+) רופט אים, כדי ער זאָל אים העלפן און אויסקויפן אים מיט זיין אייגן לעבן. דער (—) האָט זעלבסט-פאַרשטענדלעך איינגעוויליקט אויף דעם ("נפש תחת נפש") און מסכים געווען צו שענקען דאָס לעבן דעם קרבן, אויב ער וועט געפינען אַ "שטעלפאַרטרעטער". דער קרבן רופט דריי פּאָטענציעלע העלפערס. די צוויי ערשטע וואַקלען זיך און אַנטלויפן זעענדיק דעם מלאך-המות ("שאיני יכול לסבול") און ווערן דעריבער (—). נאָר דער דריטער איז גרייט אויסצולייזן דעם (+), און דערפאַר ווערט ער אַליין אַ (+). די דריי אָנגערופענע העלפערס זיינען:

א. דער פאָטער.

ב. די מוטער (אין דעם העברעאישן טעקסט, אונטן: "די אַלטע").

ג. די כלה.

לאָמיר טאַקע ברענגען דעם פולן העברעאישן טעקסט (78):

לא השלים (מלאך המות שבא לקחת את נפש הבן) דבריו, עד שבא אָביו מבית הכנסת, וידיו על ראשו, צווח ובוכה על פרי מעיו; ונפל לפני מלאך המות ואמר לו: — בבקשה ממך שתטול את נפשי תחת בני! מיד לבש עליו מלאך המות ארבעה בגדי אכזריות — אף וחמה, חרון אף וקצף גדול — ונזדיין עליו כגיבור יוצא למלחמה; שלף חרבו מתערה והניח רגלו על צווארו כדי להכותו. מיד נזדעזעו מאתיים וארבעים ושמונה איברים שיש בו; ועמד וברח מתחתיו ואמר לו: — למי שאתה שלוח ליטול את נפשו לך וטול את נפשו, שאיני יכול לסבול במה שבאָת עלי.

וכיוון שראתה זקנתו, נפלה ושערה סתור מפולשת בעפר; אמרה לו: — בבקשה ממך, שתטול את נפשי תחת פרי מעי! והיא גועה ובוכה. מיד לבש לה

מלאך המוות ארבעה בגדי אכזריות — אף וחמה, חרון אף וקצף גדול — ונזדיין עליה כגיבור יוצא למלחמה; ושלף חרבו מתערה והניח רגלו על צווארה כדי להכותה. מיד ברחה מתחתיו ויצאה ונעלה הדלת אחריה ואמרה: למי שאתה שלוח ליטול את נפשו, לך וטול את נפשו, שאיני יכולה לסבול במה שבאת עלי.

באותה שעה שראתה כלתו של אותו הנער המראה הגדול הזה, ירדה מחופתה ונפלה לפני מלאך המוות ואמרה לו: — בבקשה ממך שתטול את נפשי תחת הנער הזה, והנח לו שישבע ימיו... מיד לבש עליה ארבעה בגדי אכזריות ושלף חרבו מתערה והניח רגלו על צווארה. אמרה לו: — גמור מלאכת מלך מלכי המלכים ששילחך! ונתבהל עליה פעם שניה ושלישית, ולא חזרה אלא אמרה: — גמור מלאכת מלך מלכי המלכים!

מיד נתרחם עליה מלאך המוות, ונפלה דמעה של רחמים מעין מלאך המוות...

אין די פּאַראַלעלן ווערן אויסגעלאָזט די מאָטיוון פון טאַטע-מאַמע וואָס האָבן מורא פאַרן מלאך-המות, און זיינען דערפאַר מוותר אויף זייער זון. ס׳פּאַסט ניט פאַר דער יידישער משפחה-קאָנצעפּציע אַז פרויען-ליבע זאָל זיין שטאַרקער פון עלטערן-ליבע, און אַז דווקא די כלה זאָל זיין די איינציקע וואָס האָט ניט מורא פאַרן מלאך המות און איז גרייט זיך מקריב צו זיין: ״זאָלסט נעמען מיין נשמה אָנשטאָט דעם דאָזיקן יינגל, און לאָז אים אָפּ...״

ביים אַנאַליז פון די פּאַראַלעלן זעט מען בפירוש די שפּורן פון דער צענזור-רעדאַקציע. די עלטערן ווערן טאַקע דערמאָנט, אָבער דער בולטער אונטערשיד צווישן זיי און צווישן דער כלה איז שוין ניטאָ. אין דער הינזיכט שטימען די העברעאישע פּאַראַלעלן פון די דערציילונגען מיט די יידישע פּאַראַלעלן פון די לידער. דאָ אין דאָרט ווערט פאַרקלענערט די ראָל פון דעם מקורדיקן העלפער און אויסלייזער, און דאָס אָפּזאָגן זיך פון די עלטערן ווערט אויסגעמעקט.

אָט איז אַ זייער פאַרשפּרייטער העברעאישער טעקסט (79), וואָס פאַרמאָגט גאָר שוואַכע אָנצוהערענישן, און ווען ניט דער פריער געבראַכטער וואַריאַנט, וואָלטן די אָנצוהערענישן געבליבן פאַר אונדז אין גאַנצן אומפאַרשטענדלעך:

״הלך (החתן) לאביו ולאמו. מייד עמד רבי ראובן אביו ונתעטף והיה מתפלל ומבקש רחמים על בנו; והיה הבן בוכה כנגדם ומחבקם ומנשקם. ויצא ואמר למלאך המות: — תן לי רשות, אפייסך מאוד, עד שאכנס לחופתי ואנשק לארוסתי. אמר לו: — לך. הלך אצל אשתו... אמרה לו: — עמוד כאן ואני אלך לדבר עם מלאך המות...״

מען פאַרשטייט ניט פאַרוואָס דער זון וויינט, האַלדזט און קושט טאַטע-מאַמע. איצט איז דאָס אַן אָפּשייד-סצענע, אָבער מיר פאַרשטייען אַז פאַרן זון איז ניט גענוג דעם פאָטערס דאַווענען. ער פאַרלאַנגט פון זיי אַ קרבן,

און דערצו זיינען טאטע-מאמע ניט גרייט. נאָר די כלה שטעלט איין איר לעבן.

די לייזונג פון דעם אייביקן קאָנפליקט צווישן מענטש און מלאך המות, צווישן לעבן און טויט, איז אין אלע וואריאנטן פון אונדזער דערציילונג סימבאָליש, און די דאָזיקע סימבאָלישקייט האָט אן אוניווערסאלן פארנעם. ווייל אויך די גריכישע אלקעסטיס (80) און די אינדישע סאוויטרי (81) האנדלען אזוי ווי אונדזער כלה, און זיינען גרייט אוועקצוגעבן זייער אייגן לעבן כדי צו ראטעווען זייער מאן (געליבטן), נאָך דעם ווי טאטע-מאמע און אנדערע "בלוט-קרובים" האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו טאָן דאָס זעלבע.

די סימבאָלישקייט באשטייט אין דעם, וואָס נאָר ליבע (צווישן מאן און ווייב) קען באזיגן דעם מלאך המות. נאָר זי טראָגט אין זיך דעם קערן פון אומשטערבלעכקייט. און מיר ווייסן דאָך, אז ליבע ווערט אידענטיפיצירט אין דעם גאנצן אלטן אָריענט (און ניט נאָר דאָרט) מיט פּרוכטבארקייט, און קינדער האָבן. מיינט דאָס טאקע אז נאָר דער המשך (די קאָנטינואיטעט, די צוקונפטיקע דורות) איז דער אמתער נצחון פונעם לעבן איבערן טויט; ווייל "לעבן" איז דאָך ניט דאָס לעבן פון אן איינציקן מענטש, נאָר דאָס לעבן אין תוך גענומען אלס אידיי. די האָפענונג, די אויסזיכטן, די צוקונפט (די פרוי, די ליבע, די קינדער) זיינען שטארקער און האָבן מער אויסזיכטן צו באזיגן דעם מלאך המות ווי די זכרונות, די פארגאנגענהייט (טאטע-מאמע), און אפילו ווי דער געראנגל אין דער קעגנווארט (שוועסטער-ברודער).

לאָמיר אויפצייכנען סיסטעמאטיש די אורשפּרינגלעכע סטרוקטור ב׳ 3 און אירע שפּעטערע אנטוויקלונגען:



1. די צוויי קעגנערס, (+) און (—), זיינען חתן (כלה) און מלאך המות.

2. די דריי העלפערס (ה): 1 — פאָטער (מוטער, עלטערן); 2 — ברודער (שוועסטער); 3 — כלה (חתן, בן-זוג אָדער בת-זוג).

די דרייהייט פון די אָנגערופענע וואָס איז, ווי געזאָגט, איינער פון די

פּאַרמוליסטישע און נאַרראַטיווע פורעם-סימנים קען האָבן צוויי טיילונג-מעגלעכקייטן: 2+1 (צוויי מאָל ניט געפּועלט, נאָר צום דריטן מאָל יאָ געלונגען), און 3+1 (דריי מאָל דורכגעפאַלן, דאָס פערטע מאָל — געוואונען). עס לייגט זיך אויף דער דעה אַז טאַטע-מאַמע, ווי פאַרשטייערס, פונעם עבר אליין און שוועסטער-ברודער ווי מיטצייטלערס, קעגן חתן-כלה ווי צוקונפטיקע האָפענונג, זיינען געווען די אורשפּרינגלעכע (2+1) סטרוקטור פון דער העלפער-דרייהייט. יעדע געזעלשאַפט האָט זיך מן-הסתם אויסגעוויילט פון די פיר מעגלעכע קרובים די צוויי (אין דער דרייהייט 2+1) אָדער די דריי (אין דער דרייהייט 3+1), וואָס ווערן באַטראַכט אין דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער סביבה אלס מישפּחה-באַשיצער. ס׳ווערט אויך אָפּגעהיט די ליטעראַרישע שטייגערונג: אַזוי ליגט ביסוד דער גראַדירטער דרייהייט אין דעם פריערדיקן העברעאישן טעקסט דער יסוד פון רחמנות (״טרער פון רחמים״), אין דעם וואַריאַנט קומט נאָך דעם פאָטער די מער דערבאַרעמדיקע מאַמע. אַנדערש איז דאָס אין אַ סביבה וואו די פרויען האָבן קיין שום השפּעה ניט; דאָרטן ווערן די ערשטע צוויי גלידער פון דער פּאַרמוליסטישער קייט זיין: פאָטער, זון.

אין שפּעטערע וואַריאַנטן ווערט די קאָנפראָנטאַציע גאָר רעאַליסטיש:

1. די צוויי קעגנערס, (+) און (—), זיינען אַ מיידל און אַ רויבער-מערדער.

2. דער לעצטער פון די העלפערס, דער (+), איז דער ברודער, וואָס איז, לויט די געזעלשאַפטלעך-ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען, דער נאַטירלעכער באַשיצער פון זיינע יונגערע שוועסטערס און ברידער. אַזוי זינגט טאַקע בפירוש אַ פּוילישער וואַריאַנט פון ראַדאָם וועגן אַן עלטערן ברודער (82):

סלישאל טשי יאָן סלישאל
סטאַרשי בראַט נאַ גוזשע
אי ספּושטשאַ סיען דאָ ניעי
פּאָ יעדוואַבנים שנוזשע.

אין שפּעטערדיקע, רעליגיעזע און געשריבענע וואַריאַנטן, ווערט פון דעם ליד אַ ״קאַנט-פאַבל״ (83), — אַ דערציילונג מיט אַן אינקאָרפּאָרירט ליד, און פון די דריי העלפערס ווערן זיבן און אפילו מער העלדן. אָט האָבן מיר אַ ווילנער וואַריאַנט מיט גאַנצע דרייצן (!) העלפערס. נאָר דער ליבער גאָט העלפט דאָס פאַרבלאָנדזשעטע מיידעלע און איז גורם דערצו, אַז אַ נס פון הימל ראַטעוועט זי:

אַ מאָל האָט אַ מיידעלע פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד. מיט אַ מאָל האָט זי דערזען אַ גזלן. האָט דער גזלן זי געוואָלט הרגענען, האָט די מיידל אים געזאָגט: לאָז מיך אויסשרייען דרייצן געשרייען און דערנאָך וועסטו מיך הרגענען.

דעם ערשטן געשריי שריי איך דאָך,
דעם ליבן טאַטן רוף איך דאָך.
העלף מיר, טאַטע, אין מײַנע נויטן,
אַז דער גזלן וויל מיך טויטן.

די ווײַטערע סטראָפן רופן: "דער ליבער מאַמען... דעם ליבן ברודער... דער ליבער שוועסטער... דעם ליבן פעטער... דער ליבער מומען... דעם ליבן זיידן... דער ליבער באָבען... דעם ליבן שכן... דער ליבער שכנטע... דעם ליבן חבר... דער ליבער חברטע..."

די לעצטע סטראָפע איז:

דעם דרײַצנסטן געשריי שריי איך דאָך.
דעם ליבן גאָט רוף איך דאָך.
העלף מיר גאָט אין מײַנע נויטן,
אַז דער גזלן וויל מיך טויטן.

איז פון הימל אַראָפּגעפאַלן אַ פײַער און פאַרברענט דעם גזלן.

אונדזער סטרוקטורעלער צוגאַנג צו די אַלע געבראַכטע און אָנגעוויזענע וואַריאַנטן געגלידערט לויט פיר טיפּן (א׳, ב׳1, ב׳2, ב׳3), פון אַן איין-און-איינציקער סטרוקטור, באַווײַזט אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן איין-און-איינציקן באַלאַדע-מאָטיוו. דאָס הייסט, אַז אויך די באַלאַדעס וואָס לכאורה איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן זיי, און זיי זײַנען ביז איצט אַפילו קלאַסיפיצירט געוואָרן ווי פאַרשיידענע דערציילונגען (פּריער, זז׳ 178-179, נג׳ 4, 13), זײַנען ניט מער ווי אַן איין-און-איינציקע באַלאַדע.

אָט איז דער אָנהייב פון אַ פּאָגראָם-קינה (85) וואָס געהערט צו אונדזער סטרוקטור:

דאָרט און דאָרט און אויף די שטיינער,
דאָרט זיצט אַ כלה אין אַ חופּה-קלייד.
און לעבן איר שטייט אַ מערדער איינער
און האַלט דעם חלף אָנגעגרייט.

אָנשטאָט אַ מיידל האָבן מיר דאָ אַ כלה, אָנשטאָט אַ רויבער — אַ פּאָגראָמשטשיק — אַ מערדער, אָבער די סטרוקטור (א׳) איז אומפאַרענדערט.

אונדזער סטרוקטור, וואָס איז לכתחילהדיק עפּיש און דערציילעריש, איז אויך אַרײַנגעדרונגען אין ליִרישע פֿאָלקסלידער. אַזוי צ"ב (86):

זיץ איך מיר אויפן בענקעלע
און פאַרפלעכט מיר מײַנע צעפּאַלעך;
גייט פאַרביי, אוי, אַ שניידער-יונג
און זאָגט, אַז איך בין נישט ערלעך.

ער זאָגט, אז ס׳איז טינט,
איך זאָג, אז ס׳איז פּענעס;
ער זאָגט, אז ער האָט מיך ליב,
און איך זאָג, אז ס׳איז נישט אמת.

זיץ איך מיר אויפן פענסטערל
און פארקעם אויף מיינע הערעלעך;
גייט פארביי, אוי, א שוסטער-יונג,
און זאָגט, אז איך בין נישט ערלעך...

דער קאָנפליקט אין דעם ליבע-ליד איז א שפּור פון דער באלאדנארטיקער סטרוקטור. אזוי אויך די שרידים פונעם אורשפּרינגלעכן דיאלאָג און פון דער מהותדיקע קאָנפראָנטאציע, וואָס איז, אין תוך געמומען, פיינדלעך.

יעדעס ליבע-ליד וואָס קען אינקאָרפּאָרירט ווערן אין אונדזער סטרוקטור-סכעמע, איז אין תוך גענומען אַן עפּיש און ניט קיין ליריש ליד. אפילו אז דאָס ליד באקומט שפּעטער אַן אויסגעשפּראָכענע לירישע פורעם, איז דער סטרוקטורעלער אריינפיר אַן עדות פון אַן אורשפּרינגלעכער באלאדע. אזוי צום ביישפּיל האָט י. ל. כהן קלאסיפיצירט די צוויי ווייטערדיקע לידער אלס ״ליבע לידער״, אָבער דער סטרוקטורעלער צוגאנג באווייזט אונדז, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט באלאדנארטיקע לידער, ווייל זיי פארמאָגן די הויפּט-סימנים פון אונדזער פריער אויסגעפירטער סטרוקטור-סכעמע:

— ״ווער קלאפּט דאָס אזוי שפּעט ביי נאכט?״
— ״אשרקע קאדאנטשיק!
חיה-שרה׳לע, עפן מיר,
איך בין דאָך דיין קאָכאנטשיק!״
— ״איך וועל דיר ניט עפענען... (87)

און דאָס צווייטע, אויך זייער פארשפּרייטע ליד (88):

— ״קליפּ, קלאַפּ אין גאָלדן טיר,
מיין טייער לעבן, עפן מיר״.
— ״עפענען דיר וועל איך נישט
און אריינלאָזן דיך אוודאי נישט״.

וואָס שטארקער די דיפערענציאציע צווישן די צוויי דיאלאָג-פערסאָנאזשן, (89), דעסטאָ אורשפּרינגלעכער איז דער עפּישער שטאָף פונעם ליד.

א סך מאָל טרעפן מיר א באלאדע-וואריאנט, וואָס נאָר דער פארגלייך מיט דער סטרוקטור קען באווייזן אז ער איז פארקריפּלט און צעזונגען.

אָט איז א זיבן-סטראָפיק ליד פארשריבן פון א סלאָנימער איינוואוינער (90).

זיצט א מיידל ביי דער פיאנע
זיצט און רעדט צו זיך אליין:
איך בין שיין, מיין פאָטער איז רייך
און צו מיר איז קיינער ניט גלייך.

גייט אריין אן אלטיטשקער מאַן
און רעדט איר איבער די זעלבע רייד:
דו ביסט שיין, דיין פאָטער איז רייך
און צו דיר בין איך אזוי גלייך.

— זיידעניו, הארצעניו, זאָג זשע, זאָג ווער ביסטו?
— איך בין דער שליח פון פעלדער און וועלדער
און נעם צו מיידלעך פון אלערליי לענדער.

— זיידעניו, הארצעניו, טאָ נא דיר אוועקעט
די שטוב און דאָס גאָלד.
— די שטוב און דאָס גאָלד זאָל זיך נאָך שטיין
ווען מ׳וועט דארפן, וועט קומען אליין.

— זיידעניו, הארצעניו, טאָ נא דיר אוועקעט
די שאפע מיט ספרים.
— די שאפע מיט ספרים זאָלן נאָך ליגן,
ווען איך וועל עס דארפן,
וועל איך עס קריגן.

הערט אויס, מענטשן, וואָס האָט פאסירט:
געווען איז א מיידל, זי האָט זיך גערימט,
זי איז שיין, איר פאָטער איז רייך
און צו איר איז קיינער ניט גלייך.

ארויסגענומען פון א ליכטיקן שטוב,
אריינגעלייגט אין א פינצטערן גרוב,
בארימען טאָר מען זיך קיין מאָל ניט,
ווייל עס קומט א שלעכטער סוף.

אז מיר פארגלייכן דאָס ליד מיט די פריער געבראכטע ווואריאנטן, זעען מיר די שוואכע פונקטן: דאָס מאָדערנע מיידל שפילט פיאנע, דער מלאך המות איז "דער שליח פון פעלדער און וועלדער", ס׳איז פארהאנען א מוסר-השכל — די אלע ענדערונגען קומען ווארשיינלעך פון געקינצלטע טעאטער-קופלעטן. ס׳איז אינטערעסאנט אז דאָס מיידל בעט זיך דאָ דירעקט ביים אלטיטשקן מאַן (אזוי ווי אין אונדזער סטרוקטור ב׳ 2), און וויל זיך ביי אים אויסקויפן, פאָרלייגנדיק אים א שטוב מיט גאָלד (91) און א שאפע מיט ספרים (דער דריטער פאָרשלאג פעלט).

א סך בעסער און אויסגעהאַלטענער זיינען די וואַריאַנטן פון וועלכע ס׳איז קלאָר אַז אויך דער פריער געבראַכטער טעקסט געהערט צו דער סטרוקטור ב׳ 3. דאָס מיידל האַפּט אַז אירע קרובים וועלן זי אויסלייזן. אורשפּרינגלעך איז דאָס געווען דער מאָטיוו פון א קרוב וואָס איז מקריב זיין לעבן כדי אויסצולייזן דעם פּאָזיטיוון העלד. אָבער אין די נאָרמאַטיווע טעקסטן וואָס האָבן אונדז דערגרייכט פאַרלאַנגט דער העלד אַז טאַטע-מאַמע, שוועסטער-ברודער א.א.וו. זאָלן אים אויסלייזן און אָפּקויפן פונעם מלאך-המות. די רייד איז ניט וועגן א לעבנס-קרבן, נאָר וועגן א מאַטעריעלן אויסקויף. אין איינעם פון די וואַריאַנטן איז דאָס גאָלד פון שטוב (92); אין אן אַנדערן — ״אַלץ פון שטוב, די גאָלדענע שטול, דאָס קינד פון דער וויג״ (93), אין א דריטן — טונען מיט גאָלד, א קינד פון וויג (94).

אין ענלעכן סטרוקטורעלן אַנאַליז קען מען דורכפירן ניט נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיטן יידישן אוצר פון פאָלקס-באַלאַדעס און פאָלקס-דערציילונגען. אָט זיינען עטלעכע אָנהייבן פון ניט-יידישע באַלאַדעס (95):

א שעפערין א שיינע
גייט אין דעם וואַלד אַליין,
און פּלוצים זעט זי פאַר זיך
א יונגן ריטער שטיין.

שוין אין דער צווייטע סטראָפע ווערט עס קלאָר אַז דאָס טרעפן זיך פון דער שעפערין מיטן ריטער פירט צו אן עראָטישן קאָנפליקט, ווייל דעם ריטערס גוואַלד-טאַט געשעט קעגן מיידלס ווילן:

האָט אויף דער ערד געלייגט זי
אין זעלבן אויגנבליק;
טוט מיט איר וואָס אים ווילט זיך
און הייבט זי אויף צוריק.

אין אן אַנדער צוזאַמענטרעף באַזוכט א גייסט זיין ערדישע געליבטע (96), אָבער ווי ס׳ווייזט זיך אַרויס, איז אויך דאָ פאַראַן א קאָנפליקט:

א גייסט איז געקומען צו מאַרגאַרעטס הויז
א מאָל אין א פינצטערער נאַכט,
און ער האָט געקלאַפּט און געקלאַפּט אין דער טיר,
די טיר איז געבליבן פאַרמאַכט.

ס׳טרעפט אַז דער אָנהייב פון א באַלאַדע דערמאָנט נאָר צוויי העלדן און נעמט ניט אָן קיין שטעלונג צו זיי. אָבער מיר קענען זיין זיכער אַז ס׳איז פאַראַן א קאָנפליקט צווישן די צוויי, כאָטש ער ווערט איבערהויפּט ניט דערמאָנט. אָט איז דער אָנהייב פון אן ענגלישער באַלאַדע (97):

עס איז געווען אין בונטן הערבסט
ווען בלעטער פון די בוימער פאלן;
געוואָרן איז דזשאָן גראהאם קראנק
פון ליבע צו בארבארא אלען.

ערשט די ווייטערדיקע סטראָפעס באווייזן אז די דערמאָנטע ליבע איז געווען איינזייטיק און מאכן בולטער דעם קאָנפליקט.

און אָט איז דער אָנהייב פון אן אלט-פראנצויזישער פאָלקס-באלאדע (98):

זשערמין איז איין פרימאָרגן
ארויס אויף א שפּאציר,
און פּלוצים דריי מאטראָזן
זיי וואקסן אויס פאר איר...

כאָטש די מאטראָזן האָבן גאָר אנדערע כוונות פון די פריער-דערמאָנטע מערדערס און רויבערס, איז ניטאָ קיין סטרוקטורעלער אונטערשייד צווישן די לידער און זייערע העלדן.

מיר ווילן פארענדיקן אונדזער איבערבליק מיט א פּאָר באלאדע-אריינפירן פון איציק מאַנגערס ליד און באַלאַדע (ישראל אויסגאבע), אנאליזירנדיק די דריי ערשטע "באַלאַדעס" (אזוי אָנגערופן פונעם דיכטער אליין) אין דער זאמלונג:

די באלאדע פון די שבת־ליכט (99)

שטייט דער מאָנאך אין פינצטערן צעל
און זיינע אויגן ברענען —
"יונגע מכשפה, ווען וועסטו אמאָל
דעם זילבערנעם צלם דערקענען,
און יעזוסן אונדזער האר?"

זאָגט דאָס מיידל: "ווי קען איך דען
אין האנט דעם צלם נעמען"...

דאָ האָבן מיר א נאָרמאטיוון באלאדע-אָנהייב. די יונגע מכשפה (סטר' 1, פערז 3) איז א יידיש מיידל, פון וועמען דער שווארצער מאָנאך פארלאנגט זי זאָל קושן דעם צלם.

די באלאדע פון דעם כלה־שלייער (100)

מיטן-נאכט האָט אויסגעקלונגען
צוועלף שארפע, שווארצע קלאַנגען.
וויינט דאָס בלייכע כלה-מיידל: —

״ווער וועט מיר דעם שלייער שפּינען?
ס'איז מיין פאַדים אויסגעגאַנגען!״

עפּנט זיך די טיר פּאַמעלעך.
זיבן זקנות, שטילע בלייכע
הינקען טיף אין שטוב אריין,
אויגן — אָוונט-שאָטנס ווייכע: — ...

דאָ האָבן מיר א פּאָעטיזירטן, לענגערן ווי געוויינלעך, באַלאַדע-אריינפיר. דער קאָנפליקט איז צווישן כלה-מיידל און די זיבן זקנות — וואָס זיינען א קאָלעקטיווער נעגאַטיווער העלד, ווי די דריי סוחרים אָדער רויבערס וואָס זיינען קאָלעקטיוו גענומען אַן איינס. מיר מוזן געדענקען, אז אין דעם אויסלאָז פונעם ליד שטאַרבט דאָס כלה-מיידל, און די זיבן זקנות זיינען דער גורם פון איר טויט.

די באַלאַדע פון ווייסן ברויט (101)

שטייען מאַמעס אין צעריסענע שאַלן
אויף טונקעלע אָוונטיקע שוועלן.

בלייכע געזיכטער. פאַרלאָשענע פינגער. —
דרייצן אָפּאָסטלען פון דעם הונגער.

צינדט דער אָוונט איבער זייערע קעפּ
די לבנה אָן, ווי א ברויט א ווייס.

שטרעקן די מאַמעס פאַרלאַטעטע הענט,
טרויעריק צום ווייסן ברויט געווענדט.

דאָ האָבן מיר א פּערזענלעך פּאָעטיזירטע באַלאַדע. די לבנה, אידענטיש מיטן ברויט, איז זייער שטאַרק פּערזאָניפיצירט און שפּילט די ראָל פונעם נעגאַטיוון העלד.

אזוי, לויט דעם סטרוקטורעלן צוגאַנג, קען מען אויך אַנאַליזירן דעם גאַנצן אוצר פון דער יידישער פאָלקס-און קונסט-באַלאַדע (אויך אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאָלקס-מעשהלע), און דער אויספיר וועט זיך ניט ענדערן:

דער קאָנפליקט אין דער יידישער פאָלקס-באַלאַדע איז אזוי שטאַרק און דאָמינירנד, אז מען קען מיט דער הילף פון דער איינציקער באַלאַדע-סטרוקטור אַנאַליזירן אונדזער גאַנצן באַלאַדע-אוצר. אלע מאָל ווען דאָס באַלאַדיק ליד ווייכט אָפּ פון דער סטרוקטור איז עס ניט געוואָרן קיין פאָלקס-באַלאַדע, ד״ה ס'איז ניט געזונגען און ניט טראַדירט געוואָרן פון די פאָלקס-מאַסן.

דאָס איז טאַקע דער הויפּט-אונטערשייד צווישן דער יידישער פאָלקס-באַלאַדע און די יידישע קונסט-באַלאַדעס, א טייל פון זיי פאַרפאַסט פון גאָר

וואָגיקע יידישע פּאָעטן. זייענדיק ווייט פון דער פאָלקס-סטרוקטור איז עס א גרויסער ספק, צי דער נאָמען "באַלאַדע" איז פּאַסיק פאר זיי. אין דער הינזיכט זיינען איציק מאַנגערס באַלאַדעס אַן אויסנאַם, וואָס האָבן, ווי אויפגעוויזן פריער, אין דעם מאַנגער-אָפּקלייב, אָפּגעהיט די אָריגינעלע פאָלקס-סטרוקטור און מיט איר דעם מקורדיקן באַלאַדנדיקן פאָלקס-טעם.

באמערקונגען

1. די ייוואָ-ביבליאָגראַפיע, ניו-יאָרק 1943, פארמאָגט א רשימה פון איבער 2500 ביכער, זשורנאַלן, בראָשורן, אַרטיקלען, רעצענזיעס א.א.וו., וואָס דער ייוואָ האָט פּובליקירט אין די יאָרן 1925—1941. 131 פון זיי זיינען דאָרט קלאַסיפיקירט אין דער אָפּטיילונג "פאָלקלאָר, עטנאָגראַפיע" (זז' 135—145), און צווישן זיי איז די אונטער-אָפּטיילונג "פאָלקסלידער" די רייכסטע: 31 נומערן (מינהגים — 18; גליי־בונגען און פאָלקס-מעדיצין — 16, אזוי אויך פאָלקס-מעשיות און מסורות; שפּריכ־ווערטער און זאָגענישן — 10). אויך ביי וויינרייך-ביבליאָגראַפיע (זען סוף פון אונדזער אַרטיקל, די רשימה פון די ביכער און מקורים וואָס ווערן ציטירט געקירצטער־הייט), וואו די פאָלקלאָר-אָפּטיילונג פאַרנעמט 228 נומערן (254—481), שטייט דאָס פאָלקסליד אויבן-אָן מיט 54 נומערן (פאָלקס-דערציילונג און מעשה'לע — 36, הומאָר — 26, פאָלקס-מעדיצין און מאַגיע — 11).

2. פ"גל כהן-שטודיעס ז' 5 (מאַקס וויינרייכס הקדמה), און כהן-פאָלקסלידער זז' 5—6, 11—65 (באַלאַדעס און באַלאַדנדיקע לידער, נג' 1—50), 528 (באמערקונג!), שאַצקי-כהן זז' 32, 38.

3. שאַצקי-כהן ז' 35: "כהן איז פון אונדז אוועק אין דער בליציייט פון זיינע יאָרן, גראָד אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן גוטע מעגלעכקייטן פאַר א ברייטער פאָלקלאָריסטישער אַרבעט. אין ייוואָ האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשיילן יונגע פאָלקלאָריסטן, וואָס האָבן געקוקט אויף כהנען, ווי אויף זייערן א לערער. כהן האָט מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפאָלגט זייער אַרבעט, געגעבן זיי אינסטרוקציעס, געשריבן לאַנגע וואַרעמע און חברישע בריוו. ער האָט שוין געזען יורשים פאַר זיין אַרבעט..."

4. זען ש. ז. פּיפּע, "יהודה לייב כהן: פערציק יאָר פאָלקלאָריסטישע אַרבעט", ליטעראַרישע בלעטער (וואַרשע) 1936, נ' 49; כהן-שטודיעס זז' 171—193, 316—351 (כהנס בריוו צו ש. ז. פּיפּע). וועגן ש. ז. פּיפּע זען די הקדמות צו פּיפּע-סאָניק זז' 5—14; דאָרטן ז' 16, ווערט געבראַכט א ביבליאָגראַפישער אָפּקלייב פון זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. זען אויך מ. וויינרייכס "יזכור" אַרטיקל אין ייוואָ-בלעטער ב' XXVI (1945), זז' 14—15. חשוב פאַר דער באַלאַדע-פאָרשונג זיינען פּיפּעס באמערקונגען צו די 18 באַלאַדעס געדרוקט אין כהן-פאָלקלאָר זז' 1—15; זען דאָרטן ז' 303. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אז אין דעם וויסנשאַפטלעכן סך-הכל וואָס ד"ר י. שאַצקי האָט אוועקגעשטעלט דעם פּוילישן פּעריאָד פון ייוואָ אין זיין רעפעראַט ביי דער דערעפענונג

פון דער פינף און צוואַנציק יאָריקער יובל־קאָנפערענץ פון ייוואָ, דעם 13טן יאַנואַר 1951 (פ״גל **שאַצקי־בוך**, ניו־יאָרק — בוענאָס־איירעס 1958, זז׳ 303—317: ״פינף און צוואַנציק יאָר ייוואָ״), האָט ער אלסביישפיל פונעם אויפקום פון וואָגיקע יונגע פאָרשערס געבראַכט דעם איינציקן נאָמען פון ש. ז. פּיפּע. זען **דאָרסאָן** ז׳ 312: ״ספּעציעל האָט דער יידישער פאָלקלאָר מצליח געווען מיט א יונגן אספּיראַנט, וואָס איז ארויס פון די רייען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, דער שניידער־יונג פּיפּע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ערנסטן צוגאַנג צו יידישן פאָלקלאָר און האָט דורך אליין־בילדונג דערגרייכט זייער וואָגיקע רעזולטאַטן. צווישן אונדזערע קדושים איז אויך זיין נאָמען פארשוואונדן אין תהום פון דער קאָלעקטיווער קאַטאַסטראָפע״.

דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים האָט באַשלאָסן צו פּובליקירן, אין א וויסנשאַפטלעכער אויסגאַבע, ש.ז. פּיפּעס פאָלקסליד־עזבון, וואָס פאַרמאָגט א פּאָר הונדערט פאָלקסלידער געזאַמלט אין גאַליציע. די מוזיקאַלישע רעדאַקציע פון דער זאַמלונג (די לידער זיינען פארשריבן אָן נאָטן) האָט איבערגענומען מאיר נוי.

5. זען בערל ראַבאַכס זכרונות אין **פּיפּע־פּאָניק** ז׳ 19.

6. פ״גל אין די ביידע דערמאָנטע ביבליאָגראַפיעס, באַמ׳ 1, די אַרבעטן פון: אַנדערסאָן, אַנסקי, אַריסטע, ביסטראָן, דאָברושין, דוואָרקין, גאָלדבערג, הרושאָווסקי, וויינרייך, זיבערט, לאַנדוי, סקודיצקי, ראַבינאָוויטש, רות רובין.

7. זען **מלאָטעק** זז׳ 209—228.

8. **דאָרסאָן** זז׳ 232—252.

9. פ״גל אויך מלאָטעקס פריערדיקע אַרבעט און די וויכטיקע היסטאָרישע הקדמה **דאָרסאָן**: Eleanor Gordon Mlotek, "America in East European Yiddish Folksong", *The Field of Yiddish* I (1954), pp. 179-195.

10. זען **דאָרסאָן** ז׳ 180.

11. יידישע וואַריאַנטן ביי **מלאָטעק** ז׳ 211 באַמ׳ 6, ניט־יידישע ביי **טשיילד** נ׳ 12: ״לאָרד ראַנדאַל״.

12. **מלאָטעק** ז׳ 213 באַמ׳ 10, **טשיילד** נ׳ 6: ״ווילליס ליידי״, נ׳ 91: ״די שיינע מערי פון וואַלינגטאָן״.

13. **מלאָטעק** ז׳ 214 באַמ׳ 13, **טשיילד** נ׳ 64: ״די שיינע זשאַנעט״, נ׳ 65: ״ליידי מייסרי״.

14. **מלאָטעק** ז׳ 215 באַמ׳ 16; דאָ געהערט אויך דאָס דיאַלאָג־ליד פארשריבן אין פּאָדבראָדז ביי ווילנע (**כהן־פאָלקלאָר** נ׳ 17, זז׳ 14—15); זען ווייטער ז׳ 220, פּאַראַלעלן ביי **טשיילד** נ׳ 4: ״ליידי איזאַבעל און דער פאַלשער ריטער״. פ״גל דערצו די מאָנאָגראַפיע קעמפּינעץ־ליידי.

15. **מלאָטעק** ז׳ 217 באַמ׳ 23, **טשיילד** נ׳ 17: ״היינד האָרן״, נ׳ 105: ״די טאָכטער פון איילינגטאָן״.

16. מלאַטעק ז' 219 באמ' 33, טשיילד נ' 75: "לאָרד לאוועל". אין אמעריקע איז די זייער פּאָפּולערע באַלאַדע באַקאַנט אלס "באַרבאַרא אַלען"; פּ"גל ווייטער, באמ' 97. און טשיילד נ' 84 ("באָני באַרבאַרא אַלען"). זען אויך
Mieczyslaw Kolinski, "Barbara Allen: Tonal versus melodic structure", *Ethnomusicology* XII (1968), pp. 208-218, XIII (1969), pp. 1-73.
דאָרטן ז' 7 ווערט סטרוקטורעל אַנאַליזירט דער מעלאָדיע־אַנהייב פון כהן־פאָלקסלידער 72.

17. מלאַטעק ז' 220 באמ' 41, טשיילד נ' 56: "דייוועס און לאַזאַרוס".

18. מלאַטעק ז' 221 באמ' 44, טשיילד נ' 276: "דער מאָנאַך אין ברונען".

19. מלאַטעק ז' 222 באמ' 47, טשיילד נ' 274: "אונדזער גוטער מאַן".

20. מלאַטעק ז' 223 באמ' 53, טשיילד נ' 1: "די קלוג געלעזטע רעטעניש ן".

21. מלאַטעק ז' 225 באמ' 57, טשיילד נ' 2: "דער עלפֿן-ריטער".

22. מלאַטעק ז' 234 באמ' 3; ענגלישע פּאַראַלעלן ווערן פאַרצייכנט דאָרטן ז' 235 באמ' 6.

23. מלאַטעק ז' 238 באמ' 12; דאָרטן ווערן אויך געבראַכט אייראָפּעאישע פּאַראַלעלן פון דעם "טויטן־טאַנץ" און פון דעם דייטשן באַלאַדע־טיפּ: "דער טאָדט אונד דאַס מיידכען אים בלומענגאַרטען". ס'איז זייער אינטערעסאַנט ווי אַזוי דער דייטשער "בלומענגאַרטען" איז פאַרשטויסן געוואָרן אין די יידישע וואַריאַנטן פון דעם "ווייגאָרטן", וואַרשיינלעך א שריד און גילגול פונעם תנכישן "כרם". עס זיינען דאָ זייער א סך ביישפּילן, אויך אין יידיש-אַראַבישע פאָלקס-מעשהלעך, וואָס באַווייזן אַז דער ווייגאָרטן איז א ספּעציפיש יידישער "לאָקוס אַקציאָניס" און פאַרנעמט דעם אָרט פון וואַלד, גאָרטן, מדבר, פעלד אא"וו, אין די ניט־יידישע פּאַראַלעלן. פּ"גל אין דעם באַקאַנטן וויג־ליד "א מאָל איז געווען א מלך (מעשה)" (כהן־פאָלקלאָר ז' 56, נ' 129), און די אָנגעוויזענע פּאַראַלעלן דערצו, דאָרטן ז' 307): "די מלכה האָט געהאַט א ווייגאָרטן, אין ווייגאָרטן איז געווען א בוים (ביימעלע)"; דאַבראָשין־יודיצקי ז' 127 נ' 47: "וואָס טויג מיר דער ווייגאָרטן אַז פלאַנצן קאָן איך אים נישט?"; ז' 224 נ' 39 (די פאַררעטערישע שוועסטער צו איר געליבטן שוואָגער): "לאָמיר פאַרפלאַנצן א ווייגאָרטן א נייעם"; ז' 147 נ' 71: "זיי האָבן ניט געוואָלט צוהערן אין זייגען אין ווייגאָרטן געקומען"; דאָרטן נ' 72: "כ'האָב מיר געפלאַנצט א ווייגאָרטן, דער ווייגאָרטן איז מיר ניט געראָטן" (אַזוי אויך דאָרטן ז' 126 נ' 45, ז' 127 נ' 46). פּ"גל אויך דעם אויסדרוק "ביים טאַטן אין ווייגאָרטן". זען אויך: דב נוי, "מוטיוו הרצח המתגלה בסיפורינו העממיים", מחניים נ' 65 (שבט תשכ"ב), זז' 74—80. אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי י.ל. פּרץ האָט פאַרביטן אין זיין "ראָמאַנצעראָ" (שריפטן, קלעצקינס אויסגאַבע, ב' XIV, ז' 10) דעם פאָלקסליד-פערז: "כ'האָב געהאַט א טייערן ווייגאָרטן" (כהן-פאָלקסלידער נ' 149, פערז 3, און א סך פּאַראַלעלן) אויף "כ'האָב געהאַט א גאָרטן". פּ"גל כהן־שטודיעס זז' 116 — 117.

24. מלאַטעק ז' 240 באמ' 21; די פּאַראַלעלן ווערן אָנגעוויזן דאָרטן ז' 241 באמ' 22.

25. **מלאַטעק** ז' 243 באַמ' 29, **טשיילד** ב' 215: "רייר ווילליי".

26. **מלאַטעק** ז' 244 באַמ' 30 א', **טשיילד** ב' 297: "אירל ראַטעס".

27. **מלאַטעק** ז' 245 באַמ' 33, **טשיילד**, אָנהייב פון ב' 82: "באָני בירדיי" און ב' 96: "דער פריילעכער האַביכט".

28. **מלאַטעק** ז' 247 באַמ' 36, **טשיילד** ב' 271: "לאָרד פון לאָרן", **ערק-בעהמע** ב' 77: "דער געטרויע שילדקנעכט".

29. **מלאַטעק** ז' 248 באַמ' 39, **טשיילד** ב' 69: "קלאַרק סאַנדערס", ב' 77: "דער זיסן וויליאַמס גייסט", ב' 216: "קליידי'ס וואַסער", ב' 255: "ווילליס פאַטאַלע וויזיט". זען אויך ווייטער, באַמ' 87, 96.

30. די באַלאַדעס פאַרנעמען א גאָר קליינעם טייל צווישן די 360 לידער אין דער זאַמלונג פון **גינזבורג-מאַרעק**. פ"גל דעם אַנאַליז אין **כהן-שטודיעס** זז' 150—157. אויך אין די שפּעטערדיקע זאַמלונגען, כאָטש די זאַמלערס זיינען געווען מער פאַרבונדן מיטן פאָלק, זיינען זיי צו די אָריגינעלע און גוט געזונגענע אַלטע פאָלקס-באַלאַדעס זייער זעלטן דערגאַנגען. צווישן די 418 איינסן אין ש.ז. פּיפּעס פאָלקסלידער־זאַמלהעפט (זען פריער, באַמ' 4), זיינען פאַראַן בסך הכל נאָר 14 באַלאַדעס. און דער זאַמלער, י"ל כהנס א תלמיד, איז געווען ספּעציעל פאַראינטערעסירט (אַזוי־ווי זיין לערער און וועגווייזער) אין אויפזוכן און פאַרצייכנען פאָלקס־באַלאַדעס.

31. פ"גל **מלאַטעק** ז' 215 באַמ' 16. אויך ש.ז. פּיפּען (ביי **כהן־פאָלקלאָר** ז' 303) זיינען קיין שום פּאַראַלעלן ניט באַקאַנט. מיר באַנוצן דאָס וואָרט "וואַריאַנט" אַלס טערמין, וואָס מיינט "ווערזשן" (ענגליש), "נוסחה" (העברעאיש) אד"גל.

32. **כהן-פאָלקלאָר** זז' 13—14, ב' 16.

33. דאָס דריי מאָל זיך איבערחזרנדיקע (סטר' 2—4) "צוג איז בייטלשנור" איז וואַרשיינלעך דאָס דייטשמערישע "צאָג (דא)'ס בייטלשנור"; דאָס מיינט, אַז יעדער פון די דריי סוחרים-קויפערס האָט מיט זיך, אין זיין געלד-בייטל, 400 טאַלער, און יעדנס געלד שטייגערט די פריער פאָרגעלייגטע סומע. די "דרייפאַכע גראַדאַציע" שטייגערט דאָס קויפגעלד אויף 1200 טאַלער, און דאָס דאָזיקע געלד "איזט שוין פיל" (סטר' 5). אויך אין א סך דייטשע וואַריאַנטן איז דאָס דער פרייז, וואָס ווערט באַצאָלט דעם מילנער. זען ווייטער, באַמ' 43.

34. פ"גל **זעמאַן-וויאָרא** ב' 86, זז' 314—347. פון די 214 וואַריאַנטן אויסגערעכנט דאָרטן זז' 327—331, זיינען זעקס אָפּגעדרוקט אויף זז' 314—325. דריי אַנדערע דייטשע וואַריאַנטן פון אונדזער באַלאַדע זיינען אָפּגעדרוקט ביי **ערק־בעהמע** ב' I נ' 58 א'—ה', זז' 193—201, און פיר ווייטערע ביי **וועבער-קעלערמאַן** נב' 122, 553, 646, 685.

35. פ"גל **זעמאַן-וויאָרא** ז' 336, ווי אויך די אַרטיקלען "מיהלע" און "מיללער" אין דעם גרויסן דייטשן **"האַנדוועטערבוך דעם דויטשען אבערגלאָובענס"** ב' VI, זז' 603, 613. זען אויך:
Herman Gleisberg, "Beitraege zu einer Volkskunde des Muellers und der Muehle", *Deutsches Jahrbuch fuer Volkskunde* I (1955), Ss. 157-158.

36. זעמאַן-וויאַרא ב' (4) 86, זז' 314 — 317.

37. דאָרסן ב' (10) 86, זז' 318 — 319, סטר' 3. דער וואריאַנט, פאַרשריבן פאַר 1817, האָט 25 סטראָפן — 75 פערזן.

38. דאָרסן ב' (151) 86, זז' 321 — 323, סטר' 3. דער וואריאַנט, פאַרשריבן אין 1930 אין טשעכאָסלאָוואַקיי (סודעטן-געביט), האָט 30 סטראָפן — 60 פערזן.

39. ערק-בעהמע ב' I נ' 58 ה', זז' 193 — 194, סטר' 3. דער וואריאַנט, געדרוקט אין 1782, האָט 23 סטראָפן — 69 פערזן. אין א זייער ענלעכער סטראָפע פון אַן אַנדער וואריאַנט (דאָרסן נ' 58 ב', זז' 195 — 196, סטר' 3) איז דער צווייטער פערז: "האבט איר קיין שוואנגרעס ווייב דאהיים?", און דער דריטער פערז האָט (אזוי ווי אונדזער יידישער טעקסט) "טהויער" שטאָט "גוט".

40. וועבער-קעלערמאַן ב' 646, ז' 578, סטר' 3. פ"גל אויך דאָרסן ב' 685, ז' 619, באַמ' 1.

41. א סך מאַטעריאַל ווערט געבראַכט ביי ערק-בעהמע, ב' I, זז' 199 — 201, און ביי זעמאַן-וויאַרא, זז' 334 — 335; דאָרסן זיינען אויך אָנגעוויזן מקורים און אינטער־פּרעטאַציעס. שוין אין 1895 האָט דער באַוואוסטער דייטשער פאָלקלאָריסט ריינהאָלד קעהלער אָנגעוויזן אויף א סך היסטאָרישע עדותן אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדזער טעמע. Reinhold Koehler, *Kleinere Schriften*, 3 Bde., Berlin 1900, Bd. 3, Ss. 279 ff.

וועגן ענלעכע אַלטע עדותן אין יידיש פּג"ל דעם אָנווייז פון פּראָפ' חנא שמערוק (ביי סדרן־חכמה ז' 178) וועגן א יידיש ליד (כתב־יד אָקספאָרד באָדלעיאַנא 3671, אָפּענהיים 8646) וועגן א "שעפער דער זיין ווייב פר קויפט". דאָס ליד שפּיגלט אָפּ גאַנץ קלאָר די פאַרבינדונג פון מאָרד און שוואַנגערשאַפט. די צוויי רוצחים זאָגן צום פּאַסטעך (ניט מילנער!): "מיין ליבר שעפר הער, קאנשטו אונש ניט אָן ווייזן איין ווייב דש שוואנגר ווער? טרינק געלד וועלן מיר דיר געבן, דו בישט איין ארמיר מאן; מיר ברענגן דש ווייב אומס לעבן און ברויכן דש קינד דר פון".

42. זען באַמ' 36.

43. דאָס איז דער פּרייז אין אַלע אַלטע דייטשע וואריאַנטן און ער שטימט מיט דער סומע אין דעם היסטאָרישן דאָקומענט פון יאָר 1575 (זען באַמ' 36). אין שפּעטערדיקע דייטשע וואריאַנטן ווערט דער פּרייז דריי מאָל געשטייגערט (יעדער קויפער פאַרדאָפּלט דעם פּרייז — 300, 600, 1200), און דער קויף־פּרייז איז, אזוי ווי אינעם יידישן טעקסט (זען באַמ' 33) — 1200 טאַלער.

44. אין דער "נאָרמאַל־פאַסונג" פון דער דייטשער באַלאַדע, ד"ה אין אירע שפּעטערדיקע וואריאַנטן, שטימט דער ליגן מיט די "טרויערשאַפטין" אין דעם יידישן טעקסט (סטר' 6). דאָס איז לרוב א טרויעריקע ידיעה, א "פינסטערע בשורה" וועגן טויט (גסיסה) פון דעם ווייבס א נאָענטן און באַליבטן קרוב (לרוב — מאַמע, ווי ביי אונדז). דער פאַרבייט פונעם ליגן האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער יידישער טראַדיציאָנעלער שטעלונג צום חזיר און צו חזיר־מאָטיוון וואָס מען דאַרף זיי אויסמיידן, ווייל אויך אין די דייטשע וואריאַנטן קומט אזא פאַרבייט פאָר. דאָס איז אַן אָרגאַנישע דערציילערישע ענדערונג

(לגבי דעם מקורדיקן, היסטאָרישן פאקט), ווייל נאָר אזא טרויעריקע מישפחה־בשורה קען גורם זיין דערצו, אז דאָס ווייב זאָל זאָפּאָרט (סטר' 7: "אין איילן") און אימפּולסיוו, ניט קלערנדיק וועגן סכנות, לויפן אין וואלד אריין, וואָס ליגט ווארשיינלעך צווישן איר מאנס און איר מאמעס הויז; קיין שום אנדער אומשטאנד וואָלט די פרוי ניט ארויסגעלאָקט (מסתמא ביינאכט) פון איר זיכערער היים צו דעם פינצטערן, ווילדן און געפערלעכן וואלד.

45. זעמאַן־וויאַרא (זען באמ' 38), ז' 322, סטר' 19 — 20.

46. פ"גל באמ' 41. נאָר דעמאָלט באזיצן די איברים פונעם טויטן א מאגישן כוח, אויב זיי זיינען גענומען פון א גוף וואָס זיין ניט-נאטירלעכער טויט איז געקומען בשעת ער איז געווען אָדער אין זיין פולער לעבנסקראפט (א געהאָנגענער גנב, א געפאלענער סאָלדאט א.א.וו.), אָדער אויפן שוועל פונעם לעבן (אן עובר). אזוי ווי דער זיץ-אָרט פון דעם כוח און פון דער נשמה איז אין די פעטע קערפּער־טיילן און אין דעם הארץ, זיינען טאקע דער חלב און דאָס הארץ די וויכטיקסטע מאגישע איברים פונעם גוף. פ"גל E. Bargheer, *Eingeweide, Berlin* 1931, Ss. 163, 173 ff.; און דאָס דייטשע האנדוועךטערבוך (אויבן, באמ' 35), ב' II, זז' 229 — 239. אזוי ווי דעם גנבס כוח ליגט אין זיינע "גאָלדענע הענטלעך" (זען ווייטער, באמ' 48), איז א טויט הענטל א באזונדער נוצלעכע סגולה פאר א גנב, לויט אלע כללים פון "סימפּאטעטישער" מאגיע. די אומשולד פון קליינע קינדער שפּילט א גרויסע ראָל אין דער פאָלקס־מאגיע און אין דעם גניבה־כישוף. פ"גל די מאטעריאלן אָנגעוויזן ביי גרונוואלד־כישוף ז' 181, נ' 2, ווי אויך: יוסף דן, "שרי כוס ושרי בוהן", תרביץ ל"ב (תשכ"ג), זז' 359 — 369, און באזונדערס דאָרטן ז' 360. דער פּסוק אין תהלים ח' 3 ("מפּי עוללים ויונקים ייסדת עוז... להשבית אויב ומתנקם) האָט זייער שטארק באאיינפלוסט סיי דעם יידישן און סיי דעם קריסטלעכן צוגאנג צו כישוף ענינים. זען אויך טאָמפּסאָן־מאָטיוו D 1162.2.1 ("א מאגיש ליכטל געמאכט פון א האנט"), D 1361.7 ("מאגיש טויטן־הענטל מאכט פאר א רואה ואינו נראה"), D 997.1.1 און D 1361.8 ("מאגיש הערצל פון א ניט־געבוירן ולד מאכט פאר א רואה ואינו נראה"), D 1410.2 ("דאָס ליכט פון א קינדער־ליכטל אָדער פון א מאגיש טויטן־הענטל מאכט די הויז־איינוואוינער הילפלאָז"), D 1575.1 ("דאָס מאגישע טויטן-הענטל ברענגט א מאגישן שלאָף אויף די הויז־איינוואוינער"), און די רייכע ביבליאָגראפיעס אָנגעוויזן ביי די דאָזיקע נומערן. זען אויך: E. Cobham Brewer, *Dictionary of Phrase and Fable*, London 1899, p. 574: "It is said that carrying a dead man's hand will produce a dead sleep. Another superstition is that a lighted candle placed in the hand of a dead man gives no light to anyone but him who carries the hand. Hence burglars, even to the present day in some parts of Ireland, employ this method of concealment".

דאָס הייסט אז דאָס גלייבעניש און דער גנבים־מינהג האָבן נאָך געלעבטביים אָנהייב פון אונדזער י"ה אין אירלאנד.

ס'איז כדאי צו באמערקן, אז די מזרח־אייראָפּעאישע (ניט-יידישע) פאראלעלן ריידן

אַן א יוצא מן הכלל וועגן א חלב-הענטל (אָדער אן אַנדער אבר) פון א טויטן, און לאָו דווקא פון אן עובר אָדער א נפלע. אזוי איז עס אין מעשהלעך פון ליטע (אַרנע־טאָמפּסאָן טיפּ 958 ה׳ *: ״א רויבער וואָס באַנוצט א ליכטל פון א טויטנס האַנט אָדער פון א טויטנס פעטס אָדער האַנט איז גורם א טיפן שלאָף״), פּוילן (6 וואַריאַנטן ביי קושיזשאַנאָווסקי־מעשהלע טיפּ 304 א׳: ״דער חלב פונעם מת״; דאַרטן ווערט אויך פאַרצייכנט א וואַריאַנט פון רוסלאַנד), ווייסרוסלאַנד (2 וואַריאַנטן ביי פּעדעראָווסקי ב׳ II ז׳ 141 נ׳ 116; ב׳ III ז׳ 51 נ׳ 97), אוקראַינע (רוּליקאָווסקי ז׳ 104 נ׳ 11). זען אויך סדרן-חכמה ז׳ 177.

47. פ״גל אויך זעלקאָוויטש ז׳ 173, וועגן די מאַגישע אייגנשאַפטן פון די איברים פונעם מת, און באַזונדערס פון דער טויטער האַנט. ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז נאָך דער טהרה ווערן די מאַגישע אייגנשאַפטן פאַרלוירן ,און דאָס איז פּונקט ווי בײַם ביי־געבוירענעם אָדער נאָך־ניט־געבוירענעם קינד פאַר דער מילה (ביי יידן), אָדער פאַר דער טויף־טבילה (ביי קריסטן). פ״גל אויך חיות זז׳ 306—307, נ׳ 23 א׳, און סדרן־חכמה זז׳ 175 א״וו, וואו דאָס וואָרט ״עופלע״ אין דעם זאָג ״א ציגיינער ראַדעוועט זיך מיט אן עופלע״ ווערט אויסגעטייטשט סיי אלס א פּיצל היַנדעלע (א יונג עוף), סיי אלס א קליין קינד (אין דעם אוועקגנבענען קינדער האָט מען אין מזרח־אייראָפּע געזען א טיפּיש־ציגיינערישע פּראַפעסיע), און סיי אלס נפלע (א מפּיל־קינד).

48. דאָ דאַרף מען אויך אָנווייזן אויפן אָרט פון די ווערטער ״האַנט״, ״הענטל״, ״הענטלעך״ א.א.וו. אין גנבים־שפּריכווערטער און גנבים־ווערטלעך. פ״גל לעהמאַן־גנבים זז׳ 46—47, נג׳ 42, 107—109, 111—112, 117—121. צווישן די אויסדרוקן געפינען מיר אויך ״א גאָלדן הענטל״ פאַר א גנב, א ספּעציאַליסט וואָס איז זייער פעאיק אין זיין מלאכה. דאָרטן נג׳ 86, 125, 151, ווערט א געשיקטער גנב אָנגערופן ״מכשפניק״, ״שוואַרץ־קינצלער״ א.א.וו., און דאָס איז מסתמא אן איבערבלייב פון אלטער גנבים־מאַגיע. אויך ביי שעקספּירן ווערט דער דאָזיקער כישוף דערמאָנט. אין ״מאַקבעט״ אַקט 4, סצענע 1, ציילט די דריטע מכשפה אויס, וואָס אלץ ס׳ווערט אריינגעלייגט אין דעם קעסל כדי צוגרייטן דעם כישוף. צווישן די זאַכן ווערט אויך דערמאָנט דאָס קינדער־פינגערל: ״Finger of birth-strangled babe״.

וועגן מכשפות וואָס באַגערן פּיצלעך קינדער, איידער זיי זיינען נאָך געטויפט געוואָרן, כדי צו מאַכן פון זייער פלייש, ביינדלעך און פעטס כל מיני שמירעכצער און משקאות, פ״גל סדרן־חכמה ז׳ 177. דאָרטן זז׳ 178—179 ווערן אָנגעוויזן מערערע ליטעראַרישע מקורות וועגן מאַכן ליכט פון מענטשלעכן חלב אלס יידישע פּראַקטיק.

49. סטר׳ 30 פונעם ליד פאַרוויזן פריער, באַמ׳ 38.

50 ערק־בעהמע ב׳ I, נ׳ 35 א׳, סטר׳ 10; נ׳ 71 א׳, ד׳, סטר׳ 2, און נאָך א סך. פ״גל הייסקע ז׳ 38, באַמ׳ 50. זען אויך כהן־שטודיעס זז׳ 81—82.

51. פ״גל גינזבורג־מאַרעק נ׳ 136, סטר׳ 2: ״דער רעגן גייט, דער ווינט שפּרייט וואו זאָל איך אהינטאָן מיין זיידן קלייד? — דיין קלייד קער אום אויפן לינקן זייט, און לייג זיך שלאָפן אויפן גרינעם גראָז״, כהן־פאָלקלאָר ז׳ 1, נ׳ 1, סטר׳ 5: ״די

זיידן קלייד קער אום אויפן זייט״, כהן־פאָלקסלידער נ׳ 57: ״איך וועל פארנעצן מיין זיידן קלייד״, ראָזנטאַל־לידער ז׳ 373 נ׳ 9: ״אז א מיידל וויל א קליידל, ברענט זי ווי א פייער״, דאַרטן נ׳ 13: ״ס׳וועט זיך מיר פארפלעקן דאָס פאלין־קלייד... קער דיר איבער דאָס קלייד אויף דער לינקער זייט״, דאַרטן נ׳ 14: ״זי האָט זיך פארקויפט פאר א זיידן קליידל״, און נאָך א סך. אז דער ״מאנטל״ האָט זיך ״לייכט געקענט פארוואנדלען אין א זיידן קלייד (כהן־שטודיעס ז׳ 82) אָדער א ״העמד״, זעט מען פון די צוויי וואריאנטן פון דער זעלביקער באלאדע (״אין ווילדן וואלד אליין״; א חידוש וואָס זי ווערט ניט פארצייכנט אלס אינטערנאציאָנאלער ״טאטע־טאָכטער״ מאָטיוו ביי מלאָטעק): אזוי האָבן סטר׳ 9—10 פון נ׳ 137 ביי פרילוצקי־לידער ב׳ II א ״מאנטל״, אָבער די פאראלעלע סטראָפע 6 דאָרטן נ׳ 140, א ״העמד״, וואו דאָס יונגע מיידל זאָגט צו דעם הער (איר פאָטער) אין וואלד: ״נעם דאָס העמד, שאר׳ס אוועק! קום אהער און מאך איין עק״. און אזוי ווי אין די פריערדיקע פערזן פון דער סטראָפע ווערט דערמאָנט דעם מיידלס העמד, איז דאָס עראָטישע אָנצוהערעניש גאנץ קלאָר. זען אויך, באמ׳ 58, 62.

52. סטר׳ 22 פונעם ליד פארוויזן פריער, באמ׳ 38.

53. פ״גל די מקורות ביי טאָמפּסאָן־מאָטיוו D 1715.

54. פ״גל ערק־בעהמע נ׳ 184 (וואריאנט געדרוקט אין יאָר 1840), און די באמערקונגען דאָרטן ב׳ I 565. זען אויך די אויספירלעכע מאָנאָגראפיע פון מאיער, וואו ס׳ווערן ציטירט און אנאליזירט מערערע פאראלעלן פון גאנץ אייראָפּע. אין א סך פאראלעלן גנבעט אוועק א רויבער די טאָכטער. די באלאדע איז געווען זייער באקאנט אינעם 18־טן י״ה.

55. דאָרטן ז׳ 564; דאָס גאנצע ליד האָט 20 סטראָפן.

56. א דייטשיש וואָרט פונעם 17־טן י״ה, מיינט: סוחר (א קויפער), א וואוכערער. דאָס רוב פון די וואריאנטן האָט א סוחר (און ניט קיין רויבער) אלס העלד.

57. דער מאָטיוו (טאָמפּסאָן־מאָטיוו R 12.1: ״פּיראטן אָדער רויבער אנטפירן א מיידל״) קומט זייער אָפט פאָר אין אייראָפּעאישע פאָלקס־דערציילונגען און ס׳ליגן אים אונטער הונדערטער היסטאָרישע פאלן. פ״גל פ. מ. געבעלס דייטשן ארטיקל ״Entfuehrung״ אין דעם האנדוועטערבוך דעם דויטשען מערכענס, ב׳ I, זז׳ 553—554, און די רייכע ביבליאָגראפיע דאָרטן וועגן קויפן און פארקויפן גערויבטע (געפאנגענע) פרויען אין מיטלאלטער.

58. זען באמ׳ 51.

59. כהן־פאָלקלאָר ז׳ 93, נ׳ 197. גאָר ענלעך זיינען די צוויי ערשטע סטראָפן ביי דאָברושין־יודיצקי ז׳ 229 נ׳ 47. דער דאָזיקער וואריאנט הויבט זיך אָן אין ״איך״ פאָרעם (״זיץ איך מיר״) און האָט אָנשטאָט ״וויינגאָרטן״ — ״טאטנס גאָרטן״ (זען באמ׳ 23), אָנשטאָט ״מיידל״ און ״זיידע״ אין דער צווייטער סטראָפע — ״טאָכטערשע״ און ״זיידעשע״; די זעלבע צווייטע סטראָפע האָט א פינפטן פערז (א וואריאנט פונעם פערטן?): ״איך בין געקומען צעשיידן דיך גאָר״.

60. דאָברושין־יודיצקי ז׳ 228 נ׳ 46.

61. פ״גל טאָמפּסאָן־מאָטיוו K 500 און ווייטער: ״א פּאָרטל ראַטעווועט פון טויט״; K 872: ״יהודית און האָלאָפערנעס; מיידל טויטעט דעם גענעראַל פון דעם שונאס אַרמיי, באַזונדיק אים״; T 173.2: ״פרוי טויטעט מאַן (שונא) וואָס שלאָפט ביי איר זייט אין בעט״.

62. פ״גל אויבן, באַמ׳ 51.

63. טשיילד נ׳ 4, וואר׳ H, סטראָפן 10—11. פ״גל טיילאָר זז׳ 105—106.

64. קאָלבערג נ׳ 5, וואר׳ bbb (זז׳ 70—71), פון גאַליציע. פ״גל קעמפּינען־ליידי זז׳ 94—95.

65. קעמפּינען־ליידי ז׳ 19, פון וועסטפאַליען. פאַרשריבן אין יאָר 1813.

66. כהן־פאָלקלאָר זז׳ 14—15 נ׳ 17.

66A. דער גראַם (ש׳ און ס׳) באַווייזט, אז מ׳האָט דאָס ליד געזונגען אין ליטע.

67. פ״גל דאָרטן ז׳ 303, ש.ז. פּיפּעס באַמערקונג צום ליד. פּיפּע באַשרייבט דעם טאַנץ, און אויך זיין סוף באַווייזט אז די נייַנטע (דראַמאַטיקע) סטראָפע געהערט ניט צום ליד. דעם מערדערס כוונה קען מען ניט בייטן און ״צום סוף שטעכט אים דער גזלן מיטן מעסער און יענער פאַלט אויף דער ערד א טויטער״.

68. כהן־פאָלקלאָר זז׳ 240—241 נ׳ 5. פ״גל פּרילוצקי־לעהמאַן זז׳ 287—290, באַסטאָמסקי ז׳ 64 נ׳ 21. זען אויך שלום עליכם׳ס פּונעם יאַריד (אַלע ווערק, ווילנע־וואַרשע 1926) ב׳ XXVI, זז׳ 47—48.

69. כהן־פאָלקלאָר זז׳ 241—242 נ׳ 6.

70. דאָרטן זז׳ 310—311.

71. דאָרטן זז׳ 312—313.

72. ש.ז. פּיפּע ציטירט דאָרטן ז׳ 310 א וואַרשעווער אויסגאַבע פון 1866. אויף איר שער־בלאַט ווערט בפירוש אָנגעגעבן, אז דאָס איז אַן איבערזעצונג ״פון פּאָלנישען״. דער אָריגינעלער ״רינאַלדאָ־רינאַלדיני״ ראָמאַן, פאַרפאַסט פון י. וו. געטעס שוואָגער וואולפיוס, האָט אין דער דייטשער ראָמאַנטיק געשפּילט די ראָל פון כמעט א פאָלקסבוך און איז אין גיכן איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשיידענע שפּראַכן, ווי אויך באַאַרבעט און פּאָפּולער דראַמאַטיזירט געוואָרן.

73. כהן־פאָלקלאָר ז׳ 303 באַמ׳ 17. וועגן רויטן קאָליר פונעם מלאך־המות זען אויך דאָס פאָלקסליד ביי זעלקאָוויטש ז׳ 157 באַמ׳ 4: ״דער מלאך המות פאַרשטעלט זיך פאַר א זעלנער, כדי מען זאָל מיינען, ס׳איז יוקל מיטן רויטן קעלנער״.

74. אין פּויליש: Rozmowa Mistrza ze Smiercia; אין לאַטייניש: De morte prologus. דער ״מייסטער״ וואָס דיסקוטירט מיטן טויט הייסט פּאָליקאַרפּ. פ״גל קזשיזשאַנאָווסקי־שפּריכוועָרטער ב׳ I ז׳ 509, ב׳ II ז׳ 519 (אינדעקס). זען אויך קזשיזשאַנאָווסקי־רעי ז׳ 193—197. דאָרטן ז׳ 196, האַלט דער פּוילישער פאָרשער דאָס אַנאָנימע ״געשפּרעך״ אַלס ״טיפּיש פאַר דער מיטלאַלטערלעכער פּאָעזיע״.

.75 טאָמפּסאָן־מאָטיוו 1850 D און ב' VI ז' 414 (אינדעקס).

.76 דאָרטן 71.1 Z.

.77 כהן־פאָלקלאָר ז' 15, ב' 18.

.78 די העברעאישע פאראלעלן צום מקור (ספר המעשיות ארויסגעגעבן פון ד"ר משה גאסטער, לייפּציג־לאָנדאָן 1924, נ' 139) ווערן אָנגעוויזן ביי מיכה יוסף בן־גריון (בערדיטשעווסקי), ממקור ישראל, תל־אביב 1966, באמערקונגען צו נג' 357, 358. פ"גל אויך עמנואל בן־גריון, שבילי האגדה, תל־אביב 1949, ז' 107. אין צפונות ואגדות גיט מ. י. בערדיטשעווסקי דער דאָזיקער העברעאישער דערציילונג דעם נאָמען: "די העברעאישע אלקעסטיס"; פ"גל ווייטער, באמ' 80.

.79 ממקור ישראל נ' 357.

.80 טאָמפּסאָן־מאָטיוו 211.1 T. פ"גל אויך מאָטיוו 1855.5 D: "דער טויט ווערט אָפּגעלייגט, אויב דער פארמישפּטער קען געפינען אן אויסלייזער, א פארטרעטער". וועגן אלקעסטיס זען שבילי אגדה (אויבן, באמ' 78), זז' 91, 106.

.81 זען דאָרטן זז' 106—108.

.82 קאָלבערג־לידער ב' I, וואר' rr 5, ז' 65, סטר' 16. פ"גל אויך ביסטראָן נ' 17, און קעמפּינען־ליידי זז' 100—101, 199.

.83 פ"גל מאיר נוי, סיפור ומנגינה בו, חיפה 1968, זז' 7—16.

.84 באסטאָמסקי זז' 44—45, נ' 22.

.85 רובינשטיין ז' 48. עס האנדלט זיך וועגן דעם קישעניעווער פּאָגראָם.

.86 קיפּנים־80 ז' 11, נ' 5. דאָס לעצטע וואָרט אינעם צווייטן פערז פון דער ערשטער סטראָפע דארף ווארשיינלעך זיין "הערעלעד" אזוי־ווי סטר' 3, פערז 2, און ניט "צעפּאָ־לעד".

.87 זייער פארשפרייט. דער וואריאנט איז פון כהן־פאָלקסלידער נ' 99. פ"גל אויך דעם אָנהייב פון אן ענלעכן וואריאנט, דאָרטן נ' 93, וואָס הויבט זיך אָן: "ווער שטייט הינטערן טיר ?" פ"גל כהן־שטודיעס זז' 79—80. זען אויך, באמ' 29.

.88 כהן־פאָלקסלידער נ' 159. פ"גל כהן־שטודיעס זז' 80—81.

.89 פ"גל גינזבורג־מאַרעק נ' 137, סטר' 1: " — קליפּ־קלאַפּ, עפן מיר! שלאָפסטו, טאַ זאָג זשע מיר! — שלאָפן, שלאָף איך אפילו ניט, נאָר עפענען וועל איך דיר אוודאי ניט". דאָס "וועל" אָדער "וויל" איז אורשפּרינגלעך, ווייל דער קאָנפליקט איז שארף. אָבער גאָר אנדערש איז דער ענטפער: "נאָר עפענען דיר קען איך ניט" (פ"גל רובינשטיין ז' 44 א"א). דאָ איז דער קאָנפליקט גאָר שוואך, אָדער ער איז בכלל ניטאָ. ווייל דאָס מיידל וויל עפענען די טיר, נאָר קען ניט: מע שטערט איר, זי האָט מורא פארן טאטן, פאר דער מאמען א.א.וו.

.90 רובינשטיין זז' 109—110. אין דער דריטער סטראָפע פעלט א פערז (דער ערשטער אָדער צווייטער). די פערזן 4—5 אין סטר' 5 זיינען איין פערז.

.91 "די שטוב אין דאָס גאָלט" אין אונדזער טעקסט איז פעלערהאפט. פ"גל

קיפּנים־80 ז' 45 : "א גאָלדענע שטוב", פּרילוצקי־לידער ב' II, ז' 6 נ' 106 : "דאָס גאָלד פין די שטיב".

92. פּרילוצקי־לידער, דאַרטן, און אין א סך פּאַראַלעלן.

93. דאָרטן ז' 13, ג' 107.

94. דאָרטן זז' 14—15 נ' 108. דעם טעקסט האָט פאַרצייכנט ש. אַנסקי. פּ"גל אויך אַנסקי זז' 182—183.

95. די לידער זיינען ציטירט לויט דער איבערזעצונג פון זישע לאַנדוי. פּ"גל זישע לאַנדוי, פון דער וועלט־פּאָעזיע, ניו־יאָרק 1947. די ערשטע צוויי סטראָפן (דאָרטן ז' 31) שטאַמען פון אַן אַלט־ענגלישער באַלאַדע : "די יונגע שעפערין" (37 סטראָפן).

96. דאָרטן ז' 45, אָנהייב פון דער 16 סטראָפּיקער באַלאַדע : "דער טויטער חתן" וועגן דעם מאָטיוו פון דער פאַרמאַכטער (גאָלדענער) טיר זען באַמ' 29, און באַזונדערס מלאַטעק ז' 248, באַמ' 39. אין דעם דאָזיקן ליד איז זייער בולט די איינטיילונג פונעם פּערסאָנאַזש לויט דער פריער דערמאָנטער סכעמע : טאַטע־מאַמע, ברודער־שוועסטער, געליבטע(ר). אַזוי פרעגט דאָס מיידל אין דער צווייטער סטראָפע : "ביסטו עס מיין פאָטער, מיין ברודער, צי גאָר מיין ווילי קומט אפשר צו מיר". אַזוי איז אויך דעם חתנס ענטפער : "אריין וויל ניט פיליפּ, דיין פאָטער, צו דיר, און ניט ברודער דזשאָן קלאַפּט אין טיר. דאָס איז דאָך דיין חתן ...".

97. דאָרטן זז' 53—54 : "באַרבאַראַ אַלען" (9 סטראָפן). פּ"גל פריער, באַמ' 16.

98. דאָרטן זז' 65—66 : "זשערמין".

99. איציק מאַנגער, ליד און באַלאַדע, תל־אביב (צווייטע אויפלאַגע), ז' 3.

100. דאָרטן ז' 9.

101. דאָרטן ז' 17.

ראשי־תיבות און קיצורים פון זאַמלונגען, ביכער און אַרטיקלען וואָס ווערן ציטירט געקירצטערהייט

אַנסקי — ש. אַנסקי, פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע (געזאַמלטע שריפטן ב' XV), ווילנע־וואַרשע־ניו־יאָרק 1925.

אַרנע־טאָמפּסאָן — Antti Aarne, *The Types of the Folktale*, translated and enlarged by Stith Thompson, 2nd revision, Helsinki 1961.

ב' — באַנד ; בב' — בענדער.

באַמ' — באַמערקונג.

באַסטאָמסקי — ש. באַסטאָמסקי, ביים קוואַל ... יידישע פאָלקסלידער, ווילנע 1923.

ביסטראָן — Jan St. Bystron, *Polska piesn ludowa*, Chicago 1946.

גינזבורג־מאַרעק — ש. מ. גינזבורג און פּ. ש. מאַרעק, יידישע פאָלקסלידער אין רוסלאַנד, פּעטערסבורג 1901. — שער־בלאַט און אריינפיר אויף רוסיש, טעקסט יידיש מיט א פּאַראַלעלער לאַטיינישער טראַנסקריפּציע.

גרונוואלד־כישוף — Max Grunwald, “Aus Hausapotheke und Hexenkueche”, *Jahrbuch fuer Juedische Volkskunde* I (1923), Ss. 178—226.

דאָברושין־יודיצקי — י. דאָברושין און א. יודיצקי, **יידישע פאָלקס־לידער**, מאָסקווע 1940.

הייסקע — Wilhelm Heiske, “Deutsche Volkslieder in jiddischem Sprachgewand”, *Jahrbuch fuer Volksliedforschung* IX (1964), Ss. 13—51.

ווײנרייך־ביבליאָגראַפיע Uriel und Beatrice Weinreich, *Yiddish Language and Folklore*, s-Gravenhage, 1959.

וועבער־קעלערמאַן — Ingeborg Weber-Kellermann, *Ludolf Parisius und seine altmarkischen Volkslieder*, Berlin 1957.

ז׳ — זייטל; זז׳ — זייטלעך.

זעלקאָוויטש — יוסף זעלקאָוויטש, ״דער טויט און זיינע באַגלייט־מאָמענטן אין דער יידישער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר״, **לאָדזשער וויסנשאַפטלעכע שריפטן** ב׳ I (1938), זז׳ 149—190.

זעמאַן־וויאָרא — Erich Seeman und Walter Wiora, *Deutsche Volkslieder : Balladen*, herausgegeben vom Deutschen Volksliedarchiv, Bd. IV, Berlin 1959.

חיות — ח. חיות, ״גלייבונגען און מנהגים אין פארבינדונג מיטן טויט״, **פילאָלאָגישע שריפטן פון ייוואָ** ב׳ II (1928), זז׳ 281—328.

טאָמפּסאָן־מאָטיוו — Stith Thompson, *Motif-Index of Folk-Literature*, 6 vol., Copenhagen-Bloomington 1955-1958 (2nd ed.).

טיילאָר — Archer Taylor, “The Parallels between Ballads and Tales”. *Jahrbuch fuer Volksliedforschung* IX (1964), pp. 104-115.

טשיילד — Francis James Child, *The English and Scottish Popular Ballads*, 10 vols., Boston-New York 1882-1889; repr. New York 1962.

ייוואָ — יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט.

כהן־פאָלקלאָר — י. ל. כהן (רעד.), **יידישער פאָלקלאָר**, ווילנע 1938.

כהן־פאָלקסלידער — י. ל. כהן, **יידישע פאָלקסלידער מיט מעלאָדיעס**, צונויפגענומען און פון דאָס ניי אַרויסגעגעבן דורך מאַקס ווײנרייך, ניו־יאָרק 1957.

כהן־שטודיעס — י. ל. כהן, **שטודיעס וועגן יידישער פאָלקסשאַפונג**, צונויפגענומען פון מאַקס ווײנרייך, ניו־יאָרק 1952.

לעהמאַן־גנבים — שמואל לעהמאַן, ״גנבים און גנבה״, **ביי אונדז יודען** (רעד. מ. וואַנווילד), וואַרשע 1923, זז׳ 43־91.

מאַיער — John Meier, “Die Ballade von Schoen Adelheid”, *Schweizer Archiv fuer Volkskunde* XLIII (1946), pp. 448-479.

מלאָטעק — Eleanor Gordon Mlotek, "International Motifs in the Yiddish Ballad", *For Max Weinreich on His Seventieth Birthday,* The Hague 1964, pp. 209-228; id., "Traces of Ballad Motifs in Yiddish Folk Song", *The Field of Yiddish* (ed. U. Weinreich) II (1965), pp. 232-252.

נ' — נומער; נג' — נומערן.

סדן-חכמה — דב סדן, די חכמה פון חכמות, תל־אביב 1967.

ערק־בעהמע — Ludwig Erk und Franz M. Boehme, *Deutscher Liederhort,* 3 Bde., Leipzig 1893-1894; repr. Hildesheim-Wiesbaden 1963.

פיפע-סאַניק — ש. ז. פיפע, סיפורי־עם מסאנוק: *שנים־עשר סיפורי־עם,* ערך והוסיף הערות דב נוי, חיפה 1967.

פעדעראָווסקי — M. Federowski, *Lud bialoruski na Rusi litewskiej,* 3 vols., Krakow 1897, 1902, 1903.

פרילוצקי־לידער — נח פרילוצקי, יידישע פאָלקסלידער, 2 בב' ווארשע תרע"ג.

פרילוצקי־לעהמאַן — נח פרילוצקי און שמואל לעהמאַן, ארכיוו פאַר יידישער שפּראַכוויסנשאַפט, ליטעראַטורפאָרשונג און עטנאָלאָגיע, ב' I, ווארשע 1926—1933.

קזשיזשאַנאָווסקי־מעשהלע — Julian Krzyzanowski, *Polska bajka ludowa w ukladzie systematycznym,* 2 vols., Wroclaw 1962.

קזשיזשאַנאָווסקי־רעי — Julian Krzyzanowski, *W wieku Reja i Stanczyka,* Warszawa 1958.

קזשיזשאַנאָווסקי־שפּריכווערטער — J. Krzyzanowski, *Madrej glowie dosc dwie slowie,* 2 vols., Warszawa 1960.

קיפּנים-80 — מ. קיפּניס, 80 פאָלקסלידער, ווארשע (1925).

קעמפּינען־ליידי — Ivar Kemppinen, *Lady Isabel and the False Knight,* Helsinki 1954.

קעמפּינען־מיידל — I. Kemppinen, *Lunastettava neito,* Helsinki 1957.

ראָזנטאַל־לידער — ז. רוזנטל, "שירי־עם", רשומות ב' (מהד' ב', תל־אביב 1927), זז' 358—375.

רובינשטיין — שמואל רובינשטיין, שריפטן פון א יידישן פאָלקלאָריסט, ווילנע 1938.

רוליקאָווסקי — E. Rulikowski, "Zapiski etnograficzne z Ukrainy", *Zbior Wiadomosci do Antropologji Krajowej,* III (1879), pp. 62-166.

שאצקי־כהן — יעקב שאצקי, "יהודה לייב כהן (1881—1937): מאַטעריאַלן פאַר א ביאָגראַפיע", יאָרבוך פון אמאָפּטייל, ניו־יאָרק 1938, זז' 9־38.

רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק

דער האָרבאַטער יאַן

די שיף האָט זיך פּאַמעלעך דערנעענטערט צום חיפהער פּאָרט. אויפן דעק איז געזעסן דער האָרבאַטער יאַן, פונעם קליינעם אָרעמען דאָרף ארום לאָדזש.

זיינע קליינע, תמיד טריפנדיקע אויגן, זיינען געווען איינגעקוקט אין דער אין-סופיקער הימל-בלויקייט, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן ים, און זיין האַרץ איז געווען פול מיט דאַנק און לויב צום באַשעפער. די גרויסע וועלט האָט ער דערזען ערשט אויף דער שיף, ווען צו זיינע זיבעציק יאָר איז ער צום ערשטן מאָל ארויס פון זיין שטילן דאָרף אויף דער פּוילישער ערד.

ער האַלט אין דער ברייטער, אויסגעאַרבעטער האַנט זיין אַלטן, פאַרקנייטשטן געבעט-בוך. אויף זיינע ליפּן אָבער, האָט ער אייגענע תפילות, וואָס קומען ארויס פונעם איבערפולטן האַרץ. פון דער גרויסער איבעראַשונג, אַז ער, יאַן, האָט זוכה געווען צום סוף פון זיינע יאָרן צו פאָרן קיין ישראל, אין דעם הייליקן לאַנד וואו דער האַר פון נצרת האָט באַוויזן זיינע וואונדער, און אַלע קדושים האָבן געשפּאַנט אויף איר ערד.

ער פאָרט אויסגעפּוצט אין שוואַרצן אַנצוג, וואָס דער פאַן גוטמאַן האָט פאַר אים געלאָזט נייען אויף באַשטעלונג, אין פייגעם, ווייסן פּאַפּעלין-העמד און אין די שוואַרצע, סקריפּנדיקע שיך, וואָס ער האָט קוים עטלעכע מאָל באַוויזן צו טראָגן אויף זיינע פיס. די פייערלעכע אויסשטאַטונג האָט ער באַקומען פון די יידן, וואָס ער האָט בעת דער מלחמה אויסבאַהאַלטן. איצטער פאָרט ער זיי אַלע באַזוכן.

די פּאַסאַזשירן, וועלכע פאָרן צוזאַמען מיט אים אויף דער שיף און פאַר-שטייען זיין פּוילישע שפּראַך, האָט ער עטלעכע מאָל דערציילט פון זיין נס. און ווייל זיין זכרון דינט אים ניט מער, חזרט ער איבער א פּאָר מאָל אין טאָג די זעלבע רייד:

— ניט איך האָב די יידן געראַטעוועט. געהאָלפן איבערקומען די שווערע צייט, אויסבאַהאַלטן זיי אין קעלער, אין חזירים-שטאַל און אויפן פעלד אין די בינטלעך היי, דאָס העלפן זיי מיך, וואָס זיי נעמען מיך אַריבער קיין איזראַעל.

— קוים צוויי יאָר, ווי זיי זיינען אַוועקגעפאָרן און שוין האָבן זיי מיר

געשיקט פּאַפּירן און פאַרן וועג באַצאָלט. סאַ'א פּאַמעראַנצן געשיקט! — וואַרפט ער אַרויס מיט התפעלות. ער בלייבט אַ רגע שווייגן און נעמט ריידן שטילער, אומעטיק פאַרטראַכט:

— פאַרבענקט האָב איך זיך צו מיינע פריינד, און אַממייסטן צו דאַווידעקן, וועמען מיר האָבן די גאַנצע מלחמה-צייט גערופן וויצעק. באַזשע-מאַי — גיט ער אַ זיפץ — ווי מיר האָבן אים ליב באַקומען, ניט געקענט זיך מיט אים שיידן; אַ קינד נאָך איז ער דאָך צו אונדז געקומען! ביי אונדז אויסגעוואַקסן! איך און מיין שוועסטער טערעסאַ האָבן זיך צעוויינט ביים געזעגענען, ווי וועלן מיר דאָס קענען לעבן אָן דאַווידעקן? ער נעמט אַרויס פון טייסטער עטלעכע בילדער, פריער דאָס בילד וואָס די געראַטעוועטע יידן האָבן מיט אים געמאַכט פאַר זייער אָפּפאָרן און דערנאָך דאָס בילד פון דאַווידעקן, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק באַקומען צוגעשיקט.

ער קוקט אויפן בילד מיט פאַרגעניגן און ליבשאַפט און וואונדער'ט זיך אויפן קול:

— ווי איז ער דאָס אויסגעוואַקסן! ווי שיין ער זעט איצט אויס! אוי אַנגעליטן האָט ער זיך, נעבעך, אָנגעליטן... טאָג און נאַכט האָב איך געבעטן צום האַר: "שטיי אויף אונדז צו ראַטעווען, לייז אונדז אויס מיט דיין באַרמהאַרציקייט", נעמט ער ציען מיט אַ פרומען ניגון. דער האַר פון דער וועלט און די הייליקע מוטער האָבן מיינע תפילות אויסגעהערט. דאָס קינד און די ביי מיר פאַרשטעקטע יידן אונטער זייער שוץ גענומען. אַ חסד געטאָן צו אַלע. איצט וועלן זיי אַלע מיך אָפּוואַרטן אין פּאָרט, אין חיפה, ווי דער פאַן גוטמאַן האָט מיר אין זיין בריוו געשריבן, פאַרענדיקט ער מיט שטאָלץ און באַטראַכט ווידער זיין טראַכט: די פיינע נייע בגדים, וואָס ער האָט ביז איצט אינעם קאַסטן געהיט, זיי זאָלן בלייבן ניי און פריש.

די פּאַסאַזשירן האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ ווי אַ צייכן פון אָנערקענונג און יעדער באַזונדער האָט צוגעגעבן:

— הלוואי אַ סך אַזעלכע... זיי האָבן געטיילט זיך מיט אים מיט זייער שפּייז. געגעבן די אַדרעסן פון די משפחות אין ישראל און איינגעלאַדן צו באַגעגענען זיך ביי זייערע קרובים.

ערשט ביים דערנעענטערן זיך צום פּאָרט, האָט זיך דער האַרבאַטער יאַן דערווייטערט פון אַלע זיינע נייע באַקאַנטע. געזעסן אַליין מיטן געבעט-בוך אין האַנט, אָדער פּאַמעלעך געקרייזט אַרום דעק און אַריינגעטראַכט אינעם נעכטן.

וואָס מער ער האָט זיך דערווייטערט פון זיין היימלאַנד, אַלץ נעענטער זיינען צו אים צוריקגעקומען די דערמאָנונגען פון אַלע מלחמה-יאָרן, ווי דאָס אַלץ וואָלט ערשט איצטער זיך אָפּגעשפּילט.

✶

שוין אין די ערשטע טעג, באַלד נאָך דעם ווי די משפּחה גוטמאַן מיט די קינדער איז געקומען אין געטאָ אַריין, האָט די פרוי לענאַ צוגעפירט איר פיר־יאָריק מיידעלע צום קלויסטער און שטיל אַנגעזאָגט:

— חנהלע, פון היינט אָן הייסטו זאָסיאַ. דו האָסט ניט קיינעם... האָב קיין מורא, דאָ וואוינען גוטע שוועסטערס, זאָלסט זיי אַלע פאָלגן... וואָס מען זאָל דיך ניט פרעגן — ענטפער: איך ווייס ניט... רייד גאָרניט, גאָרניט!...

די מוטער האָט דאָס מיידעלע אַרומגעכאַפּט, אויסגעקושט די בעקעלעך, דאָס קעפּל, די פולע, ווייכע הענטלעך און שוין איז זי ניטאָ מער.

חנהלע האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס די מאַמוסיאַ איז אַזוי גיך פאַרשוואונדן. וואוהין איז זי אוועק?

זי האָט געגומען וויינען אויפן קול, אָבער זי האָט שוין באַנומען און גוט פאַרשטאַנען, אַז די מאַמעשי טאָר זי מער ניט רופן.

די שווערע, אייזערנע טיר פון דער פעסטער קלויסטער-געביידע האָט זיך אויפגעעפנט. אין עלטערע פרוי, איינע פון די באַרמהאַרציקע שוועסטערס, אין אַ שוואַרץ לאַנג קלייד, ביז צו די קנעכלעך, מיט אַ ווייסן ברייטן קאָפּ-טוך, ביז צו די אויגן אַראָפּגעצויגן, האָט מיט שטילע טריט זיך דערנעענטערט צום וויינענדיקן קינד. באַטראַכט אַ רגע איר שיין פאַרקעמט קעפּל, מיט די ווייסע, זיידענע שלייפן אין די פאַרפלאָכטענע האָר, דאָס רויטע קליידעלע מיט די ברייטע פאַלדן און אַ באַנומענע געפרעגט:

— ווער ביסטו מיין קינד? פון וואַנען ביסטו דאָ אַהערגעקומען?

חנהלע האָט אַ דערשראָקענע געוויינט, געהעשעט אָן כוחות און גאָרניט געענטפערט. איר גאַנץ גופל האָט געציטערט פון פחד פאַר דער פרעמדער פרוי מיטן צלם, אַנגעהאָנגען אויף אַ לאַנגער קייט. נאָך אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער איז צוגעקומען.

די פרוי גוטמאַן, פאַרשטעקט הינטער אַ מויער, האָט אַ טויט-בלייכע, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעקוקט ווי זיי האָבן חנהלען געגומען פאַרן הענטל און ווי זי פאַרשווינדט מיט זיי הינטער דער אייזערנער טיר. אַ רגע האָט דאָס רויטע קליידעלע שימערירט פאַר אירע אויגן און פאַרשוואונדן.

אין אירע אויערן האָט נאָך אָפּגעהילכט דאָס אומבאַהאָלפענע קינדערשע געוויין, דאָך האָט זי אַ באַרואיקטע געגומען שפּאַנען צוריק אַהיים. גאָט וועט העלפן, האָט זיך די אומגליקלעכע מאַמע געטרייסט, זיי וועלן זי אַריינגעמען צווישן די יתומים, און אָפּהיטן ווי אַלע קינדער.

ביינאַכט זי ניט אַרויסוואַרפן... ניין, ניין!...

צוויי יאָכן שפּעטער, האָט מנשה גוטמאַן מיט זיין זעקס-יאָריקן דודל, אין גרויען באַגינען געשפּאַנט אויפן ברייטן אַלעקסאַנדערער וועג צום נאָענטן דאָרף.

דודל, נאָך אַ פאַרשלאָפענער, אין פּשוטע אָפּגעטראָגענע הויזן, הייכע שיך, מיט אַ פּעקל אין האַנט. מנשה גוטמאַן, אין אַלטע אָפּגענוצטע מלבושים מיט אַ דאָרפיש היטל איבערן שטערן אַראָפּגערוקט און אַ זעקל אויף דער פּלייצע פאַרוואָרפן. ווי צוויי מידע דאָרפסגייער האָבן זיי געשפּאַנט איבערן ברייטן שאָסיי און קיינעם וואָלט עס ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס אַנטלויפט דער באַקאַנטער לאָדזשער סוחר אין אַ פאַרוואָרפענעם שטילן דאָרף, אויסצובאַהאַלטן דאָרט זיין יינגעלע, ווי זיין פרוי האָט עס געטאָן מיט חנהלען.

טעג און נעכט האָט ער איינגעטענהעט מיט זיין פרוי, אַז זי זאָל צושטימען אַרויסצופירן דאָס קינד פון געטאָ. אויסגערעכנט און לאַנג אַרומגערעדט וועגן אַלע באַקאַנטע פּאָלאַקן, וואָס זיי האָבן זינט יאָרן געקענט און צום סוף באַשלאָסן צופירן דודלען אין דאָרף צום אָרעמען פויער, דעם האַרבאַטן יאַן, צו וועלכן זיי זיינען יעדן זומער, ווען די לופט אין שטאָט האָט געשטיקט מיטן רויך פון די פאַבריקן און צעגליטע מויערן, אויף זומער-וואָוינונג געפאָרן. זיי האָבן אים גוט געקענט, געהאַט צוטרוי צו זיין ערלעכקייט און פּשוטקייט און איצט האָבן זיי באַשלאָסן צו אָנפאַרטרויען אים דודלען.

שטום זיינען פאָטער און קינד געגאַנגען פאָראויס. קיינער פון זיי האָט זיך ניט אַרומגעקוקט, ניט אויף לינקס און ניט אויף רעכטס, ווי זיי וואָלטן פון תמיד אָן גאָר היימיש געווען מיטן וועג, און געהאַלטן די אויגן צו דער ערד צוגעשמידט, כדי מיט קיינעם זיך ניט טרעפן פּלוצים, אומפאַרהאָפט.

האָט מנשה גוטמאַן פאַרזיכטיק שטיל גערעדט צום קינד:

— נאָר אַ קורצע צייט וועסטו בלייבן אין דאָרף... איך וועל צו דיר אַלעמאָל צוקומען. ברענגען דיר זאַכן, עסן... זאָלסט זיך דאָרט פירן ווי זיי אַלע, בעסער איז ווייניקער צו ריידן, ניט אַרומלויפן איבערן דאָרף...

דער פאָטער האָט אָפּגעהאַקט, ווי געזוכט ווערטער אַרויסצוברענגען אַ געדאַנק, וואָס מאַטערט אים און נאָך עטלעכע מינוט ווידער אָנגעהויבן גוטמוטיק, ווייך:

— געדענק מיין קינד, אַז נאָר אין הארצן ביסטו אַ ייד... זיי אין דאָרף דאַרפן עס ניט וויסן... געדענק! נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט און אָפּגעהאַקט.

אין קאָפּ האָט געהאַמערט וואָס אַ מאָל אַן אַנדער מחשבה: ווי פילט זיך חנהלע, אַליין צווישן פרעמדע? וואָס וועלן די דייטשן טאָן מיט די יידן אין געטאָ? פאַרשיקן זיי אויף אַרבעט אָדער אויסהונגערן אַלע צוזאַמען ביז צו איין סוף? און אַלעמאָל איז ער צוריקגעקומען צום זעלבן געדאַנק: צי וועט יאַן

וועלן נעמען צו זיך דודלען? ווי וועט אין אזא צייט זיך אויפפירן דער תמיד גוטער און האַרציקער פויער?

✶

די כאַטע פון האַרבאַטן יאַן איז געשטאַנען אויפן ראַנד פון וועג, אָפּגעזונדערט פון די הייזער, אַזוי־ווי ער, יאַן, איז אָפּגעזונדערט פון אַלע פויערים אין דאָרף.

געבוירן איז ער געוואָרן א געזונטער, א קרעפטיקער, ווי אַלע קינדער אין זיין משפחה, נאָר אן אומגליקלעכער פאַל האָט זיין לעבן צעבראָכן. צו צען יאָר, פאַרנדיק פון פעלד אהיים מיט א וואָגן קרויט, איז ער אַראָפּגעפאַלן אין א גראָבן מיט שטיינער. עטלעכע טעג איז ער געלעגן אין בעט ווי א געליימטער, ניט געקענט באַוועגן מיט קיין גליד; ווען ס'איז געקומען דער דאָרפס־פעלדשער, דער מומחה אויף אַלע שלאַפקייטן, האָט ער געפסקנט אז דער ווייטיק וועט אליין פון זיך אַוועק, ער דאַרף נאָר ליגן רואיק און געדולדיק ביז אַלץ וועט פאַרגיין.

נאָך א צייט איז דער ווייטיק באמת פאַרגאַנגען, ביים תמיד פריילעכן יאַנעק, נאָר ווען ער איז צום סוף אויפגעשטאַנען, איז ביי אים דער רוקן געווען א קרומער און אַזעלכער איז ער שוין געבליבן. ניט אין דער הויך איז ער געוואָקסן, ווי אַלע זיינע ברידער, נאָר ווי א געבראָכענער בוים, מיט די צווייגן געבייגט צו דער ערד.

איז יאַנעק געבליבן א פאַראומערטער מיט אויסגעלאָשענע אויגן. זיינע אַמאָליקע שטיפערייען זיינען אויף שטענדיק פאַרשוואונדן. מיט די דאָרפס־ייִנגלעך ניט געקענט מער זיך אַרומיאָגן, און אויך זיי האָבן זיך פון אים דערווייטערט, גענומען אויסמיידן. האָט ער מיט לייב און לעבן זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט.

פון באַגינען אָן געזעסן אויפן פעלד. מער פון אַלע ברידער אַרומגעגאַנגען אַרום די בייטן מיט גרינסן און אַרום די פרוכט־ביימער. אין די איינזאַמע פאַרנאַכטן, ווען אַלע קינדער זיינען זיך צעלאָפן איבערן דאָרף איז ער געבליבן אין שטוב מיט טאַטע־מאַמע. גענומען זיך צו האָלץ־שניצערייען, צו פאַרטרייבן דעם לאַנגווייל, די אין־סופיקע פוסטע שעהן. מיט יעדן יאָר זיינען אַרויס פון זיינע הענט שענערע האָלץ־שניצערייען: פייפלעך, צלמלעך, שטעקנס מיט קעפּ פון פייגל און חיות. ביז צום סוף בילדער פון דאָרף צעהאַנגען אויף די ווענט, ווי א שטענדיקע אויסשטעלונג.

אין די זונטיק־פרימאָרגנס איז ער לענגער פון אַלע דאָרפס־יונגען געזעסן אין קאָשטשיאָל, געדאַווענט הייסער און געטרייער, א טיפע אמונה האָט אים אַרומגענומען. אין די תפילות האָט ער געפונען א טרייסט און באַרואיקונג. ער האָט גענומען לערנען אין די הייליקע ביכער דאָס לעבן פון די מאַרטירער און

קדושים, אַנגעגנומען זיך מיט זייערע זיטן און צוגעאייגנט זיך א פרומען ניגון, ווי אויך אין דער טאָג-טעגלעכער ארבעט וואָלט ער ארייגעטאָן געווען אין תפילה.

נאָכן טויט פון זיינע טאטע-מאמע, האָבן זיך די ברידער צעטיילט מיט די פעלדער, מיטן וואלד און בהמות, און אים, דעם האַרבאטן יאַן, איבערגעלאָזט די איינגעפאלענע כאטע מיטן ברייטן הויף, די פוסטע שטאלן, א קעלבל און דאָס אויסגעדארטע פערדל. די אלטע בגדים פון טאטן מיטן ביסל אָנגעזאמלטן שפייז אין קעלער. זיין שוועסטער טערעסא, א קראנקע אלמנה, אָן קינדער, האָט פאר אים געקאָכט, אָפגעהיט אים ווי א קינד און ער האָט זי געליבט ווי א מאמע.

איז טאקע פאר זיי ביידע די משפחה גוטמאַן געווען זייער אָנגעלייגט, ווען זיי זיינען יעדן זומער אויף פרישע לופט געקומען.

א גאנצן ווינטער האָט טערעסאַ, די אלמנה,געהאָדעוועט קאטשקעס און הינער פאר די לעטניקעס. מיט ליבשאפט האָט זי זיך געגרייט אויפצונעמען זייערע קינדער מיט אירע געשמאקע פּאָווידלעס, וואָס זי האָט אין ערדענע טעפלעך אין איר שפייכלערל אָנגעשטעלט.

יאַן האָט פון זיין אָרעם שטיקל ערד ארויסגעכישופט אלע גרינסן און ארום וועג פרוכט-ביימער געפלאנצט. יעדן יאָר אראָפּגענומען פון זיי קויבערס זאפטיקע קארשן, פלוימען און עפל מיט רויטע, פולע פּנימער.

בצמצום, אָבער צו דער זעט, האָבן זיי געלעבט פון זייער שווערער מי. אויף יעדן ווינטער אָפּגעשפּאָרט אביסל געלט. אין קליינעם קעלערל אָנגעשטעלט זעקלעך מיט ארבעס, פעסער מיט זויער-קרויט, אויסגעהאָנגען שנורן מיט געטריקנטע שוואָמען און עטלעכע זייטלעך גערויכערט פלייש. ניט איינמאָל איז אַן אָרעמער דאָרפס-גייער ארויס פון זייער כאטע מיט א זעקל קארטאָפל, אָדער א ברויט פון אייגענעם היימישן געבעקס.

— — — — — — — — — — — — — —

דווקא דעם צעלאָזענעם דודל האָט יאַן זייער ליב באקומען. אפשר דערפאר ווייל ער האָט קיינמאָל זיך מיט קינדער ניט געשפּילט, זיינען אים אלע זיינע שטיפערייען געפעלן געוואָרן, א הנאה פארשאפט. נאָר ער אליין האָט געקענט איינשטילן זיין ניט געצוימטע ווילדקייט, אָדער איבעררעדן א פארעקשנטן פארלאנג, פון וועלכן דער "שד" האָט ניט געוואָלט זיך אָפּזאָגן.

לאנגע שעהן אין די אָוונטן איז דודל געזעסן און באוואונדערט ווי קונציק יאַן שניידט אויס מיט זיין מעסערל קינדער-שפּילצייג פון שטיקער האָלץ און האַרטער קאָרע פון ביימער. קלאפט צונויף פון ברעטער פּאַליצעס און קעסטלעך, באפוצט זיי מיט האָלץ-שניצערייען און דערציילט דערביי כלערליי מעשיות פון דאָרף: וועגן בהמות און זייערע קראנקייטן, פון פויערים וועלכע גייען אין

דער אַרמיי, וועגן שריפות אויף פעלדער, גנבים פון שטאַט, וואָס קומען רייסן די פּרוכטן פון דיביימער און ווערן צעממיטשט פון די דאָרפישע שקצים.

אָפּטמאָל האָט זיך דאָס קלינגעוודיקע געלעכטער פון דודלען אויסגעמישט מיטן כריפּענדיקן געלעכטער פון יאַנען, וואָס איז אַ סך עלטער געווען פון זיין טאַטן.

ווי נאָר עס זיינען אין דאָרף געקומען די טרויעריקע ידיעות וואָס די דייטשן טוען אַלץ אָפּ אין די דערפער, ווי זיי פירן אוועק די בהמות פון די פּויערים און ליידיקן אויס די שפּייכלערס, האָט יאַן גענומען גראָבן גריבער אַרום דעם הויף. בייטאָג אַרומגעלייגט דעם גרוב מיט צווייגן און ביינאַכט פאַרגראָבן אַ קעסטל מיט אַן אָנגעפּאַקטן זאַק מעל. ווידער געגראָבן אין די נעכט ביז אַלע זעקלעך מיט קאַשע, אַרבעס און געטריקנטע שפּייז זיינען פאַרגראָבן געווען אין דער ערד.

פון די צוגעהערטע רייד וועגן די דייטשע רדיפות איז זיין פרומקייט נאָך פלאַמיקער געוואָרן. אויך זיין שוועסטער, טערעסאַ, פלעגט איצט לענגער קניען ביי די הייליקע בילדער און תפילה טאָן, אַז "דאָס פייער פון סדום זאָל ניט פאַרברענען אַלץ". די אמונה האָט געשטילט זייער פּחד און געשטאַרקט אין דער שרעק און פאַרלוירנקייט, פאַר דער מאַכט פון דער ריזיקער דייטשער אַרמיי.

✶

צו יאַנס כאַטע זיינען מנשה מיט דודלען צוגעקומען כמעט אָן כוחות. און וואָס מער די כוחות האָבן מנשהן אָפּגעלאָזט, אַלץ גרעסערע ספקות זיינען אים באַפאַלן.

ווי אַזוי וועט מיך אויפנעמען יאַן? — האָט ער געטראַכט מיט אַ געפיל פון אומזיכערקייט און פּחד. צי וועט ער זיין גרייט צו העלפן אין דער סכנה פון אומקום? אפשר וועט ער ניט אַריינלאָזן איבער דער שוועל, אויס מורא פאַר אַ מסירה?

גלייך האָט ער זיך אַליין בארויקט: זינט יאָרן בין איך יעדן זומער צו אים געפאָרן... ניט איינמאָל אַ טובה געטאָן... מתנות געבראַכט... צי וועט ער עס אָבער געדענקען? האָט אים דער אומרו אויף אַ רגע ניט אָפּגעלאָזט.

פון צייט צו צייט האָט ער דודלען געמונטערט:

— באַלד וועסטו זיך אויסרוען... שוין ניט וויט... טייערער...

ער האָט קיינמאָל מיט קיין צו צאַרטע ווערטער צו זיין ייִנגעלע ניט גערעדט, איצט, אין זיין אומבאַהאָלפנקייט, איז דאָס וואָרט אַרויסגעשוואומען פון האַרץ, ווי אַ געבעט צום קינד, ער זאָל ניט אָפּשטיין אין וועג, ניט באַשווערן אויסצופירן זיין פּלאַן.

זיין הארץ איז געווען אזוי פארקלעמט, אז ער האָט ניט געהאט גענוג ווערטער צוריידן צום קינד איבערן לאנגן וועג. צום ערשטן מאָל האָט ער געזען זיין דודלען אזוי ערנסט, אזוי פארשטומט. געפילט אז זיין הערצעלע איז אויך פול מיט שרעק. דווקא דאָס שווייגן האָט אים ווי געטאָן, צענומען.

מידע, מיט שטויב און שווייס באדעקטע, האָבן זיי לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען זיי האָבן דערזען די גוט-באקאנטע, ווייס-אויסגעקאלכטע כאטע, מיטן שיפן דאך באדעקט מיט רויטע דאַכעוועקעס. באלד האָבן זיי אויך דערהערט די ווארעמע, זינגעוודיקע שטים פון באלעבאָס פול מיט פארוואונדערונג:

— ווי קומט דאָס דער פּאַן גוטמאַן מיטן קינד צופוס פון שטאָט? זאָל זיין געלויבט זיין הייליקער נאָמען! א גאסט אין שטוב — גאָט אין שטוב! און ביי די רייד פרום זיך איבערגעצלמט.

אין די האָלצענע טרעפּעס אויף די באָרוועסע פיס איז ער צוגעקומען צום פּארקאַן אנטקעגן די פּלוצימדיקע געסט. באגלייט צו דער טיר פון זיין היים און אריינגעפירט אין דער ברייטער פויערישער שטוב. פול מיט רחמנות איז געווען זיין פּנים, ווען ער האָט דודלען שטיל געפרעגט:

— דורשטיק ביסטו מסתמא? אויסגעדרייט זיך צו מנשהן און מיט זאָרג א פרעג געטאָן:

— וואָס מאכט די פּאַני און דאָס ליבע, זיסע מיידעלע? ניט ווארטנדיק אויף אן ענטפער אריין אין דער צווייטער שטוב, וואו ס'איז אויף דער ברייטער באנק געזעסן טערעסאַ פּארטאָן ביי איר ארבעט.

בלייך און טרויעריק איז טערעסאַ זינט דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה; אונטער אירע אויגן הענגען שווערע, אָנגעלאָפענע זעקעלעך, די נאָז איז ביי איר אויסגעצויגן געוואָרן און פארשפּיצט, דאָס מויל ציטערדיק; אלע שלאָפקייטן, וואָס זי האָט באקומען נאָך איר מאנס טויט, אין אייביקן טרויערן און בענקען צו אים, זיינען איצטער פארדאָפּלט געוואָרן. און דאָס ערגסטע, וואָס האָט זי געטראָפן, איז די שוואכקייט אין אירע הענט און פיס.

זיצט זי גאנצע טעג און דאַוונט. לייענט די הייליקע ספרים. קוים וואָס זי גרייט צו אביסל עסן, וואשט אויס די כלים און שוין זיצט זי ווידער נעבן די הייליקע בילדער ארומגעשטעלטע מיט וואקסענע ליכט, אן איינגעליבטע אין זייער קדושה.

דערהערט, אז דער פּאַן גוטמאַן איז צופוס פון דער שטאָט געקומען מיט דאווידעקן, האָט זי זיך ווי פון א חלום אויפגעכאפּט. זי האָט פון קעלער ארויסגעצויגן א קענדל מיט קאלטע זויערמילך, ארויס צו די געסט, הן א דערפרייטע הן א פארזאָרגטע, און פון גרויס צעטומלטקייט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן:

— טרינק דאווידקו, טרינק! האָט זי ווארעם געבעטן. און וואָס מאכט די מאמוסיא? וואו איז זי? אַך, אַך... האָט זי אָפּגעהאַקט אומבאַהאָלפן, געקוקט א פארלוירענע אויף די פּנימער פונעם פאָטער מיטן קינד און באלד אויף איר ברודער, א דערשראָקענע און באַנומענע געטראַכט: ווי אָפּגעריסן איז דאָס דער פאָן גוטמאַן; וואו זיינען זיינע פיינע, שטאָטישע בגדים? און דאָס יינגעלע ווי אָפּגעצערט, ווי בלייך...

— וואָס הערט זיך אין שטאָט? פון דאנען אנטלויפן אלע... אוועק א סך, א סך! האָט זי ניט דרייסט ארויסגעוואָרפן פון זיך.

— טרינקט! קאלטע מילך, גלייך פון קעלער ארויס, האָט אויך יאַן, צוגערעדט זיינע חשובע געסט פון דער שטאָט.

ער האָט צוגערוקט צו זיי די צוויי ערדענע טעפּלעך און גענומען ווידער ארומשפּאנען איבער דער ברייטער שטוב.

מנשה גוטמאן האָט פיינלעך געשוויגן. געקייט דאָס דאָרפישע ברויט ווי א זויערע מאסע, און ניט געוואוסט מיט וואָס פארא ווערטער אָנצוהויבן.

יאַן האָט זיין פארצווייפלט שווייגן פארשטאַנען און אליין פון זיך אָנגעהויבן:

— גראָד אזא יינגל דאַרף איך איצטער... צו די געגנדן... אין פעלד ארויסהעלפן, ס׳וואסער שעפּן פון ברונעם. קראַנק איז מיין שוועסטער געוואָרן. יאָ, פּאַניע גוטמאַן, פון וויינען אין די נעכט, פון ניט עסן איז איר א שלאפקייט אריין אין די אויגן... אויך די הענט ציטערן ביי איר אָן אויפהער. זי וועט אָבער גערן פארנעמען זיך מיט אים... דאָס הייסט מיט אזא קינד...

ניט דרייסט לייגט ער פאָר:

— וויצעק וועלן מיר אים רופן... אז די מענטשן אין דאָרף זאָלן ניט דערקענען. אָט, א צייט אזא! ביים הער גאָט זיינען אלע מענטשן גלייך, נאָר איצטער איז א צעמישונג געוואָרן, מוז מען זיך היטן... האָט ער זיך געפּלאָנ־טערט מיט די רייד.

— איך מיין ניט בחינם, האָט מנשה גוטמאַן גענומען שטאמלען, מירן באַצאָלן, כ׳וועל ברענגען געלט, אונדזערע זאכן, איר וועט עס פארקויפן אויף עסן.

— זאָל גאָט מיך אָפּהיטן פון אזא זינד, האָט זיך יאַן אָנגעברוגזט. ער וועט זיך שוין אויף זיין עסן פארדינען. דער הער יעזוס און די הייליקע מאמע וועלן אים שיצן...

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו די הייליקע בילדער, שטיל האָבן זיינע ליפּן א תפילה געטאָן, ביי זיי הילף געבעטן און גלייך צוגעגעבן:

— אין אונדזער דאָרף זיינען עטלעכע יידן אויסבאַהאַלטן אין די שטאַלן, אין די שייערס... דער סאָלטיס האָט אין קאָשטשיאָל, נאָך דעם זונטיק-געבעט, אָנגעזאָגט:

״איך ווייס אַז אין נאָענטן וואַלד באַהאַלטן זיך אויס יידן מיט זייערע פרויען און קינדער... אַנטלאָפענע פון די שטעטלעך... איר זאָלט זיי, חלילה, ניט אויסגעבן... זאָל קיינער פון אייך ניט באַשמוצן די הענט מיט יידיש בלוט. באַלד וועט זיך ענדיקן די מלחמה און יעדער אייבער וועט זיך אומקערן צוריק אין זיין היים״. אַזוי האָט ער מיט אונדז איינגעטענהעט, האָט יאַן איבערגעחזרט און שטילער צוגעגעבן:

— אָבער היטן מוז מען זיך!

דער פחד און די אומזיכערקייט וואָס האָבן מנשהן דעם גאַנצן טאָג געפּייניקט איז אָפּגעטראָטן. ס׳איז אים לייכטער געוואָרן פון די געהערטע רייד.

— יאָ, די פּויערים זיינען שטענדיק געווען גוטהאַרציקע, האָט ער מיט אַ בלאָזן שמייכל פון זיך אַרויסגעוואָרפן. איך מיין איצט צוריקגיין אין געטאָ, אַהיים...

ער האָט זיך שווער אויפגעשטעלט, אוועקגעלייגט דאָס זעקל מיט מלבושים און עסנווארג. אַרויסגענומען פון קעשענע אַ זילבערן ציגאַרעטן-פּושקע צוזאַמען מיטן טייסטער און ניט זיכער געבעטן:

— ווען איר וועט עס ניט באַדאַרפן, וועט איר עס מיר צוריקגעבן. זאָל עס טערעסאַ האַלטן. נאָכער האָט ער זיך געווענדט צו דודלען:

— זאָג מיר צו מיין זון, אַז דו וועסט דאָ זיין געהאָרכזאַם, היטן זיך... איך וועל קומען צו דיר יעדע וואָך, זונעלע... אפשר אפילו שוין מאָרגן... ער האָט ניט געהאַט קיין כוח צו געזעגענען זיך מיט דודלען, זיין בכור. מורא געהאַט, אַז גראָד איצטער, ווען אַלץ איז שוין אָפּגערעדט געוואָרן בשלום, וועט ער זיך אַ ריס טאָן אויף צוריק, ניט וועלן בלייבן. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט צו יאַנען, פעסט זי געדריקט, ווי געוואָלט אין דעם האַנט-דרוק איבערגיסן אַלץ וואָס ער פילט.

— — — — — — — — — — — — — —

ווען מנשה איז פאַרנאַכט, דורך זייטיקע וועגן און קרומע געסלעך, געקומען צוריק אין לאַדזשער פאַרשטאָט באַלוט, האָט ער קיינעם אין דער וואוינונג ניט געטראָפן. אַלץ איז געווען צוזאַמגעלייגט אין אָרדענונג, ווי שטענדיק, נאָר זיין פרוי, לענאַ, איז דאָרט ניט געווען.

— לענאַ! האָט אין דער שטילקייט פון דער פוסטער שטוב אָפּגעהילכט זיין פאַרצווייפלטע שטים.

איז ער אריינגעפאלן צום נאָענסטן שכן ביי זיין טיר, א טויט-בלייכער גענומען אויספרעגן:

— וואו איז מיין פרוי? וואָס איז דאָ היינט געשען? די שטוב איז אָפן... קיינער איז ניטאָ! לענאָ, מיין לענאָ, איז ער א הילפלאָזער אנידערגעפאלן אויפן שטול, באהאלטן דעם קאָפּ אין די הענט.

— ווער האָט זיך דאָס געקענט פאַרשטעלן, ווער האָט זיך געקענט ריכטן?... האָט ער ווי געוואַרט אויף אן ענטפער, נאָר דאָס אומגליק שוין געאנט, פאַר-שטאנען.

דער שכן האָט צוערשט טרויעריק געשוויגן, ניט געפונען קיין ווערטער צו טרייסטן, און נאכער מיט געציילטע ווערטער גענומען דערציילן:

— באלד פון פרימאָרגן האָבן די דייטשן געכאפּט מענטשן פון די גאסן... די מענער אריינגעפּאקט אין מאשינען... דערנאָך אויך געגאנגען איבער די הייזער, צוזאמגענומען די יונגע פרויען... ערגעץ-וואו אוועקגעפירט. ווער ווייסט וואוהין... ווער קען עס וויסן? מסתמא אויף ארבעט!

— ניטאָ ביי וועמען צו פרעגן... ניטאָ וואו צו זוכן, האָט מנשה א צעטומלטער געוועדט צו זיך אליין.

— אפשר אויף ארבעט איז היינט בעסער, ווי... ווי דאָ צו זיצן... מען דאַרף אנטלויפן פון דאנען! נאָך ביאַליסטאָק, נאָך לובלין... נאָך... האָט דער שכן צוגעגעבן, נאָר זיין טרוקן, פארגעלט פּנים האָט אָבער געזאָגט, אז די כוחות וועלן אים אין ערגעץ שוין ניט פירן.

מנשה גוטמאַן איז צוריק אריין אין זיין וואוינונג. זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער די פּאָליצעס וועש און געשיר, וועלכע ער האָט ערשט ניט לאנג צוריק צונויפגעקלאַפּט און אויסגעסדרט אויף זיי די זאכן, וואָס ער האָט אין געטאָ אריבערגעפירט.

— איז שוין נאָך אלעמען? האָט ער געטראכט אין שטומען וויי.

די גאנצע נאכט איז ער געלעגן אויפן בעט און ניט געקענט איינשלאָפן, איינגעקוקט אין דער פינצטערקייט, ווי געוואַרט אויף א נס, אז די טיר זאָל זיך פּלוצים אויפמאכן און די טייערע געשטאלט פון זיין פרוי זאָל זיך באווייזן. מיטן פרימאָרגן איז ער איינגעשלאָפן א מידער, אָן אַפּהענטיקער און באלד זיך אויפגעכאפּט מיטן פּחד פון א געיאָגטער חיה. אין איילעניש האָט ער גענומען צוזאמלייגן די זאכן, אריינגעשטופּט אין די רענצלעך און קויבערס, וועלכע ער האָט אין באַלוט געבראכט, מיט דער פולער זיכערקייט, אז אָט, אָט, וועט אלץ אוועק ווי א בייזער חלום און די וועלט וועט ווייטער זיין וועלט. יעדער וועט זיך אומקערן אין זיין היים, צו זיין ארבעט, צו זיינע נאָענטע.

ער האָט די פענצטער פאַרהאַנגען. דעם טיש אַראָפּגעטראָגן אויפן הויף, איבערגעקערט אים מיט די פיס אַרויף, אַריינגעלייגט דאָרט די פּעק מיטן בעטגעוואַנט און מלבושים און פאַרבונדן מיט א דיק־געפלאָכטענע שטריק. פאַר־שלאָסן די טיר און פאַרשוואונדן פון הויף, צוריק אין דאָרף, צו זיין קינד, צום איינציקן באַשיצער, דעם האַרבאַטן יאַן, וואָס האָט מיט פריינדלעכקייט אויפגעמאַכט פאַר אים זיינע אָרעמע ווענט.

ווען יאַן האָט דערזען דעם פּאַן גוטמאַן א פאַרשוויצטן, מיט שטויב באַדעקטן, שלעפּנדיק אזא אויסטערלישן וואָגן מיט רענצלעך און זעק, האָט ער גלייך באַנומען דאָס געשעענע. כאָטש זיין פּויערישער שכל איז בדרך־כלל געווען שווער תופסדיק און יעדע געשעעניש האָט ער תמיד לאַנג באַטראַכט, האָט ער איצטער דעם מצב בליציק שנעל פאַרשטאַנען. דער געזונטער אינסטינקט פון א מענטש, וואָס לעבט מיט דער נאַטור האָט דאָס אים אונטער־געזאָגט.

איז ער צוגעלאָפן צום פאַרקייטלטן טירל פון פּאַרקאַן, מיט דרך־ארץ באַגריסט דעם פּאַן גוטמאַן און שטיל א זאָג געטאָן:

— דאַווידעק איז אוועק אין פעלד מיט די גענדז. א יינגל, א כוואַט! באַלד זיך צו דער אַרבעט גענומען.

שטיל־שווייגנדיק האָט ער אוועקגערוקט א ברעטל פון קעלער, דערנאָך א צווייט. מנשה האָט איילִיק די זעק און רענצלעך אין קעלער געוואָרפן, געטריבן דורך א מורא אז אָט, אָט, וועט זיך א פרעמדער מענטש באַווייזן אויף דער שוועל. ער האָט פאַרשטאַנען אז אויך ער מוז אין דעם קעלער פאַרשווינדן.

יאַן האָט די ברעטער פון קעלער פּאַמעלעך צוריקגעלייגט, איבערלאָזנדיק שמאָלע עפענונגען פאַר פּאַסיקלעך ליכט און פאַר לופט. דעם טיש אַרויפגעשטעלט איבער די ברעטער און ווי צו זיך אַליין גענומען ריידן:

— זאָל זיך דער פּאַן ניט זאָרגן... נאָר בייטאָג... קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ. קיינער אין דאָרף וועט וועגן דעם ניט וויסן. שפּעטער וועל איך מיט טערעסען שוין עפּעס וואָס צוטראַכטן... איינאָרדענען... שאַ... שאַ! האָט ער איילִיק איבערגעריסן, דערשראָקן זיך פאַר דער סכנה וואָס ער נעמט אויף זיך.

פאַר מנשה גוטמאַן איז דער פינצטערער קעלער מיטן געדיכטן געשטאַנק א בייע היים געוואָרן. זיין פריערדיק לעבן איז פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט זיין אייגענעם איך.

✶

פּאַמעלעך, שווער ווי די פאַרגליווערטע ווינטער־וואָלקנס, איז געשוואומען די צייט.

אין דאָרף זיינען נאָר די זקנים געבליבן. די פעלדער פאַרטריקנט, די בהמות אוועקגעפירט, צוגעגזלט. אין די פאַרלאָזענע כאַטעס נאָך די פויערים, וואָס זיינען אויף אַרבעט פאַרשיקט געוואָרן, האָבן זיך פאַרשיידענע מענטשן געיאָוועט, — פאָלקסדייטשן...

מיידט יעדער אויס די פרעמדע, וועלכע דרייען זיך אַרום אין דאָרף און זייער דייטש לשון הילכט אָפּ חוצפּהדיק און זיכער אויף יעדן טריט, ווי זיי וואָלטן פון שטענדיק אָן די באַלעבאַטים פון דאָרף געווען.

דודל — איצט שוין וויצעק — מיט אַ צלמל אויפן האַלדז אָנגעהאָנגען, שפּאַנט יעדן זונטיק אין קאָשטשיאָל צוזאַמען מיט זיין באַלעבאָס, דעם האַרבאַטן יאַן.

דער גלח האָט אויסגעשריבן אַ פּאַפּיר און דער סאָלטיס האָט געחתמעט, אַז יאַן מיכאַלאַק איז דער אַפּוטראָפּוס פון דעם יתום נאָך זיין עלטסטן ברודער, אַ פאַרשטאָרבענעם אין שטאָט. אַ באַזונדער פּאַפּיר צוגעגעבן, וואו ס'איז געווען פאַרשריבן געוואָרן, וואו און ווען וויצעק איז געבוירן געוואָרן און ווי זיינע עלטערן האָבן געהייסן.

צעריסן און אָפּגעטראָגן זיינען געוואָרן די בגדים און שיך פון דודלען. די קראַנקע טערעסאַ האָט אַלץ געטאָן, אַז ער זאָל זיין ריין אָנגעטאָן. זי האָט געוואַשן און געלאַטעט זיינע זאַכן, פון אַלטע שטיקלעך סחורה אַ פּאָר שטעקשיך צונויפגענייט; און יאַן האָט צו דער אַרבעט אַ פּאָר האָלצענע טרעפּעס אויסגעאַרבעט. אָפּט פלעגט ער אַרומשניידן דודלס געקרייזלטע האָר, רונדיק אַרום שטערן און טרעפּנווייז פון די זייטן, ענלעך צו אַלע שקצים אין דאָרף.

ווי אַן אייגן קינד ליבן זיי אים פול מיט טאַטע־מאַמע ציטער, אַז ער זאָל כאָטש פון דעם שלעכטן עסן ניט פאַרשוואַכט ווערן, פון דער קעלט זיך ניט צוקילן, — אַ שטאָטישער דאָך, אַן איידל קינד...

זיין יונג קלינגעוודיק קולכל איז פאַר די צוויי איינזאַמע מענטשן געווען אָפּפרישנדיק, ווי דאָס ריינע וואַסער פון דאָרפישן טייכל.

צוזאַמען מיט מנשהן האָבן זיי באַשלאָסן אַז דאָס קינד דאַרף ניט וויסן אַז זיין טאַטע איז באַהאַלטן אין קעלער. זאָל ער זיך רואיק טאָן זיין אַרבעט. ניט אויסגעשטעלט ווערן פאַר אַ נסיון... ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן קען ברענגען?

יעדע נאַכט, ווען מנשה איז אַרויס פון קעלער, אַרומוואַשן זיך, אָפּעסן און אויסגלייכן די ביינער, האָט ער איינגעטענהעט:

— ווי לאַנג עס איז נאָר מעגלעך... דאַרף אַלץ זיין אַ סוד...

אין די ערשטע טעג נאָכן אָנקומען אין דאָרף, האָט דודל זיך געבעטן אַהיים, כאָטש אויף עטלעכע שעה. געבענקט צו טאַטע־מאַמע. צו דער קליינער חנהלען. ניט געוואוסט, צו וועמען ער בענקט שטאַרקער. די גאַנצע משפּחה האָט ער תמיד

געזעגט צוזאַמען און מיט דער גאַנצער נשמה געריסן זיך צו זיי אַלע. אין די נעכט פֿלעגט ער באַהאַלטן דאָס קעפּל אונטער די גראָבע דעקן און הילפֿלאָז אויסוויינען זיין בענקשאַפֿט צו דער היים. אין זכרון האָט ער געהאַלטן איינגעקריצט די ווערטער פֿון זיין טאַטן:

— געדענק מיין זון, נאָר אין האַרץ ביסטו אַ ייד...

דאָך, ווען ס'איז אים אַ פּחד באַפֿאַלן, האָט ער תּפֿילה געטאָן מיט די ווערטער, וואָס די פֿרומע טערעסאַ האָט אים געלערנט. די ערשטע צייט האָט ער מיט אַן אינערלעכן ציטער געטראַכט: צי וועט אים גאָט ניט שטראָפֿן דערפֿאַר. מיט דער צייט איז ער אָבער געוואָרן צוגעוואוינט צו די בילדער פֿון די הייליקע אויפֿן וואַנט, און כאָטש ער האָט געוואוסט אַז די תּפֿילה איז אַ פֿרעמדע, און אַז דעם יידישן גאָט איז ניט צו זען אויף אַ בילד, האָט ער אַזוי אייגן ווי זיינע אַפּוטרופּסים אייפֿעריק געדאַוונט און געבעטן, אַז די מלחמה זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן, עס זאָל זיין צו דער זעט ברויט און קאַרטאָפֿל, און האָט אויך צוגעגעבן זיין אייגענע תּפֿילה: אַמאָל צו זוכה זיין זיך אומקערן אין זיין היים, אין דער שטאָט.

ער געדענקט שוין ניט די היים, און קען זי זיך ניט דערמאָנען, אָבער ערגעץ-וואו אין זיין נשמה צאַנקט נאָך אַ קליינער פֿונק, אַ געדעכעניש פֿון די פֿאַרגאַנגענע קינדערשע יאָרן.

טראָץ דער שטענדיקער אויסגערעכנטקייט מיט יעדן ביסן אין דער אָרעמער פּויערישער משפּחה האָבן זיי איינמאָל אין דער וואָך אַ טאָפּ קאַרטאָפֿל לאַנג געשווענקט, גערייניקט, געוואַשן אין עטלעכע וואַסערן און שפּעט אין אָוונט געקאָכט. אַרומגעוויקלט דעם טאָפּ אין אַ האַנטעך און באַהאַלטן אונטער אַ דעק.

דודל האָט געוואוסט, אַז ביינאַכט וועט קומען אַ מענטש פֿון וואַלד נאָך דעם טאָפּ הייסע קאַרטאָפֿל. זיין הערצל האָט אים ווייטיקלעך געזאָגט, אַז דער מענטש איז אַ ייד, וואָס ליגט ערגעץ-וואו אין אַ גרוב אויסבאַהאַלטן אין הונגער און קעלט. ער האָט געפּיבערט אין שרעק:

— אויך איך בין אַ ייד... אַ ייד!

מיט יעדן יאָר איז ער דאַרער געוואָרן, ווי אַ געוויקס וואָס מען האָט פֿון איר צוגענומען אַלע נערונגס-זאַפֿטן. שווער איז זיין קעפּל געהאָנגען אויפֿן דינעם האַלדז, די דאַרע פּיס האָבן קוים געטראָגן דאָס גופֿל. ווי אַ ציטעריק צווייגל האָט ער זיך געצויגן אין דער הויך, אָט, אָט, וועט עס זיך איינברעכן. פֿון זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער טרויער פֿון דורות יידישע קינדער, איינגעשרומפּענע פֿון פּחד פֿאַרן שונא. יאָ און טערעסאַ האָבן איינגעזען, אַז ס'איז ריכטיקער אַז וויצעק זאָל זיך פֿאַר קיינעם ניט ווייזן, בעסער זאָל ער אַרבעטן נאָר אויפֿן הויף און אין שטוב.

פול מיט פּחד איז דודל געוואָרן, געשראָקן זיך פאַר יעדן וואָס דערנעענטערט זיך צום פאַרקאַן פון הויף.

אין די נעכט, ווען ער האָט פון פחד ניט געקענט איינשלאָפן, פלעגט ער זיינע הענטלעך צונויפלייגן און שטיל תפילה טאָן, ווי די פרומע טערעסאַ האָט אים געלערנט.

✶

יאַן האָט איינציקווייז אויספאַרקויפט אַלץ, וואָס מנשה גוטמאַן האָט געבראַכט אין זיינע פּעקלעך און זעק.

אָפּטמאָל, אין גרויען באַגינען, פלעגט ער זיך לאָזן אין וועג מיט זיין גראָבן שטעקן אין האַנט, צום גוט פון אַלטן פּראָפעסאָר זאַלעצקי.

ביז צו דער מלחמה איז זאַלעצקי געווען אַ לערער פון געשיכטע אין דער גרויסער שטאָט. אין גוט פלעגט ער קומען נאָר זומערצייט צו אויסרוען זיך ביי דער משפחה.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה איז זיין משפחה זיך צעלאָפן; איינער קיין פראַנקרייך, אַנדערע קיין ענגלאַנד. אויך די דינערשאַפט איז זיך צעלאָפן און נאָר דער פּראָפעסאָר מיט זיין פרוי זיינען דאָרט געבליבן. ווייל ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ פאָרשער פון תנ״ך און דערצו אַ רעליגיעזער מענטש, איז ער זינט יאָרן באַפריינדעט געווען מיטן האַרבאַטן יאַן — דעם פרומען ביבל לייענער. יאַן פלעגט אָפט צו אים קומען בעטן אַן אויסטייטשונג אויף אַ פּסוק וואָס ער האָט ניט גענוג תופס געווען. ביי דער געלעגנהייט פלעגט ער דעם ערלעכן און גוטן פויער איינלאַדן אויף אַ גלאָז טיי, און הנאה האָבן פון שמועסן מיט אים. אין די מלחמה יאָרן זיינען זיי נאָך נעענטער געוואָרן. ביי יעדע באַגעגעניש האָט ער יאַנען געגעבן צו פאַרשטיין די לאַגע אויף די פראָנטן, געלייענט די ביבל און צוזאַמען מיט אַ פאַרבענקטן ניגון געצויגן די פּסאַלמעס.

נאָר דעם פּראָפעסאָר און זיין פרוי, האָט יאַן אַנפאַרטרויט דעם סוד, אַז אין זיין קעלער באַהאַלט ער אויס אַ ייִד און אַז זיינס אַ קינד אַרבעט ביי אים אין דערווירטשאַפט, כדי אָנצוגיין ווי אַן אייגענער אין דער משפּחה.

דעם פּראָפעסאָרס פרוי, האָט דאָס טאַקע צוגערעדט יאַנען, אַז מען דאַרף פאַר וויצושן מאַכן אַ פּאַפּיר:

— וואָס עס זאָל זיך ניט טרעפן, האָט זי געזאָגט, מוז יעדער מענטש האָבן אַ דאָקומענט. ביי די דייטשן אַ פּאַפּירל איז אַלץ...

אויך די טייערע קליידער און זיידענע וועש פון די גוטמאַנס, וואָס יאַן

פלעגט פון צייט צו צייט ברענגען, האָט זי פארקויפט, ווי אייגענע, ביי אירע פריינדינס און שכנים.

יאַנען איז דאָס באַלעסטיקן די „פאַני פּראָפעסאָראָווע״ געווען שווער, ניט אָנגענעם. יעדן מאָל האָט ער זיך פארטיידיקט:

— א סך וואָלטן ביי מיר געקויפט אזעלכע שיינע זאכן... אָבער נאכער גלייך אָנגעהויבן נאָכקוקן, נאָכשפּירן פון וואנען קומט דאָס צו אזא אָרעמען פויער ווי איך אזעלכע קליידער און וועש? אפשר וועלן זיי טראכטן אז איך האָב עמיצן באַגזלט? אז איך מאך געשעפטן מיט יידן? אָדער איך בין גאָר א מוסר, חלילה...

האָט יאַן נאָך יעדן באזוך אין גוט פון פּראָפעסאָר זיך אומגעקערט אין דאָרף מיט א זעקעלע צוקער, אריינגעפּאַקט אין די לאַנגע הויזן קעשענעס, טאָרבעלעך מעל און גרויפּן. א שטיק פעטס צו שמעלצן דאָס געקעכץ, און א גוטן ביסן פארן קינד.

יאַן האָט מיט א געדריקטער שטימונג דערציילט דעם פּראָפעסאָר און זיין איידעלער פרוי וועגן דעם אומגליקלעכן ייד, וואָס גייט אויס ביי אים אין קעלער ווי א ליכט. און זיפצנדיק איבער זיין גורל, דערציילט ווי שטארק דער מענטש האלט זיך דאָס אין אזא מצב.

— באָזשע מאָי, ווי קען ער דאָס אלץ אויסהאלטן!? נאָר ביינאכט, ווען אלע שלאָפן שוין, גייט ער ארויס פון קעלער זיך ארומוואשן. לאנג גייט ער ארום מיט ארומגעוויקלטע פיס אין שמאטעס, כדי אויסצוגלייכן די ביינער. און איידער ער גייט צוריק אין קעלער כאפּט ער א בליק אויף זיין יינגל, וואָס שלאָפט אין דער צווייטער שטוב, נאָר אויף א רגע, ווי ער וואָלט מורא געהאט דאָס קינד איבערצושרעקן מיט זיין געשטאלט. ווי קען ער דאָס אויסהאלטן? און די צוויי יידן וואָס איך האָב פארפרוירענע אהיימגעשלעפּט פון וואלד? האלב-טויטע זיינען זיי שוין געווען, ווען איך האָב זיי באהאלטן, ווי שטום זיי זיינען, זייריידן גאָרניט... טאָג און נאכט ליגן זיי און שווייגן... אפילו אויף א רגע ווילן זיי ביינאכט ניט ארויסגיין פון זייער באהעלטעניש; דער טויט ליגט זיי שוין אויפן פּנים און זיי האלטן זיך מיט א סך, א סך האָפענונג!

— ווען וועט שוין זיין א סוף צו דעם גיהנום? פרעגט ער א פארצווייפלטערביים אוועקגיין. אויך זיינע כוחות גייען אויס. דער לאנגער וועג איבער די זאמדן ווערט וואָס אמאָל שווערער. מיט ציטער טראָגט ער די זעקעלעך מיט שפּייז און טראכט: פאראן אין שטעטל א סך בעלנים אויף יעדן חפץ. ווי קומט דאָס צו מענטשן אזויפיל געלט? מיר זיינען שוין לאנג אָן א גראָשן אין שטוב, און זיי צאָלן גלייך פאר יעדע זאך.

דער ציטער אין זיין קערפּער לאָזט אים שוין ניט אָפּ. ער איז שוין כמעט

ענלעך צו זיין שוועסטער טערעסאַ, אַזוי אייגן שלאָף און אָן כוחות. און די מורא פאַר דעם שונא ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער.

דאָך ציט אים ווידער צום פּראָפעסאָר. א גרויסער חריף איז דער פאָן זאלעצקי אויף פּאָליטיק. ניט אומזיסט האָט ער יאָרן-לאַנג שטודירט געשיכטע. ער דערקלערט יאַנען, אז די מפּלה זייערע וועט קומען פון זייער גרויסקייט און זאטקייט; פון זייער אכזריותדיקער מאכט און זיכערער הערשאַפט. זיי וועלן עס ניט קענען איינהאַלטן אויף לאַנג, זיי וועלן זיך איינברעכן און פאַלן, אזוי ווי ס'איז געפאַלן רוים און די אַלע מלוכות, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט איבער א סך לענדער און אונטערדריקט פעלקער.

זיצט יאַן אין רחבותדיקן עס-צימער, איז טועם פון דעם פיינעם געקעכץ, וואָס דעם פּראָפעסאָרס פרוי דערלאַנגט אויף פּאָרצעלאַן טעלער און אומקלאָרע מחשבות מאַטערן אים. שטאַמלט ער א דערשלאָגענער:

— כמעט די גאַנצע וועלט איז שוין אין זייערע הענט! און זיי גייען אַלץ ווייטער און ווייטער. גאָט האָט דאָך צוגעזאָגט, אז א צווייטער מבול וועט מער אויף דער וועלט ניט קומען... קלינגט זיין טענה קינדיש און אומבאַהאָלפן.

נעמט ארויס דער פּראָפעסאָר דעם הייליקן בוך און לייענט פאַר די נבואה פון אויסלייזונג.

— — — — — — — — — — — — — — —

און די אויפריכטונג איז געקומען.

צוזאַמען מיט די רפואות פאַר דער האַלב-בלינדער טערעסאַ פלעגט יאַן וואָס אָפטער קומען אליין א באַרואיקטער און אויפגעהייטערטער פון גוט.

פאַרנאַכט פלעגט ער אַנזאָגן די בשורות די אויסבאַהאַלטענע יידן:

— שוין ניט לאַנג וועלן מיר אזוי זיך מאַטערן, זיי אַנטלויפן שוין פון די פראָנטן... איך ווייס עס אויף זיכער... זייער סוף איז שוין געקומען!

טאַקע אין גוט האָט ער זיך דערוואוסט, אז דער שונא ציט אָפּ. א צעטומלטער פון פרייד האָט ער אויסגעהערט דעם פּראָפעסאָרס אָנווייזונגען:

— אַלע אין דאָרף מוזן דערווייל זיך באַהאַלטן... אפשר וועלן די בעסטיעס פאַרן אַנטלויפן אַלץ אוועקלאָזן מיטן פייער. פאַרניכטן. אויף דעם זיינען זיי ספּעציאַליסטן!

ניט מיט זיינע כוחות איז יאַן געלאָפן צוריק אין דאָרף מיט דער גרויסער בשורה.

אריין אין שטוב א צעפּלאָמטער, א צעטראָגענער. איז ער צוגעפאַלן צו

וויצעקן און צום ערשטן מאָל פאר אלע יאָרן, וואָס ער האָט אים אין זיין היים געהאלטן, געגומען אים קושן, בעת גרויסע טרערן זיינען גערונען פון זיינע אויגן.

— זון מיינער... מיר זיינען פריי! פריי! געטוליעט צו זיך דאָס קינד, ווי דאָס איינציקסטע און טייערסטע, וואָס האָט אים אין די שווערע מלחמה-יאָרן פארשאפט אזויפיל ליכטיקע טעג.

ביינאכט האָט ער אוועקגערוקט די ברעטער פון קעלער און אריינגעשריען:

— פאניע גוטמאַן... פריינד מיינער, אנו, קומט ארויס אביסל! נאָך א טאָג און נאָך א נאכט און מיר וועלן זיין פריי. זיי ציען אָפּ! זיי ברעכן דעם קארק!

✶

די לעצטע נאכט אויף דער שיף. מאָרגן וועלן זיך שוין ווייזן די שפיצן פון כרמל-בארג, אזוי האָבן אָנגעזאָגט די שיף-באדינער.

יאָן האָט צוזאמגעלייגט זיינע זאכן, מיט זיינע געדאנקען איז ער אָבער אין דעם גרויסן טאָג פון באפרייאונג.

אויף אייביק האָט זיך אין זיין זכרון פארקריצט די באגעגעניש פון דודלען מיט זיין פאָטער.

נאָך איצט שטיקט אים אין האלדז, ווען ער דערמאָנט זיך דאָס בילד, ווי דאָס אויסגעוואקסענע יינגל האָט זיך הילפלאָז געטוליעט אין די אָרעמס פון דעם אָפּגעפונענעם פאָטער; ווי א קליין פארלוירן קינד אריינגעכליפּעט אין אים די דערשטיקטע בענקשאפט, וואָס האָט אים געמאטערט אלע יאָרן.

— איצט וועט שוין אלץ זיין גוט... פון היינט מיין קינד... האָט קוים זיך געהערט מנשהעס דערשטיקטע שטים, בעת זיינע ליפּן האָבן געקושט דאָס קינדישע קעפּל.

די אנדערע צוויי יידן, וועלכע ער האָט געראטעוועט, זיינען שטום אוועק, יעדערער אין אן אנדער ריכטונג, אָפּצוזוכן די פארלוירענע משפחה.

— מירן נאָך צוריקקומען... מירן אָפּדאנקען... האָבן געשטאמלט די ליפּן, בעת זייערע דארע הענט האָבן ארומגענומען יאָנען — זייער רעטער.

דודל איז ווידער געבליבן אליין ביז דער טאטע וועט ברענגען א ידיעה, וואו עס זיינען די מאמע מיט חנהלען.

איצט קען שוין יאָן ניט טראכטן, ניט דערמאָנען זיך די געשעענישן. די בילדער נעמען זיך יאָגן איינס נאָכן אנדערן.

ער זעט דעם פאן גוטמאַן א פארצווייפלטן נאָכן לאנגן ארומזוכן אין די

שפּיטעלער און קאָמיטעטן, קינדערהיימען און אמטן. נאָכן שרייבן צענדליקער בריוו. אויסוואַרטן אויף אַן ענטפער אוןווידער שרייבן, שרייבן אָן א סוף! אין זיין ליידיקער, אויסגערויבטער וואַוינונג אין שטאָט האָט ער קיין רגע ניט געקענט איינזיצן. איז ארומגעלאָפן, ארומגעפאָרן א דערשעפּטער און קיינעם פון זיין הויזגעזינט און פון זיין גרויסער משפּחה ניט געפונען.

ווען אלע זיינע כוחות זיינען ווי אויסגעגאַנגען איז געשען דער נס:

פאַרנאַכט, ווען אלע זיינען צוזאַמען געזעסן ביים טיש, ביי דער פאַרעדיקער שיסל הייסע קאַרטאָפל, האָט זיך פּלוצים שטיל אויפגעמאַכט די טיר און אויף דער שוועל פון יאַנס כאַטע האָט זיך באַוויזן די פרוי לענא גוטמאַן, — אַן אָפּגעראַטעוועטע פון אַן ארבעטס-לאַגער, א שטאַרק פאַרעלטערטע, מיט א גרויען קאָפּ, איז זי געבליבן שטיין א פאַרשטיינערטע ביי דער טיר, דערזעענדיק איר מאַן און קינד...

— — — — — — — — — — — — — —

דאָס ערגסטע וואָס ס'האָט מנשהן געטראָפן אין זיין לעבן, איז געווען די באַגעגעניש מיט זיין מיידעלע אין קלויסטער.

נאָך חדשים פון אויסמאַטערנדיקע זוכענישן האָט ער אָפּגעפונען זיין טעכטערל ערגעץ-וואו אין א פאַרוואָרפענעם, שטילן קלויסטער. אויך יאַן איז מיט אים אומעטום מיטגעפאָרן, ווייל פאַר אים זיינען די קלויסטער-טירן שטענדיק אָפן געווען.

מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס איז מנשה געלאָפן איבערן קלויסטער-פּלאַץ דערזעענדיק דאָרט זיין קינד.

— זאָשאַ! חנהלע! האָט פון זיין האַלדז זיך ארויסגעריסן א דערשטיקטער רוף, פול מיט פרייד און פּיין. דאָס איז זי דאָך מיין קינד, מיין קינד!

דאָס מיידעלע, א פאַרוואונדערטע, האָט אויסגעשטעלט א פּאָר דערשראָקענע אויגן, אויסגעדרייט זיך צו אים מיטן רוקן און אויסגערופן מיט בייזקייט:

— דו ביסט ניט מיין טאַטע, דו ביסט א זשיד! א מיאוסער, אלטער זשיד! און אַנטלאָפן צו די מיידעלעך, אויסגעזעצטע אויף א באַנק אונטער א גרויסן בוים.

יאַן, וואָס האָט נאָר אין די מלחמה-יאָרן דערקענט די פרייד וואָס א קינד קען געבן, איז צוגעקומען א דערשיטערטער צו חנהלען און גענומען איינטענהען:

— געדענקסטו דיין מאַמוסיא לענאַ? דיין ברודערל דאַווידעק? זיי ווען באַלד דאָ אהערקומען... אהיימנעמען דיך... זיי א גוט קינד און גיי צו דיין טאַטען, נעם אים ארום...

חנהלע איז אנטלאָפן מיט א געשריי:

— איך וויל ניט קיינעם... איך וועל דאָ פארבלייבן! לאָזט מיך אָפּ... לאָזט מיך...

✶

די שיף איז שוין ביים ברעג... עס יובלען די פנימער. ווי א ווייטער חלום קלינגט די מוזיק אין ארום.

די גוטמאנס האָבן זיך צוריק ארויפגעארבעט און דערגאנגען צו א גוטן מאטעריעלן מצב. אָבער ווען ס'איז אויפגעקומען די יידישע מדינה האָבן זיי באשלאָסן אלץ אויפצוגעבן און זיך באזעצן אין אייגענעם לאנד. יאָן האָט געוואָלט מיטפאָרן מיט זיינע אָפּגעראטעוועטע יידן צוזאמען, סיי-ווי איז ער מיט זיי ווי איין משפחה געוואָרן. וואָס טוט מען אָבער מיט דער קראנקער, כמעט בלינדער טערעסאָ? ער מוז זי דאָך באדינען. ווי וועט זי זיך אן עצה געבן איינע אליין? האָט מען זיך געזעגנט מיט טרערן אין די אויגן, און יאָן איז געבליבן מיט דער אלטיטשקער שוועסטער.

ווי שנעל די צייט איז דורך, וואונדערט ער זיך איצטער. ס'דאכט זיך אים אז נאָר-וואָס האָבן די גוטמאַנס געמאכט דעם באַל פארן אָפּפאָרן קיין ישראל, און שוין וועלן אלע זיך ווידער טרעפן. ער טרייבט אוועק פון זיך די זכרונות, ווי געוואָלט וואָס גיכער אריין אין דעם לעבן וואָס דערווארט אים אין הייליקן לאנד.

דער פנים פון הארבאטן יאָן, מיט די טיפע קנייטשן פון א לעבן פול מיט שווערער מי און זארגן, האָט זיך צעשטראלט מיט א יונגער פרייד, דערזעענדיק דעם פולקעפיקן המון ביים באריער פון פּאָרט.

דער לעצטער פון אלע פּאסאזשירן גייט ער אראָפּ איבער די צוגעשטעלטע טרעפּ פון שיף. אלץ ארום איז אים דאָ פרעמד. ער ווייסט אָבער, אז פון צווישן די הונדערטער אומבאקאנטע פנימער וועלן באלד זיך ארויסרוקן זיינע פריינד און וויצעק, ניין דאַווידעק, וועט א לויף טאָן דער ערשטער און אים ארומכאפּן קושן מיט גרויס ליבשאפט.

פּארזיכטיק טראָגט ער זיין האַלצענעם קעסטל מיט די מתנות פאר זיינע פריינד און מורמלט צו זיך א באגייסטערטער:

— דאָס איז זי... די הייליקע ערד... די פאַני לענאַ מיטן פאַן גוטמאַן און קינדער ווארטן דאָ אויף מיר... אומעטום וועלן זיי מיך ארומפירן... אלץ ווייזן... א בוים אויף מיין נאָמען פלאנצן אויף דער הייליקער ערד...

יוסף סאָקולער ז״ל

ירושה

אוסטילע

ס׳האָט גאָט אויסגעשפּרייט איבער דיר
אַ האַנט אַ רואיקע, אוסטילע.
האָסט זיך צעלייגט אויף באַרג און אויף טאָל —
אַ זוניקע, אַ שטילע,
און וועבסט דיין פרײדיקן חלום, אוסטילע.

אין דיינע פאַרזייטע פעלדער
און צעשפּרייטע וועלדער
האָסטו אויסגעהאָדעוועט זין
מיט פלייצעס ברייטע,
און טעכטער מיט בלאָנדע לאָקן
און מיט לאַכעדיקע אויגן
וואָס פינקלען מיט די פאַרבן
פון רעגנבויגן.

אַנדרולקע

איז געקומען צורייטן צום מיידל, אַנדרולקע —
אַ יונג אַ כוואַטער, אַ טשופּרינעוואַטער.
זי איז געזעסן נעבן איר כאַטע,
געקעמט אירע פלאַקסענע האָר
און פארחלומט געצויגן אַ לידל.
איר פּנים, צעוואַרעמט פון זון,
האָט געבליט ווי די פעלדער אַרום.

האָט ער זיך אָנגעטראָגן ווי אַ וויכער,
אַ שפּרונג פון פערד — אַ בראַוון, אַ גיכן,
און האָט זיך געזעצט נעבן איר.
זיין פּנים פאַרברוינט פון ווינט און פון זון,
די אויגן צעפלאַמטע פון וועגן פון ווייטע,
די האָר זיינע זייען דעם ריח פון היי,
און זיין אָטעם — ווינט פון סטעפּ פון הייסן.

זיצט מען צוזאַמען, מען רעדט.
טוט ער וואוילינגעריש
אַ פּאַטש איר אין קני,
און זי אים צוריק.
און וואָרט נאָך וואָרט,
און בליק נאָך בליק,
צעצינדן זיך הערצער די יונגע,
און האַנט פאַרקלעמט זיך אין האַנט,
און אָרעם פאַרפלעכט זיך אין אָרעם
און יונג בלוט איז הייס —
טוט מען אַ פאַל ווי די סנאָפּעס . . .

אויף מאָרגן איז געווען אַ טאָג אַ גרויער,
דער רעגן האָט געקלאַפּט אויפן דאַך
פון דער כאַטע,
און אין האַרצן די זאַטקייט —
ווי פעלדער מיט צייטיקע זאַנגען . . .

האָט אַנדרולקע צום מיידל געזאָגט :
„הער אויס, סערדצע מיינס,
כ'בין ניט געבוירן צו רואיקן גליק.
עס געדייען פעלדער אויף אַלע מיינע וועגן . . .״
און אַ שפּרונג צום פערד,
אַ דריק מיט די שפּאָרעס.
און אַנדרולקע ? — אַ חלום ניט מער.

גייט אַ שיקסע

גייט אַ שיקסע איבער לאַנען,
אירע אויגן — בלויע ימען,
פינקלען, ברענען ווי צוויי־פלאַמען.

ווי אין פעלד די רייפע זאַנגען
וויגן זיך אין האַרץ פאַרלאַנגען
ניט פון דאָ און ניט פון דאַנען.

ווייסט די שיקסע ניט פונוואַנען
זי האָט פלוצים גאָר פאַרבענקט זיך
נאָך בלויאויגיקן סטעפאַנען.



צבי שיליס: קינדער טאַנצן אין לאָדזשער געטאָ

מרדכי קראַשניץ

אַריק איז געקומען אהיים א גאנצער

געוויִדמעט סג״מ ישראל געלבערזאָן, ז״ל

ס׳איז געווען אַ וואונדערלעכער פרילינג-טאָג, אָנהייב אַפּריל, טויזנט-ניין-הונדערט-זיבן-און-זעכציק.

ווייסע וואָלקנדלעך האָבן זיך געטראָגן אויפן הימל, שטיפעריש זיך געשפּילט מיט דער זון, וואָס איז דעם טאָג געווען אַ מילד-גלעטנדיקע, און האָט ליבלעך געוואָרעמט די ערד.

די פרילינגדיקע שטימונג האָט זיך אויך איבערגעגעבן די מענטשן, פריילעכער געמאַכט דאָס געמיט; אַלץ האָט אויסגעזען יונג, פריש, פול מיט לעבנס-פרייד און גוטסקייט, כאָטש נעם אַרום און דריק צו צום האַרצן די אַלע, וואָס באַגעגענען דיך היינט מיט אַ גוטן שמייכל אויף זייערע פּנימער.

נאָר אויף די בערג פון גולן און זיי צופוסנס, אינעם טאָל, האָט מען יענעם טאָג ניט געפילט די פרייד פון פרילינג. שווערע פאַרטויבנדיקע אויפרייסן פון באָמבעס און שראַפּנעלן האָבן צעשטערט די שטילקייט פון די בערג, און ריזיקע וואָלקנס רויך פון שריפות האָבן פאַרטונקלט די זון און איינגעהילט די געגנט אין אַ פינצטערניש.

דאָס האָבן די סיריער אויף די גולן הייכענישן מיט פייער און טויט פּרובירט אָפּשטעלן די אַרבעט פון די טראַקטאָרן אונטן אינעם טאָל, אויף וועלכע יונגע יידישע בחורים זיינען אַרויס צעאַקערן זייער באָדן און צוגרייטן אים צום פרילינגדיקן פאַרזיי.

אָבער אויך דאָס פייער האָט ניט געהאָלפן: די טראַקטאָרן האָבן ממשיך געווען, שורה נאָך שורה, אויפצורייסן די בתולה-ערד צוזאַמען מיט אירע ווילדע דערנער. דער פעטער באָדן האָט זיך צעגלאַנצט ווי טונקעלער קופּער, געשטאָכן די אויגן פון די סיריער און זיי ממש אַרויסגעפירט פונעם גלייכגעוויכט.

פונעם צפון, פון ערגעץ-וואו אויף יענער זייט פון די גולן בערג, האָבן מיט אַ מעכטיקן רוישן פון די מאָטאָרן זיך אָנגעטראָגן עראָפּלאַנען, צו זייען טויט און חורבן אויף די פרידלעכע יידישע יישובים אינעם טאָל.

זיינען באַלד אָקעגנגעפלויגן עטלעכע יידישע ״מיראַזשן״. די ברייטע הימלען זיינען ווי איינגעשרומפּן געוואָרן, דער וועג אויף צוריק אָפּגעשניטן און איינער

נאָכן אַנדערן האָבן זעקס "מיגן", ווי שוועך-פּאַרוואונדעטע רויב-פייגל, געקראַכט צו דער ערד אין גסיסה צאַפּלעניש און באַדעקט מיט זייערע שפּליטערס די אַרומיקע הייכעניש.

די מענטשן אין די אַרומיקע יישובים, וועלכע האָבן אָבסערווירט דעם קורצן קאַמף אין די הימלען, האָבן געיובלט, געשיקט לופט-קושן צו די פּליערס און געלאָפן אָנזאָגן די בשורה צו די קינדער און פרויען אין די בונקערס. דעם שונא'ס שטאָלץ איז געלעגן צעשמעטערט און זיך ממש גערייכערט מיט אים.

נאָר אויף איין אַפּשניט פונעם לאַנג-צעצויגענעם פייער-פראָנט האָט מען ניט געפילט דעם זיסן טעם פון נצחון. אויף די היגלען פון קיבוץ האון האָט זיך צעוואָיעט די סירענע פון אַ מיליטערישן אַמבולאַנס, יאָגנדיק אין שפּיטאָל אַריין מיטן קערפּער פונעם טויטלעך-פאַרוואונדעטן צה"ל-אָפיציר: שרוליק.

— — — — — — — — — — — — — —

יענעם פרייטיק איז אַריק, דער צה"ל זעלנער, געקומען אַהיים אויף שבת, נאָך דעם ווי ער איז אַ לאַנגע צייט ניט געווען אין שטוב, צוליב איינעם פון די אַרמיי-קורסן.

מיט שפּאַנונג און אמתער שמחה האָט ער זיך צוגעהערט צו די ידיעות וואָס דער ראַדיאָ האָט געבראַכט וועגן דעם נצחון פון די ישראל-פּליער. פּלוצלינג, ווען מען האָט איבערגעגעבן דעם נאָמען פונעם געפאַלענעם אָפיציר, איז ער געוואָרן בלייך, אַנגעהויבן צו ציטערן און אַ ספּאַזמאַטיש געוויין האָט אים גענומען שטיקן: זיין בעסטער און אינטימסטער חבר, שרוליק ,איז געפאַלן.

שרוליק, דער בלאָנדער, שטאָלצער בחור, דער בלוי-אויגיקער און שיינער, דער שטענדיק גוטמוטיקער און פריילעכער חבר זיינער, וואָס איז געווען פול מיט האָפענונגען און פּלענער, ווי אַ מילגרוים מיט קערנער, איז מער ניטאָ און מער וועט ער אים ניט זען.

ליגט אַריק אויפן בעט און וויינט אַריין אין די געביילטע פויסטן. זיינע אַקסלען צוקן און די ליפּן מורמלען עפּעס צו זיך אַליין, חזרן איבער אומצייליקע מאָל דאָס איינציקע וואָרט:

— נקמה!!

צומאָרגנס, ווען מען איז געזעסן אין אַ שוועך-געדריקטער שטימונג ביים טיש און געגעסן דעם שבתדיקן מיטאָג האָט אַריק זיך אָנגערופן:

— מען דאַרף זיי אַלעמען אָן רחמנות באַשטראָפן די סירישע מערדער. קיין איינעם פון זיי ניט איבערלאָזן! קיין שריד זאָל ניט בלייבן פונעם דאָזיקן רוצחים-פאָלק!

דער טאַטע האָט אַ ציטער געטאָן. די ווערטער וואָס ער האָט נאָר-וואָס

געהערט האָבן אים אויפגעטרייסלט. זיין גאַנץ לעבן טראָגט ער אין זיך דעם גלויבן אין אַ יושרדיקער וועלט און די ליבשאַפט צום מענטש — וואָס איז באַשאַפן אין דער געשטאַלט פון גאָט אַליין. דעם גלויבן האָט ער זיך באַמיט איינצופלאַנצן אויך אין זיינע קינדער, און ער איז זיכער געווען אַז די קינדער פילן דאָס זעלבע וואָס ער און וועלן אָן-ספק טראָגן ווייטער דעם גלויבן וואָס ער האָט אין זיי פאַרפלאַנצט. און וואָס הערן איצט זיינע אויערן?

ער האָט איבערגעריסן דאָס עסן, האַסטיק זיך אַ קער געטאָן צום זון און געענטפערט אויף זיינע ווערטער:

— ניין, זון מיינער, דו האָסט אַ טעות. איך ווייס, אַז דו ביסט איצטער פאַרביטערט און גייסטיק צעבראָכן, אָבער מען טאָר ניט פאַרפירט ווערן פונעם ביטערן געפיל פון נקמה ביז צום פאַרלירן די חושים. פאַרניכטן צוליב נקמה איז אַ שרעקלעכער פאַרברעכן און מען טאָר אַפילו ניט טראַכטן וועגן דעם. באַזין זיך מיין זון און טראַכט זיך גוט אַריין אין מיינע ווערטער.

אַריק האָט פּרובירט זיך פאַרטיידיקן, געוואָלט באַווייזן, אַז די סיריער זיינען גרייט אויסצושעכטן די יידן ביזן לעצטן און מען טאָר אויף זיי ניט האָבן קיין רחמנות.

— ווי אַזוי קענט איר, דער אַלטער דור, אונדז פאַרשטיין? האָט ער פאַרענדיקט דעם וויכוח, איר זייט דאָך גלות-יידן, צוגעוואוינט צו פאַרשוויגן עוולות, אונטערצושטעלן די פלייצע ווען מען האָט אייך געשלאָגן, אַבי איבערצוקומען, אַבי אויסצוהאַלטן. מיר, סאַברעס, קענען אייך ניט פאַרשטיין און איר אונדז אַוודאי ניט.

ס'איז שטיל געוואָרן ביים טיש. אַלע זיינען פאַרזונקען געוואָרן אין מחשבות, יעדער איינער האָט זיך געמאַכט זיין חשבון-הנפש. נאָר דער צער און טרויער אויף שרוליקן האָט אַלעמען פאַראייניקט.

✶

עס זיינען אַריבער נאָר געציילטע צוויי חדשים; דער מילדער פרילינג איז אַוועק און מיט אים צוזאַמען די רואיקייט און די פרידלעכע שטימונג ביי די מענטשן אין לאַנד. צוזאַמען מיט דער גליאיקער זון, וואָס האָט געשרפהעט איבער ישראל האָט זיך אָנגעצונדן די שריפה פון מלחמה.

די שטעט און יישובים אין לאַנד זיינען געוואָרן אויסגעליידיקט פון יונגע מענטשן, וועלכע זיינען איצט געלעגן אויף די גרעניצן, גרייטע צו באַשיצן דאָס יידישע לעבן און דאָס יידישע לאַנד, קעגן דעם ריזיקן קאָנצענטרירטן כוח פונעם מצרישן שונא און די אַנדערע, שוואַכער באַוואָפנטע, אַראַבישע אַרמייען.

דעם פינפטן יוני האָט זיך די מלחמה צעפלאַקערט און פיר טעג שפעטער,

פרייטיק, דעם ניינטן יוני, זיינען שוין די ישראל זעלנער געשטאַנען ביי די ברעגן פון סועץ און ביים מערבדיקן ברעג פון ירדן. די אַרמייען פון די מצרישע און ירדנישע שונאים, וועלכע האָבן זיך פון פאַראויס פאַרטיילט מיט דער ישראלדיקער ירושה, זיינען געלעגן צעשמעטערטע און האָבן זיך געבעטן אַפּצושטעלן דאָס פייער. ביים כותל-מערבי אין דער אַלטשטאָט פון ירושלים האָבן געשאַלט די שופרות און יידישע ליפּן האָבן מיט ציטער געקושט די אַלטע, שוואַרצע שטיינער.

דעם זעלבן פרייטיק זיינען די בערג פון גולן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בראַנדיקע וואולקאַנען, וואָס האָבן געשפּייט מיט פייער און שוועבל.

איבער די בערג האָבן זיך געטראָגן ישראל-עראָפּלאַנען; זייערע באָמבעס האָבן געריסן די געפּאַנצערטע פעסטונגען פונעם שונא, פאַרניכטעט זיינע לאַגערן, אַנגעיאָגט אויף אים שרעק און פּאַניק.

הונדערטער האַרמאַטן-פּיסקעס פוןביידע זייטן פראַנט האָבן זיך צעבילט און פאַרטויבט די גאַנצע געגנט אַרום. ס'האָבן געברענט הייזער און שטאַלן אין די יידישע יישובים, פאַרוואונדעטע קי און שעפסן האָבן גערעוועט און ס'איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך אויף זיי אומקוקן.

ווען ס'איז אין די מיטאָג-שעה'ן געפאַלן דער באַפעל "נוע", (רירן), האָבן פון די וועלדלעך, סעדער און פּלאַנטאַציעס גענומען זיך אַרויסשיילן פון זייערע מאַסקיר-נעצן די געפּאַנצערטע קאָמאַנדאָ-טרעגערס און טאַנקען. זיי האָבן מיט אימפּעט זיך אַ לאָז געטאָן צו די הייכקייטן פון גולן, צעמאַלנדיק מיט זייערע קייטן די שוואַרצע באַזאַלט-שטיינער.

צוזאַמען מיט די פּאַנצער טיילן האָבן זיך אויך געלאָזט לויפן באַרג-אַרויף, אַנטבלויזטע קעגן שונאס פייער, די פוסגייער טיילן פון דער "גולני" דיוויזיע און די רעזערוויסטן. זיי האָבן אַנגעגריפן דעם שונא'ס פאַרפעסטיקונגען, געמאַכט אין אים דורכברוכן, זיך אַריינגעריסן אין די פאַרבינדונגס-קאַנאַלן און אין די געפּאַנצערטע בונקערס.

די הייכקייטן זיינען פאַרזייט געוואָרן מיט שווערע מיליטערישע מאַשינען, אויפגעריסענע אויף די מינען-פעלדער. פאַרוואונדעטע זעלנער האָבן זיך גע-קאַרטשעט אין ווייטיקן און אַפּגעגאַנגען מיט בלוט, ביז די סאַניטאַרן האָבן זיי אויפגעזאַמלט און געבראַכט צו די מעדיצינישע זאַמל-פונקטן. אויף די פאַר-צוימונגען פון שטעכלדראָט האָבן זיך געוויגט די טויטע קערפּערס פון יונגע מענער אין מאַסקיר-קליידער און איבער זיי זיינען אַן אַפּשטעל געשפּרונגען זייערע חברים, טראַגנדיק זיך פאַראויס אַנטקעגן דעם שונא.

אין איינער פון די אַנגרייפנדיקע אַפּטיילונגען האָט זיך אויך געפונען אַריק. מיט אַ שעה פריער איז ער נאָך געזעסן אין אַ קליינעם "פּייפּער" עראָפּלאַנדל, זיך געטראָגן איבערן שונא'ס פּאָזיציעס אויפן באַרג און רעגולירט דעם פייער פון די ישראלדיקע האַרמאַטן, געקערעוועט אים אויפן שונא און זיינע פאַרפעסטיקונגען. אַרום אים האָט געהאָגלט מיט פייער, דאָס האָבן די

סיריער באַשאַסן דעם "פּייפּער", געצילט פון פאַרשיידענע כלים און געשאָלטן וואָס זיי קענען אין אים ניט אַריינטרעפן.

דורכן פאַרבינדונגס-אַפּאַראַט האָבן דערגרייכט צו זיינע אויערן די געשרייען און באַפעלן פון די שלאַכט-קאָמאַנדירן. דער פייער פוןביידע זייטן האָט ממש געבריט זיין אָטעם און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער וועט שוין פונעם פייער ניט אַרויס.

ווען ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פעלד און מען האָט אים דערמעגלעכט זיך אָפּצורוען, האָט ער געבעטן אַ דערלויבעניש אַרויפשטייגן אויפן באַרג צוזאַמען מיט די אָנגרייפנדע פוסגייער.

טראָגט ער זיך איצטער פאַראויס. לויפט אויפן באַרג און פילט אַפילו ניט ווי עס רייסן זיך אַרום אים באָמבעס און שראַפּנעלן. דווקא איצטער האָט ער זיך דערמאָנט וועגן שרוליקן, וואָס איז געפאַלן צופוסנס דעם דאָזיקן באַרג. ער דערמאָנט זיך ווי איינמאָל בשעת אַ שפּאַציר אויפן "מצפה-הימים" (אויסבליק אויף די ימען), האָט אים שרוליק אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב ליב דאָס לאַנד ביז משוגעת; אפשר איז עס מליצה, נאָר איך בין גרייט אָוועקצוגעבן מיין לעבן פאַרן דאָזיקן לאַנד.

ער האָט דעמאָלט געלאַכט פון אים, געלאַכט פון זיין "שוויץ" און אָט לויפט ער איצטער נקמה נעמען פאַר שרוליקס פאַרשניטן לעבן.

אַריק האָט זיך אַריינגעריסן אין די געפאַנצערטע פּאָזיציעס. געדרייט זיך אינעם פּלאָנטער פון די פאַרבינדונגס-קאַנאַלן און זיי אָפּגערייניקט פונעם שונא. אַרום אים זיינען געלעגן טויטע און פאַרוואונדעטע, ס׳איז אָבער קיין צייט ניט געווען זיך אומצוקוקן אויף זיי, מען האָט געמוזט וואָס גיכער פאַרענדיקן מיטן שונא, איידער ער וועט קומען צו זיך.

נאָכן פאַרנעמען די ערשטע פייער-ליניעס, האָבן זיך די אָפּטיילונגען באַוועגט פאַראויס אויפן וועג צו קונעטרא. אין איינעם פון די דערפער האָט מען פון די הייזער געעפנט אויף זיי מיט פייער. אַריק איז צוגעלאָפן צו אַ הויז, האָט מיט אימפעט אויפגעריסן די טיר און אַריינגעוואָרפן אָן אָפענעם גראַנאַט. ווען ער איז נאָכדעם אַריין אין הויז האָט ער צווישן די געהרגעטע זעלנער און אָפיצירן אויך דערזען די צעקאַליעטשעטע גופים פון פרויען און אַ קינד. מיט איינמאָל האָט זיך זיין קאַמפּס-גייסט אויסגעלאָשן. ער האָט דערפילט אַ זויערקייט אין מויל, איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און אָנגעהויבן צו ברעכן. ס׳האָט אים אַרומגענומען אַ געפיל פון צער און פאַרדרוס. — הייסט עס, האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין, אַז כ׳האָב דערהרגעט פרויען און אַ קינד, אַ קינד... ער האָט זיך געפילט שולדיק אין דעם וואָס ס׳איז געשען, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער זיך געלאָזט גיין צו זיין איינהייט.

אין אַ בריוו צו די עלטערן האָט אַריק דעם זעלבן טאָג געשריבן:

„כ׳בין איצט אינגאַנצן גייסטיק צעטרייסלט. איך האָב דערזען דעם אמתן פנים פון דער מלחמה און ס׳איז מיר שווער צו באַגרייפן אַז כ׳האָב אָוועקגענומען דאָס לעבן פון פרויען און אַ קליין קינד. כאָטש ס׳איז געשען קעגן מיין ווילן דריקט עס אויף מיר ווי אַ שווערע משא און כ׳קען זיך ניט באַפרייען פונעם דאַזיקן ביטערן געפיל״.

✶

ס׳איז שטיל געוואָרן אויפן גולן. דער שונא איז אַנטלאָפן און אויפן באַרג האָבן איצט גערוט די מידע שלאַכטלייט פון ישראל.

איבער די סירישע לאַגערן האָט געפלאַטערט די ווייס-בלויע פאָן און די דערפער זיינען געשטאַנען אויסגעליידיקטע פון זייערע תושבים, וועלכע זיינען זיך צעלאָפן פון מורא, כאָטש קיינער אין ישראל האָט ניט געהאַט בדעה זיי אַנצורירן און פאָדערן אַ חשבון פאַר זייערע מעשים.

אַלע וועגן, לאַגערן און קאָנצענטראַציע-פּונקטן פון דער אַרמיי זיינען שטרענג באַוואַכט געוואָרן פון מיליטער, אָפּצוהיטן פון אַן אומגעריכטן איבערפאַל.

ס׳איז געווען די צווייטע נאַכט נאָכן פייער איבעררייס. אויפן גולן האָט געהערשט אַ פולשטענדיקע פינצטערניש; ס׳האָט זיך ניט געזען קיין סימן פון אַ לעבעדיקן מענטשן, אַ פייערל וואָס זאָל אָנדייטן אויף אַ מענטשלעכן יישוב. נאָר דאָס וואָיען פון די שאַקאַלן האָט זיך געהערט אין דער נאָענט, דאָס האָבן זיי געפּייערט אַ סעודה מיט די טויטע גופים פון די געכטיקע אַכזריותדיקע הער-שערס, וועלכע מען האָט נאָך ניט באַוויזן צו באַגראָבן.

אַזייגער צוויי ביינאַכט איז אַריק צוגעקומען מיט אַ מיליטערישן דזשיפּ צו איינעם פון די לאַגערן און נאָכן אָנגעבן דעם געהיימען פּאַראָל האָט ער זיך געלאָזט גיין דורכן פינצטערן לאַגער צו איינעם פון די בנינים.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ פאַרדעכטיקן גערויש. ער האָט אָנגעשפּיצט זיין געהער, צוגעדריקט דעם פינגער אויפן ציגל פון „עוזי״ און זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, בבחינת אַ „רואה ואינו נראה״.

פון הינטער אַ בנין האָט זיך עפּעס דערנענטערט, אַ חיה אָדער אַ מענטש וואָס קריכט אויף אַלע פיר. אַריק האָט שוין געוואָלט אַ דריק טאָן דאָס ציגל און עפענען אַ פייער, נאָר עפּעס אַ געהיימע קראַפט האָט אים ווי אָפּגעהאַלטן דערפון. פאַרגעסנדיק אַלע כללים פון פאָרזיכטיקייט האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— ווער איז דאָרט? שטיי!

אויף זיין געשריי האָט אים אָפּגעענטפערט דאָס געוויין פון אַ קינד, וואָס איז פון שרעק שטיין געבליבן אויף אַן אָרט.

אַריק האָט פֿאַרגעסן וועגן יעדע געפֿאַר. ער איז צוגעקומען צום קינד און האָט דערזען פֿאַר זיך אַן אַראַביש יינגעלע פֿון אַ יאָר פֿיר, בערך, וואָס איז זיך פֿאַרגאַנגען אין געוויין פֿון הונגער און דורשט.

ער האָט אַרויפֿגעזעצט דאָס קינד צו זיך אויפֿן שויס, אַרויסגענומען זיין "אייזערנע פּאָרציע", און געגעבן אים קאָרמענען. דאָס יינגעלע האָט געשלונגען דעם עסן און קוים געקענט זיך זעטיקן. נאָכדעם האָט אים אַריק געגעבן צו טרינקען פֿון זיין וואַסער-פֿלאַש, אַרומגעוואַשן דאָס פּנימל, אויסגעשפּרייט זיין קאָלדרע און אַוועקגעלייגט אויף איר דאָס מידע קינד, וואָס איז באַלד איינגע-שלאָפֿן.

צומאָרגנס האָט ער באַקומען אַ דערלויבעניש צו האַלטן דאָס קינד נעבן זיך. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט ביי די ווינציק-פֿאַרבליבענע אַראַבער וועגן קינד, אָבער קיינער האָט עס ניט געקענט און ס׳איז מער קיין ספק ניט געווען, אַז די עלטערן האָבן עס פֿאַרלאָרן ביים אַנטלויפֿן, אָדער זיינען אומגעקומען אינעם מלחמה-פֿייער.

דאָס יינגעלע האָט זיך צוגעבונדן צו אַריקן און זיך וואָרעם געטוליעט צו אים. ס׳האָט אויך אויפֿגעהערט מורא צו האָבן פֿאַר די פֿרעמדע באַוואָפֿנטע מענטשן, וועלכע האָבן אים געגעבן עסן און אַפֿילו געקאָרמעט מיט צוקערלעך און שאָקאָלאַד.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט אַריק דאָס קינד אַריינגעגעבן צו אַ פֿאַרבליבענער אַראַבישער משפּחה, אין איינעם פֿון די דרוזישע דערפֿער אויפֿן גולן. ער האָט דאָרט אויך איבערגעלאָזט אַ זעקל מיט פּושקעס קאָנסערוון — אַ מתּנה פֿון צענדליקער צה״ל זעלנער.

ווען אַריק איז אַ וואָך נאָך דער מלחמה, אַ פֿאַרוואָקסענער און שמוציקער, געקומען אַהיים און האָט זיך צעקושט מיט די עלטערן האָט ער זיך אָפּגערופֿן צום טאַטן:

— די מלחמה איז שרעקלעך! כ׳האָב אָבער געזען אַזויפֿיל בלוט און טויטע, פֿאַרקריפּלטע קערפּערס פֿון מיינע חברים און אויך פֿון אונדזערע שונאים אַז ס׳האָט אויפֿגעהערט צו ווירקן אויף מיר. נאָר דאָס גרויזאַמסטע וואָס כ׳האָב געזען איז געווען אַ פּיצל אַראַביש קינד, עלנד און פֿאַרלאָזן, הונגעריק און דורשטיק, וואָס האָט אַריינגעוויינט אין דער נאַכט דעם גאַנצן גרויל פֿון דער מלחמה. אוי ווי שרעקלעך ס׳איז די מלחמה!

דער טאַטע האָט אויסגעהערט זיינע ווערטער און גאָרניט געענטפֿערט נאָר צוגעדריקט אים צום האַרצן און פֿון זיינע אויגן זיינען גערונען טרערן, פֿון פֿרייד וואָס דער זון איז צוריקגעקומען אַהיים אַ געזונטער און אַ גאַנצער, אַזאַ ווי ער האָט אים דערצויגן.

משה ביק

אויף א ליטעראריש־מוזיקאלער טעמע

א.

פרעגט ווען פון די לייענער וועגן דעם שאפן פון אונדזערע שרייבער און דיכטער, ווי א מקור פון השראה ביי מאָלער און מוזיקער, — און איך בין מסופק צי איר וועט באקומען א וועלכע ניט איז באפרידיקנדע תשובה.

נאָך ווייניקער ווייסט מען אויף וויפל און אין וועלכער מאָס אונדזער נאציאָנאלע מוזיק איז אינספירירט פון אונדזערע דיכטער. דאָס דיכטערישע וואָרט איז מוזיקאליש אין זיין פאָנעטיק און ריטמיש אין זיין סימעטריק. דער באגאבטער מוזיקער דארף זיך דערגרונטעווען צו דעם תוכיקן, וויזיאָנערישן עמאָציאָנאליזם, דערגרייכן די אויבערטענער פון דעם ניט דערזאָגטן. אָט דער פאראנענער „ישׂ", דאָס פאָנעטישע און ריטמישע אין דער דיכטערישער שפראָך, זיינען ווי ציגל און ליים פאר א מוזיקאלן בנין; דאָס מוזיקאלע זינגען איז פאראן שוין אינעם דיכטערישן זאָגן. דער מוזיקער דארף נאָר צולייגן זיין אויער צו די אייגענע סטרונעם, צום אייגענעם עכאָ: צו שפירן ווי־אזוי זיי וויברירן און ענטפערן אָפּ אויף דעם פינגער־באריר פונעם דיכטער.

ב.

ביי פעלקער, וועלכע לעבן אויפן טעגלעכן ברויט פון זייער נאציאָנאלער קולטור, ליטעראטור און קונסט, קענט איר אויף די פראגן זוכן א תשובה אין די צאָלרייכע בילדער און אילוסטראציע־אלבאָמען, אין וועלכע עס דאָמינירט דער גייסט פון דעם אָדער יענעם שרייבער און דיכטער. דאָס זעלבע איז מיט די נאָטן־זאמלונגען צו די לידער פון דעם אָדער אנדערן דיכטער. אזוי צום ביישפיל קענען מיר ביי די דייטשן און רוסן אָנטרעפן אויף ביכער געווידמעט היינען אָדער גטעטן, פושקינען אָדער לערמאָנטאָוון אין דער מוזיק, און אזוי אויך וועגן אלע אנדערע פאָדערשטע, „מזרח־וואָנטיקע" און „אויבן־אָניקע" דיכטער ביי יעדן קולטור־פאָלק. אויך די קלענערע דיכטער קומען צום אויסדרוק אין דער מוזיק, ווייל זיי באדינען ברייטע שיכטן פון פאָלק, זיינען זיי טעמאטיש נאָענט און ווערן אין דער מענטאליטעט באטראכט ווי א „לייבלעכער קרוב".

א פֿאָלקס-אינטעליגענץ, וועלכע לעבט זיך דאָמינאַנטיש אויס אויף דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור, פֿאַראַנשטאַלטעט מוזיקאַלע קאָנצערט-אָוונטן געווידמעט דעם, אָדער יענעם, דיכטער אין דער מוזיק. די דאָזיקע קאָנצערטן לאָזן הערן זיינע לידער פֿאַרטאָנטע דורך איינעם אָדער מערערע קאָמפּאָזיטאָרן. אפֿילו אינסטרומענטאַלע מוזיקאַלע ווערק, וועלכע זיינען אורשפּרינגלעך באַווירקט געוואָרן פֿון א ליטעראַרישער טעמע פֿון דיכטער און שרייבער; און האָבן זיי אויך געשאַפֿן פֿאַר דער בינע און צו דער בינע-רעאַליזירונג איז אויך געשריבן געוואָרן מוזיק, — ווערט אויך דאָס אפּירגעבראַכט און אויפֿגעפֿירט אין דעם מוזיקאַלן "מאי קא משמע לן".

ג.

ווי אַזוי זעט אויס די לאַגע ביי אונדז?

נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק, אין די גלות-באַדינגונגען, אין א סביבה פֿון פֿרעמדער אַרומרינגלונג און השפּעה, זיינען צו די לידער פֿון חיים נחמן ביאַליק, שאול טשערניכאָווסקי, אברהם רייזין, דוד פֿרישמאַן, זלמן שניאור, יעקב כהן, צו די טעקסטן פֿון י. ל. פּרץ, און פֿון א סך אַנדערע, געשריבן געוואָרן מוזיק דורך מוזיקער, וועלכע האָבן זיך באַקערט צו דעם יידישן מוזיקאַלן רענעסאַנס און זיך גענערט פֿון אים. אַזוי אויך די מיטגייער און נאָכקומער, ביז צו אונדזערע טעג; מוזיקער, גרויסע און קלענערע, צווישן זיי אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן ציטווייליק געטאָגט אין דער אכסניה פֿון דער יידישער מוזיק, דערוואַרעמט זייערע פֿינגער ביי איר פֿייער (מיכל גנעסין, די ברידער קריין און אַנדערע), און אַזעלכע וועלכע האָבן דעם גורל פֿון זייער שאַפֿן פֿאַרבונדן מיטן גורל פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער מוזיק (יוסף אחרון, מילנער, יואל ענגעל, שלמה ראָזאָווסקי, סאַמינסקי, לעאָ ליאָוו, זאָוול זילבערטס, לאַזאַר ווינער, מיכל געל-באַרט, שמואל בוגאַטש, פּנחס יאַסינאָווסקי און נאָך און נאָך), א לאַנג צעצויגענע רשימה פֿאַר ניט באַהאַוונטע פֿאָלקס-מענטשן צו שטוינען און צו באַוואונדערן.

זאַמלונגען פֿון פֿאָלקסלידער מיט נאָטן, און מוזיק צו לידער פֿון דיכטער זיינען נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דורך דער "געזעלשאַפֿט פֿאַר יידישער פֿאָלקס מוזיק" אין פּעטערבורג, דורך דעם "יובל" — פֿאַרלאַג, פֿאַרלאַג "רמון" אין בערלין, און "מעטראָ מוזיק קאָמפּאַני" אין ניו-יאָרק. ניט געווען א קאָמפּאַקטער יידישער יישוב, וועלכער זאָל ניט האָבן געזאַמלט, געשאַפֿן און בייגעטראָגן צו אונדזער נאַציאָנאַלן מוזיקאַלן אוצר; ס'זיינען פֿאַראַנשטאַלטעט געוואָרן קאָנצערטן פֿון עכטן פֿאָלקסליד, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען ווי א ירושה פֿון דורות, אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך פֿונעם פֿאַרמלחמה'דיקן פּוילן; און אַזוי אויך אין ניו-יאָרק, און בוענאָס-איירעס, אין מאָסקווע און אַנדערע שטעט אויף דער "יידישער מאַפּע" פֿון לענדער און פֿעלקער...

טאָ וואו זיינען די קאָנצערטן געווידמעט די ווערק פון אונדזערע אָנגע-זעענסטע דיכטער איןביידע שפּראַכן ?

און וואָס ווייסט מען ביי אונדז וועגן דעם ? אפילו ביאַליקס פּאָפּולערע גרויסקייט ביי אונדז איז דאָך אַן אבסאָלוט מגידיש-זאָגערישע. וואָס ווייסט מען ביי אונדז וועגן איר זינגעוודיקייט ?

דווקא אזעלכע אונטערנעמונגען פון אונדזער נאַציאָנאַל-דיכטעריישער-מוזיקאַלער זינגעוודיקייט וואָלטן געוועקט דרך-ארץ, ברידערלעך דערנעענטערט דורות, און וואָלטן ניט איבערגעלאָזט דעם אַקוסטישן רוים, כמעט אויסשליסלעך, צו דער באַהערשונג פון דעם אזוי-ביליקן און באַנאַלן מאָטיוו פון פּסעוודאָ-ישראלדיקייט, וואָס האָט זיינע וואָרצלען אין פרעמדן "שלאָגער", און איז א ים-תיכונישע אויפלאגע, פון קאָסמאָפּאָליטישן טרינק-קעלער געמיט...

אונדזערע חשובע קאָמפּאָזיטאָרן זיינען פּאַרנומען מיט הייכע דאָך-פּראָבלע-מען, מיטן שאַפן מער פאַר פעסטיוואַלער אייגנאַרטיקייט, איידער פאַר די טאָג-טעגלעכע נאַציאָנאַלע לונגען... די קאָמפּאָזיטאָרן "פון דער שורה" קומען זעלטן וועגן צום וואָרט, אין די רגעדיקע אודיציעס פון "קול ישראל", און דינען, מ'שטיינס-געזאָגט, ווי א קינסטלערישער צוגאָב צו די געדעקטע מסיבה-טישן... די פּאָלקס-אינטעליגענץ איז פאַר דער באַהאַנדלטער אויפגאַבע ווייזט אויס, ניט באַזינט.

און אויב עס דרייען זיך ארום אויף אונדזער ערדישן עולם-התוהו צענד-ליקער ניגונים צו לידער פון אונדזערע דיכטער, — זיינען זיי פּאַספּאַרטלאָזע יתומים... עס פעלט ביי אונדז דער באַוואוסטזיין פאַר מוזיקאַלער שלמות-דיקייט אין דער "גאָלדענער קייט" פון אונדזער קולטור ; עס פעלט די מוזיקאַלע באַזינטקייט, ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון אונדזער גייסטיקער וועלט...

וואָלף גאַמערמאַן

טראַנסצעדענטאלע עסטעטיק און אינטראָספּעקטיווע עסטעטיק

באַגריף פון רוים און באַגריף פון צייט, זיינען ניט קיין איינגעבוירענע אייגנשאַפטן פון דעם מענטשלעכן אינטעלעקט. די דאָזיקע באַגריפן האָבן זיך אויסגעאַרבעט — אגב איז דער פּראָצעס נאָך ניט פאַרענדיקט — מיטן אויפשטייג פון באַהערשן די נאַטור, דורך באַנעמען און פאַרפּיקסירן די דער-שיינונגען אין לויף, דורך געזעצלעכער איינפּאַסונג.

ביי די פּרימיטיווע פעלקער האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאָמפּליצירטער סיסטעם פון סאָציאַלע און עטישע קאָנווענצן, אינעם שאַפן אַ באַגריף פון אָפּגעגרענעצט-קייט אין רוים. געוויס איז דער באַגריף נאָך זייער באַשרענקט און פּרימיטיוו.

איינער פון די גרינדער פון דער עטנאָלאָגישער וויסנשאַפט, דער גאָניאַלער מאַלינאָווסקי, האָט מיט זיינע פאָרשונגען דערוויזן, אַז דער באַגריף פון רוים און נאָכער פון צייט, האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג און אויפשטייג פונעם מענטשלעכן באַנעם און וויסן. פון דער עטנאָלאָגישער שול פון פּראָפעסאָר מאַהוס, צו וועלכער עס געהערט אויך לואי שטרויס, דער גרינדער פון אַ נייער שיטה פון אינוועסטיגאַציע-"סטרוקטוראַליזם", לערנען מיר, אַז די גרונדלאַגן פון די געזעצן וועגן רוים און צייט, געפינען מיר אין דער פּראַקסיס ביי די פּרימיטיווע פעלקער. דאָס פאַרטיילן זיך אין שבטים, דער איבערגאַנג פון ענדאָגאַמיע צו עקזאָגאַמיע — איז אַ רעזולטאַט פון דער פאַר-טיילונג פון רוים. די דאָזיקע פאַרטיילונג פון רוים, וואָס איז נייטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון יעדען שבט, האָט געפירט צו פּרימיטיווע, טעריטאָריאַלע קאָנ-פליקטן, וועלכע האָבן געדויערט ביז דער גאָר מאָדערנער צייט. די לאָקאַלע מלחמות צווישן שבטים אין די ניי-געבוירענע אפריקאַנישע מדינות, זיינען אַן אָפּקלאַנג פון דעם פענאָמען.

ס'איז אויך אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער באַגריף פון צייט, איז אין דעם דאָזיקן אָפּשניט פון קולטורעלן אויסדרוק זייער נעפּלדיק. צייט איז פאַרבונדן נאָר מיט נאַטור-דערשיינונגען, וועלכע האָבן אַ שייכות מיט גינסטיקער אָדער אומגינסטיקער קאָניוקטור פאַר די מאַטעריעלע באַדערפענישן אויף צו געפינען דאָס נייטיקסטע פאַר דער עקזיסטענץ. ביי די פּרימיטיווע פעלקער איז

ניט פֿאַראַן קיין שום טענדענץ צו היסטאָריזירן זייער אויסלעבן זיך. צייט אין מאָדערנעם וויסנשאַפֿטלעכן זין פֿון וואָרט, עקזיסטירט ניט ביי דעם פּרימיטיוון מענטש אין זיין באַנעמען דאָס אַרומיקע. אויך צוליב דעם איז זיין באַגריף וועגן רוים זייער באַגרענעצט און דריקט זיך אויס נאָר אין צוויי דימענסיעס: לענג און ברייט. אין דער הינזיכט איז דער מענטש נאָך געבליבן פֿאַרשטעקט אין חיהשער אויפֿפֿאַסונג פֿון רוים.

דאָך, אַפֿילו ביי די פּרימיטיווע פֿעלקער זעען מיר בולט אַרויסשפּראָצן אַ קולטורעלן שוואונג, פֿון וועלכן די הייגטיקע מענטשלעכע קולטור און ציווי־ליזאַציע זיינען אויפֿגעקומען. ס׳איז ניט אונדזער אויפֿגאַבע צו דיסקוטירן עטנאָ־לאָגישע פּראָבלעמען, אָבער אין דער געאָמעטרישער איינריכטונג פֿון די געצעלטן, קענען מיר באַצייכענען דעם ערשטן אויסדרוק פֿון עסטעטישער עמפּפֿינדלעכ־קייט.

לעבן און טויט עקזיסטירן ניט אין דער פֿאָרשטעלונג פֿון דעם פּרימיטיוון מענטש און דעריבער פֿאַרשליסט ער דעם טויט אין דער ראַם פֿון אַן אָפּגעזונ־דערטן רוים. ער שרעקט זיך פֿאַר דער מעגלעכקייט אַז דער פֿאַרשטאָרבענער זאָל צוריק פֿאַרנעמען דעם באַפֿרייטן רוים. פֿון דעם ווערט געבוירן אין פּרימיטיוון גייסט — מיר באַמערקן דאָס שוין ביי דעם אַנדערטאַלן מענטש — די נייטוועגדיקייט צו ברענגען דעם טויטן צו קבורה, ד.ה. אים צוטיילן אַ פֿאַרשלאָ־סענעם רוים, פֿון וועלכן ער זאָל זיך ניט קענען באַפֿרייען. צו ערשט באַגראָבט מען דעם טויטן מיט אַטריבוטן פֿאַר מאַטעריעלע באַדערפֿענישן, גלייך ווי פֿאַר אַ לעבעדיקן. שפּעטער, מיט דער אַנטוויקלונג פֿון עסטעטישן געפֿיל, שאַפֿט דער מענטש אַ באַריער צווישן לעבן און טויט, מיטן אויסגעפֿינען אַ רוים פֿון אילוזיע, אַ רוים פֿון גליק — דעם גן־עדן. אַזוי ווערט געבוירן די טעאָלאָגישע מעטאַפֿיזיק, וועלכע האַלט נאָך ביז הייגט צו טאָג אין קלעם דעם אומרואיקן מענטשלעכן גייסט.

מערקווירדיק, אַז נאָך יעדער נאַטירלעכער אָדער קינסטלעך אַרויס־גערופֿענער קאַטאַסטראָפֿע, ווי ערדציטערניש, מגיפֿה, מלחמה א.א.וו. ווען דער טויט ווערט אַ היימישער, אומגעבעטענער גאַסט, ווערט אָפּגעשוואַכט דער דראַנג צו פֿרייען שוואונג דורך ספֿיקות און שרעק פֿאַר דעם אומבאַוואוסטן, דעם נאָך ניט אַנטדעקטן, פֿאַרפֿעסטיקן זיך די נעצן, אין וועלכע די ספּעקולאַטיווע טעאיסטיק פֿאַנגט דעם צאַפּלדיקן גייסט.

אָן ספֿק, אַז דאָס אויסנוצן די עלעמענטאַרסטע באַדינגונגען פֿון רוים און צייט, טראָגט אַ פּראַגמאַטישן כאַראַקטער, וועלכער איז אַפֿילו נאָך פֿאַרפֿלאָנטערט אין אונדזער מאָדערנער געזעלשאַפֿט. עס שפּירט זיך נאָך אַ ווידערשפּרוך אין דעם צוגאַנג פֿון מענטשלעכן געוויסן צו רוים און צייט און דער ווידערשפּרוך דריקט זיך אויס אין אַ קנויל פֿון שוואונג און צווייפֿל, פֿון אימפּעט און שרעק. דער דראַנג צו זוכן אַ סוף־מעשה, אַ גרעניץ, און אין דער זעלבער מאָס, דער ווילן

ארייַנצודרינגען אין דעם אומבאַגרעניצטן, אין דעם אומענדלעכן, צווינגט אויף דעם אינטעלעקט און דעם גייסט, אויפצובויען ארום זיך א מויער פון זיכערקייט אין די אויסגעברייטערטע האָריזאָנטן פון רוים און צייט. ס׳איז מערקווירדיק וואָס טראָץ דעם וואָס די אינוועסטיגאַציע און דער שוואונג פון גייסט טראָגט אַלץ מער און מער אַן עפּיסטעמאָלאָגישן כאַראַקטער, שפּירט זיך דער ווילן צו איינשליסן זיך אין א מין אונטאָלאָגישן פּאַנצער, וואָס זאָל אָפּשטויסן די שרעק פאַר דעם אומבאַוואוסטן. דער דאָזיקער געפּיל פון שרעק, האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם מיטיש-אידעאָלאָגישן געַרודער ארום דער פאַרפלאָנטערניש פון עקזיסטענציאַליזם און אידעאַליזם, וועלכער וועט געוויס פאַרשווינדן מיט דער אַלץ שטייגנדער אנטוויקלונג פון עפּיסטעמאָלאָגישן צוגאַנג צום דענקען.

דער פילאָזאָף דעסאַנטי, האָט לעצטנס אין א זייער אינטערעסאַנטער טעזע וועגן מאַטעמאַטישער עפּיסטעמאָלאָגיע, אָנגערירט דאָס פּראָבלעם פון רוים און פון צייט אין ליכט פון דער רעלאַטיוויטעט טעאָריע און אויפגעוויזן די אוממעג-לעכקייט צו דענקען ריכטיק סיי אינעם אַנאַליטישן און סיי אינעם סינטעטישן ארייַנדרינג פון א פענאָמען אָדער היפּאָטעזע, אָן צו באַזיצן א גענוגענדע וויסנשאַפטלעכע אינפאָרמאַציע.

אָן אינטערעסאַנטער פּעריאָד אין דעם אויפשטייג פון דער מענטשלעכער קולטור אין איר פּראַקסיס, — די עגיפּטישע ציוויליזאַציע, איז פאַר אונדז ביז היינט צו טאָג א רעטעניש. טראָץ דער אויסערגעוויינלעכער פּרעציזקייט פון גראַנדיעזע קאָנסטרוקציעס, אין האַרמאָניע מיט קאָסמישע פענאָמענען, איז ניט דערגאַנגען צו אונדז קיין איין מאַטעמאַטישער דאָקומענט וואָס זאָל אונדז אינפאָרמירן, ווי אזוי די עגיפּטער האָבן אויפגעבויט זייערע מאָנומענטן, באַהער-שנדיק די געזעצן פון רוים און פון אָביעקטיווער צייט. וואַרשיינלעך זיינען פאַראַן מאָמענטן, ווען די פּראַקסיס איז א פאָרגייערין פון דער טעאָריע.

אין דער לעבעדיקער וועלט באַגעגענען מיר אזעלכע פענאָמענען פון אינסטינקטיווער פּראַקסיס און דווקא ביי באַשעפענישן וואָס שטייען אויף א נידעריקן שטאַפּל פון אָרגאַנישער אנטוויקלונג און אין דער זעלבער צייט אויף א הייכן שטאַפּל פון עסטעטישער עמפּפינדלעכקייט, ווי למשל: די אַקטיוויטעט פון בינען און טערמיטן אין דער אָרגאַניזאַציע פון זייער סאָציאַלער טעטיקייט, ווי אין דער ארכיטעקטור פון זייער בויען וואָס שטעקט אויף א זייער הייכן עסטעטישן ניוואָ, אָן שום רמז פון טעאָרעטישער אויסשטאַטונג. אין דער זאָאָלאָגישער וועלט, קענען מיר געפינען א סך אזעלכע ביישפילן.

די פּרימיטיווע אינדוסטריע פון מענטש, ווי אויסאַרבעטונג פון שטיינער און נאָכער פון בראָנז און אנדערע מעטאַלן, פון פאַרשיידענע אָביעקטן פאַר זיין טאָג-טעגלעכן געברויך, איז אויך געווען א רעזולטאַט פון אינטואיטיווער פּראַקסיס אָן שום טעאָרעטישער אויסשטאַטונג.

דער אזוי גערופענער „גריכישער נס”, ליגט אין דעם, וואָס זיי, די אַלטע

גריכן, זיינען געווען די ערשטע וועלכע האָבן מיט דער הילף פון פּראַגמאַטישע, פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס, (די פּרע-סאָקראַטישע פילאָזאָפיע) אויפגעבויט א טעאָרעטישן גרונט ווי א פונדאַמענט פאַר דער אַלץ וואַקסנדער פּראַקסיס. דאָס איז די סיבה, וואָס דווקא אין גריכנלאַנד איז געבוירן געוואָרן א מאַטעמאַטישער צוגאַנג אין דער אויפפאַסונג פון רוים, און אין דער וויכטיקייט פון אויספורעמען פאַרשיידנאַרטיק די פאָרמען פון יעדן אָביעקט, לויטן ציל צו וועלכן ער איז באַשטימט.

פון דעם הויפּט-פאַקטאָר צו באַנעמען נאַטור-דערשיינונגען — רוים — ווערט אַזוי-אַרום געבוירן די נאַטור-וויסנשאַפט. געוויס באַמערקן זיי אויך די ראָל פון צייט אָבער ניט אין דער זעלבער מאָס ווי רוים, ווייל צייט איז פליסיק, פאַרגייענד און לאָזט זיך ניט איינשליסן אין א סטאַטישער פאָרם. יעדער נאַטיר-לעכער אָדער מאַטעריאַליזירטער אָביעקט, פאַרנעמט א באַשטימטן רוים אין וועלכן קיין אַנדער אָביעקט קען זיך ניט אַריינזעצן. אַזוי-אַרום ווערן געשאַפן די עווקלידישע פיזיק, געאָמעטריע, אַסטראָנאָמיע און די ערשטע רודימענטאַרע, מאַטעמאַטישע אויפפאַסונג פון די געזעצן וואָס הערשן אין דער נאַטור.

פון לערנען די געזעצן פון דער נאַטור און אָנווענדנדיק זיי אין דער אויסאַרבעטונג פון אָביעקטן פאַר דעם טאָג-טעגלעכן געברויך, אין דעם פאַרפיק-סירן די אַנאַלאָגיע צווישן נאַטור-דערשיינונגען און אויסגעאַרבעטע אָביעקטן דורך א סוביעקטיוון צוגאַנג, טויכט אויף, די טראַנסצעדענטאַלע עסטעטיק, די האַרמאָניע צווישן דער פאָרם פון אן אָביעקט, זיין אינהאַלט אין באַצוג צו עמאָציאָנעלער בוצלעכקייט. די מעגלעכקייט פאַר אינטערפּרעטאַציע פון סטאַ-טישקייט, וועקט אויף דעם געפיל פאַר שיינקייט אין דעם פילבאַרן סענסאַציע-סיסטעם פון דער מענטשלעכער נאַטור. שיינקייט איז אַזוי-אַרום געוואָרן א מאָס פאַר באַציאונג צו אן אָביעקט, א פאָרם און א דערשיינונג, ווי אויך א מאָס פאַר קעגנזייטיקער ווירקונג אין דער רעלאַציע צווישן סוביעקט און אָביעקט.

דאָס האָט אויך אַרויסגערופן קוריאָזיטעט צו זיך אַליין, צו דעם פּלאַץ וואָס זיין אייגענער קערפּער פאַרנעמט אינעם רוים און אין באַצוג צו דעם אַרומיקן. ס'ווערט געבוירן דער קולט פאַר דעם מענטשלעכן קערפּער, דאָס פאַרשטעלן זיך דאָס טראַנסצעדענטאַלע, דאָס מעטאַפיזישע — די געטער, ניט אַנדערש ווי אין די האַרמאָנישע פאָרמען פון דעם מענטשלעכן קערפּער. די גריכישע מיטאָלאָגיע, לויט וועלכער געטער און מענטשן זיינען צוזאַמען אַריינגעפלאָכטן אין אַלע דערשיינונגען פון נאַטירלעכער, סאָציאַלער, ווי אויך סוביעקטיווער אָנטיילנעמונג אין א שפּיל פון קאָסמישן פאַרנעם, איז דאָס די, וועלכע האָט אויסגעפורעמט אן אָריגינעלן צוגאַנג צו פאָרם. דאָס האָט אויך געשטויסן די קוריאָזיטעט פון אויפגעוואַכטן גייסט אַריינצודרינגען אין דעם אינהאַלט פון געגעבענעם אָביעקט, אויפצוזוכן די אָריגינעלקייט, די סובסטאַנץ וואָס אונטערשיידט איין אָביעקט פונעם צווייטן, אָדער איין פענאָמען פונעם צווייטן, בכדי צו קענען באַהערשן די אָריגינעלקייט פון פאָרם.

אַט דער אַלט-גריכישער נס, האָט באַשאַנקען די מענטשהייט מיט קינסט-לערישע און ליטעראַרישע ווערק פֿון אַזאַ דערהויבענעם, גייסטיקן שוואונג, אַז מיר געניסן נאָך פֿון זיי ביז היינט. די אָדיסייע פֿון האָמער'ן, וועלכע איז ניט נאָר אַן אָפּקלאַנג פֿון אַ ציוויליזאַציע, פֿון אַ קולטור געבויט אויף אַ ריין עסטעטישן באַנעם פֿון דער אויסערלעכער וועלט, איז אויך אַן אויסדרוק פֿון פּאַנטעאיסטישער אויפֿפֿאַסונג-סיסטעמיזאַציע. לויט דעם באַנעם, שפּילט יעטוועדע דערשיינונג, אַן און פֿאַר זיך, אַן ערשט ראַנגיקע ראָל אין דער האַרמאָניע פֿונעם קאָסמאָס. אין דעם ליגט דער שליסל, פֿאַרוואָס ביי די אַלט-גריכן, איז די עקזיסטענץ פֿון די געטער ענג אַריינגעפֿלאָכטן אינעם גאַנג פֿון דעם מענטשלעכן לעבן, און זיי, די געטער, זיינען דאָס די פֿאַרמיטלער וואָס פֿאַרבינדן דעם מענטשן מיט דער נאַטור. האָמערס אָדיסייע איז אויך איינע פֿון די ערשטע מאָראַלישע קאָדעקסן דורך **פֿאַבולאַציע**, וואָס דער מענטשלעכער גייסט האָט געשאַפֿן און פֿאַרפֿיקסירט.

אַזוי למשל, ווען האָמער וויל וואָרענען קעגן שכרות, שאַפֿט ער די וואונדערבאַרע לעגענדע ווי אַזוי די נימפֿע צירצע, וועלכע האָט געהערשט אויף אַ גן-עדן אינדזל, האָט פֿאַרוואַנדלט די באַגלייטער פֿון אוליסן אין חזירים און מיט וועלכע שווערקייטן עס קומט אים אָן, זיי אומצוקערן דעם מענטשלעכן פּרצוף. ווען מיר לייענען די לעגענדע זעען מיר, ווי באַדייטנדיק ס'איז די ראָל פֿון רוים אין איר קינסטלערישן געבוי.

אויף די זעלבע פּרינציפּן איז געבויט די גריכישע טראַגעדיע און די גריכישע קאָמעדיע. אויב ס'איז אוממעגלעך אַרויסצושטויסן אַן אָביעקט פֿון דעם רוים וועלכן ער פֿאַרנעמט, איז דאָס אויך מיט דעם פּלאַץ וועלכער איז פֿון פֿאָראויס באַשטימט פֿאַרן מענטש און ער קען זיך ניט אַרויסרייסן פֿון די דלד אמות אין וועלכע די נאַטור האָט אים אַריינגעפּאַסט. דער ווילן פֿונעם מענטש איז ניט מער ווי אַן אילוזיע מיט וועלכער די געטער שפּילן זיך. קאָמוניקאַציע צווישן מענטש און מענטש איז אוממעגלעך אָן דער הילף פֿון פֿאַרמיטלער — די געטער. דער פֿאַטאַליזם, וועלכער שפּרודלט מיט אַזאַ דורכדרינגענדער קראַפֿט און באַלויכט די מענטשלעכע נאַטור אין איר טראַגישער, און טיילמאָל קאָמישער, איינזאַמקייט, איז דער גרונטשטיין אויף וועלכן עס זיינען געבויט, די אַלט-גריכישע ליטעראַטור, די פֿילאָזאָפֿישע אינוועסטיגאַציע און די וויסנשאַפֿטלעכע קוריאָזיטעט.

דער גרעסטער פֿאַרברעכן וואָס אַ מענטש קען באַגיין, איז דער פֿאַרברעכן קעגן שיינקייט; לויט דער גריכישער מאָראַל.

דער זעלבער פּרינציפּ האָט געדינט דעם אויפֿשטייג פֿון דער סקולפּטור און דער אַרכיטעקטור אין זייערע פֿאָרמען און אינהאַלט. דעריבער איז אַטונאַ פֿאַר דער מענטשהייט, ביז היינט צו טאָג אַ געטלעכער סורפּריז.

איך גלויב, אז דער סוד פון דעם "גריכישן נס" ליגט דווקא אין דעם וואָס דער באַגריף פון צייט, איז פאַר זיי צום אָנהייב געווען נעפּלדיק.

כאָטש די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפן מיט דעמאָקריטן בראָש, האָבן שוין באַהאַנדלט דעם פענאָמען פון באַוועגונג, איז פאַר זיי דאָס פּראָבלעם פון צייט געבליבן אומקלאָר אין באַגריף. ערשט מיט דער סאָקראַטישער שול וועקט זיך אויף זייער אינטערעס פאַר צייט, אָן ספק נאָכדעם ווי זיי זיינען געקומען אין באַריר מיט די קולטורן פונעם נאָענטן מזרח, וואַרשיינלעך אויך מיט דער יידישער. אַזוי-אַרום קומען מיר צו דעם אויספיר, אַז דער פאַנטעאיזם איז אַ רעזולטאַט פון אַן אָביעקטיוון צוגאַנג צו דער אויסערלעכער וועלט, פון עקסטראַפּאָלאַטיווער עסטעטיק.

✶

דאַקעגן איז אויך פאַראַן אַן **אינטראָספּעקטיווע עסטעטיק**, וואָס שפּראָצט אַרויס פון ווילן אַריינצודרינגען און באַנעמען די אינערלעכע נאַטור פונעם מענטש. אויסטיילן זי פונעם אַרומיקן, אָוועקשטעלן ווי אַן אָריגינעלע, ספּעציפישע דערשיינונג, און טיילמאָל אַפילו ווי אַ קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע פענאָמענען פון דער אויסערלעכער אָביעקטיווער וועלט.

דער מענטש איז לויט דעם באַגריף אַ וועלט פאַר זיך, אַפילו אַ קעגן-וועלט. ער מוז פירן אַ קאַמף מיט דער אָביעקטיווער וועלט כדי זי צו באַהערשן און אין דעם ליגט דער סוד פון זיין דערשיינען אויף דער קאָסמישער אַרענע. דער פּרינציפּ פון שיינקייט ליגט דווקא אינערהאַלב אים, אין זיין אויפפירונג צו זיך אַליין און צו זיינס-גלייכן און נאָכער צום אַרומיקן. דורך אַזאַ באַנעם, דערשיינט פאַר דעם מענטש דער קאָסמאָס, ניט אַלס אַ קאָנגלאָמעראַט פון זעלבסשטענדיקע אָביעקטן, וואָס זיינען ניט אָפּהענגיק איינער פונעם צווייטן, נאָר ווי איין **פענאָמען** אין **אָביעקטיווער דיפערענצירונג**. צוליב דעם קען צווישן אים און דעם קאָסמאָס דערשיינען נאָר איין און איינציקער פּאַרמיטלער, און ער געפינט אויס דעם **מאָנאָטעאיזם**. נאָכמער, אין דעם אַנטאַגאָניזם צווישן דעם מיקראָקאָזם — דער מענטש — און דעם מאַקראָקאָזם — דעם אוניווערס, דינט גאָט אַלס פּאַרמיטלער, מיט אויסגעשפּראָכענער סימפּאַטיע פאַר דעם מענטש. ווייל אָן אַזאַ פּאַרמיטלונג, בלייבט די אינטראָספּעקטיווע עסטעטיק אָפּגעשניטן פון דער אויסערלעכער וועלט און דערגייט צו דעם אַבסורד פון דער נירוואַנאַ-סטעריל און איז דעסטרוקטיוו.

אַרויסגייענדיק פון אַזעלכע פּרינציפּן, פאַרלירט דער באַגריף פון רוים די הויפּט-ראָל און זיין פּלאַץ פאַרנעמט די דיסטאַנץ, ד.ה. דער אינערלעכער דראַנג. ווילן פון האַרמאָניע ווערט דער הויפּט-פאַקטאָר, וועלכער באַשטימט פאַר אַן אָביעקט דעם אַדוועקאַטן רוים. און ווען דאָס איז אוממעגלעך פאַר דעם מענטש, איז דאָס מעגלעך פאַר דעם פּאַרמיטלער צווישן אים און דער

באַטור, פאַר גאָט. דער מענטש און די באַטור שטייען איינער קעגן דעם אַנדערן אין אַן אַנטאַגאָניסטישן פּאַרמעסט און גאָט איז איבער זיי דער ריכטער און פּאַרמיטלער. פון דיסטאַנץ ווערט געבוירן דער באַגריף פון באַוועגונג און נאָכער — צייט. די אַלטע, יידישע קולטור, וועלכע האָט אויפגעטויכט אינעם זאַמדיקן מדבר, איז אין אורשפּרונג אַ קולטור פון באַוועגונג, פון צייט. דער רוים איז ניט קיין סטאַטישע דערשיינונג פאַר אַן אָביעקט, נאָר איז אָפּהענגיק פון דעם פענאָמען פון באַוועגונג. פון דעם איז אין דעם מענטשלעכן באַוואוסט־זיין אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט צו היסטאָריזירן יעדן פענאָמען, סיי פון נאַטור־דערשיינונג, סיי פון מענטשלעכער אונטערנעמונג. אַזוי־אַרום בויט זיך אויף אַן אינטראָספּעקטיווע עסטעטיק, וועלכע איז דער אויסדרוק פון אַ באַזונ־דעראַרטיקן באַנעם.

נאָר אויף אַזאַ באָדן האָבן געקענט אַרויסשפּראָצן צום ערשטן, דער דעקאַלאָג — די צען געבאָט, נאָכער די סיסטעמאַטיזירונג פון דעם אַריינמישן זיך פון דעם מענטש אין דעם נאַטירלעכן גאַנג פון דער וועלט. די באַטור איז תמיד ווידערשטעלנדיק דעם מענטשלעכן ווילן און ער קען זי אויסנוצן נאָר דורך אַ פּאַרמיטלער, וואָס קען אַרויפצווינגען אַ גינסטיקע ווענדונג. אָבער דער מענטש הערשט איבער צייט. אין דעם ליגט די אָריגינעלקייט פון דעם תנ״ך, דער ערשטער היסטאָריזירן אַלע געשעענישן, וועלכע רירן אָן דעם גאַנג פון דער וועלט און פונעם מענטש, אינעם שטענדיק זיך טוישנדיקן רוים. ווען דער מענטש וועט ווירקלעך איינשפּאַרן די אויסערלעכע וועלט אין זיין צייט און זי שטעלן זיך צו דינסט. וועט ער אויך, ממילא, באַהערשן דעם רוים.

אין תלמוד געפינען מיר אויף דעם אַ שיינע אגדתא, — ״עס וועט קומען אַ צייט ווען מענטשן וועלן פליען פון איין שטערן צום צווייטן און די מלאכים וועלן זיי פרעגן, וואו געפינט זיך גאָט״.

די אָריגינעלקייט פון ״יודאאיזם״ ליגט אין דעם, וואָס ער זעט די ״סאָפיע״ — די חכמה, אין דער אינערלעכער האַרמאָניע פון מענטש צו זיך אַליין ווי אויך צו דער אויסערלעכער וועלט. די ״סאָפיע״ איז אין דער פאָרשטעלונג פון יודאאיזם, ניט קיין נאַקעטע ווי ביי די אַלט־גריכן, להיפך, זי איז אָנגעטאָן און באַצירט מיט אַלע אויסדרוקן פון גייסטיקן און מאַטעריעלן אויפשוואונג. דער יודאאיזם זעט אין דעם די גאַנצקייט פון ווען, אָן וועלכן דער קאָסמאָס קען ניט עקזיסטירן. אַלס ביישפּיל : דער אָנטייל פון סעקסועלן אויסשפּרוך אין דער גאַנצקייט פון מענטש, אין קעגנזאַץ צום אַסעקסועלן געשטאַלט פון יעזוסן, וועלכע זאָל זיך האָבן אַריינגעשמוגלט אין דער אוואַנטורע פון קאָסמאָס, פון צייט און פון רוים.

ס׳איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דאָס קריסטנטום האָט געמאַכט פּערשפּעקטיקן דעם פּראָגרעס פון דער ווויסנשאַפט אויף אַ לאַנגער צייט און האָט אונטערגעשניטן די פליגל פונעם גריכישן שוואונג. מען קען אָבער ניט איינשטימען אויף דער

מיינונג, ווייל כדי צו געבן א שטויס צו פראָגרעס, האָט די אַלטע גריכישע קולטור געמוזט איינשליסן אין איר אינוועסטירונגס-באַנעם, דעם באַגריף פון צייט. אויף דעם איז נייטיק געווען צוזאַמענצושמעלצן די טראַנסצעדענטאַלע און עקסטראַפּאָלאַטיווע עסטעטיק מיט דער אינטראָספּעקטיווער. דער יידישער פילאָזאָף פילון פון אַלעקסאַנדריע (געלעבט און געשאַפן אין צייט פון דער אַנטשטייאונג פונעם קריסטנטום), האָט אין זיינע ווערק באַוויזן טעאָרעטיש דורכצופירן דעם אַסמאַז. אַלע פאָרשערס זיינען היינט איינשטימיק, אַז ער, פילון פון אַלעקסאַנדריע, איז דאָס געווען דער גרונטלייגער פון דעם קריסטנטום. אָבער ער איז געווען ניט מער ווי א יידישער רבי, געטריי זיין אָפּשטאַם און זיין גלויבן. די רוימישע הגעמאָניע האָט ניט געקענט איינגיין אויף דעם, אַז א קליין "באַרבאַריש" פאָלק זאָל שפּילן אַזא באַדייטנדיקע ראָל. דאָס קריסטנטום איז אַנטשטאַנען אויף א געפעלשטער קאָמפּילאַציע אַזוי אַז ניט נאָר די גריכיש-רוימישע קולטור, נאָר אויך די יידישע, זיינען געפאַלן א קרבן פון אַזא דערשיינונג. ס'האָט געמוזט נעמען איבער טויזנט יאָר זיך צו באַפרייען פון דעם טעמפּן-ווינקל, אין וועלכן דער שוואונג פון דעם מענטשלעכן גייסט איז געבליבן שטעקן מיט אונטערגעהאַקטע פליגל.

ס'האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעשיילט די צוזאַמענגיסונג. דער אַסמאַז פון די צוויי הויפּט-פּרינציפּן, דער שוואונג פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע — רוים און צייט, און דער דראַנג צום וויסן, באַהערשן אַלע געביטן פון דער מענטשלעכער טעטיקייט: קונסט און ליטעראַטור; אינדוסטריע און וויסנשאַפט; טעאָריע און פּראַקסיס. די גרעניצן פון מיסטיש-אידעאַליסטישן באַנעם ווערן אַלץ מער און מער אָפּגעשטויסן און דער קריטישער צוגאַנג פון דער מענטשלעכער קוריאָזי-טעט, איז אַריינגעדרונגען אין באַציאונג צו רוים און צייט, אין דעם גייסט פון פאָרשונג און אינטערפּרעטאַציע. דער שוואונג פון פאַנטאַזיע און פון טרוים איז שוין ניט מער די פּריווילעגיע פון דיכטער און קינסטלער נאָר אויך פאַר מאַטעמאַטיקער און וויסנשאַפטלער. ס'איז צו באַמערקן, אַז דיכטער און קינסטלער, קענען מער ניט שאַפן אָן וויסנשאַפטלעכער אינפאָרמאַציע. ביישפּילן צו דער נויטווענדיקייט פאַר קינסטלער פון אַלע דיסציפּלינען, זיך צו באַוואָפענען מיט וויסנשאַפטלעכער אינפאָרמאַציע, קענען מיר געפינען לענגאויס דער געשיכטע פון קינסטלערישן אויפטריט: לוקרעציוס אין אַלטערטום, און איבערהויפּט די גרויסע קינסטלער פון דער רענעסאַנס עפּאָכע: לעאָנאַרדאָ-דאַ-ווינטשי, מיקעל אַנדזשעלאָ, טיציאַן א.א. זיינען אויך געווען מאַטעמאַטיקער, פיזיקער, מומחים אין אַנאַטאָמיע א.א.וו.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, אַז די פּראַקסיס ברענגט אָפּטמאָל צו רעזול-טאַטן, וואָס ווערן נאָכער טעאָרעטיש באַשטעטיקט. זשאָליאָ קירי, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אָן אינטואיציע אין דער פאָרשונג, איז פּראַקטיש אוממעגלעך א דערפינדונג.

ס'איז צו באַמערקן, אַז די מאָדערנע פיזיק, וועלכע איז אויפגעבויט אויפן

גרונט פון איינשטיינס רעלאַטיוויטעט טעאָריע, די קוואַנטאַ-טעאָריע פון מאַקס פּלאַנק און די מאַטעמאַטישע דערפינדונג פון גרופּן-פאַקטאָר, דורך דעם געניאַלן מאַטעמאַטיקער קאַנטאָר, שפּילן א באַדייטנדיקע ראָל אין דער פאָרשונג אויף אַלע געביטן, א דאַנק דער איינשטעלונג אַז רוים און צייט זיינען הויפּט-פאַקטאָרן אין מיקרא און מאַקרא-דערשיינונגען, וועלכע וועקן די קוריאָזיטעט פון פאָרשער. די אויסערגעוויינלעכע פאָרשריטן וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן, אויפן געביט פון ביאָ-פיזיק און ביאָ-כימיע ווייזן די ראָל וואָס זיי שפּילן אינעם געבוי פון חומר, ווי למשל: די איינזעצונג פון זויער-אַמינען אין צוזאַמענשטעל פון פּראָטעאינען, ווי איין זויער-אַמין ווערט איינגעקייטלט אינעם צווייטן, אין א מערקווירדיקער סימעטריע פון רוים — דיסטאַנץ, אָדער אין דעם קאַדריל פון קראָמאָזאָמען אין פּראָצעס פון באַפרוכטערונג. מיר וואָלטן געקענט ברענגען א סך אַזעלכע באַלערנדיקע ביישפּילן, אָבער ניט דאָס איז אונדזער אויפגאַבע.

ווען מיר פּרואוון באַהאַנדלען די ראָל, וואָס עס שפּילן רוים און צייט אין דער קונסט און ליטעראַטור.

מיר האָבן געזען, ווי אַזוי די עסטעטיק האָט זיך אויסגעדריקט ביי די גריכן און יידן און ביי יעדן באַזונדער אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, אין די פאָרמען פון קינסטלערישער אויפפאַסונג. אַזוי, למשל, האָט די פּלאַסטישע קונסט ביי יידן, אויסגעמיטן צו פאַרפיקסירן די פאָרמען פון מענטשלעכן קערפּער און אַלץ וואָס האָט א שייכות מיט אים, כדי אויסצומיידן די באַהערשונג פון טראַנסצעדענ-טאַלער עסטעטיק, וואָס פירט צו געצנדינעריי, צו פאַנטעאיזם.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס קריסטנטום איז ווייט ניט קיין מאָנאָ-טעאיזם ווי דאָס פּרעטענדירן די קריסטלעכע טעאָלאָגן. דאָס פאַרגעטערן די הייליקע קען דינען אלס באַווייז. טעיאַרד-דע שאַרדען, וועלכער איז געווען א יעזואיטישער גלח, האָט זיך קלאָר אויסגעדריקט, אַז אייגנטלעך איז דאָס קריסטנטום א פאַרגעשריטענער פאַנטעאיזם און דאָס איז אויך די מיינונג פון דעם איסלאַם.

אפילו אין דער ארכיטעקטור, האָבן יידן ניט ארויסגעוויזן דעם שוואונג וואָס מיר געפינען ביי די גריכן, רוימער און נאָכער אין קריסטלעכן מיטלאַלטער. ס׳איז קיין ספק ניט, אַז די הויפּט סיבה פון דעם ליגט אין דער עקסטרעמער אָרעמקייט פון בוי-מאַטעריאַלן אין דעם לאַנד-אָפּשניט אין וועלכן זיי האָבן געלעבט, וואָס האָט אויסגעפורעמט דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון אויסדריקן זיך.

אויב ביי אַלע נאָמאַדן-שבטים, וועלכע האָבן געוואַנדערט אין די מדבריות האָט די עקסטרעמע אָרעמקייט פון דער נאַטור, פאַרשאַרפט זייער חוש פאַר דער שיינקייט פון וואָרט און זיין עמאָציאָנעלע קראַפט, האָט זיך ביי יידן. אויסגעאַרבעט א ספּעציפישע אייגנשאַפט פון שפּאָרזאַמקייט אין קינסטלערישן אויסדרוק. די עקסטרעמע קאָנקרעטיזירונג, קאָנצענטרירטקייט פון אָריגינעלסטן

ליטעראַרישן ווערק, וואָס איז ווען ס׳איז געשאפן געוואָרן, און דריקט זיך אויס אין אלע פאָרמען פון אינפאָרמאַטיווער און עמאָציאָנעלער וואָרט-איבטערפּרע-טאַציע, אָנהויבנדיק פון כראָניק, ביז צו דער העכסטער מדרגה פון פּאָעטישער און דראַמאַטישער שפּאַנונג. די אָריגינעלקייט פון עקסטרעמער אייגנאַרטיקייט אין וואָרט איז ביי יידן געוועזן א טייל פון דעם אלגעמיינעם ציל וואָס דער יודאאיזם האָט זיך געשטעלט: אויפבוי און איינשטעלונג פונעם מענטש אין באַצוג צו זיין פאַרמעסט מיט דער אויסערלעכער וועלט. די מאָדערנע העברעאישע און יידישע ליטעראַטורן, זיינען אונטער דעם איינפלוס פון דער אייראָפּעאישער קולטור, אוועק אויף גאָר אנדערע וועגן. וואָס עס וועט ארויסקומען פון דעם צוזאַמענגוס פונעם אלטן מיטן נייעם, וועט אונדז ווייזן די צייט.

עס מערקן זיך אין דער מאָדערנער ליטעראַטור און קונסט טיפע שפּורן, פון איבטראָספּעקטיווער עסטעטיק, וועלכע דער רעליגיעזער מיטלאַלטער האָט טראָץ זיין מיסטישן אויסדרוק, אריינגעפלאָכטן אין דער רעאַליזירונג. און אפשר איז דאָס גאָר געשען א דאַנק דעם.

✶

אריינגעפלאָכטן איינע אין דער צווייטער, האָבן די קעגנזאַצן פון טראַנס-צענדענטאַלער און אינטראָספּעקטיווער עסטעטיק, ארויסגערופן אין דער קינסט-לערישער שאַפונג, די דראַמאַטישע ווידערשפּרוכן פון דיסאָנאַנסן און דיסהאַרמאָ-ניע, וועלכע פאַרוואַנדלען זיך אין קאָנפליקטן פון מאָראַלישן געראַנגל. עס טרעפט זיך ווען אז רוים און צייט קאָאָרדינירן ניט, גייען אריין אין קאָנפליקט איינער מיטן צווייטן, געשעט א ריס אין דער האַרמאָניע פון דער וועלט און דער עסטעטיק. די שיינקייט בלייבט שטיין א באַליידיקטע, א פאַרשוועכטע און דער מענטש זוכט מיט פאַרצווייפלונג א תיקון פאַר דער צעבראָכנקייט, פאַר די שברי כלים. דאָס זיינען די סיבות פון מאָראַלישע צוזאַמענבראָכן.

דאָס האָבן פאַרשטאַנען די חז״ל און די מקובלים. בנוגע דער יידישער מיסטיק איז זי, טראָץ אלע מיינונגען, פון א גאָר אנדערן באַנעם ווי די קריסט-לעכע, מוסלמענישע אָדער בודיסטישע. זי איז מער ערדיש פון אלע אנדערע און דער אר״י הקדוש האָט דאָס אויסגעדריקט אין זיין קאָסמישער טעאָריע, וועגן ״שבירת הכלים און תיקון העולם״.

נאָר די יידישע מיסטיק גלויבט, אז דער מענטש, און נאָר דער מענטש, קען ברענגען א תיקון די צעבראָכענע כלים, דורך זיין ווילן און פרייען אויסוואַל, אָן דער אריינמישונג פון וועלכן ס׳איז איינפלוס, זאָל דאָס אפילו זיין פון גאָט אליין. אין דעם ליגט די עיקר אָריגינעלקייט פון יודאאיזם.

אין דער קונסט, אין דער מאָלעריי, איז דער קינסטלערישער אויסדרוק, פאַרבונדן מיט דער עמאָציע, מיט טראַנסצענדענטאַלער עסטעטיק, מיט רוים, און

אין זייער א קלײנער מאָס מיט צייט, כאָטש אפילו ווען א נעפּלדיקער אָפּשניט כאַפּט זיך ערגעץ-וואו אריין, ווי אן אומגעבעטענער גאַסט.

רוים איז דער הויפּט פּרעטעקסט פאַר פּלאַסטישער קונסט און א בילד קען זעלטן ווען זיין עגאָצענטריש. געוויס האָט שאַגאַל באַוויזן אריינצופּלאַנצן דעם עגאָצענטרישן מאָמענט אין דער סטרוקטור פון בילד, אָבער ס׳איז א ספק, צי דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן.

ווען א מאָלער זוכט איבערצוגעבן די אינערלעכקייט פון אן אָביעקט, זאָל דאָס זיין א נאַטור-מאָרט, א פּאָרטרעט צי א קאָמפּאָזיציע, זוכט ער ארויסצוברענגען דאָס אינערלעכע פון דעם מאָדעל, דורך די פאָרמען וואָס זיין אויג האָט אויפגע-כאַפּט דורך דער אייגנאַרטיקייט פון עמאָציאָנעלער רעגונג. געוויס איז אין דעם פּראָצעס פון שאַפן אומבאַדינגט נייטיק, אז די אינטראָספּעקטיווע עסטעטיק פון קינסטלער, זאָל נעמען אן אָביעקטיוון אָנטייל אין דער פאַרפיקסירונג פון אָביעקט, וועלכער דערשיינט פאַר אים מיט דער גאַנצער קראַפט פון טראַנס-צענדענטישן אָפּשטויס. דעמאָלט שאַפט זיך די געהעריקע האַרמאָניע, סיי אין דער פאַקטורע, סיי אין דער קאָמבינאַציע פון די פאַרבן. דער אָביעקט וואָס דער מאָלער פאַרפיקסירט, ווערט אזוי-ארום קינסטלעריש פאַרוואַנדלט אין א זעלבסטשטענדיקער, עסטעטישער אינטואיציע לגבי דעם ארומיקן.

געוויס זיינען דאָ אויסנאַמען, ווען דער קינסטלער פלעכט אריין אין דער טעמאַטיק פון בילד, די טראַגיק פון אַן אויפגעריסענער, צעשטערטער האַרמאָניע. גאָיאַ און סוטין, אָפּטמאָל מאָדיליאַני, אילוסטרירן אזעלכע מאָמענטן.

א בילד, א סקולפּטור אָדער אן ארכיטעקטוראַל ווערק ווערט שטענדיק אומאָפּהענגיק פונעם קינסטלער, וועלכער האָט דאָס ווערק געשאַפן, און לעבט פאַר זיך אליין.

★

אנדערש איז דער קינסטלערישער אויסדרוק אין קלאַנג, אין מוזיקאַלישן אויסשפּרוך. אין דעם פאַל איז די טראַנסצענדענטאַלע עסטעטיק אריינגעפלאָכטן אין דער אינטראָספּעקטיווער דורך עמאָציאָנעלן סימביאָז. מערקווירדיק, אז דער עמאָציאָנעלער שטויס איבערצוגעבן אין קלאַנג די באַגעגעניש פון אויסערלעכער מיט אינערלעכער שיינקייט; דעם דראַמאַטישן צוזאַמענשטויס צווישן צוויי קעגנזעצלעכע שטראָמען, ווערט איינגעשפּאַרט אין שטרענגע געזעצן פון מאַ-טעמאַטישער פאָרמולירונג.

אויף ריכטיק איבערצוגעבן די עמאָציע דורך קלאַנג, איז נייטיק אן אקוסטישער געבוי פון רוים, וואָס זאָל דערמעגלעכן דעם ריכטיקן באַנעם אין זיין רעלאַציע. פּרעציזקייט אין דער טאָנאַליטעט פון פּראָקציאָנירונג פון אינפראַ-קלאַנג ביז אולטראַ-קלאַנג; מאַטעמאַטישער אויסשניט פון צייט, ווי

גאנצע, האלבע, פערטל א.א.וו. פון קלאנג, דערמעגלעכן אין איינקלאנג מיטן אקוסטישן געבוי צו פארפיקסירן די עמאָציע פון א דערשיינונג, פון א פענאָמען אָדער א געשעעניש אין הארמאָנישער רעלאציע.

א מעלאָדיע דערשיינט, ווען פון איין זייט שטעלט זיך איין א פארבינדונג צווישן אינערלעכער עמפפינדלעכקייט און אויסערלעכער אָנרעגונג, און פון דער צווייטער זייט, צווישן עמאָציאָנעלן אויסדרוק און מאטעמאטישן שליסל. דעריבער באקומט אָפט די מעלאָדיע א תיקון נאָך לאנגע זוכענישן און גילגולים.

כדי אויפצונעמען און איינצוזאפן א מוזיקאלישן קונסט-ווערק, איז נייטיק צו פארשטיין אז קונסט, וועלכע זי זאָל ניט זיין, שלייפט זיך אין די ראמען פון באציאונגען און קעגנזייטיקער ווירקונג צווישן מענטש און וועלט. אָט די באציאונגען זיינען קיינמאָל ניט פארפיקסירט אין רוים און אין צייט, זיי טוישן זיך סיי אין אינהאלט, סיי אין דער פאָרם. ווייל ווען ס׳וואקסן די מעגלעכקייטן, טוישן זיך אויך די באדערפענישן און די פאָדערונגען פון קאָנסומענט. למשל: אויב אין געוויסע תקופות זיינען די הויפט-פאקטאָרן פון מוזיקאלישער בילדונג געווען טאנץ-מוזיק און פאָלקסליד, ד.ה. ריטמיק און מעלאָדיע, האָט דאָס דערשיינען פון פערפעקציאָנירטער אינסטרומענטאציע, און נייע דירעקטע און אומדירעקטע מעגלעכקייטן פון טראנסמיסיע, געשאפן די באדינגונגען פאר סעלעקציאָנירטער מאסן-דערציאונג און אויפגעהייבן איר מוזיקאָלן ניוואָ. נייע דימענסיעס פון רוים זיינען געבוירן געוואָרן פאר קלאנג-קאָמבינאציעס, מיטן דערשיינען פון גערויש פון מאשינען און דעם פארשנעלערטן טעמפאָ פון צייט-געבוי, אויף וועלכע דער מאָדערנער מענטש בויט דעם גאנג פון זיין לעבן.

דעריבער קאָנסטאטירן מיר, אז ווען ס׳קומט פאָר אן איבערווינדונג אין מוזיקאלן אויסדרוק, ווען א נייע, נאָך ניט באקאנטע, הארמאָניע פון קלאנגען ווערט ארויסגעבראכט דורך אן עמפפינדלעכן קינסטלער, פּראָטעסטירן די, וועלכע זיינען פיזיאָלאָגיש נאָך ניט רייף אויפצונעמען נייע דימענסיעס פון קלאנג.

די סיבה פון דעם פענאָמען ליגט אין דעם, וואָס דער מענטש ווען ער ווערט געבוירן, שטעלט ער מיט זיך פאָר א קנויל פון נאָך-ניט רעאליזירטע מעגלעכ-קייטן. ער בויט זיך זעלבסט, אנטוויקלט זיך אין איינקלאנג מיט דער דערציאונג וואָס ער באקומט. אלע זיינע אברים באטייליקן זיך אין דער אויסשלייפונג פון זיין אינטעלעקט, אין דער אנטוויקלונג פון זיינע חושים. דער אויער איז דער אָרגאן וואָס דערלויבט דעם מוח צו אינטערפרעטירן און קאָנקרעטיזירן די נוצלעכקייט אָדער שעדלעכקייט פון א קלאנג, ער איז א טייל פון א קאָמפּלעקס אין וועלכן ער איז איינגעשלאָסן און עס איז אים שווער זיך צוגעוואוינען צו אומבאקאנטע סאָנאנסן.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך דער פּראָטעסט פון די, וועלכע קענען זיך ניט צוגעוואוינען צו נייע קאָמבינאַציעס פון האַרמאָניע און האָבן אפילו אַרויס-געוואָרפן טיילמאָל עפנטלעכע סקאַנדאַלן, ווי למשל: "דאָס קרוינען פון דעם פרילינג" פון סטראַווינסקי, די מוזיק פון דער אָפּערע "פּעלעאַס און מעליזאַנדאַ", די דזשאַז-טאָנאַליטעט, סעריאַלע מוזיק א.א.וו.

פּראָטעסט איז ניט אייגנטלעך נאָר פאַר נייע דערשיינונגען אין דער מוזיק, דאָס געשעט אויך ביי אַנדערע געביטן פונעם קינסטלערישן אויסדרוק, ווי למשל: אין דער מאָלעריי, ווען פּיקאַסאָ האָט אַרויסגעבראַכט דעם אימפּרעסיאָניזם, אָדער דער אַזוי-גערופענער "פּיקאַסאָ" סקאַנדאַל, אָדער "דאַלי". די ליטעראַרישע שאַפונג רופט אויך אָפּטמאָל אַרויס פּראָטעסטן און סקאַנדאַלן. ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג פון "הערנאַני", פון וויקטאָר הוגאָ, האָט מען זיך געשלאָגן אויף די בולוואַרן פון פּאַריז. דאָ ניט לאַנג, איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל אין דער "קאָמעדי פראַנסעז" אין פּאַריז, ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג פון אויגען יאָנעסקוס פּיעסע "הונגער און דורשט". אפילו ביי יידן איז דאָס אויך פאָרגעקומען, ווי למשל: ווען דער רמב"ם האָט אַרויסגעגעבן זיין בוך "מורה נבוכים", האָבן יידן זיך געשלאָגן אין די גאַסן פון לינעל און קאַר-פּאַנטראַס.

✶

איצט וועלן מיר באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון רוים און צייט אין דער ליטעראַטור.

אין דער קונסט פון וואָרט, זיינען די מעגלעכקייטן פון צוזאַמענפלעכטן רוים און צייט, פיל גרעסערע. מען קען מיטן וואָרט אַרויסרופן אין דער זעלבער מאָס (רוים) און אין דער זעלבער צייט, די עמאָציעס פון פאַרב און קלאַנג און גלייכצייטיק אין אַ מער קלאָרער און דייטלעכער עקספּרעסיע די עמאָציע פון געדאַנק. ס'איז פאַלש צו דענקען אַז עמאָציע איז נאָר סענסיטיוו און איז ניט אונטערגעוואָרפן דער קאָנטראָל פון מוח. ס'איז גענוג צו זען דעם ענטוזיאַזם פון אַ דענקער אָדער פאָרשער ווען ער באַווייזט צו לייזן אַ פּראָבלעם, אָדער ווען ער געפינט זיך אויף דער שוועל פון אַן אַנטדעקונג, וועלכע איז אָפּטמאָל זייער פּראַזאַיִש. אָט די עמאָציע פון געדאַנק, וואָס באַהערשט דעם מענטש, אַלע זיינע אבֿרים און זיין אויפפירונג, מיינט אינספּיראַציע און זי איז די מוטער פון אַלע מוזעס.

דאָס איינציקע ווערק אין דער וועלט-ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן אויפן באָדן פון פּערפעקטער האַרמאָניע, אין וועלכן עס קומען אויך צום אויסדרוק אַלע פאָרמען, איז דער תנ"ך. דער געבוי פון דער פּראָזע, איז קורץ און זאַכלעך, אָן באַצירונגען, אָן צביעות, אָן פּערווערסיער שעמעוודיקייט. געוויס געפינען מיר אין די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער מוסטערן פון ליטעראַרישער

שאפונג, איבערהויפט ביי די אלט-גריכן, אָבער קיין איין ווערק טראָגט ניט דעם שטעמפּל פון אזא קאָנצענטרירטקייט, פון פּרעציזקייט און קארגקייט אין אויס-דרוק, איבערלאָזנדיק פאר דעם לייענער א ברייט פעלד פון מעגלעכקייטן, פאר אייגענער און זעלבסטשטענדיקער שאפונג אויף אָנגעצייכנטע טעמעס. (די עוואנגעליע, איז א קאָמפּילאציע, געבויט אויף תנ״ך טעמעס. דער קאָראַן איז א וואונדערבארע פּאָעמע, אינספּירירט פון תנ״ך).

די מאָדערנע ליטעראטור איז אין א גרויסער מאָס אַן אָפּשפּיגלונג פון אינדיווידועלן און געזעלשאפטלעכן אויסלעבן זיך און דערמיט שפּילט זי א דערציערישע ראָל. דאָס וואָרט ווערט אָבער אָפּטמאָל א ציל פאר זיך אליין און פארלירט דורך דעם זיינע מעגלעכקייטן. דערציילן, מיינט איבערגעבן אין אַן אייגנארטיקער פאָרם דאָס דורכגעלעבטע, דער דיכטער אָבער דרינגט אריין מיט זיין שוואונג אין נאָך ניט עקספּלאָרירטע טיפענישן, ער זוכט צוריקצושטעלן די הארמאָניע דאָרט וואו זי דערשיינט א צעבראָכענע, א צעשמעטערטע; צו ברענגען א תיקון די שברי-כלים.

אריינברענגען שיינקייט און גערעכטיקייט אינעם לעבן פון מענטש איז דער ציל פון קונסט און וויסנשאפט. אויף דעם זיינען געבויט אלע קינסטלערישע ווערק פון שרייבערס און דיכטערס אין אלע צייטן. זעלטן ווען ס׳האָט זיך א שרייבער אָדער דיכטער איינגעגעבן צו פאריכטן א צעבראָכענע הארמאָניע. און זעלטן ווען עס גיט זיך איין א דיכטער צו דערגרייכן דעם ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, און ער ווערט אנטשוויגן. מיר קענען ברענגען אזאביישפּיל מיטן פענאָמען — ח. נ. ביאליק: ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן אָנצואווייזן דעם יידישן פאָלק ווי אזוי ער קען זיך ארויסרייסן פון זיין אנאָרמאלן און טראגישן גורל, דורך פאראייניקן רוים און צייט. פּונקט אזוי האָט זיך דאָס איינגעגעבן שילערן אין דעם אלגעמיינעם גאנג פון דער מענטשהייט צו איר קולטורעלן אויפשוואונג.

אָבער מערסטנטייל, איז טראגיש דער גורל פון דיכטער אָדער שרייבער. אלס ביישפּיל, קענען מיר נעמען א פאל, וועלכער איז גוט באקאנט. מיר וועלן אין קורצע שטריכן אנאליזירן איציק מאנגערס ליד ״אויפן וועג שטייט א בוים״.

אז די פייגל צעפליען זיך און דער בוים בלייבט עלנד און הפקר, איז דאָס פארן דיכטער א טראגישער ריס אין דער הארמאָניע פון דער וועלט. דער דיכטער אליין איז גרייט זיך מקריב צו זיין, ווערן א פויגל און דערמיט ברענגען א תיקון דער צעשטערטער הארמאָניע. אָבער דער געזונטער פארשטאנד (די מאמע) דערלאָזט ניט זיך אריינמישן אין דעם קאָנפליקט צווישן רוים און צייט, אין דעם דרך-העולם, וואָס קען ברענגען צו א קאטאסטראָפע. דער ריס, די צע-שטערטע הארמאָניע, פארבלייבט א וואונד אין דער נשמה פון דיכטער.

מיר געפינען נאָך א ביישפּיל אין די חומש-לידער פון דעם זעלבן דיכטער ווען ער האָט א טענה צו יעקבן: ״האָסט קאליע געמאכט מיין פורים-שפּיל״.

די צייטן פון תנ״ך זיינען ביט אין איינקלאנג מיט דעם רוים אין וועלכן דער דיכטער לעבט. אין דעם ליגט דער סוד פון די פארצווייפלטע ליידנשאפטן אין מאנגערס דיכטונג.

דער סוד פון קינסטלערישער שאפונג, ליגט אין דער נאטירלעכער סינטעזע פון טראנסצעדענטאלער עסטעטיק און אינטראָספּעקטיווער עסטעטיק, פון וועלכער עס שיילט זיך אויס די מענטשלעכע עטיק.



זאב ישכיל: א חיפהער פייזאַזש

עזרא להד

יידישע פּיעסעס און זייערע מחברים

(אַ ביבליאָלאָגישער עטיוד)

יידישע פאַרלעגערס האָבן זיך מקדמת דנא ניט זייער שטאַרק גערעכנט מיט די יידישע שרייבערס און זייערע רעכט אויף זייערע שאַפונגען. ס'איז באַקאַנט וועלכע צרות, חרפות און בזיונות עס האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די פאַרלעגערס מענדעלע, פּרץ און שלום-עליכם. מען האָט זיי פשוט באַראַבעוועט און באַגזל'ט, געדרוקט און איבערגעדרוקט צענדליקער אויפלאַגעס אָן זייער וויסן, און פאַר זייערע ווערק ניט באַצאָלט קיין צעבראָכענעם גראָשן.

נאָר אויב די דאָזיקע באַציאונג פון די יידישע פאַרלעגערס צו די קלאַסיקער האָט דאָך געבראַכט צו אַ שטורעם פון געזעלשאַפטלעכן פּראָטעסט, צו עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אין דער פּרעסע, וועלכע האָבן געהאַט אַ געוויסע ווירקונג, אַז די מו"לים האָבן געמוזט אומקערן אַ טייל פון דער גזילה, איז די הפקרות און דער וואַנדאַליזם ביים דרוקן יידישע פּיעסעס אַריבער יעדע גרעניץ.

אַ דערפאָלגרייכע פּיעסע אויף דער בינע איז געווען אַ גוטער אַרטיקל צו פאַרקויפן. פיפיקע פאַרלעגערס אין לעמבערג, פשעמישל, וואַרשע און אַנדערע ערטער פלעגן איינהאַנדלען קאָפּיעס פון סופליאָרן, וועלכע האָבן געזוכט אין דעם אַ זייטיקע פּרנסה. די טעקסטן, מייסטנס פאַרדרייטע און צעקאַליעטשעטע, פלעגט מען דרוקן אונטער געענדערטע נעמען, אונטער פאַלשע נעמען פון מחברים, אָדער גאָר אָנאָנים. די פאַרלעגערס האָבן קיין גרויסן דרך-ארץ פאַרן טעקסט ניט אַרויסגעוויזן, און אויב די פּיעסע האָט זיך ניט געלאָזט אַריינקוועטשן אינעם סדום-בעטל פון עטלעכע דרוק-בויגן, האָט מען איינפאַך אַרויסגעוואָרפן שטיקער טעקסט, באַשניטן פון אַלע זייטן און אַרויסגעלאָזט אויפן ביכער-מאַרק.

אַ מאַדים אין דער דאָזיקער פּראַקטיק איז געווען דער וואַרשעווער פאַרלעגער גאָלדפאַרב, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אויף אַזאַ אופן איבער אַ צענדליק פּיעסעס, פאַרדרייט זייערע נעמען, געפעלשט די נעמען פון די מחברים און געשניטן טעקסט אויף רעכטס און אויף לינקס. אַ טייל פון די דאָזיקע וואַנדאַליזמען האָט אויפגעדעקט זלמן זילבערצווייג (זע: "טעאַטער-מאַזאיק", ז"ז 164—166).

גרייטנדיק די פולשטענדיקע ביבליאָגראַפיע פון די יידישע געדרוקטע דראַמעס איז מיר געלונגען אויפצוקלערן נאָך אַ גאַנצע ריי פון די דאָזיקע וואַנדאַליזמען,

פלאגיאטן און גניבות. לאָמיר אָנהויבן מיטן טאטן פון יידישן טעאטער, מיט אברהם גאָלדפאדען.

1. ״דאָס ליעד פון פייטיל נאר מיט נאַטקי גנב״, איין לוסט-שפּיעל אין דריי אקטען, געדרוקט אנאָנים אין לעמבערג ביי ל. נעכעלעס, 1875 (?), צוזאמען מיט ״שמענדריק״ און ״דער קאטאר״, אויף זייטן 46—68.

אויפן שער פון דער דאָזיקער אויסגאבע איז קיין מחבר ניט אָנגעגעבן. ווייסן מיר אָבער ווער עס איז דער מחבר פון ״שמענדריק״ און ״קאטאר״. בלייבט נאָר די פראגע, ווער איז דער מחבר פון דער דריטער פּיעסע, געמלעך: ״דאָס ליעד פון פייטיל נאר״.

ביי ב. גאָרין אין דער רשימה פון פּיעסעס אין זיין ״געשיכטע פון יידישן טעאטער״, באנד 2, זייט 236 ווערט אָנגעגעבן, אז דער מחבר פון א פּיעסע מיט דעם נאָמען איז ישראל גראָדנער, און ער גיט אָן אלס דאטע פון דער ערשטער אויפפירונג: 1876.

ישראל גראָדנער איז געווען גאָלדפאדענס ערשטער אקטיאָר וועלכער האָט, לויט גאָלדפאדענס זכרונות, אים ארויסגעראטעוועט פון זיין דורכפאל ביי שמעון מארקן אין גאָרטן אין יאַס. פאר גראָדנערן און ישׂשכר גאָלדשטיין האָט גאָלדפאדען געשריבן זיינע ערשטע פּיעסעס.

שפּעטער, ווען די טרופּע איז זיך צעוואקסן און ס׳זיינען צו איר צוגעקומען נייע אקטיאָרן האָט זיך גראָדנער צעקריגט מיט גאָלדפאדענען און געמאכט שבת פאר זיך, שפּילנדיק ווייטער אין גאָלדפאדענס רעפּערטואַר, אָן זיין וויסן און הסכמה.

ניט א. גורשטיין און ניט ד״ר יעקב שאצקי, וועלכע האָבן פארצייכנט דעם דאָזיקן לעמבערגער דרוק, האָבן זיך ניט געגעבן די מי אריינצוקוקן אין טעקסט פון דער פּיעסע. וואָלטן זיי עס געטאָן, וואָלטן זיי געקענט קומען צו געוויסע אויספירן.

אין 3-טן אקט פון דער פּיעסע געפינען מיר דאָס לידל: ״הייסע באבקעלעך״, פון גאָלדפאדענס פּיעסע: ״די כישוף-מאכערין״ אָדער ״קאָלדוניע״, מיט עטלעכע ניט וויכטיקע שינויים אין טעקסט, אויסער איין ענדערונג, וועלכע האָט צו טאָן מיט א רעגיאָנאלן ענין. אין געדרוקטן טעקסט פון דער ״כישופמאכערין״, ווארשע, בוימריטטער עט גאָנשאר, 1887, לייענט זיך א טייל פון דער צווייטער סטראָפע:

״מען גיט אים א נדבה, ער זאָגט עס איז קליין,
און שעלט אייך אָן מיט טויזנט רוחות
ווייל זיין זיידע איז דער קאָדניער געווען
דערפאר איז ער אזוי א מיוחס״.

אין דעם טעקסט, אין ״פייטל נאר״ שטייט אָנשטאָט: קאָדניער — אפּטער, ס׳הייסט אן אָנדייטונג אויף אן אנדער חסידישן רבין.

אין דער זעלבער פּיעסע געפינט זיך נאָך א ליד, וועלכע הויבט זיך אָן מיט די שורות:

„וואו ביסטו פייגעלע מיינס
וואו ביסטו מיין טייער גליק..."

ס'איז א ליד פון וועלוול זבאַרזשער.

וועלכער איז מיין אויספיר?

א. אז דער מחבר פון דער דאָזיקער פּיעסע איז גאָלדפאַדען. אין דעם פאַל איז עס פון זיינע גאָר ערשטע פּיעסן, וועגן וועלכע ער האָט געשריבן אין זיינע זכרונות, אז זיי זיינען געווען „אן אומזין, א קאָלאָטוכע". אויב די השערה איז ריכטיק, איז דאָס גאנצע ביכעלע געוואָרן פאַרקויפט דעם לעמבערגער פאַרלעגער דורך גראָדנערן, און נעכעלעס האָט עס אָפּגעדרוקט אנאָנים.

ב. דער פּראָזע טעקסט פון „פּייטיל נאַר" איז גראָדנערס, אָננעמענדיק אז גאָרין האָט געהאַט א ריכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן די מחברים פון די ערשטע יידישע פּיעסעס. גראָדנער האָט אריינגעשטעלט אין טעקסט די פּאָפּולערע לידער פון גאָלדפאַדענס און זבאַרזשערס פּעדער, ווייל אין די דאָזיקע פּיעסן איז דאָס לידל, און ניט די פּראָזע, געווען דער עיקר. (זע גאָלדפאַדענס און ליבערסקאָס זכרונות, וועגן אָנהייב פון יידישן טעאַטער).

די דאָזיקע השערה מיינע ווערט פאַרשטאַרקט דורך א דאָקומענט, וועלכן נחמן מייזיל האָט פאַרעפנטלעכט (אין: „הונדערט יאָר גאָלדפאַדען", זייט 25). עס איז אן אָפּמאַך צווישן אברהם גאָלדפאַדען און ישראל גראָדנער, וועגן גאָלדפאַדענס רעכט אויף זיינע פּיעסעס. אין פּונקט איינס פון דעם אָפּמאַך ווערט געזאָגט, אז גראָדנער אָנערקענט גאָלדפאַדענס רעכט אויף די פאַרפאַסטע פּיעסעס אין יידישן זשאַרגאָן, און אין דער רשימה גייען אריין: „שמענדריק", „קאַטאַר" און „קאָלדוניע" (די כישופמאַכערין"). אין המשך פון ערשטן פּונקט פּונעם אָפּמאַך זאָגט גראָדנער: „איך זאָג זיך דערמיט אָפּ פון די רעכט נישט נאָר פון אויפצופירן וועלכע נישט איז פון די אויסגערעכנטע פּיעסעס אויף דער בינע אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד אונטער מיין נאָמען, און אונטערן נאָמען פון גאָלדפאַדענען, נאָר אויך אונטער אן אנדער נאָמען — **נאָר אויך ניט אריינצונעמען עפּעס וואָס (פון זיי) פאַר די פּיעסעס וואָס קאָנען דורך מיר פאַרפאַסט ווערן**. (מיין קורסיוו ע.ל.).

אין פּונקט 5 פון דעם אָפּמאַך זאָגט גראָדנער: „איך באַשטעטיק דערמיט אז ביז אהער איז דורך מיר ניט פאַרפאַסט געוואָרן און ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן קיין שום יידישע פּיעסע כדי אויפצופירן זי אויף דער טעאַטער-סצענע, **א חוץ עטלעכע איבערזעצונגען**; (מיין קורסיוו ע.ל.). דער אָפּמאַך האָט די דאַטע פון יאָר 1879. דאָס ברענגט מיר ווידער צו דער השערה, אז די דאַטע פון לעמבערגער דרוק איז פּשוט א דרוק-פעלער און ניט קיין פאַלשע דאַטע, ווי שאַצקי מיינט.

לויט מיין מיינונג דארף זיין די דאַטע 1878, און אז דער דאַזיקער דרוק איז געווען איינע פון די סיבות פון דעם אַפּמאַך.

אויב עס וועט געלינגען צו געפינען דעם מקור פון דעם טעקסט פון: "פייטיל נאַר" (עס איז מסתמא א רומענישער אָדער א דייטשער מקור) האָבן מיר דאָ דעם שליסל צום דאָזיקן לעמבערגער דרוק.

2. **"עגל הזהב אָדער דאָס גאָלדענע קאַלב"**; געדרוקט אין ווארשע, פארלאג י. ל. מאָרגענשטערן, תרנ"ט (1898), 120 זייטן.

אין "לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור", באנד 5, שפּאלט 494, ווערט אָנגעגעבן אלס מחבר מאָרגענשטערן (?!). עס איז איינער פון די צענדליקער פּעלערן אין דאָזיקן לעקסיקאָן. מאָרגענשטערן איז ניט דער מחבר פון דער פּיעסע נאָר דער פארלעגער פון א סך ביכלעך, לידער, פּיעסעס און מעשיות, געדרוקט אנאָנים, און איבערגעדרוקט צענדליקער מאָל פון מאַטריצן.

לויט גאָרינס רשימה פון פּיעסעס אין צווייטן באנד פון זיין "געשיכטע פון יידישן טעאטער" (זייט 235), איז דער מחבר פון דער פּיעסע: "עגל הזהב אָדער דער גאָלדענער גאָט" — יעקב גאָרדין. די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין 1895.

3. **פּיעסעס פון בעריש בעקערמאַן** — אין זעלבן באנד פון "לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור" שפּאלט 494 ווערן אויסגערעכנט די פאָלגנדיקע פּיעסע ווי מאָרגענשטערנס:

(א) "מענדעלע מיט גנענדעלע", שפּיעל אין 11 סצענעס מיט לידער, ווארשע, י. ל. מאָרגענשטערן, 1895, 20 זייטן.

(ב) דיא פארביטעטענע כלה אָדער לעבעדיג און לוסטיג.

(ג) דער פרעהליכער מארשעליק, אָדער וויאזוי מען מאכט לוסטיג אויף א חתונה.

(ד) דאָס יונגע פּאָהר פאָלק פון פינף און אכציג יאָהר.

אויפן אינעווייניקסטן שער פון מאָרגענשטערנס אויסגאבעס פון יאָר 1898 לייענען מיר:

"דער פרעהליכער מארשעליק" — (וואו דער פארלעגער לויבט זיין סחורה).

"מענדעלע מיט גנענדעלע", אָדער "וויאזוי זאָלל מען שניידען אז עס איז נישט קיין יונגעל!" פאָרטזעצונג פון דעם פרעהליכען מארשעליק.

"דאָס יונגע פּאָאר פאָלק פון פינף און אכציג יאָהר" — פאָרטזעצונג פון "מענדעלע מיט גנענדעלע".

"די פארביטענע כלה אָדער לוסטיג און לעבעדיג" — פאָרטזעצונג פון "יונגען פּאָאר פאָלק".

וואָלטן די צוזאַמענשטעלערס פון לעקסיקאָן זיך געגעבן די מי אַריינצוקוקן, וואָס זיי אַליין שרייבן וועגן בעריש בעקערמאַן אין ערשטן באַנד, שפּאַלט 375, וואָלטן זיי באַמערקט אַז דער מחבר פון : ״מענדעלע מיט גנענדעלע״ איז בעקער-מאַן. אַזוי ווי לויט מאַרגענשטערנס עדות זאָגן זיינען די אַנדערע פּיעסע המשכים פון דער זעלבער פּיעסע, איז קלאָר און זיכער, ווער ס׳איז זייער מחבר.

4. **פּלאַגיאַטן פון פּורים-שפּילן**

דער ״לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״ גיט אָן אַלס מחברים פון פאָלקס-שפּילן, אַרויסגעגעבן דורך בדחנים אונטער זייערע נעמען, ווי זייערע אייגענע שאַפונגען. אַזוי ווערן דאָרט אָנגעגעבן ״אחשורוש-שפּיל״ און ״מכירת יוסף״, געדרוקט אין לעמבערג 1893 און אין ווילנע 1908, ווי פּיעסעס פון יצחק וועלטשער. די פּורים-שפּילן : ״עקידת יצחק״ און ״רבקה׳ס האָכצייט״, געדרוקט אין ווילנע, ווי שאַפונגען פון הלל קליבאַנאָוו.

ס׳איז קלאָר פאַר אונדז, אַז ווער ס׳וועט איבערלייענען די דאָזיקע פּיעסעס, וועט גלייך זען אַז דאָס זיינען פּלאַגיאַטן פון פאָלקס-שפּילן, וועלכע די בדחנים האָבן פאַרשריבן און אָפּגעדרוקט אונטער זייערע נעמען.

5. **״דער זיסער חלום״** — געדרוקט אין וואַרשע, פאַרלאַג ל. גאָלדפאַרב, 1926, 62 זייטן. אַנאָנים.

די פּיעסע איז אידענטיש מיט יעקב קאַליכ׳ס פּיעסע ״יאַנקעלע״. לויט ״יידיש טעאַטער״, וואַרשע, בוך 1, 1927, איז די פּיעסע אונטערן נאָמען : ״דער זיסער חלום״ אויפגעפירט געוואָרן אין וואַרשעווער קאַמינסקי-טעאַטער אין סעזאָן 1926.

דער קוריאָז איז אַז די זעלבע פּיעסע איז שוין געווען געדרוקט אונטערן נאָמען : ״יאַנקעלע״, וואַרשע, דרוק ״רעקאָרד״, 1923, 62 זייטן, אָפּערעטע אין 3 אַקטען בעאַרבייט פון ט.ל.

דעם מחבר האָבן מיר אידענטיפיצירט לויט זילבערצווייגס ״לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, באַנד 3, שפּאַלט 1810.

6. **״אויפן וועג קיין בוענאָס-איירעס״** (אונטערן רויטן לאַמטערן), מעלאָדראַמע אין 3 אַקטן מיט פּראָלאָג, פערפאַסט פון לייב לאַנג, בעאַרבייט פון יצחק נאָזשיק, וואַרשע, פאַרלאַג ״פאָלקסטעאַטער״, 1931, 53 זייטן.

דאָס איז געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע מעלאָדראַמעס אין יידישן טעאַטער פון די צוואַנציקער יאָרן און עס איז פאַרשטייט זיך — אַ פּלאַגיאַט.

לייב לאַנג איז געווען יאָרן-לאַנג אַ סופליאָר און ווינקל-אַקטיאָר אין יידישן טעאַטער אין פּוילן. יצחק נאָזשיק, רעווי-אַקטיאָר און רעזשיסאָר איז ווייזט אויס געווען דער ״בעאַרבייטער״ פון דער געגנבעטער סחורה.

דער מחבר פון דער פיעסע הייסט: יצחק לעש. אידענטיפיצירט לויטן "לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", באַנד 5, שפּאַלט 375.

7. "ציפּקע פייער", געדרוקט אין וואַרשע, פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, 1928, 53 זייטן.

אַלס מחבר איז אויפן שער אָנגעגעבן ראובן מאַנדעלבוים (מאַרסאַלאָוו), אויך א לאַנגיאָריקער סופליאָר אין יידישן טעאַטער אין פוילן, וועלכער האָט אָפּגעדרוקט א שלל געגנבעטע פּיעסעס אונטער זיין נאָמען, אָדער אונטער די ראשי תיבות: ר.מ. (זע ביי זילבערצווייגן אין: "טעאַטער-מאָזאַיק", זייט 164).

די דאָזיקע פּיעסע וועלכע איז אויך געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע אין די צוואַנציקער יאָרן איז געשריבן פון לואיס פרייִמאַן און ס.ה. קאָהן. אידענטיפיצירט לויט יעקב מעסטעלס: "70 יאָר טעאַטער-רעפּערטואַר", ניו-יאָרק, "איקוף", 1954, רשימה פון פּיעסעס.

8. "זלאַטע די רביצין", פאָלקסשטיק אין 2 אַקטען, פון (מ.ג.) בעאַרבייט פון א.—ל.—, וואַרשע, ל. גאָלדפאַרב, 1927, 32 זייטן.

מיט דער דאָזיקער פּאָפּולערער קאָמעדיע איז אָנגעגאַנגען א גאַנצער פּלאָנטער. לויט וויַיכערט'ס: "יידיש טעאַטער", בוך 1, וואַרשע, 1927 איז דער מחבר א געוויסער שטאַדלער. לויט דעם "לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", באַנד 6, שפּאַלט 148, איז דער מחבר יצחק נאָזשיק.

די פּיעסע הייסט אין אָריגינאַל: "די אַמעריקאַנער רביצין" און איר מחבר איז וויליאַם סיגעל. אידענטיפיצירט לויט: "צילי אַדלער דערציילט", באַנד 2, זייט 584. צילי אַדלער, וועלכע האָט געשפּילט אין דער פּיעסע גיט איבער דעם געזויעם אינהאַלט, וועלכער שטימט מיטן געדרוקטן טעקסט.

מיט דעם איז נאָך די רשימה ווייט ניט אויסגעשעפּט. עס זיינען נאָך דאָ א גאַנצע ריי פּיעסעס, דער עיקר געדרוקטע אונטער פּסעוודאָנימען וועלכע עס איז נאָך מיר ניט געלונגען צו דעשיפרירן. איך האָף אז אין לויף פון מיין וויַיטערדיקער אַרבעט אויף דעם געביט, וועל איך נאָך באַווייזן אויפצוקלערן א גאַנצע ריי פון טעותים און פעלשונגען פון דעם מין.

לייב חיין-שמעוני

איז מאָטיע געפאָרן קיין ירושלים

דעם נס פון מאָטיעס רעטונג ווייסן נאָר א פּאָר זעלנער, יידן-אלמונים פון דער אמעריקאנער ארמיי, וועלכע האָבן אים געפונען ווי א בינטל ביינער אין שמאטעס, א פארגעסענעם, אין א ווינקל אויף א פריטשע אין א באפרייטן קאצעט. יענע יידישע זעלנער געדענקען אים זיכער ניט, וואָרום ער איז ביי זיי ניט געווען דער איינציקער, וואָס זיי האָבן ארויסגעראטעוועט אין די לעצטע שעהן פאר זייער סוף. ס'איז געווען א מזל זאך, א גליקלעכע צופעליקייט, אָן אמתער תחית המתים.

נאָכן פארברענגען א פּאָר חדשים אין א לאגער-שפּיטאָל איז מאָטיע גענעזן געוואָרן. פונעם שפּיטאָל האָבן אים ווידער ארויסגעפירט זעלנער, — זעלנער פון דער יידישער בריגאדע פון ארץ-ישראל, וואָס האָבן אים געבראכט ערגעץ-וואו אין איטאליענישער שטאָט, ביים ברעג ים. פון דאנען איז ער צוזאמען מיט נאָך מעפּילים, אין א קליינער חורבה-שיף, עולה געווען קיין ארץ-ישראל. די שיף האָט אין א הארבסטיק-שטורמישער נאכט געאנקערט ביי א ברעג אין שומרון. יידישע בחורים ווי דעמבעס, האָבן אויף זייערע פּלייצעס אראָפּגעטראָגן זיי אויף דער יבשה. איבער די זאמדן האָט מען זיי צוגעפירט צו א ווארעמן, ליכטיקן קיבוץ, געביטן די קליידער, געגעבן עסן, טרינקען און בעטן מיט ווארעמע קאָלדרעס.

די ענגלענדער האָבן די שיף געפונען א ליידיקע און זייער צאָרן אויסגעלאָזט צו אן אנדער קיבוץ אין דער נאָענט, וואָס זיי האָבן פּאגראָמירט און פארשלעפּט מיט זיך א פּאָר צענדליק אומשולדיקע, יונגע מענער און פרויען, וועלכע האָבן זיך געוועהרט מיט ציין און נעגל, אלאָ, עם ישראל חי, חי,— חי וקים — — —

מאָטיע איז פארבליבן אין קיבוץ, וואָס איז פאר אים געווען ווי א גן-עדן. ער איז אלט געווען דרייסיק יאָר און האָט זיך גיך צוגעפּאסט צו די מענטשן און צו יעדער ארבעט, וואָס ער האָט אויטגעפירט בלב ונפש. אויסגעזען האָט ער א סך עלטער ווי ער איז געווען: אין קאצעט זיינען אים אויסגעקראָכן די געדיכטע, בלאָנדע האָר. היות דער נאקעטער קאָפּ איז איבּ ניט געווען ביחא, האָט ער שטענדיק געטראָגן א היטל, וואָס האָט אויך פארדעקט די פארהיילטע שניטן איבערן שטערן. די קיבוצניקעס האָבן געמיינט אז ער טראָגט א היטל מחמת פרומקייט, ווייל זיי האָבן באמערקט ווי ער היט אָפּ צו דאווענען דריי מאָל א

טאָג. זיי האָבן אים גאָרניט געפרעגט, איינגעשאפט א פּאָר תפילין און געזאָרגט אז ער זאָל זיין עסן קריגן פון דער קליינער, כשרער עלטערן-קיך. זיי האָבן נאָר געוואוסט, אז ער איז א ניט חתונה געהאטער, אָפּשטאמיק פון אן אומגעבראכטער, יידישער משפחה אין טראנסילוואניע.

מאָטיע האָט פארשוויגן זיין עבר און אין דער שטיל ניט אויפגעהערט צו טראכטן און טרויערן איבער די וואָס ער האָט פארלוירן. זיכער האָבן זיך דאָ ניט אלע אויסגעלעבט אין אמונה ווי ער, אָבער ער האָט זיי אלץ פארגעבן און ניט אויפגעהערט צו באוואונדערן זייער מסירות-נפש אין אהבת-ישראל, וואָס ער האָט דאָ געטראָפן ביים ברענגען און אויפנעמען יידן פון דער שארית-הפליטה. ער האָט אויך ניט אויפגעהערט צו באַוואונדערן דעם קיבוץ, וואו ער געניסט פון אלץ ווי ער וואָלט געווען איינער פון די ראשונים און ניט ווי א נייער עולה, וואָס האָט אלץ געפונען פארטיק און גרייט.

מאָטיע פארגעסט ניט זיין פאָטערס ווערטל: — "זאָל מען ניט געפּרואווט ווערן צו וואָס מען קען געוואוינט ווערן". ער איז געפּרואווט און געוואוינט געוואָרן מער צו שלעכטס, ווי צו גוטס. דאָ איז אים גוט און וואויל און דער עיקר, ער איז אין ארץ ישראל, וואו ער האָט נאָך ניט באוויזן אלץ צו זען. זיין אינערלעכע שטרעבונג איז געווען און געבליבן — זוכה זיין צו זען מיט די אייגענע אויגן ירושלים, עיר הקודש, וואָס איז פון זיינע פריסטע קינדער-יאָרן, פאר אים און פאר זיין היים געווען א חלום, א טיפער אויסדרוק פון אמונה. אָט איז ער אזוי נאָענט פון ירושלים מיטן הר ציון, כותל המערבי און הר הבית. ווי דערלעבט מען אלץ צו זען מיט די אייגענע אויגן? כמעט שטענדיק ווען ער קלייבט זיך צו פאָרן מאכט זיך אן אנדער פארדרייעניש און ער מוז אָפּלייגן די נסיעה אויף אן אנדער צייט.

אין זיין געוועזענער היים האָט מאָטיע גאָר ווייניק געוואוסט פון ספרי חולין. ער מיט זיין סביבה האָבן זיך גייסטיק גענערט מיט די פּלאים פון חומש און תנ"ך. מיט די רייד פון די נביאים, מיט די מעשיות וועגן מעשים טובים פון רביים און גוטע-יידן, וואָס פלעגן איבערגעגעבן ווערן פון מויל צו מויל. מאָטיעס משפחה מענטשן זיינען געווען פשוטע יידן, אָן חכמות, מיט אמונה אין בעסערע צייטן וואָס וועלן קומען נאָך ביאת-המשיח, נאָך דער מלחמה פון גוג ומגוג, וואָס האָט זיך אָפּגעהאקט אין 1918, באנייט אין 1939 און ניט דערלעבט צו זען איר סוף...

מאָטיע איז געווען פארזונקען אין זיך און צופיל פארנומען מיט דער ארבעט אין דער ווירטשאפט, מיט אלע נייע זאכן וואָס ער האָט געטראָפן אין קיבוץ. מילא, טראקטאָרן, קאָמביינען, פארזיי-מאשינען, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיטן בעל-חי, אָבער מעלק מאשינען? דאָס איז פאר אים געווען עפּעס, וואָס איז שווער צו באנעמען... דאָס איינציקע וואָס האָט אים אין א געוויסער מאָס שאָקירט, איז געווען די גלייכגילטיקייט פון די קיבוץ-מענטשן צו דער אמונה. אין זיין פארבאָרגענעם טרויער, האָט ער שווער באגריפן די לעבנס-פרייד פון

דער היגער יוגנט, געזען דורך דער פּריזמע פֿונעם קיבוץ. זייער פרייקייט, געזאנגען, טענץ און שטיפערייען; זייערע שבתדיקע שפּאַצירן, טעאטער, קינאָ, ספּאָרט, מוזיק און וואָס ניט? אַלאַ, ביסלעכווייז איז ער געקומען צום אויספֿיר, אַז זייער אמונה דריקט זיך אויס אין אהבת־ישראל, וואָס ער האָט דערפֿילט מיט לייב און לעבן זינט ער האָט זיך באַגעגנט מיט די זעלנער פֿון דער "בריגאַדע", ווען ער האָט געמיינט אַז אָט, אָט, האָבן זיך אָנגערוקט די ימי המשיח.

מאָטיע פֿאַרגעסט קיינמאָל ניט, אַז נאָכדעם ווי די אַמעריקאַנער האָבן אים געבראַכט פֿונעם קאַצעט אין שפּיטאָל אַריין איז ער געווען איבערזעטיקט מיט יסורים, פֿון אַלץ רעזיגנירט און האָט מער ניט געוואָלט לעבן. ער דערמאָנט זיך, ווי דעמאָלט האָט אין זיין זכרון אויפֿגעבליצט אַ פּסוק, וואָס דער רבי האָט אים פֿאַרטייטשט אין חדר: "בעל כרחך אתה חי ובעל כרחך אתה מת", האָט ער געטראַכט: — וואָס פֿאַראַ זין האָט פֿאַר אים דער צווייטער טייל פֿון פּסוק? ער וויל מער ניט לעבן, צו וואָס אַלץ ווידער אָנהויבן אין אַ וועלט פֿון יסורים, פֿון אַזויפֿיל רשעות? ער האָט דאָך אַלץ מיט אַלעמען פֿאַרלוירן און לעבט "בעל כרחך", וויל ער שטאַרבן אָן דעם "בעל כרחך", שטאַרבן פֿון אייגענעם ווילן.

פֿונדעסטוועגן האָבן זיך יענע שוואַרצע מחשבות גענומען אויסלאָזן, ווען ער האָט אויף זיין שטערן דערפֿילט די צאַרטע האַנט פֿון אַ יונגער קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז פֿאַר זיינע האַלב־אָפֿענע אויגן אַפּירגעשוואָומען ווי אַ ווייסער מלאך און זיינע אויערן האָבן דערהערט אירע שטילע ווערטער, אין אַ געבראָכענעם יידיש:

— דו מענטש זיין געזונט, וועל, אי עם, — איך אַ דזשואיש גערל, אַ יידיש מיידל, יעס, אַ נערס, דו זיין געזונט — — —

מאָטיען האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז אַ חלום, אפשר איז ער שוין אויפֿן עולם האמת? אָבער דאָס מיידל האָט אים ניט אָפּגעלאָזט. זי האָט אים מיט אַ נאַס האַנטעכל געווישט דעם פּנים, דעם האַלדז, די הענט, איינגעגעבן רפֿואות, זיך ניט געמיאוסט מיט זיין קראַנקן גוף, געשפּייזט מיט לעפֿעלעך מילך, ווי אַ מוטער שפּייזט אַ קליין קינד. זיין פֿאַרפֿרוירן האַרץ האָט גענומען לאָזן, שטאַרקער קלאַפּן, אַ פּאָר טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פֿון זיינע אויגן אויף דער ווייסער קישן צוקאָפּנס — — — אַזוי האָט ער זיך געשטאַרקט און געבעסערט פֿון טאָג צו טאָג. די מרה־שחורה איז אויסגערונען, ער וואָלט זיין גליקלעך, ווען ער האָט די דרייסטקייט אַ קוש צו טאָן כאָטש אַ שפּיץ פֿינגער פֿון דער ווייסער, מיידלשער האַנט, וואָס גלעט אים מיט אַזויפֿיל צאַרטקייט און רחמים.

אין אַ שיינעם טאָג איז דאָס מיידל פֿאַרשוואונדן. מען האָט אים דערציילט, אַז זי האָט פֿאַרענדיקט איר דינסט און צוריקגעפֿאָרן אַ היים, פֿון יענער זייט גרויסן אָקעאַן. אַן אָוונט פֿאַרן אָפּפֿאָרן האָט זי געוואָלט זיך זעגענען מיט אים אַלאַ, ער איז געשלאָפֿן. דאָס מיידל איז אַרויס פֿון דער פּאַלאַטע אויף די שפּיץ־

פינגער און בלחש געפּאַכעט צו אלעמען מיטן האַנט: "ביי-ביי, גוד לאַק — א גוטן מזל אייך אלעמען, אלע איר זיין געזונט".

מאַטיע דערמאָנט זיך עס ווי א חלום, ווי א לאַנג פאַרגאַנגענע, פאַרנעפּלטע זעאונג, וואָס לאָזט זיך ניט אויסמעקן פון זיינע זכרונות.

ווי מאַטיע איז ניט איינגעוואַקסן געוואָרן אינעם קיבוצישן בינשטאָק פאַר די קנאַפּע פינף-און-צוואַנציק יאָר, איז ער געבליבן לעבן פאַר זיך, איינער אליין; מעגלעך, אז ווען א פּרווו וואָלט זיך צו אים דערנעענטערט אין די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן אין קיבוץ, אים צוגעטוליעט צו זיך, וואָלט זיך זיין לעבן אנדערש אויסגעלאָזט, וואָרום ער אליין האָט צו דעם ניט געהאַט גענוג דרייסטקייט, ניט גענוג ווילן. ער האָט זיך באַנוגנט מיט זיין איינזאַמקייט און איז געווען צופרידן וואָס קיינער שטערט ניט זיין פּערזענלעכע רו, מען לאָזט אים זיך אויסלעבן ווי ער וויל — אָן זאָרג.

אין קיבוץ האָט ער צוריק געפונען שטומע באַשעפענישן, אלא, מחמת אינערלעכן סדר פון פאַרטיילן די אַרבעט, האָט מען גראָד אים אויסגעלערנט זיך באַגיין מיט א טראַקטאָר און פירן אן אויטאָמאָביל. לכתחילה האָט עס אים פאַרדראָסן, ער האָט זייער געוואָלט זיך פאַרנעמען מיט בהמות, נאָר בלית-ברירה האָט ער מיט דעם משלים געווען, פאַרשטאַנען אז ער איז נוציק ביי די מאַשינען, וועלכע מען מוז אויך באַדינען, און זיין אַרבעט שטעלט צופרידן די קיבוץ מענטשן, זיינע חברים, נאָענטע ווי אייגענע ברידער. דערצו האָט אים קיינער ניט געשטערט אין זיין פרייער צייט זיך אַרומדרייען אין רפת ביי די קי, אָדער אין שטאַל ביי די פערד און מויל-אייזלען. מאַטיע האָט ניט פאַרטראָגן די מויל-אייזלען, מחמת זייער אַפּאַטיע און קאַלטע, אויסדרוקלאָזע אויגן, דערפאַר האָט ער שוין לאַנג געקענט זיך פאַרנעמען מיט די קעלבלעך, וואָס זיינען אים געווען ליב ווי קינדער.

בדרך-כלל איז ניט געווען די אַרבעט וואָס איז מאַטיען געווען שווער, ער האָט זיך מיט אלץ אן עצה געגעבן. ווינטער, ווען עס רעגנט, ווען די פעלדער זיינען בלאָטיק און פאַרשוואומען און די טראַקטאָרן בלייבן אין גאַראַזש, פירט ער באַגינען אוועק פּראָדוקטן אין שטאָט, אליין דער שאָפער און דער טרעגער, אליין צו אַפּלאָדן פולע קעסטלעך און אָנלאָדן ליידיקע, — אָן אַרבעט וואָס אנדערע טוען אָן חשק, טוט ער וויליק. ווען ער קערט זיך אום צוריק אהיים, באַווייזט ער זיך ניט אָפּצורוען, און מען געפינט אים שוין אין א שפּייכלער, אין רפת אָדער אין גאַראַזש ביים רייניקן א טראַקטאָר. יעדע אַרבעט איז אים ניחא, אפילו שבת אין קיך, צו העלפן שווייקען כלים, אָדער אין עס-זאַל ביים פאַרטיילן דעם עסן. מען געפינט אים אויך אין דער וועשעריי, אין סטאָלעריי און ביים פאַריכטן א וואַסער-רער אָדער א פאַרהאַקטן שלאָס. זומער, אין די שבתים און פאַרנאַכטן, זעט מען אים אָפט צווישן די קינדער, זיך קייקלען מיט זיי אויפן גראָז, וואו ער פלעגט פאַרברענגען פריידיקע שעהן. אזוי איז מאַטיע געוואָרן א נאַטירלעכער טייל פונעם מענטשלעכן פּייזאַזש אין קיבוץ.

דער קאַצעט האָט מאָטיען ניט באַפרייט אָן קערפּערלעכע מיחושים; ער פלעגט אָפט ליידן פון קאָפּ-ווייטיק, רעוומאַטיזם און פיבער, וואָס ער פלעגט פאַרבאָרגן. ער פלעגט זיך ראַנגלען מיט די ווייטיקן און זיי בייקומען, אָבער ניט שטענדיק זיי איבערוועלטיקן. בלית-ברירה געבליבן אַ פּאָר טעג אין בעט, צייטנווייז זיך געגייטיקט אין אַ דאָקטאָר מיט רפואות.

בעת דער באַפרייאונגס-מלחמה זיינען די מיחושים ניט געבליבן פאַרבאָרגן פון די דאָקטוירים אינעם מאָביליזאַציע אמט, וועלכע האָבן אים באַפרייט פון מיליטער-דינסט קעגן זיינע פּראָטעסטן, „אַז ער איז געזונט ווי אַ דעמב און וויל גיין אויפן פראָנט צוגלייך מיט אַלע יידישע זין אין ישראל”. אין קיבוץ האָט מען אים געטרייסט, אויסגעלערנט זיך באַגיין מיט לייכט געווער, צו גיין אויף שמירה און דורכמאַכן אַלע נייטיקע איבונגען צוגלייך מיט אַלעמען אין דער „הגנה מרחבית”.

כאָטש מאָטיע איז שוין אריין אין די פופציקער, האָט ער זיך ניט געקענט באַרואיקן בעת די „זעקס טעג”, הלמאי מען האָט אים געלאָזט אין דער היים. אין מזכירות האָט ער געטענהעט, אַז ער ווייס ווי זיך צו באַגיין מיט אַ ביקס, מיט אַ סטען, ער איז אַ געניטער טראַקטאָריסט, אַ שאָפער, הלמאי זאָל ער ניט גיין באַדינען צה"ל און צוטראָגן זיין חלק ווי אַלע? די תשובה איז געווען אַ פאַרשטענדלעכע:

— יאַ חביבי, חבר מאָטיע, וואָס פאַרא שטות דו רעדסט? זעסטו ניט ווי דער קיבוץ האָט זיך אויסגעליידיקט? זעסטו ניט ווי די גאַנצע יוגנט איז אוועק אין צה"ל? — זאָל דער משק בלייבן פאַרוואָרלאָזט מיט אַלץ און אַלעמען, מיט די קינדער, מיט די בעלי-חי, מיט די פעלדער, גערטנער און פלאַנטאַציעס? ווער וועט פאַרטיידיקן דעם משק? ווער וועט באַשפּייזן צה"ל מיטן שטאָטישן הינטערלאַנד? מאָטיע, מאָטיע! מיר אַלע, די עלטערע, זיינען אויך זעלנער. אויב דיר איז ניחא — העלף די הג"א, שעלטערס האָבן מיר געבויט צוזאַמען מיט דיר, הלוואי זאָל מען זיי ניט דאַרפן. אויב חלילה יאָ, ווער וועט זיי באַדינען און באַוואַכן? און ווער וועט באַגינען אוועקפירן די פּראָדוקטן אין שטאָט, ווער?

מאָטיע האָט אַלץ פאַרשטאַנען. ער איז ניט געווען צופרידן מיט זייער פּסקנות, און איז אוועק צוריק צו דער אַרבעט מיט אַ שווער געמיט.

אַ פּאָר וואָכן נאָך די „זעקס טעג” איז געקומען מאָטיעס גרויסער טאָג: אַ געוויסן פאַרנאַכט האָט מען אים גערופן אין מזכירות און אַזוי געזאָגט:

— חבר מאָטיע. פון די רשימות זעען מיר, אַז דו נוצסט כמעט ניט אויס דיין יערלעכן אורלויב, צו דיין רשות שטייען קנאַפּע דריי חדשים פרייע צייט. באַרכעשעם, מאָטיע, אונדזער קיבוץ האָט געהאַט מזל, אין די „זעקס טעג” זיינען אונדזערע זין און טעכטער אַרויס בשלום פונעם פייער. אויך אונדזער

משק בליט. ובכן מאַטיע, איצט קענסטו נעמען אַ צען-פופצן טעג חופש, און מיטן ערשטן טיול (שפּאַציר) ארויספאָרן קיין ירושלים און וואו נאָר דיין הארץ גלוסט. שוין צייט אַז דו זאָלסט זען דאָס לאַנד ישראל, וואָס איז איצט געוואָרן גרויס, שוין צייט.

— — — — — — — — — — — — — — —

"ירושלים"! פון ריידן ביז צום פאָרן איז געווען געגנוג ווייט, יעדער טאָג אַן אנדער פאַרדרייעניש. אָבער דער מזכיר האָט געטאָן זיינס; ער האָט געמאַכט מאַטיעס חשבון, אפילו אים דערלאַנגט אין האַנט די אַסיגנאַציעס אויף הוצאות הדרך. די מחסנאית (מאַגאַזינערין) האָט אים ארויסגעגעבן וועש, אַ פּאָר שפּאָגל-נייע שיך, הויזן מיט בלוזקעס, און אנדערע צרכי הדרך. מאַטיע האָט אפילו צוגעגרייט זיין זייטן-זעקל, אָנגעפילט מיט אַלדאָס נייטיקע אויף דער נסיעה, אָבער יעדער אָוונט האָט זיין נאָמען ניט געפעלט אין דער ארויסגעהאָנגענער רשימה פונעם "סידור עבודה" אויף מאָרגן. ווי זיין טבע האָט מאַטיע געשוויגן, כאָטש עס האָט אים געקרענקט און שטאַרק פאַרדראָסן, אַזוי לאַנג ביז אַ צופעליקע באַגעגעניש מיטן מזכיר אין הויף פון קיבוץ.

— בוקר טוב, אַ גוטן פרימאָרגן מאַטיע, ווי איז געווען דער שפּאַציר?

מאַטיע האָט אים אָנגעקוקט, געקראַצט דעם קאָפּ און קוקנדיק אין אַ זייט שטיל געענטפערט:

— נאָך ניש' געפאָרן, חיים.

— נאָך ניט געפאָרן אויפן טיול?

— ניין, חיים.

— טאָ וואָס זשע שוויַגסטו?

— צו וואָס שרייען, חיים, אויף וועמען שרייען?

אויף מאָרגן נאָכן געשפרעך האָט מען מאַטיען ווידער גערופן אין מזכירות, וואו חיים האָט אים דערציילט, אַז דער גזבר (קאַסירער) פאָרט מאָרגן קיין ירושלים דערליידיקן ענינים פון קיבוץ, און ער קען מיטפאָרן, אויב ער וויל:

— וועסט פאָרן מיט נאָך צוויי חברים וואָס האָבן באַקומען חופש. איר וועט פאָרן מיטן דזשיפּ פון משק, אויסנוצן די נסיעה צו זען אַ שטיק ארץ-ישראל, וואָס קיינער פון אייך האָט נאָך ניט געזען. איך האָב גערעדט מיטן גזבר, אים געבעטן איר זאָלט "אריינכאַפּן" און פאָרן דורך טול-כרם קיין שכם און פון דאָרט קיין ירושלים. אָבער דער גזבר האָט מיין פאַרלאַנג ניט אָנגענומען, ווייל ער מוז פריער עפּעס דערליידיקן אין תל-אביב, וועט איר מוזן פאָרן מיטן אַלטן וועג, פריער קיין תל-אביב און פון דאָרט דורך לוד—רמלה און שער-הגיא. דרך צלחה — אַ גוטע רייזע, מאַטיע!

יענעם אָוונט האָט מאָטיעס נאָמען געפעלט אין דער רשימה פון "סידור עבודה".

אויף מאָרגן, א שפּראָץ אויף טאָג, ווען אלץ איז נאָך געווען באדעקט מיט א שווערן טוי, האָבן זיך מאָטיע מיטן גזבר מיט די אנדערע צוויי חברים געהאָצקעט אויפן דזשיפּ פון קיבוץ, דורך א פעלד-וועג צום כביש פון שרון, וואָס פירט קיין תל-אביב.

אין פראָנט פונעם דזשיפּ זיינען געזעסן מאָטיע מיטן גזבר, וועלכער האָט געפירט די מאשין. דער גזבר האָט געלויבט דעם מאָטאָר וואָס האָט געזונגען ווי א מזמור, ביז איינער פון די חברים הינטער אים האָט געזאָגט:

— וואָס וואונדערסטו זיך? מאָטיע האָט נעכטען ביז חצות געארבעט ביי דער "כלי"; ער האָט געפּוצט, געווישט און אויסגעפּרואווט יעדער רעדל, יעדער שרייפל, געשמירט מיט אייל און גריז, נאכער דעם דזשיפּ גערייניקט, געוואשן, ניט אויסצולאָזן די רעדער. דער דזשיפּ זעט דאָך אויס ווי א נייער, ווי אן אלטע מיידל, נאָר-וואָס פון א שיינהייט-סאלאָן, וואָס זשע וואונדערסטו זיך אזוי?
— אמת, מאָטיע?

מאָטיע איז געווען שטארק עמאָציאָנירט, איבערלאָדן מיט גליק. דאָס איז געווען דער ערשטער שפּאציר אין זיין לעבן לשם הנאה, פריי פון זאָרג און עול. ער איז געזעסן מיט א צאפּלדיק הארץ, עפּעס א קלייניקייט? — ער פאָרט דאָך קיין ירושלים עיר הקודש, דער חלום פון זיין פריסטער יוגנט. דאָס ערשטע וואָס ער וועט דאָרטן טאָן איז לויפן צום כותל, צודריקן דעם פּנים צו די שטיינער און דערפילן זיי אויף דער וואָר. ער וועט פאַר די שטיינער אויס-שמועסן און אפשר אויסוויינען זיין לאנגן, ווייטן גאנג — פון שטעטל אין טראנסילוואניע, פון דער פארברענטער היים, דורך פייער און בלוט, קאצעטן און פיין. וועגן יידישן מיידל פון אמעריקע — דעם ווייסן מלאך, די יידישע זעלנער פון דער בריגאדע, די חורבה-שיף אויפן שטורמישן ים, די פּלייצעס פון א בחור — א דעמב, וואָס האָט אים געטראָגן, ווי א זאקביינער, אין וואסער איבער דער ברוסט, ביזן קיבוץ — — —

— — — ירושלים! — דאָס אלץ האָט אים פארכלינעט, איין פּאסירונג אויסגעמישט מיט דער צווייטער, אזוי ביז א צאפּל, דער דזשיפּ איז שטיין געבליבן אין תל-אביב.

תל-אביב איז ניט געווען קיין נייס פאַר מאָטיען, אָבער וואָס פאַרא תל-אביב? דער טומלדיקער, "שמעקעדיקער" מארק מיט די מאגאזינען פון "תנובה", וואו ער פלעגט אָפּלאָדן פונעם קיבוצישן אויטאָ דאָס גוטס פון משק. זיך מחיה זיין מיט א געפּעפּערטן פאלאפעל און קופּעל גאזאָז, צוריק אָנלאָדן דעם אויטאָ מיט ליידיקע קעסטלעך און אין איילעניש זיך לאָזן אהיים, ניט צו פארלירן אן

איבעריקע רגע צייט, וואָרום דאָרטן האָט אויף אים געוואַרט א לאַנגער טאָג אַרבעט.

אָבער איצטער, בעת דער גזבר דרייט זיך אַרום ערגעץ אין די קאָרידאָרן פון מוסדות, שפּאַצירט מאָטיע מיט זיינע חברים איבער ווייסע, זוניקע גאַסן פולע מיט מענטשן, וואו דער וואָכעדיקער טאָג זעט אויס ווי שבת אָדער יום-טוב. מאַמעס מיט קינדער פאַר די הענטלעך אָדער אין וועגעלעך, קאַפע-הייזער מיט טישלעך אונטערן פרייען הימל, באַזעצטע מיט מענטשן, רואיקע, לאַכעדיקע. וואו נעמען זיי אַזויפיל פרייע צייט? ווען אַרבעטן זיי? אוניפאָרמירטע מיידלעך — פּאָליציאַנטקעס רעגולירן דעם פאַרקער אין די גאַסן. אומעטום ביימער, גערטלעך, הייזער — פּאַלאַצן און קלענערע הייזלעך, גרויע ווי דאָרט אין זיין שטעטל. מוזיק הילכט פון די אָפענע פענצטער אַרויס. מען באַאַגענט וועגעלעך מיט פרוכט, מיט קליינינקייטן און שפּילצייג, קיאָסקן מיט געטראַנקען מיט כלערליי מינים שאָקאָלאַד, זיסוואַרג, ציגאַרעטן, קיאָסקן מיט צייטונגען און זשורנאַלן מיט לייכטער ליטעראַטור אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן. און וואָס פאַרא שפע אין די וויטרינעס?!

זיי האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן ביים "המשביר"-בנין, דער צענטראַלער איינקויף-פּלאַץ פון די קיבוצים, וואו זיי האָבן איבערגעלאָזט דעם דזשיפּ. דער בנין זעט אויס ווי א ריזן מאַגאַזין אין א פּאַרט, וואו די טירן שטייען אָפן אויפצועמען און אַרויסצולאָזן דעם שטראָמענדן המון באַזוכער. די גאַס אַרום איז געווען איבערלאָדן מיט דער באַוועגונג, וואָס האָט געשטראָמט קיין יפו און פון יפו קיין תל-אביב.

נאָכן פאַרברענגען א פּאָר שעה אין די גאַסן, נאָכן אָנקוקן אַלע פּלאַצים פון דער גרעסטער יידישער שטאָט האָבן זיי זיך צוריקגעקערט דורך דער נחלת-בנימין גאַס, אויפן וועג צום דזשיפּ. אָנגעהויבן פונעם מערבדיקן ווינקל אלענבי, זעט אויס די נחלת-בנימין גאַס מיט די אָנצאָליקע קראָמען, ווי אַן אויסשטעלונג פון סחורות מכל המינים. א שטיקל וועג ווייטער, דאָרט וואו עס שניידן זיך איבער די יהודה הלוי און הערצל גאַסן, זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין א סביבה, וואָס איז אויסגעפילט מיט וואַרשטאַטן, פאַבריקלעך, סקלאַדעס, מיט אַרבעטער און בעלי-מלאכות אין פאַרפלעקטע פאַרטעכער און קאָמבינעזאָנען, אויסגעשמירטע אין אייל און פאַרב, געמישט מיט שווייס. זעלטן ווען איז דאָרט צו טרעפן יענעם שבת-יום-טובדיקן עולם, וואָס זיי האָבן פריער געטראָפן אין די צפונדיקע, ווייס-זוניקע גאַסן. דאָ זיינען די הייזער קליינע, גרוי-אַלטע, אויסערלעך פאַרנאַכ-לעסיקטע, פול מיטן רויש פון מאַשינען, מיט דער סימפאָניע פון פּראַצע. אינגאַנצן אַן אַנדער וועלט.

דעם אמת געזאָגט, האָבן זיך דאָ מאָטיע מיט זיינע חברים געפילט היימישער און בעסער ווי צווישן די קאַפע-הייזער מיט די ליידיקגייער. ס'האָט זיך זיי

געדאכט, אז זיי שפאנען צווישן די גאראזשן און ווארשטאטן פון זייער קיבוץ, וואו אלץ איז אָבער געלאסענער און רואיקער.

די "זעקס טעג" זיינען נאָך געלעגן אויף די ווענט פון דער שטאָט: — פלאקאטן אין שווארצע ראמען, וועלכע דערמאָנען די געפאלענע יוגנט פון דער תפארת ישראל. געפאלענע אין סיני און יהודה, אין ירושלים, גולן און שומרון — אין עלטער פון ניינצן, פון צוואנציק און דרייסיק יאָר. אָפיצערן און זעלנער פון צה"ל, פוסגייער, פאראשוטיסטן, טאנקיסטן, פליער. זייערע יונג־פארשניטענע לעבנס הערן ניט אויף אראָפצושרייען פון די שטומע ווענט. מאָטיען איז געווען ניט אָפצורייסן פון די שווארצע ראמען אויף די ווענט, פאר זיינע אויגן איז אפירגעשוואומען דער צעדריקטער קערפער פון זיין ברודער, ווי ער ליגט אונטער א בוים אין טראנסילוואַנישן וואלד. אין זיינע אויערן וויינט די שטים פון ברוכן, דעם חברה־קדישא ייד פון זיין שטעטל, וואָס שטאמלט הינטער זיינע פלייצעס: "ועתיד להחיות אתכן בדין..."

ביים דזשיפ האָט שוין געוואַרט אויף זיי דער גזבר. ער איז געווען אין א שלעכטער שטימונג, פול מיט "ברכות" און מיט טענות אויפן חשבון פון די פקידים אין געוויסע מוסדות, וואָס האָבן ניט דערליידיקט זיינע עגינים:

— זיי האָבן שטענדיק צייט, זיי האָבן נאָר מורא אז די טיי זאָל זיך ניט אָפקילן, האָט ער שטיל געברומט צו זיך און צו זיי. איך בין נערוועז, האָט ער געזאָגט, ביז ירושלים וועסטו, מאָטיע, פירן דעם דזשיפ.

שווייגנדיק האָט מאָטיע געפירט דעם דזשיפ, אויסערלעך ניט ארויסגעוויזן זיין אינערלעכע שפאנונג. מחמת אחריות פאר די מענטשן אין דזשיפ, האָט ער זיך ניט פארגונען כאפן א קוק פון ביידע זייטן וועג, באזונדערס פונעם שער הגאי, וואו זיי זיינען געפאָרן צווישן באוואלדיקטע בערג און די לופט איז דאָ געווען דורכגעזאפט מיטן דופט פון יונגע נאָדל־ביימער. ער האָט נאָר א פּאָר מאָל זיך אָפגעשטעלט באקוקן די סקעלעטן פון אויפגעריסענע פאנצער־אויטאָ־מאָבילן פון פלמ"ח, וועלכע האָבן אינעם באפרייאונגס־קריג ניט איינמאָל דורכגע־בראָכן באריקאדעס פון גרויסע שטיינער, וואָס די אראבישע כנופיות פלעגן אראָפקייקלען פון די בערג. פאר יעדער אזא דורכברוך האָט דער פלמ"ח געצאָלט מיט קרבנות. די רעשטן פון די פאנצערס ווערן אָפגעהיט ווי נאציאָנאלע דענקמעלער, וואָס ווערן באצירט מיט בלומען און קרענץ אין צייט פון די "יום העצמאות" פייערונגען.

וואָס מער זיי האָבן זיך דערנענטערט צו ירושלים אלץ מער איז מאָטיע געוואָרן אומרואיקער. ניט איינמאָל האָט אים דער גזבר אויפמערקזאם געמאכט ניט איבערצוטרייבן די שנעלקייט און קוקן פאָראויס מיט "אָפענע אויגן". אזוי זיינען זיי אריבערגעפאָרן די סערפענטינעס פון מוצא, וואו דער כביש האָט זיך געוואונדן ארום א בארג, אויפן ראנד פון א תהום, און פון וווייטן, ווי פון א נעפל

ארויס, האָט זיך גענומען אנטפּלעקן א טייל פון דער פּאַנאָראַמע פון ירושלים.

מאַטיע האָט זיך ניט געקענט באַהערשן, אויף איין אויגנבּינטל האָט ער ארויסגעלאָזט דעם רודער, א פּאַטש געטאָן מיט די הענט, און אויסגערופן אין התפעלות איין-און-איינציק וואָרט:

— ירושלים!

בעת ער האָט באלד צוריקגעכאַפּט דעם רודער אין די הענט איז שוין געווען צו שפּעט: ווי פון אונטער דער ערד ארויס האָט זיך באוויזן א טאַקסי אין פולן טעמפּאָ. ביי די קיבוצניקעס איז פאַרגליווערט געוואָרן דאָס בלוט.

וועלנדיק אויסמיידן א צוזאַמענשטויס האָט מאַטיע שאַרף א דריי געטאָן דעם רודער אויף לינקס, אין דער ריכטונג פון תהום. די לופט האָט דורכגעשניטן א יאָמערדיק סקריפּ פון די ברעמזן פון דער טאַקסי, בעת דער דזשיפּ איז נעשפּרונגען אין זיג-זאַגן איבער קוסטעס און פעלדזן צום טיפן תהום אראָפּ, זיך אָנגעשלאָגן אָן א שטאַם פון א טרוקענעם בוים און געבליבן שטיין מיט די רעדער ארויף.

צוויי פון די קיבוצניקעס זיינען ארויסגעשליידערט געוואָרן אין דרויסן, אריינגעפאַלן צווישן קוסטעס און אָפּגעקומען מיט אויסערלעכע וואונדן. מאַטיען מיטן גזבר האָט מען געפונען טויטע, אינעם פאָדערשטן טייל פון דזשיפּ.

מאַטיע איז געלעגן מיטן פּנים ארויף, מיט אָפענע, פאַרגליווערטע אויגן, מיט אן איינגעבראָכענעם רוקן איבער דער אייזערנער ראַם פון געזעס. בלוט האָט געשטראָמט פון זיין מויל, אראָפּ איבער זיין ווייסער העמד, אויפן קאָפּ פון גזבר, וואָס איז געלעגן מיטן פּנים אראָפּ, איינגעגראָבן אין מאַטיעס שויס.

אן אַמבולאַנס האָט די פאַרוואונדעטע געבראַכט אין א שפּיטאָל, וואו זיי זיינען נאָך עטלעכע וואָכן געווען געוואָרן און זיך צוריקגעקערט א היים.

מאַטיע איז געבליבן אויף אייביק אין ירושלים, איינגעזאַמלט אין דער ערד פון "הר המנוחות".

אבישר ד. זכאי

שרייבערס אין חיפה

(שטריכן)

שטיל און באשיידן, ווייט פונעם רוישיקן צענטער אין תל-אביב, פון די ליטע-ראַרישע קרייזלעך און רכילותדיקע קאַפע-הייזער, לעבט און שאַפט אין חיפה א קליינע, אָבער זייער וויכטיקע, גרופּע שרייבערס, אין העברעאיש און יידיש.

אין די דאָזיקע שורות האָבן מיר ניט בדעה צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן די דאָזיקע שרייבערס, נאָר אין קורצע שטריכן פאָרצושטעלן אייניקע "עקספּאָנאַטן" פון דער חיפהער שרייבער-גאַלעריע, די "יושבים ראשונה במלכות", אין דער מזרח-וואַנט פון אונדזער צוויי-שפּראַכיקער שרייבער-משפחה אין חיפה.

צוערשט שטעלן מיר פאָר, דעם באַקאַנטן העברעאישן פּראָזאיקער און מיניאַטורן-קינסטלער גרשון שאָפּמאַן, וואָס איז נאָך, טראָץ זיין טיפן עלטער (עד מאה ועשרים), שעפעריש טעטיק און איז אונדז עד היום מזכה מיט זיינע קורץ-געפאַסטע, פסיכאָלאָגיש-פאַרטיפטע און אויך לירישע מיניאַטורן אין העברעאיש. פון צייט-צו-צייט פאַרעפנטלעכט ער אויך עפּעס אין יידיש.

גרשון שאָפּמאַן איז א קאַבינעט-מענטש; ער זיצט אין זיינע ד' אמות און שרייבט; ווען-ניט-ווען, כאַפּט ער א שפּאַציר צווישן די וואַלדיקע שטעגן אויפן כרמל, שלאָגט אַן מיטן שטעקן אויפן שטייניקן באָדן און שיקט זוכנדיקע בליקן פאָראויס, העט-ווייט צום ימישן האָריזאָנט, וואָס איז באַזוימט מיט די לבנון-בערג.

ער גיט ניט קיין לעקציעס, קומט ניט אויף קיין צוזאַמענטרעפן, אָבער איז ווייט פון צו זיין פאַרשלאָסן און אָפּגעזונדערט. אדרבא, ביי זיך, אין זיינע פיר ווינקעלעך, האָט ער ליב צו כאַפּן א שמועס מיט זיינע מקורבים, איז זיך מחיה ווען ער אַנטפּלעקט א נייעם אויסדרוק אין תנ"ך, אָדער א מאמר אין מדרש, און האָט ליב צו דערציילן קוריאָזן פון זיינע באַגעגענישן מיט יצחק-לייבוש פּרץ, שלום עליכם, יוסף חיים ברענער און אַנדערע.

ער איז אויסגעבונדן, און א גרויסער בקיא אין דער יידישער ליטעראַטור; זיך געחברט און באַפריינדעט געווען מיט אירע פּראָמינענטסטע פאָרשטייער און שעפער, איז ער זיך ממש מחיה מיט א יידיש-וואָרט. אָבער אליין שרייבט

ער ניט אין יידיש, און וואָס ער פאַרעפנטלעכט יאָ אין יידיש, איז עס איבערזעצט דורך אנדערע.

גרשון שאָפמאַן איז אפשר דער איינציקער, פון זיין דור העברעאישע שרייבערס, וואָס האָט קיינמאָל ניט געשריבן אין קיין אנדער שפּראַך אויסער העברעאיש, אָבער ער האָט אַזוי ליב א יידיש-וואָרט. אוי האָט ער עס ליב!...

✶

יהושע בר-יוסף געהערט צום ייגגערן דור העברעאישע שרייבערס, ער איז א פּרוכטבאַרער ראָמאַניסט, דראַמאַטורג און דערציילער, וואָס האָט געשפּילט א "טונקעלע ליבע" מיט דער ליטעראַטור, נאָך זיצנדיק אויף דער ישיבה-באַנק אין זיין היימשטאָט צפת.

ווי אַן עכטער באַהעמע-מענטש, שפּרייזט ער מיט ברייטע, פעסטע טריט איבער די גאַסן פון חיפה. זיין קאָפּ, מיט דער צעפּלאָסענער, בלאָנדער טשופּרינע, שווימט פּאַראויס, און זיינע טריט ווערן באַגלייט מיטן סטאַקאַטאָ-קלאַפּן פון זיין מגושמדיקן, סענקעוואַטן שטעקן, וואָס ברענגט א ווייטן גרוס פון ווילדע גלילישע געגנטן.

זיינע ראָמאַנען, דערציילונגען און דראַמען פאַרנעמען שוין א גאַנצע פּאָליצע. ער ברענגט אין זיי זאַפטיקע, יאָדערדיקע דערציילונגען פונעם אַלטן און נייעם ישראל, משפּחה שילדערונגען און לעבנס-שטייגער, הגנה און מלחמת-השחרור אין ירושלים און צפת. די ראָמאַנען, געשריבן מיט טאַלאַנט, זיינען אָנגעזאַפּט מיט שטאַרקע עראָטישע שילדערונגען, טיילמאָל, שוין איבער דער מאָס, און מיט דראַמאַטישע קאָנפליקטן. איינער פון זיינע ראָמאַנען, באַזירט אויף א רעאַלן פּערסאָנאַזש פון א חלוציש-יחוסדיקער ותיקים משפּחה, האָט ארויסגערופן א סקאַנדאַל אין אונדזער ישראלדיקן "קלאָשמערל". א גרויסער שטורעם אין א קליין גלעזעלע...

אָבער צו פּרנסה קומט עס ניט... בפרט, אַז מען איז א באַהעמע-מענטש און מען האָט אויך ליב צו געניסן פון א חיי-שעה... מוז מען טאַקע שרייבן עפּעס פאַר א טאָג-צייטונג, רעאַגירן אויף טאָג טעמעס און פאַרשטייט זיך, אַז עס גייט אויפן חשבון פון זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען.

✶

אברהם קריב איז אַן אינטערעסאַנטער און אייגנאַרטיקער טיפּ. א דיכטער און ליטעראַטור-קריטיקער, א טיפּאָלאָג פון תנ"ך פּאַרטרעטן, וואָס רופט, אין וואָרט און שריפט, "צוריק אין הדר אריין" און רייסט אראָפּ, מיט טעמפּעראַמענט און ברען, די מאָזאָכיסטישע, זעלבסט-פאַרלוימדערישע ריכטונג — לויט זיין

מיינונג — אין דער נייער יידיש-העברעאישער ליטעראַטור. ער שוינט ניט קיינעם אפילו דעם ז י י ד ן אליין, אין וועלכן ער זעט אן אָפּשפּאָטער פונעם דורותדיקן, טראַדיציאָנעלן יידישן לעבנס-שטייגער. ער פֿאַדערט און מאָנט, אז מען זאָל אויפהערן צו לערנען די דאָזיקע ליטעראַטור אין אונדזערע שולן. ער מאַכט א תל-עולם, אש און פּאַראַך, פֿון די מערסטע שאַפונגען פון ברענערן און מענ-דעלען, וועמען ער האָט געווידמעט גאַנצע פאָרשונגען, כדי צו דערווייזן זייער דערציערישע שעדלעכקייט, דער עיקר פארן נייעם דור.

אברהם קריב איז א שטילער און געלאסענער מענטש. כאָטש א גרויסער בעל-מידות, וואָס "טשעפּעט ניט א פליג אויפן וואַנט", קעמפט ער ווי א לעמפּערט און מאַכט א בארג אש פון אונדזער גאַנצער ליטעראַטור; נאָר ביאַליק און פרץ — דער פאַרהערלעכער פון חסידיזם — זיינען קוים ארויס מיט "גאַנצע ביינער" פון זיין נביאיש-פייערדיקן גרימצאָרן...

און איר קענט אים טרעפן, דעם גרויסן מוכיח פון אונדזער ליטעראַטור, דעם ליבן דיכטער און עסייאיסט, זיצנדיק ערגעץ-וואו אין א "מנין" און לערנען מיט א כאַפּטע יידן "מדרש רבה".

אזא איז ער אברהם קריב, געוועזענער קריוואָרוטשקא, וואָס איז "שטילער פון וואסער און נידעריקער פון גראָז" אין זיין פּריוואַטן לעבן, און ברענענדיקער פאַקעל פון הארב-נביאישן צאָרן צו אלץ וואָס האָט א שייכות מיט אונדזער נייער ליטעראַטור.

✶

יהודה בורלאַ איז דער מאָלער, באַזינגער און שילדערער פונעם פּולבלוטיקן, און עקזאָטיש-קאָלירפולן, ספרדישן לעבנס-שטייגער אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

אלס לאַנג-יאָריקער פּאַרזיצער פון העברעאישן שרייבער-פאראיין אין ישראל, איז יהודה בורלאַ זייער טעטיק אויך ווי זיין פאַרשטייער און מכניס--אורחים, און זיין שטוב דינט ווי א רעפּרעזענטאַטיווער צענטער פאר פּראָמינענטע געסט פון אויסלאַנד.

אייגנאַרטיק און שטאַרק איינדרוקספול איז יהודה בורלאַס אופן פון שילדערן דעם לעבנס-שטייגער פון אונדזערע ברידער, די ספרדים אין ירושלים, סיריע, מצרים און אנדערע לענדער אויפן נאָענטן מזרח. מיט זיין פענאָמענאַלן שילדערונגס-כוח ברענגט ער ארויס אין זיינע ווערק צענדליקער אייגנאַרטיקע טיפּן, מיט זייערע מנהגים און זאַפטיקער פאָלקס-שפּראַך, וואָס שפרודלט מיט חכמה און שיינקייטן, איינגעזאַפּטע אין זיך דורך צענדליקער דורות.

יהודה בורלאַס ווערק זיינען א ניט אויסשעפּבאַרער קוואַל פאר פאָלקלאָ-

ריסטישער פאָרשונג פון די גייסטיקע אוצרות פון די ספרדישע יידן און זייער צושטייער צו אונדזער נאציאָנאַלער קולטור.

דעם אשכנזישן לייענער גיט יהודה בורלאַ די זעלטענע געלעגנהייט, צו אריינבליקן אין דער סאמע טיפעניש פון אַ רייכן שפּרודלדיקן לעבן, וואָס איז אים געווען כמעט פרעמד און אומבאַקאַנט.

✶

בנימין גלאַי געהערט שוין צום ייִנגערן דור העברעאישע דיכטער, פעליעטאָניסטן, פּראַזאיקער און אוואַנגאַרד-דראַמאַטורגן, וועמעס דראַמע "סדום סיטי" האָט אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר, מיט גרויס דערפאָלג, געשלאָסן דעם רעפּערטואַר אינעם חיפהער שטאָט-טעאַטער.

ווי אַ קיילעכיק רעשעלע, מיט אַ גראָבן סיגאַר אין מויל, קייקלט זיך גלאַי איבער די גאַסן פון כרמל-באַרג וואו ער וואוינט און שאַפט.

בנימין גלאַי דרוקט יעדן פרייטיק אין "מעריב", אין אַ תלמודיש-סטיליסטישן העברעאיש, זיינע אייגנאַרטיקע, אולטראַ-מאָדערנע מיניאַטורן אונטערן נאָמען "על קפה הפוך". מבינים און פיינשמעקער טענהען, אַז ס'איז אַ שאָד, וואָס זיי זיינען ניט צוטריטלעך פאַרן ברייטן לייענער-עולם און ס'וואָלט כדאַי געווען צו "איבערזעצן" זיי אויף העברעאיש...

✶

מענדל זינגער איז דער מחבר פונעם וויכטיקן ווערק "בראשית הציונות הסוציאליסטית" און אַ ריי אַנדערע ביכער און בראָשורן, צווישן זיי "215 טעג וואָס האָבן געענדערט דעם פּנים פון פאָטערלאַנד".

אין קעגנזאַץ צו אַ סך אַנדערע שרייבערס, איז מענדל זינגער אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער אין חיפה, אַ לעקטאָר, כלל-טוער און איניציאַטאָר פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען. ווי אַ פּערזענלעכער פריינד פון דוד פּינסקי, היט ער אָפּ די גייסטיקע ירושה זיינע. האָט ארויסגעגעבן אַ גרויסן באַנד פון דוד פּינסקיס "אויסגעקליבענע שריפטן" און איניצירט די יערלעכע פּינסקי-אַקאַדעמיעס.

שטענדיק אומרואיק, שטענדיק אין באַוועגונג, איז מענדל זינגער אַ באַזוכער פון אַלע קולטור-אונטערנעמונגען אין שטאָט. ער איז אויך שאַרף און בייסיק אין זיין קריטיק און כאָטש ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַ העברעאישער זשורנאַליסט און שרייבער, איז ער פאַרליבט אין יידישן לשון און האָט צוגעלייגט אַ האַנט פאַרן יידיש שאַפן אין חיפה.

✶

לייב חיין-שמעוני, וועלכער שטעלט דעם דגש אויף דער פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, איז דווקא א באַדייטנדער בעלעטריסט אין יידיש, א מחבר פון מערערע ווערק. זיינע דערציילונגען זיינען בדרך-כלל געבויט אויף אייגענעם לעבנס-נסיון, ווייל לייב חיין-שמעוני איז אלע יאָרן א מענטש פון ארבעט, פריער א בוי-ארבעטער און נאכער א לאנד-מעסטער, וואָס האָט דורכ-געשפאנט דאָס לאנד פון עק צו עק, „במקלו", מיטן מעסט-שטעקן אין האנט. אָט דעם רייכן נסיון פון שפאנען איבער ארץ-ישראל, האָט ער ארייַנגעפירט אין זיין ליטעראַרישן שאפן, און ער גיט איבער דעם צאַפּלדיקן אָטעם פונעם עכטן ישראלדיקן לעבן.

אויך לייב חיין-שמעוני איז טעטיק אין חיפהער געזעלשאפטלעכן לעבן און זיין וואָרט לאָזט זיך הערן פון א סך טריבונעס אין שטאָט.

וואָס שייך יידיש-לשון, פירט ער זיין אייגענע „בוכהאלטעריע" און האָט אויף זיין קאָנטע א ביז גאָר פּאָזיטיוון באלאנס. שוין אין פעברואר, 1932, איז דאָ מיט זיין איניציאטיוו דערשינען א ליטעראַרישער זשורנאל אין יידיש א.נ. „חיפה". זינט דעמאָלט האָט זיך זיין געבענטשטע איניציאַטיוו אויף דעם געביט ניט אָפּגעשטעלט.

שמחה האַמבורג

אליהו הנביא האָט זיך צו אים באוויזן...

זינט חיים איז געקומען קיין ישראל און האָט זיך באַזעצט אין א שיכון ניט ווייט פון חיפה, איז זיין פארלאנג געווען ארויפצוגיין אויפן כרמל-בארג און באזוכן די הייל פון אליהו-הנביא.

דעם אמת געזאָגט, האָט ער שוין פון לאנג פארגעסן די געשעענישן און פאנטאסטישע דערציילונגען פון תנ״ך, וואָס ער האָט געלערנט אין זיינע יונגע יאָרן. די שווערע ארבעט אויף סאָוועטישער פארשיקונג און דער וויכטיקער פאָסטן פון א פארטיי-פונקציאָנאר אינעם קאָמוניסטישן פוילן, האָבן אים אינגאנצן ארויסגעריסן פון זיין אמאָליקער סביבה און כמעט ווי אָפּגעמעקט פון זיין געדעכעניש די יוגנט-יאָרן, ניט צו דערמאָנען און ניט צו טראַכטן וועגן זיי.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער שטורעם אינעם ״נייעם״ פוילן, און די פארטיי האָט אים באשולדיקט אין נאציאָנאליזם און ציוניזם און האָט אים אויסגעשפּיגן פון אירע רייען, האָט ער פארלאָזט פוילן און געקומען אין דער יידישער מדינה. דאָ האָט ער געמוזט אלץ אָנהויבן פון בראשית.

מיטן קומען אין יידישן לאנד אריין און מיטן לעבן צווישן יידן, האָבן אויך געגומען אויפטויכן אין זיין זכרון די פריע קינדער-יאָרן, די פרומע היים און דאָס אלץ וואָס ער האָט אמאָל געלערנט וועגן דעם דאָזיקן לאנד. מערקווירדיק, אז מער פון אלץ איז פאר אים אויפגעשוואומען די לעגענדארע געשטאלט פון אליהו-הנביא, דער יעניקער וואָס האָט באוויזן אזעלכע גרויסע וואונדער; דער קנאי, וואָס האָט צעבראָכן די פאלשע געטער און אויסגעשאָכטן די פאלשע, פארפירערישע נביאים; דער נביא וואָס ווערט פונעם פאָלק באטראכט ווי אן אויסלייזער, וואָס קומט ראטעווען די מענטשן פון נויט און היילט זייערע וואונדן. ״אפשר וועט ער אויך מיין געבראָכענעם גייסט אויסהיילן״, פלעגט ער אָפט טראַכטן.

א געוויסן נאָכמיטאָג, קומענדיק פרי פון דער ארבעט, האָט חיים באשלאָסן צו רעאליזירן זיין באגער צו באזוכן די הייל פון אליהו-הנביא און דער עיקר טרעטן מיט די אייגענע פיס אויפן בארג, וואו אליהו-הנביא האָט זיינע וואונדער באוויזן.

ער האָט אויסגעקליבן אַרויפצוגיין אויפן באַרג, ניט מיט די געפּלאַסטערטע וועגן, וואָס פירן אויפן כרמל און ניט מיט די טרעפּ, וואָס פירן צו דער היֵיל, נאָר דווקא צו קלעטערן און דראַפּען זיך איבער די שטיינער פון די נאָך ניט־באַוואוינטע און נאַקעטע טיילן פונעם באַרג. אַזוי־אַרום וועט ער בעסער פילן די פאַרבינדונג מיט יענער תקופה, ווען אליהו־הנביא האָט דאָ געווירקט, וועט מער איינזאַפּן אין זיך די אַטמאָספער פון די אור־אַלטע צייטן און אפשר דערשפּירן עפּעס פון דעם וואָס דער נביא האָט געשפירט, טרעטנדיק אויפן דאָזיקן באַרג. ווען דער שווערער אַרויפגאַנג האָט אים מיד געמאַכט, האָט ער זיך צוגעזעצט אָפּרוען אינעם שאָטן פון אַ געדיכט־צעוואַקסענעם קוסט.

זיצנדיק אַזוי אונטערן קוסט האָט ער זיך דערמאָנט אַ פּאַסירונג מיט זיין טאַטן, דעם פּשוטן שוסטער, וואָס פלעגט ציען זיין שטיקל ברויט פון אַרומגיין איבער די דערפער, צו פאַריכטן ביי די פויערים זייערע שוועדע, יוכטענע שטיוול. ווען ס׳האָט זיך געמאַכט מערער אַרבעט, פלעגט אים דער טאַטע מיטנעמען פאַר אַ געהילף.

איינמאָל, אין אַ הייסן זומער־טאָג, גייענדיק אַזוי מיטן טאַטן פון איין דאָרף צום אַנדערן, איז דער טאַטע אַרונטער פון וועג און האָט אים אַריינגעפירט אין אַ געדיכטן וואַלד. דאָרט האָט דער טאַטע צוערשט געדאַוונט מנחה, נאָכדעם האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפן קאָרטש פון אַן אָפּגעזעגטן בוים, אַריינגענומען אין האַנט די באָרד און אַ נייגעריקער, ווי אַ קליין קינד, באַטראַכט דעם וואַלד מיט זיינע ברואים.

פייגעלעך פון פאַרשיידענער גרויס און קאָליר זיינען אַרומגעפלויגן צווישן די ביימער, געשפּרונגען פון צווייג צו צווייג און אַרויסגעלאָזט אַ פריילעך טרילן. ערגעץ־וואו האָט אַ פויגל געררופן קו־קו! קו־קו! ווי עס וואָלט מיט עמיצן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש. אויף דער ערד און אויף די ביימער זיינען אַרומגעקראָכן מוראַשקעס, זשוקלעך, און פאַרשיידענע אַנדערע ברואים; זיי האָבן זיך געיאָגט און געלאָפן, ווי זיי וואָלטן ניט געהאַט קיין צייט.

דער טאַטע האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן און זיך אָנגערופן צו אים:

— זע מיין זון, באַטראַכט אָט די אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, זיי ווייסן בכלל ניט פון דער דאגה וואָס הייסט ״לחם לאכול ובגד ללבוש״. אַזאַ קליינינקע חיהלע, וואָס ווייסט בכלל ניט פון קיין תורה און פון קיין מצוות, שפּייזט עס גאָט און שיקט עס צו אַלע אירע באַדערפענישן. און מיך, זיין קנעכט, ״עבדו בן אמתו״, קריוודעט ער אַזוי און לאָזט מיר זיך מאַטערן ביז אין טויט אַריין.

באַלד האָט דער טאַטע גענומען זיך אויסטענה׳ען מיט גאָט, ווי ער וואָלט גאָר קיין מורא ניט געהאַט פאַר אים:

— וואו זיינען ריבונו־של־עולם מיינע תפילות בכוונה? וואו זיינען די

קאַפּיטלעך תהילים, וואָס איך זאָג מיט אַ צעבראָכן האַרץ? אַלץ איז ווי אַרויסגעוואָרפן. ניט אַנגעלייגט ביי דיר. און מיין בטחון פון אַזויפיל יאָרן איז ביי דיר גאָרניט, טאַקע גאָרניט?...

אַ סך יאָרן זיינען אַוועק זינט יענעם טאָג. ס׳האָבן דעם טאַטן ניט געהאָלפן זיינע תפילות און זיין אויסטענה׳ען זיך מיט גאָט; ער איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין בטחון און קאַפּיטלעך תהילים.

און ער? — ער וואָס האָט געהאַט אַן אַנדער גלויבן און אויך געהאַט בטחון, וואָס איז געוואָרן פון זיין גלויבן?...

גאַנץ אומדערוואַרט האָבן שווערע וואָלקנס זיך פאַרצויגן איבערן הימל, אַ געדיכטע פינצטערניש האָט איינגעוויקלט דעם באַרג און דערגרייכט ביז צו די ביימער-שפּיצן. געציילטע מינוטן שפּעטער האָט דער הימל אָנגעהויבן מוראדיק צו בליצן און דונערן. חיים האָט קיינמאָל אין זיין לעבן זיך ניט געשראָקן פאַר אַ דונער, אָבער איצטער האָט זיך אים געדאַכט אַז ס׳האָט זיך אויף אים צעשריען אַ מעכטיקע שטים, וואָס קומט מיט פייער פון די הימלען. זיינע ליפּן האָבן געגומען פון זיך אַליין שעפּטשען, די שוין לאַנג-פאַרגעסענע ברכה, "שכוחו וגבורתו מלא עולם", און ער האָט געשפּירט ווי די ציין אין מויל קלאַפּן אים פון ציטערניש.

אַ רעגן האָט אָנגעהויבן צו גיסן אין שטראָמען. די בליצן האָבן באַלויכטן די שפּיצן ביימער, ווי אַ בלויער, שיינענדיקער ליילעך וואָלט אויף זיי געפאַלן, און די רעגן-טראָפּנס האָבן געגלאַנצט ווי ברילִיאַנטן.

חיים האָט זיך געלאָזט צום כביש און אָנגעהויבן לויפן, צו זוכן אַ באַהעלטעניש פונעם רעגן. אַן אויסגעווייקטער ביז צום לעצטן פאָדים אויף זיך, איז ער אַריינגעלאָפן אין אַ ניי הויז, וואָס איז נאָך געשטאַנען אָן פענצטער און טירן, און האָט זיך אַוועקגעזעצט איבערוואַרטן דעם רעגן, אויף איינעם פון די צעמענט-בלאָקן, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעוואַלגערט.

פּלוצלינג האָבן זיך פון דרויסן דערהערט שווערע טריט און אין אָפענעם אַריינגאַנג האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער ייד, געקליידט אין אַ טונקל-בלויער "דזשעלבע" (מאַנטל), וואָס האָט עדות געזאָגט אַז ער שטאַמט אָפּ פון מאַראָקאָ. אויפן קאָפּ איז אים געווען איבערגעוואָרפן אַ "בורנוס" (קאַפּישאָן), פון אונטער וועלכן ס׳האָט זיך אַרויסגעזען אַ שוואַרצע, קיילעכיק-האַרטע, היטעלע.

געווען איז דער אַלטער אַ הייכער, אַן אויסגעגלייכטער, גאָרניט לויט זיין עלטער. פון זיין פּנים האָבן זיך בולט אויסגעטיילט די גרויסע אָדלער-נאָז, דיקע ליפּן און די שניי-ווייסע באָרד, אַן אויסגעצוואָגענע פונעם רעגן.

אויף אַ ווײַלע איז ער געבליבן שטיין אין אַריינגאַנג און האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט. דערזען זיצן דאָרט חיימען האָט

ער זיך צעשמייכלט, באַגריסט מיט א "שלום" און איז צוגעקומען נעענטער צו אים.

— זעצט אייך, זיידע, האָט אים חיים אָנגעוויזן אויף א דערנעבנדיקן צעמענט-בלאָק.

— תודה! א דאנק! האָט דער אַלטער געענטפערט און ביים זעצן זיך אראָפּגעלאָזט פון קאָפּ דעם "בורנוס".

— דער אָדון זיצט שוין דאָ פון לאנג? האָט דער אַלטער זיך א ווענד געטאָן צו חיימען.

— עטלעכע מינוט נאָכדעם ווי ס'האָט אָנגעהויבן צו רעגענען, האָט חיים געענטפערט, צופרידן פון דעם וואָס ער האָט מיט וועמען צו שמועסן.

— דער אָדון איז א נייער עולה?

— יאָ, זיידע, ניט לאנג צוריק געקומען פון פּוילן. מן-הסתם געהערט פון אזא לאנד?

— אוודאי געהערט, וואָס דען? כ'האָב אפילו אן איידעם וואָס שטאמט פון דאָזיקן לאנד. א גוטער מענטש מיין איידעם, באהאנדלט מיך, ברוך-השם, זייער גוט. זיך אָפּגערוט א ווײַלע האָט ער ממשיך געווען זיינע רייד:

— צוררים, גרויסע צוררי-יהודים, די פּאָלאקן. מיין איידעם זאָגט מיר, אז זיי זיינען אלעמאָל געווען שונאי-ישראל, די שנאה צו יידן ליגט ביי זיי אין בלוט.

— ווי קומט איר אהער, זיידע, אין אזא רעגן?

— געגאנגען באזוכן די הייל פון אליהו-הנביא, זכותו יגן עלינו, און אויפן וועג צוריק אהיים האָט מיך געכאפּט דער רעגן. ברוך-השם, אבי געטראָפן דאָ א יידן, פאראן מיט וועמען אויסצובייטן א וואָרט ביז דער רעגן וועט אויפהערן. סארא גוטער רעגן עס פאלט, גשם ברכה פארן לאנד, האָט דער אלטער צוגעגעבן מיט א גוטן שמייכל אויפן פנים.

אליין ניט-וויסנדיק פארוואָס האָט חיים דערפילט א שטארקע נאָענטקייט צום אלטן, ווי ער וואָלט געווען זיין אייגענער טאטע. ס'איז אים באפאלן א פארלאנג זיך צו פארטרויען פאר אים, דערציילן אים וועגן זיינע אנטוישונגען און ספיקות, און אפשר אויך הערן פון אים א גוט וואָרט פון נחמה און דערמוטיקונג. ער זעט אויס צו זיין א ליבער מענטש, דער שמייכל אויף זיין פנים און דער גוטער בליק דערוועקן צוטרוי. ווי באוועגט פון א געהיימען, מיסטעריעזן כוח, האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן פארן אלטן אלץ וואָס האָט אים געדריקט אויפן הארצן.

דער אלטער האָט אים ניט איבערגעריסן נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, צוגעטשמאָקעט מיט די ליפּן, אויפן שטייגער פון די פּרימיטיווע מענטשן און אפילו אריינגעוואָרפן ווערטער אין מוגראביש, וואָס חיים האָט ניט פאַרשטאַנען זייער מיין. ערשט ווען חיים האָט אויפגעהערט צו דערציילן און איז אנטשוויגן געוואָרן, האָט דער אלטער זיך אָפּגערופן:

— ניט אלץ, וואָס דו האָסט מיר דאָ דערציילט, בני, זון מיינער, האָב איך פאַרשטאַנען. כ'בין אן אלטער מאַן און פאַרשטיי זיך ניט אויס אין דער "באַליטיקא" (פּאָליטיק). כ'האָב אָבער פון דיינע רייד ארויסגעפילט, אז דיין הארץ איז דיר געבראָכן, אז דו ביסט אריינגעפאלן אין גרויסער עצבות; און מיט עצבות דאַרף מען מלחמה האלטן ווי מיטן שטן-מקטרג, ווייל עס פאַרמיאוסט דאָס לעבן און פירט אראָפּ דעם מענטשן פונעם דרך-הישר. זיי ניט פאַרצווייפלט מיין זון, האָב בטחון, גיי אין דרך פון דיין אמונה און השם-יתברך וועט צושיקן א היילונג פאַר דיין געבראָכענעם געמיט...

דער רעגן האָט אויפגעהערט. פלינק ווי א יונגער בחור האָט דער אלטער זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט, איז צוגעגאַנגען צו חיימען און א פּיר געגעבן מיטן האַנט-פלאך איבער זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט אים געבענטשט. ער האָט נאָך צוגעוואָרפן א "לילה-טוב" (גוטע-נאכט) און זיך אייליק געלאָזט צום ארויסגאַנג.

ווען חיים איז א מינוט שפּעטער ארויס פונעם בנין, געוואָלט דעם אלטן באגלייטן, האָט ער אים שוין ניט געזען, ער איז פאַרשוואונדן ערגעץ צווישן די ביימער, איינגעהילטע אין דער בין-השמשותדיקער טונקלקייט.

ס'איז צוגעפאלן די נאכט. די פינקלדיקע שטערן אינעם טונקל-בלוילעכן געוועב פונעם הימל, האָבן זיך איבערגעוואונקען מיט די צעוויגטע ליכטער פון דער שטאָט חיפה, וועלכע איז געלעגן ביי אים צופוסנס א ריינע, אָן אויסגע-וואַשענע און א גלאַנציק-באלויכטענע. אויפן ים האָבן די פישער-שיפלעך צעריסן מיט זייערע לאָמפּן די טונקעלע וואסערן און געוואָרפן ליכטיקע שטראַלן אינעם ים אריין.

חיים איז כמעט ווי זיכער געווען, אז דאָס האָט אליהו-הנביא זיך באוויזן צו אים, כדי צו שטאַרקן זיין געמיט. פון גרויס חדווה האָט ער זיך צעווײנט. ער האָט דערפילט א נאָענטע שייכות צו די שטערן, וואָס האָבן אראָפּגעפינקלט פון די אומבאַקאַנטע וועלטן. די פרייד האָט אים אימפּעטיק אראָפּגעטראָגן פונעם באַרג. אויף וועלכן עס הערן זיך נאָך די פוסטריט פון אליהו-הנביא.

אפרים טויבענהויז

ירושלים - עיר הנצח

די גרויסע ליבע פון יידישן פאָלק צו ירושלים איז געווען און געבליבן אומבאַגרעניצט. די ליבע און בענקשאַפט צו ירושלים און צום כותל המערבי, האָט תמיד געגליט און גליט אין די יידישע הערצער ביז צום היינטיקן טאָג.

יידן אין אלע עקן פון דער וועלט זיינען מכוון זייערע אויגן צו ירושלים, און דריי מאָל אין טאָג ווערט דערמאָנט אין אונדזערע תפילות די אייביקע שטאָט — ירושלים. ירושלים האָט געדינט אלס צענטער פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, פון קולטור און תורה. ס׳איז ניטאָ אין דער וועלט נאָך אַזאַ שטאָט וואָס איר געשיכטע זאָל זיין אזוי גרויסאַרטיק און פּראַכטפול, ווי די געשיכטע פון ירושלים.

ירושלים ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין די בריוו פון תל-אל-עמרנה, אומגעפער 1400 יאָר פאַר דער קריסטלעכער ספירה, מיטן נאָמען **אורשלם**; דעם נאָמען פאַרטייטשט מען פאַרשיידנאַרטיק: די שטאָט פון שלום, די ירושה פון שלם, אָדער דער יסוד פון שלם. ירושלים איז געווען די שטאָט פון מלכי צדק, וואָס האָט מקבל-פּנים געווען אברם העברי (אברהם אבינו) מיט ברויט און ווייַן, ווען ער איז צוריק געקומען פון זיין מלחמה מיט אמרפל.

שלמה המלך האָט אויפגעבויט דעם בית-המקדש אויף דעם הר המוריה, און נאָכן חורבן פון בית ראשון האָט אים הורדוס צוריק אויפגעבויט מיט פיל פּראַכט און גלאַנץ. אין די צייטן פון הורדוסן זיינען געווען אין ירושלים צוויי מויערן; איינע אין צפון, וואָס האָט זיך געצויגן פון "מגדל דוד" ביז צום הר הבית און די צווייטע, אויך פון מגדל דוד און האָט דערגרייכט ביז אַנאַטאָניא אין צפון זייט פון הר הבית. א חוץ דעם בית-המקדש זיינען אויפגעבויט געוואָרן אין דער שטאָט פּראַכטפולע בתי-כנסיות און וואונדערבאַרע פּאַלאַצן מיט שיינע און ריינע גאַסן.

אין זייערע דעראָבערונגס-מאַרשן זיינען די רוימער ארויס אין א מלחמה קעגן די יידן; נאָכן פאַרנעמען ירושלים האָט טיטוס פאַרברענט דעם בית-המקדש און צעשמעטערט די הייזער און מויערן פון דער שטאָט, פונקט ווי נבוכדנצר האָט דאָס געטאָן מיט 656 יאָר פאַר אים. דער רוימישער קיסר אַדריאַנוס האָט אויף די חורבות פון ירושלים אויפגעבויט א שטאָט פון געצנדינער, וועלכע האָבן

געדינט צו יופּיטערן און ער האָט די שטאָט אָנגערופן „אליה קאַפּיטאָלינה״. די יידן איז פאַרבאָטן געווען צו קומען אַהין אין משך פון הונדערטער יאָרן, ביז די שטאָט איז אָפּגענומען געוואָרן דורך די פּערסיאַנער, ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון די יידן. היקאַליוס, דער קיסר פון ביזאַנט, האָט אין יאָר 629 זיך אומגעקערט און זי דעראָבערט.

אין יאָר 637 האָט דער אַראַבישער כאַליף אָמאַר, דעראָבערט ירושלים און זי אָנגערופן „אל-קודס״ (די הייליקע). ער האָט אויפן הר הבית אויפגעבויט דעם מעטשעט „עומר אל אקצה״, — א בית-תפילה פאַר די מוסלמענער. אין סוף פון זיבעטן י.ה. איז געוואָרן אויפגעבויט דער מעטשעט „אבן השתיה״.

יידן איז דערלויבט געוואָרן אומצוקערן זיך קיין ירושלים, נאָך דעם ווי זיי זיינען געווען פאַרטריבן פון איר איבער 500 יאָר. זיי האָבן דעמאָלט געוואוינט אין א באַזונדערן קוואַרטאַל און האָבן דאָרט אויפגעבויט שולן און בתי-מדרשים.

פון דער דאָזיקער תקופה האָבן מיר ווייניק ידיעות, מיר ווייסן נאָר, אַז די יידן וועלכע האָבן דעמאָלט געוואוינט אין ירושלים זיינען געקומען פון שפּאַניע, איטאַליע און פראַנקרייך און האָבן דורכגעמאַכט זייער א סך צרות.

אין דער תקופה פון די קרייץ-טרעגער זיינען אין ירושלים אויפגעבויט געוואָרן שיינע בנינים, אָבער נאָר א קליינער טייל פון זיי איז פאַרבליבן. דער באַרימטער טערקישער סולטאַן, סולימאַן, האָט אין יאָר 1536 באַנייט די חומות העיר, וועלכע רינגלען אַרום די אלטשטאָט ביז צום היינטיקן טאָג.

ירושלים האָט 7 טויערן דורך וועלכע מ׳האָט געקענט אַריינקומען אין שטאָט. דריי פון צפון: **שער הורדוס, שער שכם,** און דער **שער החדש.** אין מזרח: **שער האריות** און אין דרום: **שער האשפתות,** דורך אים פלעגט מען אַרויספירן דאָס מיסט אויסער דעם מויער. אויך איז פאַראַן דער **שער ציון,** נעבן הר הבית, וואָס ווערט אויך גערופן **שער הנביא.** אין מערב זייט געפינט זיך דער **שער יפו.** אין מזרח זייט איז פאַראַן נאָך א טויער, דער **שער הרחמים,** אָבער ער איז פאַרבויט געוואָרן דורך די אַראַבער, ווייל זיי גלויבן אַז דער יידישער מלך-המשיח וועט קומען דורך דעם טויער. אויך האָבן זיי צופוסנס פון דעם טויער, געמאַכט א בית הקברות, כדי דאָס אָרט זאָל זיין טמא פאַרן משיח און ער זאָל ניט קענען אַרויפגיין אויפן הר הבית.

די פייערן וואָס האָבן אַזויפיל מאָל געפלאַמט און געברענט אין ירושלים, די טייכן יידיש בלוט, וואָס זיינען אין איר פאַרגאָסן געוואָרן, האָבן ניט אָפּגעשוואַכט די האָפענונג פון די יידן אויף דער גאַנצער וועלט, אומצוקערן זיך קיין ירושלים — **עיר הנצח,** די אייביקע שטאָט.

אָן א צאָל זיינען די דערציילונגען און לעגענדעס וועגן ירושלים. זי איז פאַרבליבן די ליכט פון דער וועלט, „**ירושלים אורו של עולם**״ (בראשית רבה),

״עשרה קבים של יופי ירדו לעולם, תשעה נטלה ירושלים ואחד כל העולם כולו״.

יידן פון דער גאנצער וועלט האָבן ירושלים קיינמאָל ניט פארגעסן און אויך אין אונדזערע שמחות ווערט זי דערמאָנט: ״נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו״.

אין א געוויסער מאָס האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט דער לעבעדיקער קאָנטאקט פון יידן צו ארץ-ישראל און צו ירושלים. אין סכנת-נפשות זיינען זיי ווי יחידים און אויך אין קליינע גרופן עולה געווען. א טייל פון זיי האָט זיך באזעצט אין די חורבות פון דער אלטער שטאָט, כדי צו זיין די ערשטע וועלכע וועלן האָבן דעם זכות צו מקבל-פנים זיין דעם משיח בן דוד.

אין צוועלפטן י.ה. (1142) איז עולה געווען קיין ירושלים דער גרויסער משורר רבי יהודה הלוי, וועמעס שירים עס באצויבערן און באגייסטערן מיט זייער גרויסע ליבע צו ירושלים. א צווייטער, גרויסער גאון פון דער יידישער מחשבה, איז אויך עולה געווען קיין ירושלים, און דאָס איז דער רמב״ם. אין יאָר 1267, איז עולה געווען דער רמב״ן, וואָס האָט דאָרט באנייט דעם יידישן יישוב. אין יאָר 1488, איז עולה רבי עובדיה בן אברהם פון באַרטינאָראָ, און פון דעמאָלט אָן האָט דער יידישער יישוב אָנגעהויבן לאַנגזאם צו וואקסן. מען דאַרף דערמאָנען נאָך עטלעכע גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען עולה געווען קיין ירושלים: דער תימנער משורר, רבי זכריה יחיא בן סעדיה אל-צאהרי, אין יאָר 1568; רבי יוסף קארו, דער מחבר פון ״שולחן ערוך״, וואָס האָט נאָך א קורצער צייט פארלאָזט ירושלים און זיך באזעצט אין צפת; רבי ישעיהו הלוי הורוביץ, וואָס ווערט גערופן דער ״של״ה״, מחבר פון ספר ״שני לוחות הברית״; און אין יאָר 1622, דער גרויסער מקובל, רבי שלום שרעבי; אין יאָר 1741, זיינען עולה רבי חיים בן-עטר און רבי אברהם גרשון פון קיטעוו, דער שוואָגער פון בעש״ט. אין יאָר 1701, איז געקומען רבי יהודה החסיד און מיט אים 1500 יידן, פון וועלכע 500 זיינען געשטאָרבן אויפן וועג פון פוילן קיין ירושלים. נאָך זיי זיינען געקומען דעם ווילנער גאונ׳ס תלמידים און דער יידישער יישוב אין ירושלים האָט אָנגעהויבן צו וואקסן און בליען.

אין אָנהייב פון אכצנטן י.ה. קומט אָן די תקופה פון רענעסאַנס אין ירושלים און פארשפרייט זיך לאנגזאם איבערן גאנצן לאנד. אָט די דאָזיקע תקופה איז געבענטשט געוואָרן מיט טרוימער און קעמפער, וואָס א טייל פון זיי וואנדערט איבער די גלות-לענדער און ברענגט די בשורה פון אויפלעבונג און גאולה.

ווי א לעגענדע דערשיינט פאר אונדז די דאָזיקע תקופה, וואו איינצעלנע פערזענלעכקייטן אין ירושלים דערוועקן און פארשפרייטן אידעאלן פון ארבעט און מלאכה. זיי פראָפּאַגאַנדירן, אז די באפעלקערונג זאָל זיך מפרנס זיין פון יגיעת-כפיים, און ניט זיצן באפס מעשה, אויף לחם-חסד. זיי האָבן גערופן זיך צוריקקערן צו ערד-ארבעט, צו פארפלאנצן און פארזייען די פוסטע פעלדער, און אויפוועקן ארץ-ישראל פון איר וויסטעניש.

"על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים" — אויף דיינע מויערן ירושלים, האָב איך אוועקגעשטעלט שומרים; אַט דער דאָזיקער פסוק פון ישעיה הנביא, איז נאָך גילטיק געווען מיט הונדערט יאָר צוריק. די אלטע שטאָט פון ירושלים פלעגט ווערן געשלאָסן מיט אירע טויערן, כדי צו זיין זיכער פאר אַן אָנפאל מצד די בעדואינער, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט קומען פון מדבר און באפאלן די יישובים. ערשט משה מאָנטעפיאָרע און יהודה טורא פון ניו-אָרלעאַנס, זיינען געווען די ערשטע "פורצי החומות".

משה מאָנטעפיאָרע, א שר וגדול בישראל, א גוטער פריינד פון דער ענגלישער קעניגין וויקטאָריא, א שופט און כלל-טוער אין לאָנדאָן, וואָס האָט געהאט פארבינדונגען מיט מלכים און גרויסע דיפלאָמאטן, האָט פארמאָגט א ווארעם הארץ, וואָס איז געווען אָנגעזאפט מיט אהבת-ישראל און גרויסער ליבע צום הייליקן לאנד. אין יאָר 1827, איז ער מיט זיין פרוי יהודית, געקומען באזוכן ירושלים און האָבן זייער פיל אויפגעטאָן פארן יידישן יישוב.

דער יידישער יישוב אין ירושלים האָט זיך פארמערט און פארברייטערט. די ענגשאפט אין דער אלטער שטאָט האָט געבראכט צום נסיון אויפצובויען אויסער די מויערן די שכונה "נחלת שבע". אין 1873, איז אויפגעבויט געוואָרן די שכונה "מאה שערים" און צוויי יאָר שפעטער די שכונה "אבן ישראל". און נאָך איר די שכונות: "מחנה יהודה", "בית-יעקב", "סוכת שלום", "שערי צדק" און אנדערע. די יידן, וועלכע זיינען פארבליבן וואוינען צווישן די מויערן פון דער אלטער שטאָט, זיינען געוואָרן א מינדערהייט אין פארגלייך מיט די וועלכע זיינען אריבער אויסער די מויערן.

זינט טויזנטער יאָרן איז ירושלים דער צענטער פון דער יידישער מחשבה. און דאָס וואָס די שטאָט איז געוואָרן באנייט פאר אונדזערע אויגן, איז איינער פון די נסים פון אונדזער נאציאָנאלער אויפלעבונג. מיר האָבן זוכה געווען צו זיין דער "דור ראשון לירושלים השלימה", אלט-ירושלים איז פאראייניקט מיט ניי-ירושלים. דער כותל המערבי, דער הר הבית, די קברי המלכים און אלע היסטאָרישע מקומות געהערן צוריק צו אונדזער פאָלק.

✶

שפאצירסט איבער די גאסן פון ירושלים און דיינע פיס ברענגען דיך צו "מאה שערים", וואָס איז ווי א פעסטונג פאר די "נטורי-קרתא'ניקעס", אָבער דאָך דינט "מאה שערים" אלס מאטעריאל פאר שרייבער און קינסטלער, וואָס זעען דאָ אמתע יידישקייט — נוסח 150-100 יאָר צוריק. די גאסן אין "מאה שערים" זיינען באלעבט און טומלדיק, מען באגעגנט דאָ א מישמאש פון יידן פון אלע עדות, אַן עקזאָטישע שיינקייט, וואָס ס'איז שווער צו זען ערגעץ אנדערש. עס קומען אנטקעגן פנימער, וואָס דערמאָנען אור-אלטע, געשיכטלעכע געשטאלטן: אברהם, יצחק ויעקב, משה רבנו, און אהרון הכהן; און אָט יענער אלטיטשקער

מיט דער ווייסער באָרד און ליכטיק-קלוגע אויגן מוז זיין ענלעך אויף רבי עקיבא בן יוסף. אַט שוועבט ממש פאַרביי אַ בחורל, מיט אַ קורץ געקרייזלט בערדל, לאַנגע געפּלעשלטע פּאות, בלאַס געזיכט, טיפע אויגן און אַ שטערן מיט קנייטשן פון אַ תלמיד חכם. אַזעלכע טיפּן און בילדער טרעפט מען ניט כמעט אין קיין שום אנדער אָרט אין לאַנד.

ירושלים איז רייך מיט עקזאָטיק. מיר געפינען אין איר יידן פון די ווייטסטע ווינקעלעך אויף דער וועלט, אויך שוואַרצע יידן פון עטיאָפּיע און פון אינדיע.

דאָס לעבן פון אָט די מזרחדיקע יידן איז זייער אינטערעסאַנט. זייער טאָג-טעגלעך לעבן, זייערע פריידן און ליידן, זייערע בענקענישן און האָפענונגען זיינען אייגנאַרטיק און פיל-פאַרביק.

דער יונגער דור פון די מזרחדיקע עדות, פאַרנעמט היינט אַ חשובן פּלאַץ אינעם געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן לעבן פון ישראל. מיר טרעפן זיי צווישן די שרייבערס און קינסטלער, און אויך צווישן די פרייע פּראָפעסיעס אין לאַנד.

דער פּראָצעס פון גייסטיקן קיבוץ גלויות שפּיגלט זיך אָפּ אויך אינעם העברעאישן אוניווערסיטעט, וואו מען טרעפט אַ גאַנצע מחנה פון יידישע וויסנשאַפטלער אויף פאַרשיידענע געביטן. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער "מוחות טרעסט" פון מדינת ישראל.

ווער עס קען די דרוקערייען אין ירושלים, וואו עס דרוקן זיך די ביכער פון "מוסד הרב קוק", "מוסד ביאַליק" און די זשורנאַלן "תרביץ" "קרית ספר" און אַ סך אנדערע, און פאַרגלייכט זיי מיט די דרוקערייען פון אַמאָל, דער קען באמת דערשטוינט ווערן איבער דעם פאָרשריט, וואָס אָט די גייסט-אינדוסטריע האָט דורכגעמאַכט.

יידישע דרוקערייען אין ארץ-ישראל עקזיסטירן שוין קרוב צו 350 יאָר. די דרוקעריי אין צפת איז געווען די ערשטע אויפן גאַנצן נאָענטן מזרח. במשך די לעצטע הונדערט יאָר זיינען אין ירושלים אַרויס איבער 5000 ביכער אויף אַלע געביטן, ס'רוב ספרי למדות און חכמת ישראל.

אַ סך דרוקערייען זיינען געווען אין ירושלים. די פּאָפּולערסטע זיינען: "דפוס סאַלאָמאָן", געגרינדעט פון ר' משה יואל סאַלאָמאָן, וואָס איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון אַ לומדישן זשורנאַל, "דפוס פרומקין", אויך אַ רעדאַקטאָר פון "חבצלת", "דפוס טיקטין" פון ר' שמואל אפרים טיקטין, רעדאַקטאָר פון "אונזער ברודער".

מיין פאָטער, ר' מאיר טויבענהויז, האָט בשעתו אַ סך געהאָלפן אַנטוויקלען אַ דרוקעריי פון ישראל-בילדער, אַן עקספּאָרט אַרטיקל. ער איז בשעתו וועגן דעם געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כדי צו באַקומען דערויף אַ דערלויבעניש

פון טערקישן סולטאן, ווייל צו יענער צייט איז געווען פארבאָטן צו דרוקן בילדער פון מקומות און שטעט אין ארץ-ישראל אָן א דערלויבעניש.

ווענן די ירושלימער צייטונגען און זשורנאלן ווי "החרות", "מוריה", "השקפה", "האור", "האכר", "הארץ", "דואר היום" און אנדערע. דארף מען שרייבן א באזונדערע ארבעט.

אין ירושלים קומען אויף נייע שכונות און קווארטאלן, צווישן זיי אויך רעליגיעזע ווי: שכונת פאג"י, בית וגן, שערי אפרים, סנהדריה א.א. דער "משכן הכנסת", אונדזער פארלאמענט, און א סך בנינים פאר וויסנשאפטלעכע אינסטיטוציעס, באשיינען די שטאָט און גיבן איר צו דעם אייגנארטיקן צביון פון תורה און דעת. ירושלים ברייטערט אויס אירע גרעניצן און דערגרייכט ביז צו מעוז צור, און בית-נקופה ביי קרית-ענבים. די ירושלימער הייזער זיינען אויך געבויט פעסטער ווי אין אנדערע ערטער אין לאנד, און גיבן איר צו דעם כאראקטער פון פארפונדעוועטער אייביקייט.

בשעת א שפאציר איבער די גאסן פון ירושלים, מיט א פראָפעסאָר פון אוניווערסיטעט אין טעקסאַס, האָט ער מיט שטויגונג און באוואונדערונג דערקלערט, אז אויף איין גאס אין ירושלים זיינען פאראן ניט ווייניקער ביכער-געשעפטן ווי אין גאנץ ניו-יאָרק. פאַסט עס אזוי גוט צום גייסט און כאראקטער פון דער שטאָט.

אויך פארכאפט דאָס אויג די גרויסע צאָל שולן, בתי מדרשים און ישיבות, און, להבדיל, מאָנאסטירן און קלויסטערס.

"ירושלים הרים סביב לה" — ירושלים איז ארומגערינגלט מיט בערג — און דאָס אויג קען ניט זאט ווערן קוקנדיק אויף זיי. ווי שיין איז די דאָזיקע שטאָט ביינאכט, ווען מען קוקט אראָפ פון די הייכענישן! אלץ ארום ליגט איינגעוויקלט אין קדושה, ווי א הייליקער אָאזיס אין מיטן דעם מדבר פון וואָכעדיקייט. מען פילט זיך ווי פארבלאָנדזשעט אין מלכות פון חלומות.

די פאראייניקטע און גאנצע ירושלים, איז צוריק דערהייבן געוואָרן צו איר געשיכטלעכער גלאנץ-ראָל אינעם לעבן פון אונדזער פאָלק. עס ווערן אין איר ווידער געשאפן גרויסע עטישע ווערטן, וועלכע וועלן, אָן ספק, אויך העלפן אָנהאלטן דעם מאָראלישן קיום פון דער וועלט.

חיים וואַטשין

דער שבת־גוי

קיילעכיקע פינף און דרייסיק יאָר, איז לייזער־וואָלף געווען א בעל־שחרית אין מיקאָוער בית־המדרש. אויפן זעקס און דרייסיקסטן יאָר, האָט ער צוויי טעג פאר ראש־השנה, נאָך ניט געוואוסט געגוי, ווען ס׳פאלט אויס ראש־השנה דאָס יאָר.

דעם זומער איז לייזער־וואָלף געלעגן מיטן יינגסטן זון, יאָסלען, אין א בונקער, וועלכן זיי האָבן אויסגעגראָבן אין א קליין סאָסנע־וועלדל. כאָטש לייזער־וואָלף האָט געשפּירט נעבן זיך דעם קערפּער פון זון, און האָט געטאָן אלע צרכים וואָס אַ לעבעדיקער גוף מוז טאָן, ווי א שטייגער: עסן, טרינקען, און אנדערע קערפּערלעכע באדערפענישן, האָט ער דאָך געשפּירט זיך אין בונקער ווי א בר־מינן.

ביזן לעצטן זומער האָט לייזער־וואָלף געהאט א תכלית אין לעבן. געוואוסט, אז די וועלט איז ניט מער ווי א פּרוזדור צו יענער וועלט, און מען מוז דאָ אריינכאפּן וואָס מער מצוות, כדי דער שטן, ימח־שמו, זאָל ניט קענען מקטרג זיין, און ניט פארשטעלן דעם שער צום גן־עדן, וואו מען וועט אייביק דארפן רוען.

ליגנדיק אין בונקער האָט ער געשפּירט, אז ביידע וועלטן זיינען אים חרוב געוואָרן. אלע זיינע באגריפן וועגן מצוות און עבירות, שכר און עונש, וואָס זיינען אים געווען קלאָר ווי דער טאָג, האָבן זיך צעשאָטן ווי פּערל, וואָס זייער שנירל רייסט זיך איבער אין א פינצטערער נאכט, וואו עס איז ניטאָ קיין אויסזיכט זיי צוריק צו געפינען.

אין בונקער האָט לייזער־וואָלף געהאט א סך צייט צו טראכטן. טויזנטער מחשבות זיינען אים דורך אין קאָפּ, און צו קיין טאָלק איז ער ניט דערגאנגען. א וועלט איז אומגעקומען, קהלות זיינען פארשוואונדן, און ער קען דעם אמתן שולדיקן ניט געפינען. דער דייטש זאָל דאָס באמת זיין דער הערשער איבער דער וועלט מיטן אייגענעם כוח? איז טאָקע ניטאָ קיין העכערער ממונה איבער אים?

ער וויל שמועסן איבער דעם מיט יאָסלען, אָבער דער יונג איז מיד פון

ארומדרייען זיך אין די נעכט ביים זוכן עסן, שלאָפֿט ער אין די טעג. צווייטנס, האָט יאָסל געהאַט שטענדיק אַן אַנדער קוק אויף דער וועלט. שוין יונגערהייט איז ער געווען אַ בהמות־הענדלער, זיך געדרייט אין די דערפֿער, אויף יאַרידים, זיך פֿאַרלאָזט מער אויף זיינע פֿויסטן און מבינות אויף בהמות, ווי אויפֿן רבונו־של־עולם. וועט ער איצטער פֿירן אַ שמועס וועגן גאָט, שכר און עונש, אַז יענער האָט אין די גוטע צייטן דערפֿון ניט געהאַלטן. יאָ, טראַכט לייזער־וואָלף, ווען ער האָט דאָ דעם אַלטן דיין מיט זיין שאַרפֿן קאָפּ, וואָלטן זיי ביידע זיכער געפֿונען אַ וועג ווי אַזוי זיך אַרויסצופּלאָנטערן פֿון דעם מישמאַש, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט. לייזער־וואָלף דערמאָנט זיך, אַז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די עסטרייכישע זעלנער געשלאָגן דעם דיין מכות רצח, אין נאָסע לייעכער האָט מען אים דערנאָך געמוזט וויקלען. נו, איז דער דיין, חלילה, געוואָרן אַ כופר?

אַ צער נעמט אַרום לייזער־וואָלפֿן. ער שפּירט, אַז ער פֿאַרלירט ביידע וועלטן און דער עיקר, יענע וועלט — די אייביקע. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס פֿאַראַ מצוות קען ער מקיים זיין אין בונקער? אויף יענער וועלט וועט מען אים דען גלויבן, אַז ער האָט ניט געוואוסט ווען עס פֿאַלט אויס ראש־השנה?

אין די אָוונטן פֿלעגט יאָסל אָפּדעקן דעם בונקער, דער טאַטע זאָל שעפּן פֿרישע לופֿט. לויט די קאַלטע ווינטן, וועלכע האָבן גענומען בלאָזן אין וואַלד, האָט לייזער־וואָלף פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז ערב ימים נוראים. אין די נעכט האָט ער געחשבונט, געזוכט אַ טאָג, וואָס לויט אים זאָל ער אויסרעכענען ווען ס׳איז ראש־השנה. נאָר אַלע טעג זיינען געווען פֿינצטערע ווי די נעכט אין בונקער, זיך ניט אונטערשיידט איינער פֿונעם צווייטן. איינמאָל האָט יאָסל געבראַכט צוויי ווייסע ברויטן, אַ טעפּל פּוטער און אַ פֿלאַש, היימיש געמאַכטן, בראָנפֿן. לייזער־וואָלפֿס אויער האָט אויפֿגעכאַפּט, ווי יאָסל ציט עפּעס פֿון אַ פֿלאַש. אַז דער זון האָט אים דערלאַנגט די פֿלאַש צום מויל, האָט ער דערשפּירט דעם ריח פֿון בראָנפֿן. יאָסל האָט בשעת מעשה שיכורלעך געלאַכט:

— טרינק טאַטע, סטאַדאָט האָט דיר געשיקט בראָנפֿן לכבוד ראש־השנה.

לייזער־וואָלף האָט זיך האַסטיק אויפֿגעזעצט, אָפּגעשטופּט ס׳פֿלעשל פֿון מויל און אַ זאָג געטאָן:

— האַ, וואָס רעדסטו? דער שבת־גוי ווייסט ווען ראש־השנה געפֿאַלט?

נאָר יאָסל איז געווען שיכור, געפּלאָנטערט מיטן צונג און באַלד געגומען כראָפּען. אויף צומאָרגנס אין אָוונט איז לייזער־וואָלף אוועק צום שבת־גוי. סטאַדאָט האָט אים זייער פֿריינדלעך אויפֿגענומען, באַטראַכט פֿון אַלע זייטן, ווי אַ מענטשן, וואָס איז פֿון אַ ווייטער וועלט געקומען און האָט צו דערציילן שיינע מעשיות.

לייזער-וואָלף האָט ניט געוואָלט אַריינגיין אין לאַנגע שמועסן, און איז באַלד צוגעגאַנגען צום ענין:

— זאָג נאָר, סטאַדאַט, דו ווייסט טאַקע ווען ס'איז אונדזער ראש-השנה?

סטאַדאַט איז געווען, זינט יאָרן, דער שבת-גוי אין זעלבן בית-המדרש, וואו לייזער-וואָלף איז געווען אַ בעל-שחרית. אין לויף פון די יאָרן האָט סטאַדאַט געפילט, אַז ער איז מיטן בית-המדרש פאַרבונדן מער ווי מיטן קלויסטער. ער האָט געגלויבט, אַז דאָס וואָס ער גלייכט אויס די קנויטלעך פון די ליכט, יום-כפּור, און הייצט דעם אויוון אין די ווינטערדיקע שבתים, אַז יידן זאָלן קענען מתפּלל זיין אין דער וואַרעם, פירט ער אויס אַ ספּעציעלע שליחות, וואָס דער יידישער גאָט האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. אין די זונטיקס, אין קלויסטער, האָט יעזוס געקוקט אויף אים ברוגז, ווי אויף אַ דעזערטיר, וואָס קומט נאָר אויסשפּירן וואָס אין קלויסטער טוט זיך, און סטאַדאַט האָט געגלומען אויסמיידן דעם קלויסטער, די יידישע תּפילות האָבן אים געקלונגען היימישער ווי דעם גלחס דרשות. אין אַן עת צרה, פלעגט ער ברענגען אַ פּאָר האַנטעכער, זיי אויפהענגען נעבן כּיור, אָנצינדן צוויי וואַקסענע ליכט אויפן עמוד, און איז זיכער געווען, אַז דער יידישער גאָט וועט אים העלפן.

דעם זומער האָט סטאַדאַט געוואוסט, וועט ער שוין מער אין בית-המדרש ניט גיין, ווייל דער בית-המדרש איז געשטאַנען אַן פענצטער און אָן טירן. יונגע פויערים האָבן פון די ספרי-תורה געמאַכט זומער-שיך. ער האָט זיך נאָר געחידושט, פאַרוואָס דער יידישער גאָט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזאַ "שוואַכלינג", דערלאָזט, אַז מען זאָל זיין בית-המדרש חרוב מאַכן, און באַשטראָפט גאָרניט די פויערים, וועלכע האָבן דאָס געטאָן.

לייזער-וואָלפס פראַגע האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען זייער אויסטערליש: אַ חזן זאָל ניט וויסן ווען ס'איז יום-טוב? נאָר לייזער-וואָלפס תּחנונימדיקע אויגן האָבן אים איבערצייגט, אַז לייזער-וואָלפן האָט געטראָפן אַן אומגליק, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם זכרון. סטאַדאַט האָט זיך אַ מינוט פאַרטראַכט, געקראַצט זיך אין פּאַטילניצע, און קוקנדיק לייזער-וואָלפן אין די אויגן פעסט געזאָגט:

— יאָ לייזער-וואָלף! איבערמאָרגן אָוונט איז ראש-השנה!

לייזער-וואָלף האָט פון איבעראַשונג זיך אַזש אוועקגעזעצט, דורכגענומען מיט זיין בליק דעם שבת-גוי, און ווידער געפרעגט:

— ביסטו זיכער אין דעם, סטאַדאַט?

— יעי באָגו, לייזער, זיכער ווי דער טאָג, אַז ס'איז ראש-השנה.

די צוויי טעג האָט יאָסל זיך געאַמפּערט מיטן טאַטן, געבעטן זיך, אַז ער זאָל ניט גיין דאַווענען ראש-השנה פאַרנאַכט אין חרובדיקן בית-המדרש. נאָר דער

אלטער האָט זיך איינגעעקשנט, אז ער מוז גיין מתפלל זיין. ער האָט געוואָלט גיין אליין, ניט געוואָלט אז דער זון זאָל זיין אַ עדות, ווי ער, איין מתפלל, דאַוונט אין וויסטן בית-המדרש. דער יונג איז קיינמאָל ניט געווען קיין צו גרויסער דאַוונער, און איצטער האָט ער אַ פולן בויך מיט פּרעטענזיעס צום רבונו-של-עולם. אָבער דאָס מאָל האָט דער זון זיך איינגעשפּאַרט. ער האָט מורא געהאַט אז דער טאַטע זאָל זיך ניט אָנטרעפן אויף אַ שלעכטן ערל, וואָס וועט אים שלעכטס טאָן.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט האָט לייזער-וואָלף זיך אויפגעריסן פון אָרט און גענומען שנעל שפּאַנען אין דער ריכטונג פון חרובן שטעטל. ער האָט זיך געאײַלט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן אַ מנין. דערנענטערנדיק זיך צום בית-המדרש האָט יאָסל מיט שרעק דערזען, אז דער בית-המדרש איז באַלויכטן מיט אַ שוואַכער ליכט. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם טאַטן בײַם אָרעם:

— טאַטע, שדים האָבן זיך באַזעצט אין בית-המדרש! נאָר לייזער-וואָלף האָט אים אָפּגעשטויסן, און זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרײַנגאַנג.

אינעווייניק, אין בית-המדרש, האָבן זיי צו זייער שטוינונג דערזען ברענען צוויי ליכט אויפן נאַקעטן עמוד. בײַם שוואַכן שײַן האָבן זיי באַמערקט זיצן סטאַדאָטן. זײַנע אויגן האָבן פריילעך געלויכטן, ווי איינער וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ פיין שטיקל. לייזער-וואָלף איז האַסטיק צוגעפאַלן צום עמוד, אָנגעכאַפּט אים מיט ביידע הענט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. ער האָט געוואָלט אָנהייבן מיט אַ ראש-השנהדיקן ניגון, נאָר אים ניט געקענט זיך דערמאָנען. ער האָט געזוכט דעם מחזור און אים ניט געפונען.

סטאַדאָט איז צוגעגאַנגען צום ליידיקן אָרון-קודש און אים פאַרמאַכט, אז לייזער-וואָלף זאָל ניט קריגן קיין חולשת הדעת.

לייזער-וואָלף איז געשטאַנען בײַם עמוד ווי אַ פאַרשטיינטער, אַלע תפילות זײַנען אים פון קאָפּ אַרויס. פּלוצלינג האָט ער זיך אַ ריס געטאָן צום אָרון-קודש, האָט אויפגעריסן די טירלעך, אַ געשריי געטאָן: "שמע ישראל!" און איז אַנידערגעפאַלן. סטאַדאָט מיט יאָסלען האָבן אים אונטער די הענט אַרויסגעפירט פון בית-המדרש. אין דרויסן האָט ער עפּעס געמורמלט צו זיך, צוגעזעצט זיך נעבן בית-המדרש און מאָדנע געשאָקלט מיטן קאָפּ. נאָר אז סטאַדאָט האָט אַ זאָג געטאָן:

— לייזער-וואָלף איך גיי אויסלעשן די ליכט, עס קען נאָך ווערן אַ שריפה. האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט פון חלשות און שוואַך געענטפערט:

— גיי, גיי, ס'קען טאַקע ווערן אַ שריפה.

ק. הלל

א קינסטלער קווארטאל אין חיפה

וואַדי סאַליב, אַזוי רופט מען דעם געפלאָנטער פון שמאָלע, פינצטערע געסעלעך, וועלכע טראָגן זיך באַרג אַראָפּ, פונעם הדר הכרמל צו דעם אונטערשטן טייל פון חיפה, צום פּאָרט און צום ים.

די הייזער זײַנען דאָ אָנגעוואָרפן אײנס אויפן קאָרק פון דער אַנדערער. כמעט אַלע געבויט פון שטיינער, מיט דיקע ווענט, — אַ סגולה קעגן דער היץ — געוועלבטע סופיטן און שמאָלע, האַלב-קײַלעכיקע, פענצטער. אויף די געסעלעך, וועלכע באַשטייען דאָס רוב פון שטיינערנע טרעפּ, פאַרפלאָכטן אײנס אינעם אַנדערן, איז שטענדיק אויסגעשפּרייט אַן אומעט און דער טרויער וויל ניט אָפּטרעטן פון דאַנען.

דאָס רוב באַוואוינער פון וואַדי סאַליב איז בייז און פאַרצאַרנט. אין זייערע אויגן נעסטעט דער טרויער און אַ שמייכל קומט זעלטן ווען אַרויף אויף זייער פּנים; ס׳איז איין קאָלעקטיווער פּנים, דער פּנים פון וואַדי סאַליב.

ווי רויטער מאָן וואַקסט און בליט דאָ דער צאָרן און די שנאה צו די מענטשן אין די אַרומיקע גאַסן, וועלכע זײַנען טאַקע זייער נאָענטע שכנים און דאָך ווייט, זייער ווייט, פון וואַדי סאַליב, מיט זייערע שיינע גאַסן, שיינע הייזער, גערטנער און ביימער.

ווען דער צאָרן צעוואַקסט זיך איבער דער מאָס, צעגיסט ער זיך אויסער די גרעניצן פון וואַדי-סאַליב, און איז קאַפּאַבל צו חרוב מאַכן אַלץ, וואָס ער טרעפט אָן אויף זײַן וועג. די שכנים פון די נאָענטע גאַסן האָבן שוין איינמאָל געהאַט די געלעגנהייט אים צו פילן אויף זיך. זיי וועלן דעם דאָזיקן פינצטערן טאָג געדענקען נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן.

אויך פאַרן אויפקום פון דער מדינה האָט דאָ גענעסטעט די בלינדע שנאה. דאָ האָבן די אַראַבישע כנופיות געוועבט זייערע פינצטערע פּלענער פון יידן-מאָרד און פון דאַנען האָבן זיי זיך געלאָזט מיטן ווילדן געשריי: ״אטבח אל יהוד״ — שעכט די יידן — צו מאָרדן יידיש לעבן און רויבן יידיש האָב און גוטס. אין די זעלבע הייזער זײַנען די ״העלדן״ שפּעטער געלעגן און געקלאָגט צו אַללאַ, זיך געקאָרטשעט אין ווייטיקן פון די קלעפּ, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די יהוד.

וואַדי סאַליב — היינט.

וואַדי סאַליב האָט אויך צוגעזען די שרעק און די בהלה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די זעלבע אַראַבער, ווען ס׳האָט זיך פריי צעפלאַטערט די ווייס-בלויע פאָן פון דער יידישער מדינה; אין געציילטע שעהן איז דאָ ניט געבליבן קיין לעבעדיקער נפש. אַ טויטער קוואַרטאַל אין אַ שטאָט, וואָס האָט דערוואַכט צו אַ פריי לעבן; דער מאַרק, דער צענטער פון אַראַבישער העצע און מאָרד, צופוסנס וואַדי סאַליב, איז געלעגן אין חורבות; דער גרויסער מעטשעט איז געבליבן פאַרשטומט און קיינער עפנט ניט מער זיינע טירן. קיינער בוקט זיך דאָרט ניט מער צו מעקאַ און ס׳הערן זיך ניט מער די דרשות, וואָס האָבן גערופן די מאמינים צו אַ הייליקער מלחמה קעגן די כופרים — די יהוד.

✶

וואַדי סאַליב בינדן ניט קיין שום פעדים מיטן גייסטיקן עבר פון דער יידישער חיפה, און איז אויך ניט קיין אַרכעאָלאָגישער אָביעקט. דער קוואַרטאַל איז געבויט געוואָרן נאָך פאַרן אויפקום פון די יידישע קוואַרטאַלן, און ס׳האָבן זיך דאָ באַזעצט די אַרבעטער, וועלכע האָבן געבויט די חידזשאַזער באַן. דער קוואַרטאַל איז אָבער, אָן שום צווייפל, אַן אויסדרוק פונעם פיזיש-אורבאַניסטישן עבר פון דער שטאָט, אויפן גרונט פון וועלכן ס׳איז אַרויסגעוואַקסן די יידישע חיפה.

די נייע שטעט אין ישראל זיינען אויפגעקומען אויף זאַמדיקע בערגלעך, אָן אַ וועלכן ס׳איז היסטאָרישן בונד, פיזישן בוי-היגטערגרונט אָדער טראַדיציעס (אשדוד, דימונה א.א.). פאַרן כאַראַקטער פון אַ שטאָט איז אויך וויכטיק, אז עס זאָלן אויפגעהיט ווערן די טיילן און קוואַרטאַלן, וועלכע קענען דערציילן און געבן צו פאַרשטיין איר גאַנג און אַנטוויקלונג. דאָס איז, אָן ספק, חל אויך אויף חיפה, די שענסטע שטאָט פון ישראל, וואָס בליקט אַראָפּ פון די באַוועלדערטע כרמל-הייכענישן צו די ווייטע און ברייטע בלויקייטן פונעם ים.

ווען ס׳איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק באַשלאָסן געוואָרן צו ליקווידירן וואַדי סאַליב, און מיט איר צוזאַמען די דאָרט בעסטנדיקע שנאה און דעם צאָרן, איז געקומען אַ מענטש — אַ פאַרליבטער אין חיפה — דער קינסטלער, אַרכעאָלאָג און אינדוסטריעלער, ד״ר ראובן העכט און האָט געבראַכט אַ פּראָיעקט, וואָס וועט פון איין זייט ראַטעווען וואַדי סאַליב פון אונטערגאַנג, און פון צווייטן זייט ממש באַרייכערן די שטאָט חיפה מיט אַ צענטער פאַר קונסט, איידעלער האַנט אויסאַרבעטונג ווי: ביזשוטעריע, קעראַמיק, טעפעריי, האַנדל מיט אַנטיקן, קינסטלער אַטעליעס און אויסשטעלונגען, קאַפייען פאַר קינסטלער און באַהעמע-מענטשן, פאַרוויילונגס פלעצער און רעסטאָוורירטע וואוינונגען. אַ מין ניו-יאָרקער ״גריניטש ווילעדזש״, אין די גוטע צייטן זיינע, צוגעפּאַסט צו די ספּעציפישע באַדינגונגען פון חיפה.

ואדי סאליב — מארגן.

דער שטח פון פּראָיעקט שפּרייט זיך אויס אויף 40 דונאַם, בערך אַ העלפט פונעם שטח פון וואַדי סאַליב. די הייזער פון בעטאָן און בלאָקן וועלן אַראָפּגענומען ווערן און ס׳וועלן בלייבן נאָר די הייזער פון שטיין מיט די געוועלבטע סופיטן, וואָס צוזאַמען מיט די שטיינערנע גאַסן-טרעפּ האָט דאָס אַן אייגנאַרטיקן אָריענטאַלישן כאַראַקטער און חן. ס׳וועלן אויך פאַרפלאַנצט ווערן ביימער, בלומען און גראָז-שטחים אין די הייפן.

ווייל וואַדי סאַליב געפינט זיך אין גאָר נאָענטער שכנות מיט די רוישיקע צענטערס פון שטאָטישן האַנדל און פאַרווייליונג, וועט זי, אָן ספק, פאַרנעמען אַ חשובן אָרט אינעם לעבן פון שטאָט און וועט אויך זיין אַ צענטער פאַר באַזוכערס און טוריסטן.

די גרויסע געזעלשאַפט ״דגון״, וועלכע האָט געפונען דעם סינטעז צווישן הייכער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, קולטור און קונסט, באַזירט אויפן אַלט-יידישן באַגריף, אַז תורה און קמח גייען געפּאָרט, האָט גענומען אויף זיך צו רעאַליזירן און פּאָפּולאַריזירן דעם פּראָיעקט.

דער יונגער ענטוזיאַסטישער אַרכיטעקט פון ״דגון״, ה׳ סעדיה מאַנדעל, פיבערט ממש מיטן גרויסן פּראָיעקט. סיי ד״ר ראובן העכט סיי ער, זעען שוין פאַר זייערע אויגן אַן אַנדער וואַדי סאַליב, — אַ באַנייטע, אַ שיינע און אַ דערהויבענע.

לילי בערגער

גאָלדזוכערס

סטעפאַן קוזמאַ איז אַ גאַלאַסענער, סטאַטעטשנער פּויער, קיינמאָל קיינעמען קיין עוולה ניט געטאָן, ניט אָפּגענאַרט, ניט באַגנבהעט, און אויסגעמיטן מחלוקות מיט די ארומיקע פּויערים. איז עמיצנס אַ קו, אָדער אַן אַנדער פיר-פיסיק באַשעפעניש, פאַרקראָכן אויף זיין פעלד, האָט ער געהייסן זיין עלטסטן, 14-יאָריקן זון, יאַנעק, באַלייגן די בהמה מיט אַ שטעקן, פאַרטרייבן ווייט פון זיין גבול און פּטור; קיין עסק דערפון האָט ער ניט געמאַכט, קיינמאָל ניט געפאָדערט פאַרגיטיקונג, וויפל די בהמה האָט זיך אָנגעפרעסן, איז דאָס אירס, ארומקריגן זיך דערפאַר ניט כדאי. אָבער פּויערים פון דער ארומיקער געגנט זאָלן קומען גראָבן אויף זיין ערד און זיך אָנשטאָפּן די קעשענעס — דאָס וועט ער ניט דערלאָזן! אַ, דאָ איז ער גרייט אויף אַלעמען. ער, קוזמאַ, נעמט ביי קיינעמען גאָרניט, קומט קיינמאָל ניט אויף יענעמס און וועט ניט לאָזן מ׳זאָל קומען אויף זיינס. זיינס איז זיינס.

— גנבים, באַנדיטן, היענעס! זאָלן זיי גיין גראָבן וואו זיי ווילן, נאָר ניט אויף מיין פעלד, כ׳על אַראָפּיאָגן מיט אַ שטעקן, כ׳על ברעכן די ביינער, כ׳על זיי ווייזן...

אזוי האָט סטעפאַן קוזמאַ, אַ רויטער פון כעס פאַרגעהאַלטן פאַר זיין באָבע און זיין עלטסטן זון יאַנעק.

— ביסט שטאַרק אין פּיסק, מיט מיר קענסטו אַלץ, אָבער מיט זיי? לאַכן זיך אויס פון דיר, גראָבן וויפל זיי ווילן, און דו? דו בלייבסט ביים ריידן, אין שטוב ביסטו אַ בריה...

די דאָזיקע רייד האָבן אים אריינגעשלאָגן אין אמביציע. ווייזן אַ באָבע, אַז ער טויג זיך ניט אויס, ביי איר נאָך בלייבן אַ טויגעניכץ וואָלט שוין צופיל געווען. קיין לייכטע זאַך איז דאָס אָבער פאַרט ניט.

פון די זיבן זאַמדיקע מאָרגעס ערד, זיינען צוויי מאָרגעס געלעגן באַזונדער, ווייט פון זיין באַלעבאַטישקייט, העט ביים סאַמע וועלדל. יענץ שטיקל ערד האָט ער געהאַט באַקומען אין נדן, ווען ער סטעפאַן, אַ יונגער אַלמן, האָט מיט פופצן יאָר צוריק חתונה געהאַט מיט זיין איצטיק ווייב. פון אָנהייב אָן האָט ער געהאַלטן, אַז מ׳האָט אים אָפּגענאַרט מיטן נדן, אַ חוץ-דעם האָט ער מיט די

צוויי מאַרגעס רק צרות. די דייטשן האָבן אויסגעקליבן אויף א לאַגער פאַר יידן יענע זאמדיקע געגנט צווישן די סאָסנע-וועלדלעך. קיין רייד ניט געווען ער זאָל קענען אראָפּנעמען דאָס ביסל קאַרטאָפּל. סטעפאַן קוזמאַ האָט דעמאָלט פאַרביסן די ציין און געשוויגן; מלחמה איז מלחמה און דייטשן זיינען דייטשן. אָבער איצטער? ווען יענע האָט מען פאַרטריבן און ער איז צוריק באַלעבאָס פון זיין ערד?

וואָלטן די צוויי מאַרגעס געלעגן אונטערן נאָז, ווי דאָס איבעריקע, וואָלט ער קוזמאַ זיך אַן עצה געגעבן, ער וואָלט זיי אָנגעריבן א מאָרדע, נישקשה, ער וואָלט זיי געוויזן וואָס הייסט ארומרודערן אויף זיין ערד. דאָס אומגליק איז וואָס די צוויי מאַרגעס ליגן ווייט, ער קען זיך דאָך דאָרט ניט אוועקשטעלן היטן. קומען די שעלמעס, ווי גנבים, הינטער זיינע אויגן שאַברעווען אויף זיין פעלד; זיפּן דורך מיט גרויסע זיפּן זיין זאמד אויסצוגעפינען גאָלדענע ציין און אנדערע קאָסטבאַרקייטן. פרעמדע מענטשן, צומאָל ניט קיין שכנים, קומען פון ווייטע דערפער און גראָבן מיט לאָפּאַטעס אין זיין ערד, באַלעבאַטעווען אויף זיינס, מאַכן אַן גריבער, זוכן פאַרשטעקט יידיש גאָלד. ווייניק פאַר די דייטשן זיך אויסגעשטאַנען, דער רויך און געשטאַנק פון די געברענטע לייבער האָט געגרייכט ביז זיין כאַטע, טיילמאָל האָט אַזש געאיבלט פון גערוך. איצטער קומען זיי פון ווייטע דערפער צום גרייטן, אָנשטאָפּן זיך די קעשענעס.

קוזמאַ האָט איינמאָל פאַרטאָג געהאַט אוועקגעשטעלט א וואַך — זיין עלטסטן זון. יאַנעק האָט געוואַכט צווישן די געדיכטע סכך-ביימלעך און געפּאַקט זיי. מיט די באַבעס זיינען זיי געקומען אויף זייער פעלד; די באַבעס האָבן געזיפּט און די מענער האָבן געגראָבן מיט לאָפּאַטעס. יאַנעק האָט זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ, ווי א וויכער געקומען צולויפן און א פאַרסאָפּעטער קוים ארויסגעשטאַמלט:

— זיי גראָבן!

קוזמאַ האָט אויף גיך איינגעשפּאַנט דאָס פערד, באַלייגט עס גוט מיט דער בייטש און ס'האָט ניט לאַנג גענומען ווי טאַטע און זון זיינען געווען אויפן אָרט. די שעלמעס האָבן אָבער דערשנאַפּט, אז מ'האָט זיי נאָכגעשפּירט — האָבן זיי זיך שנעל אָפּגעטראָגן. נאָר צוויי באַבעס האָבן געניישטערט אין זאמד אויפן שכנותדיקן פעלד. יאַנעק האָט געשוואוירן ביי גאָט און ביי דער הייליקער מוטער, אז ער האָט זיי ביידע געזען אויף זייער אייגנס, נאָר גיי טענה מיט באַבעס, אז דו האָסט זיי ניט געכאַפּט ביי דער האַנט.

— ניט דיין עסק, דאָ איז ניט דיינס. היט בעסער דיין באַבע זי זאָל ניט קריכן צום אָרגאַניסטער און אונדז לאָז צורו, האָט א קיילעכיקע באַבע מיט א רויט פּנים אָפּגעענטפערט סטעפאַנען.

— דו גראָבסט דען ניט? דו טאָרסט און מיר ניט? — האָט די צווייטע באַבע אים געגעבן א גאַב.

קוזמאַ וואָלט געוואוסט וואָס ער האָט צו טאָן, ער וואָלט זיי גוט אָנגעלערנט. ער, סטעפּאַן קוזמאַ ווייסט גוט, אַז די בייע מאַכט האָט פאַרבאָטן צו גראָבן אין אַזעלכע ערטער. אוי וואָלט ער חשק געהאַט צו גיין צו דער מיליציע, און דערציילן וואָו און ווי-אַזוי מען גראָבט און מ׳נישטערט אַרום אויף אַזעלכע ערטער! ס׳איז אָבער אַ שטעקן מיט צוויי עקן. די שעלמעס ווייסן, אַז ער גראָבט אויך; גיי שפּיל זיך מיט זיי! ס׳איז טאַקע אַ גרויסער אונטערשייד צווישן זיי און אים, ער גראָבט אויף זיין אייגן פעלד, און זיי גראָבן אויף פרעמדס, האָבן ניט קיין רעכט צו נישטערן אויף זיין ערד. גיי אָבער גיב דאָס צו פאַרשטיין דער מיליציע, פרעמדס אָדער אייגנס, וואָס איז זיי פאַרא נפקא מינה? ווער טראַכט זיך היינט אַריין אין אַזעלכע זאַכן? אַז מען טאָר ניט, טאָר מען ניט, וועלן זיי זאָגן.

אָ ניין, ער סטעפּאַן קוזמאַ האָט נאָך דעם שכל ניט פאַרלוירן, ס׳וואָלט געווען דאָס זעלבע ווי זיך אַרויסנעמען ביידע אויגן, אַבי ביי יענעם אַרויסדראַפּען איין אויג. ניין, נאָר ניט האָבן צו טאָן מיט דער מיליציע, מען מוז זיך אַליין אַן עצה געבן.

מיט אַלע פאַר איינמאָל וועט ער אַלצאיינס זיך קיין עצה ניט געבן, דאַרף מען פריער אָנלערנען איינעם. ער וועט זיך נעמען צום לאַמען יוזעף; יענער גראָבט אַליין, ווייסט וואו צו גראָבן, ווייסט וועגן די זאַכן מער ווי אַלע אַנדערע צוזאַמען; ער איז מיט די דייטשן געווען ווי אַ שטערצל צו אַ טעפּל, געטרונקען מיט זיי ברודערשאַפט, מיטן הינקעדיקן פיסל דעמאָלט אומעטום אַרומגעטאַנצט, היינט איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר אים.

אַהאַ, קוזמאַ האָט נאָך אַ קאָפּ אויפן קאַרק, קען נאָך עפּעס צוטראַכטן. ער וועט ניט איינרייסן מיט אַלע פאַר איינמאָל, שטענדיק אויסגעמיטן קריגערייען, קיינמאָל אויף יענעמס ניט אָנגעשטאַנען. אָבער זיינס וועט ער אויך ניט לאָזן רירן. ער וועט אָנהויבן פון לאַמען, ס׳וועט אָפּשרעקן די אַנדערע אויך.

דער לאַמער יוזעף וואוינט אין דריטן דאָרף, ווייטלעך פון דאַנען. אַראָפּכאַפּן זיך דאָ אַהער, אָט אַזוי איינס-צוויי איז ניט פאַר אים. קוזמאַ פאַרשטייט אויך, אַז אַזאַ פאַרשוין קומט ניט גראָבן אויף לייטישע אויגן, יענער זוכט ניט צוזאַמען מיט די באַבעס אין זאַמד. יאַנעק האָט אים שוין געהאַט אַמאָל געזען אַ זונטיק אינדערפרי. דאָס איז מסתמא זיין צייט.

סטעפּאַן האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן: אַ זונטיק פאַרטאָג האָט ער מיט יאַנעקן זיך פאַרשטעקט צווישן די שטעכיקע ביימלעך, ווייטלעך פון זיין פעלד, אָבער גענוג נאָענט צו קענען אַרומנעמען מיטן אויג דאָס גאַנצע אייגנס. טאַטע און זון זיינען אָפּגעלעגן אַ שעה-צייט און געמיינט, אַז ס׳וועט שוין פון דעם גאָר׳ניט אַרויסקומען. די סעפּטעמבער זון האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעשאַרט פון האָריזאָנט, אָנגעהויבן צו וואַרעמען. קוזמאַן האָט זי ניט געוואַרעמט, קאַלאַמוטנע

איז אים געוואָרן אויפֿן האַרץ, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין ווייב, זי וועט ווידער קענען זאָגן, אַז ער איז שטאַרק בלויז מיטן פּיסק, מיט איר. פּלוצלינג האָט יאַנעק שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ר׳איז דאָ!

סטעפֿאַן האָט אויסגעצויגן דעם קאָפּ, אויסגעבאַלושעט די אויגן, אָנגעשפּיצט די אויערן ווי אַ יאַגד־הונט. ער האָט דייטלעך געזען, ווי דער הינקעדיקער יוזעף טרעט אויף זיין אייגנס, וואָס ער האָט באַקומען אין נדן, ווי יענער קוקט זיך אַרום פֿון אַלע זייטן, פֿאַרשט מיט זיינע גנבישע, שפּיציקע אויגן, שטעלט זיך דערנאָך אָפּ ביים רעכטן ראַנד פֿעלד, ניט ווייט פֿון די ביימלעך, נעמט אַרויס פֿון הינטער דער קורטקע אַ קורצע לאָפּאַטע און הייבט אָן גראָבן.

— ער גראָבט! האָט יאַנעק ווידער מודיע געווען.

— שווייג! זאָל ער...

קוזמאַ האָט אים געלאָזט גראָבן, ווייטער געלעגן און געקוקט שפּיציק, נאָכגעפֿאָלגט יעדע באַוועגונג זיינע. ערשט ווען יענער האָט אַרויסגעלאָזט די לאָפּאַטע און זיך אָנגעבייגן, האָט ער זיך אויפֿגעריסן און געלאָזט זיך לויפֿן מיטן שטעקן אונטערן אָרעם. יאַנעק האָט מיט זיינע פֿלינקע פֿיס אים איבערגעיאָגט, ווי אַ וויכער דורכגעלאָפֿן דאָס פֿעלד און צוגעפֿאַלן צום לאָמען יוזעף מיט אַ געשריי:

— פֿאַטערל, ער האָט געפֿונען! אויף אונדזער פֿעלד אויסגעגראָבן אַ שאַכטעלע, ר׳האָט באַהאַלטן, באַהאַלטן, דאָ, דאָ!

יוזעף האָט באַוויזן דאָס אויסגעגראָבענע שאַכטעלע צו פֿאַרשטעקן אין בוזעם, ביז קוזמאַ האָט זיך דערנעענטערט האָט ער פֿאַרקנעפּלט די קורטקע און געכאַפּט זיך צו דער לאָפּאַטע, ווי געוואָלט זיך פֿאַרטיידיקן. קוזמאַס כעס איז געשטיגן:

— כ׳על דיר ווייזן גראָבן אויף מיין ערד! — האָט ער מיט דראָאונג געוויזן דעם גראָבן שטעקן — גיב אָפּ מיט גוטנס! כ׳על דיר דאָ באַלד...

— ניט דיינס! דאָס פֿעלד דיינס, אָבער דאָס אויסגעגראָבענע ניט דיינס, ס׳איז פֿון די יידן, געהער עס צו אַלע, צו יעדערן.

— צו יעדערן?! כ׳על דיר באַלד ווייזן צי ס׳געהער יעדערן, אויף מיין ערד גראָבן? אויף מיין אייגנס?

— די ביינער אויך דיינס? — האָט יוזעף אָנגעוויזן אויף מענטשלעכע קנאָכנס — ניט דיינס, וואָס?

— אויף מיין ערד, אַלץ מיינס! מיינס וואָס האָסט אויסגעגראָבן, כ׳על דיר ווייזן גראָבן אויף מיינס, כ׳על דיר...

און כּדי בּעסער צו באַשטעטיקן זיינע ווערטער האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם שטעקן איבּערן לאָמען יוזעף.

יוזעף האָט אַרויסגעלאָזט אַ שפּיציקן קוויטש, ווי אַן איבּערגעפּאַרענער הונט, איינגעקאָרטשעט זיך און מיט ביידע הענט עקשנותדיק צוגעהאַלטן דעם בוזעם. דער קוויטש האָט פאַרהאַלטן קוזמאַס שטעקן אין דער לופטן. ווי גיך יוזעף האָט זיך איבּערצייגט, אַז זיין סטראַטעגיע האָט געווירקט, האָט ער זיך ערשט דעמאָלט צעשריען ווי מען וואָלט אים געקוילעט. סטעפּאַן וואָלט זיך מיט יוזעפס געשרייען ניט איבּערגענומען, און זיינע פעסטע הענט וואָלטן זיך אַן עצה געגעבּן אויך אָן אַ שטעקן. ער איז אָבּער אַ מענטש אַ סטאַטעטשנער, וואָס מיידט אויס לייטישע גערעדערייען. זונטיק אינדערפרי גייען די פּויערים אין קלויסטער און יוזעפס ליאַרעמען האָט געקענט עמיצן צוציען. ער האָט ניט לאַנג געטראַכט און אָנגעווענדט אַן אַנדער טאַקטיק:

— יאַנעק, נעם אַראָפּ דאָס היטל, מ׳עט דעם חזיר פאַרשטאָפּן דאָס מויל. ער וועט פאַרשפּאָרן זיך רייסן דעם האַלדז. מירן דערגאָך זען וועמעס ס׳איז וואָס מ׳גראָבּט אויס אויף מיין ערד.

די ווערטער האָבּן געווירקט מער ווי דער שטעקן. יוזעף האָט אַ צעטומלטער זיך אויפגעריסן, גענומען זיך וואַקלען אויף די לאָמע פיס, די אונטערשטע ליפּ האָט אָנגעהויבּן אונטערשפּרינגען, ער האָט אָנגעהויבּן שטאַמלען און אָנגעבּאָטן אַ שותפות:

— טאָ לאָמיר... לאָמיר בשותפות. מיר קענען ביידע... פאַרוואָס ווילסטו מיך בּאַרויבּן? וואָס בּין איך, אַ ייד? ביידע קריסטן, איך אַ קריסט, דו אַ קריסט, דאָס געפונענע איז יידישעס, ס׳געהער קיינעם. דאָס פעלד איז דיינס, אָבּער איך האָבּ געפונען, געוואוסט וואו צו גראָבּן, נו, געהער עס מיר און דיר אויף גלייך, מ׳עט צעטיילן, כ׳באַשטיי, אויף גלייך...

פון אָנהייבּ האָט ער זיך געקרעקט מיט די ווערטער, דערנאָך זיי אַרויסגע-וואָרפן גיך-גיך, ווי די שרעק וואָלט זיי אַרויסגעשטופּט. סטעפּאַן האָט בייז געקוקט אויף אים און פאַרדעכטיק געשוויגן. דאָס שווייגן האָט יוזעפן נאָך מער דערשראָקן, ער האָט אין איילעניש צוגעוואָרפן:

— איך ווייס וואו מען דאַרף גראָבּן, קיינער ווייסט ניט, נאָר איך ווייס, וועט מען בשותפות.

דער אָנגעבּאָטענער שותפות האָט סטעפּאַנען געמאַכט אַ בּיסל ווייכער, — וואָס-וואָס, אָבּער אַן אויסטויגער אין די זאַכן איז דער לאָמער פּאַרט אַ גרעסערער ווי ער. ער האָט אַ בּיסל געענדערט דעם טאָן, אָבּער זיך אויסגעהיט צו זיין צופיל נאָכגיביק:

— מ׳עט זען אויבּ דו ווייסט, טאָ זאָל זיין...

ער האָט זיך פאַרכאַפּט און אָנגעהויבן דראָען:

— אָבער געדענק, לאָמער טייוול, אויב וועסט מיך אָפּנאַרן, געדענק! — האָט ער אים געוויזן דעם שטעקן.

— פאַרוואָס דיך אָפּנאַרן? מיר זיינען דאָך קריסטן, איך א קריסט, דו א קריסט, דאָס באַגראָבענע איז יידישעס, דיין פעלד און איך ווייס וואו צו גראָבן — וועט זיין אַן ערלעכער שותפות. איך קלייב ניט קיין קלייניקייטן, זאָלן די באָבעס קלייבן גאָלדענע ציין, מיר לוינט עס ניט. די יידן האָבן באַגראָבן גאָלד, צירונג און דאָלאַרן, האָבן בעסער געוואָלט באַגראָבן, אַריינוואַרפן אין אָפּטריט, איידער אָפּגעבן; ווי גאָט איז מיר ליב, אַזוי איז דאָס געווען. איינמאָל געשטאַנען און געקוקט ווי מ׳פירט א פאַרטיע יידן, שיין אָנגעטאָן, מסתמא ניט קיין היגע, האָב איך זיך פאַרגנבהעט און געקוקט, אַזוי זיך, ווער וואָלט ניט געוואָלט זען? זע איך ביי איינעם א זייגער, איי א זייגער! גיב איך א זאָג צו אים: ״דיין זייגער גיב בעסער מיר, די דייטשן וועלן סיי ווי אַוועקנעמען״ און ער גאָרניט, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען. ווייז איך מיטן פינגער אויפן האַלדז און זאָג: ״כיק״, אַז אַלצאיינס וועט ער דעם זייגער ניט דאַרפן, זאָל ער בעסער מיר געבן. מיינסט ער האָט געגעבן? ניט געגעבן. אַזעלכע זיינען זיי די יידן; ווייסן, אַז זיי וועלן אַליין פון דעם קיין הנאה ניט האָבן און ווילן ניט אַנדערע זאָלן הנאה האָבן, אַזעלכע זיינען...

קוזמאַ האָט אים געוואָלט ווייזן זיין העכערקייט און איבערגעריסן:

— נו, נו, פאַררייד מיר ניט די ציין, בין ניט געקומען מיט דיר איינטענהען, צוזאַמען מיט דיר קיין חזירים ניט געפּאַשעט. נעם אַרויס פון בוזעם, וואָס דו האָסט אויסגעגראָבן אויף מיין אייגנס און ווייטער זאָלסטו הינטער מיינע אויגן ניט דערוועגן, הערסט?

יוזעף האָט אָנגעהויבן שטאַמלען, קוזמאַ איז אים אַריין אין די רייד און ווידער שטרענג, מעשה באַלעבאָס, געוואָרנט:

— אַן מיין וויסן זאָל דיין פוס מער ניט קומען אויף מיין פעלד!

— נאַכוואָס אַן דיין וויסן? אָפּגעמאַכט איז אָפּגעמאַכט. דיין פעלד, מיין אַרבעט, מירן בשותפות, מירן טיילן גלייך אויף גלייך, ניט דיר קיין עוולה, ניט מיר קיין עוולה.

— דאָס וועלן מיר שפּעטער זען, דערווייל נעם אַרויס פון הינטערן העמד!

— געזאָגט איז געזאָגט, ביי מיר א וואָרט איז א וואָרט, איך בין אַן ערלעכער מענטש... איך...

ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, קענטיק, אַז ער האָט געוואָלט אָפּשלעפּן, קוזמאַ האָט אָבער געקוקט אויף אים מיט כעס. לית-ברירה האָט ער פּאַמעלעך

אריינגעשטעקט די האנט הינטערן בוזעם און נאָך פֿאמעלעכער זי צוריק ארויס-געצויגן. קוזמאַ האָט אין איין אויגנבליק א כאַפּ געטאָן דאָס פּאַרזשאַווערטע שאַכטל און אָן צו באַקוקן עס גלייך אריינגערוקט אין דער לאנגער קעשענע פון קורצן כאַלאַט. צוזאמען מיטן שאכטל האָט ער געלאָזט שטעקן די האנט. יאַנעק האָט אונטערגעשפּרונגען פון פרייד.

— מיין חלק?! — האָט יוזעף פארצווייפלט אויסגערופן.

— כ׳בין ניט קיין גנב באלד זיך צו טיילן מיט דער גנבה.

— און איך א גנב?! גענומען יידישעס, ס׳געהער אונדז ביידע, מ׳דארף צעטיילן יושרדיק.

— ניט דאָ! איך בין באַלעבאָס.

סטעפאַן קוזמאַ מיטן זון האָבן זיך איילִיק געלאָזט מיטן קורצסטן וועג צוריק אהיים. געשטעלט פּיס, ווי זיי וואָלטן באקומען פרישע כוחות. דער לאָמער יוזעף האָט זיך געלאָזט נאָך זיי, געוואָלט מיטהאלטן טריט און אלץ מער געבליבן הינטערשטעליק, געשלעפּט זיך איילִיק א שטיק הינטער זיי.

.1961 ווארשע, אפּריל,

די טעטיקייט פון יידישן ליטעראטן־פאראיין אין חיפה

דער באריכט פון אונדזער טעטיקייט נעמט ארום די תקופה פונעם ערשטן יולי, 1967, ביזן 1-טן נאָוועמבער, 1969, ביזן דערשיינען פון פינפטן באַנד "חיפה", וועלכן מיר גיבן איבער אין די הענט פון אונדזערע לייענער און פריינד.

עפנטלעכע ליטעראַרישע אָוונטן:

3 אָוונטן געווידמעט "חיפה", באַנד 4:

אין "ביתנו", חיפה. באַטייליקטע: דוד ראַדין, לייב חיין-שמעוני, לוי פּאַפּיערניקאָוו, מרדכי קראַשניץ. פאַרזיץ: מרדכי לאַזאַר. פּאַרלייענער: חיים וואַטשין.

אין קרית-מוצקין. באַטייליקטע: לוי פּאַפּיערניקאָוו, משה ביק. מרדכי שטיינבערג און שמחה האַמבורג.

אין קרית-אליעזר. באַטייליקטע: מרדכי קראַשניץ, נאַטאַן מאַרק, י. גרינ-בערג, מרדכי שטיינבערג און שמחה האַמבורג.

אזכרה אין יידישן קולטור-קלוב ביי מפ"ם, חיפה, צום ערשטן יאָרצייט פון נחמן מייזיל, מיטן אָנטייל פון לייב חיין-שמעוני און רעציטאַטאָר ז. גלינטאַרשטשיק. פאַרזיץ: מרדכי קראַשניץ.

1 איציק מאַנגער אָוונט *, אין "ביתנו", חיפה, מיטן אָנטייל פון נאַטאַן מאַרק. קינסטלערישע טייל: רחל שפּאַן (געזאַנג), מ. בירנבוים (רעציטאַציעס).

1 דוד פינסקי אָוונט, אין "ביתנו", חיפה, צו זיין 8-טן יאָרטאָג, מיטן אָנטייל פון מ. זינגער, ש. רעזניק און מ. קראַשניץ. רעציטאַציעס: גלילה פּגי און חיים וואַטשין.

1 אָוונט * פון יידישן הומאָר, אין "ביתנו", חיפה, מיטן אָנטייל פון מרדכי שטיינבערג און ארטיסט זלמן הירשפעלד.

1 אָוונט * געווידמעט דעם שרייבער ישעיהו שפּיגל, אין "ביתנו", חיפה, מיטן אָנטייל פון רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק און ישעיהו שפּיגל. באַגריסונג: לייב חיין-שמעוני. רעציטאַציעס: ז. גלינטאַרשטשיק.

1 רעפעראַט * פון רעד. מ. צאַנין, אין "ביתנו", חיפה, א. ד. ט. "א באזוך אין דער יידישער וועלט — האַרבסט, 1967. אַריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ.

1 ה. לייוויק אָוונט, אין "ביתנו", חיפה, צו זיין 5-טן יאָרטאָג, מיטן אָנטייל פון רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק. פאָרזיץ: מענדל זינגער. רעציטאַציעס: ברוך יאַנאָוויטש. שירה-בציבור: משה ביק.

1 אָוונט* אין "ביתנו", חיפה. א.ד.ט. "סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מאָטיוון ביי י. ל. פרץ". רעפעראַט: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: ניוסיאַ גאָלד.

קבלת-פּנים* אין "ביתנו", חיפה, פאַרן שרייבער הערץ בערגנער פון אויס-טראַליע. א גרעסערן עסיי וועגן שאַפן פון הערץ בערגנער, האָט געלייענט מרדכי קראַשניץ. דער גאַסט האָט רעפערירט א.ד.ט. "אויסטראַליע, פוילן, ישראל" און געלייענט פון זיינע שאַפונגען.

1 אָוונט* אין "ביתנו", חיפה, מיטן עסייאיסט יהודה קערש פון אויסטראַליע. דער גאַסט האָט רעפערירט א.ד.ט. "נוסח-ווילנע" (קולבאַק, גראַדע, סוצקעווער). אַריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. געזאַנג: יחיאל בורגין.

מיטבאַטייליקונג אינעם קבלת-פּנים אין "ביתנו", חיפה, פאַר חיהלע גראַבער, צום דערשיינען פון איר בוך "מיין וועג אליין". אָפּשאַצונג וועגן איר בוך: מרדכי קראַשניץ.

1 אָוונט אין "ביתנו", חיפה, צום דערשיינען פון בוך "באַזאַלט" פון לייב חיין-שמעוני, מיטן אָנטייל פון מחבר. אָפּשאַצונג: מרדכי קראַשניץ. באַגריסונג: שלום בהט (סעקרעטאַר פון חיפהער אַרבעטער-ראַט). פאָרלייענער: חיים וואַטשין.

1 מענדעלע אָוונט*, אין "ביתנו", חיפה, צום 50-סטן יאָרטאָג פונעם זיידן, מיטן אָנטייל פון עזרא להד. פאָרזיץ: נאַטאַן מאַרק. קינסטלערישע טייל: ניוסיאַ גאָלד.

קבלת-פּנים אין "ביתנו", חיפה, פאַרן ליטעראַטור-קריטיקער גרשון סאַפּאָזש-ניקאָוו פון אַרגענטינע. דער גאַסט האָט רעפערירט א.ד.ט. "שלום עליכם און טשעכאָוו". אַריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. באַגריסונג: לייב חיין-שמעוני.

קבלת-פּנים אין קרית-אליעזר, פאַר די דיכטעריןס פערל האַלטער און רבקה קאָפּע פון פּאַריז, מיטן אָנטייל פון מרדכי שטיינבערג. פאָרזיץ: רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק.

2 אָוונטן צום 10-טן יאָרטאָג פון שלום אַש:

אין "ביתנו", חיפה*, מיטן אָנטייל פון יצחק גרודבערג-טורקאָוו. אַריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: ניוסיאַ גאָלד.

אין קרית-חיים, מיטן אָנטייל פון גרשון סאַפּאָזשניקאָוו. אַריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: ניוסיאַ גאָלד.

1 נחמן מייזיל אָוונט, אין יידישן קולטור קלוב ביי מפ"ם, חיפה, צום 2-טן

יאָרטאָג, מיטן אָנטייל פון רבקה קוויאַטקאָווסקי און גרשון סאַפּאָזשניקאָוו. זכרונות וועגן נחמן מייזיל: פ. דאַווידזאָן. רעציטאַציעס: חיים וואַטשין. פאָרזיץ: משה רעכטמאַן (פאָרשטייער פון קולטור קלוב).

1 י. זרובבל אָוונט, אין "ביתנו", חיפה, צום ערשטן יאָרטאָג, מיטן אָנטייל פון לייב חיין-שמעוני. פאָרזיץ: נאַטאַן מאַרק. קינסטלערישע טייל: חיים וואַטשין (רעציטאַציעס) און ה' אַלמאַזינאַ (טשעלאָ).

3 אָוונטן פון קורצער נאָוועלע:

אין קרית-אליעזר, מיטן אָנטייל פון לוי פּאַפּיערניקאָוו, נאַטאַן מאַרק, שמחה האַמבורג און מרדכי קראַשניץ. פאָרזיץ: מרדכי שטיינבערג.

אין קרית-חיים און קרית-מוצקין מיטן אָנטייל פון נאַטאַן מאַרק, שמחה האַמבורג, חיים וואַטשין און מרדכי קראַשניץ. חיים וואַטשין האָט אויך געלייענט לידער פון יוסף סאַקולער, ז"ל.

4 אָוונטן צום 16-טן יאָרטאָג פון אויסמאָרדן די יידישע שרייבער אין ראַטן-פאַרבאַנד:

אין "ביתנו", חיפה *, מיטן אָנטייל פון פ. פּשעטיצקי (אורוגוואַי). אַריינפיר-וואָרט: נאַטאַן מאַרק. קינסטלערישע טייל: יחיאל בורגין (געזאַנג) און מאַלווינאַ כהן (רעציטאַציעס).

אין קרית-חיים, קרית -מוצקין און קרית-שפּרינצאַק, מיטן אָנטייל פון רעד. מרדכי צאַנין. אַריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: יחיאל בורגין, צילה תמרי (געזאַנג) און מאַלווינאַ כהן.

1 אָוונט * אין "ביתנו", חיפה, צום דערשיינען פון בוך "ביים ווילנער דורכהויף" פון אברהם קאַרפּינאָוויטש, מיטן אָנטייל פון מחבר. אָפּשאַצונג: אברהם ליס. אַריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ.

1 אָוונט אין יידישן קולטור-קלוב ביי מפ"ם, חיפה, צום דערשיינען פון בוך "זוניקע שוועלן" פון י. צ. שאַרגעל, מיטן אָנטייל פון מחבר. אָפּשאַצונג: לייב חיין-שמעוני. רעציטאַציעס: ז. גלינטאַרשטשיק.

4 אָוונטן, געווידמעט די יידישע פּראָלעטאַרישע דיכטער:

אין "ביתנו", חיפה *, מיטן אָנטייל פון מנשה גפן און נאַטאַן מאַרק. אַריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: שמאי ראָזענבלום.

אין קרית-חיים, קרית שפּרינצאַק, רמות-רמז, מיטן אָנטייל פון מ. גפן און נ. מאַרק. אַריינפיר-וואָרט: מ. קראַשניץ. אין קינסטלערישן טייל: שמאי ראָזענבלום.

2 א. גאָלדפאַדען אָוונטן, צו זיין 60-סטן יאָרטאָג:

אין "ביתנו", חיפה, * מיטן אָנטייל פון עזרא להד. אַריינפיר-וואָרט: נאַטאַן

מאַרק. קינסטלערישע טייל: צילה תמרי (געזאַנג) און אסתר בריק (מוזיק).

אין קרית-חיים, מיטן אַנטייל פון עזרא להד. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: צילה תמרי און אסתר בריק.

1 אָוונט פון הומאָר, אין קרית-חיים, מיטן אַנטייל פון יצחק יצחק. וועגן שאַפן פון יצחק יצחק: מרדכי קראַשניץ.

1 אָוונט אין קרית-חיים, א. ד. ט. "חסידישער הומאָר און שאַרפזין". רעפעראַט: נאַטאַן מאַרק. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. געזאַנג: רחל הרוז.

1 אָוונט אין קרית-חיים, א. ד. ט. "די יידישע מאַמע אין דער ליטעראַטור". רעפעראַט: רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: ניוסיאַ גאָלד.

1 אָוונט אין קרית-חיים, א.ד.ט. "ישראל לידער אין יידיש", מיטן אַנטייל פון מחבר און קאָמפּאָזיטאָר ד"ר צבי גור-אריה. אָפּשאַצונג: מרדכי קראַשניץ. געזאַנג: שרה יערי.

1 אָוונט אין קרית-חיים, א. ד. ט. "פרעמדע עלעמענטן אין חסידישן ניגון". רעפעראַט: עמיל סעקולעץ. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. געזאַנג: רחל הרוז.

1 אָוונט אין "ביתנו", חיפה, צום דערשיינען פון בוך "אין ליכט פון פארגאנג" פון יוסף פּאַפּיערניקאָוו, מיטן אַנטייל פון מחבר. אָפּשאַצונג: לייב זויין-שמעוני. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: יעקב שאַפּיראָ (געזאַנג), מאַלווינאַ כהן (רעציטאַציעס).

1 אָוונט * אין "ביתנו", חיפה, געווידמעט 40 יאָר שאַפן פון לייב מאַרגנטוי, צום דערשיינען פון זיין בוך "צער און פרייד", מיטן אַנטייל פון מחבר. אָפּשאַצונג: אברהם ליס. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. געזאַנג: שרה יערי.

2 איציק מאַנגער אָוונטן:

אין קרית-חיים, מיטן אַנטייל פון עסייאיסט יהודה קערש. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. געזאַנג מנורה זהב. רעציטאַציעס: ברוך יאַנאָוויטש.

אין "ביתנו", חיפה, מיטן אַנטייל פון עזרא להד. אריינפיר-וואָרט: ריבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק. געזאַנג: מנורה זהב.

2 אָוונטן צום דערשיינען פון בוך "אין זכות פון וואָרט", פון אברהם ליס:

אין "ביתנו", חיפה *, מיטן אַנטייל פון מחבר. אָפּשאַצונג: הערש וואַסער. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: בעטי סעגאַל.

אין קרית-חיים, מיטן אַנטייל פון מחבר. אָפּשאַצונג: רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: בעטי סעגאַל.

2 אברהם רייזען אָוונטן, אין קרית-חיים און קרית-שפּרינצאַק. רעפעראַט:

מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: יחיאל בורגין (געזאַנג), מאַלווינאַ כהן (רעציטאַציעס).

5 ש. אַנסקי אָוונטן — פּופּציק יאָר "דער דיבוק":

אין "ביתנו", חיפה *. רעפעראַט: לייב חיין-שמעוני. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: ניוסיאַ גאָלד.

אין קרית-חיים, קרית-שפּרינצאַק, קרית-מוצקין און רמות-רמז. רעפעראַט: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל ניוסיאַ גאָלד און מאַלווינאַ כהן.

2 אָוונטן צום דערשיינען פון בוך "אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אהיים", פון מרדכי צאַנין:

אין "ביתנו", חיפה *, מיטן אָנטייל פון מחבר. אָפּשאַצונג: יהודה קערש. אריינפיר-וואָרט: נאַטאַן מאַרק.

אין קרית-חיים, מיטן אָנטייל פון מחבר. אָפּשאַצונג: יהודה קערש. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ.

1 נחמן מייזיל אָוונט, אין יידישן קולטור קלוב ביי מפ"ם, חיפה, צו זיין 3-טן יאָרטאָג, מיטן אָנטייל פון מרדכי קראַשניץ, יהושע גראָסבאַרד און יצחק שושני. רעציטאַציעס: זאב גלינטאַרשטשיק.

1 אָוונט * אין "ביתנו", חיפה, א. ד. ט. "לידער פון אַרבעט און קאַמף אין דער יידישער ליטעראַטור". רעפעראַט: יהודה קערש. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. געזאַנג: שרה יערי.

1 אָוונט אין קרית-חיים, א.ד.ט. "אליקום צונזער און זיין תקופה". רעפעראַט: לייב חיין-שמעוני. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. געזאַנג: שרה יערי.

1 אָוונט* אין "ביתנו", חיפה, צום דערשיינען פון בוך "קעמפער פּאַראַד" פון חיים חפר, מיטן אָנטייל פון איבערזעצער, יצחק לודען. אָפּשאַצונג: מ. קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: פּייוול זיגלבוים (רעציטאַציעס) און רחל שפּאַן (געזאַנג).

1 אָוונט אין קרית-חיים, צום דערשיינען פון בוך "מיין וועג אליין" פון חיהלע גראַבער. אָפּשאַצונג: מרדכי קראַשניץ. קינסטלערישע טייל: קאָנצערט פון חיהלע גראַבער.

קבלת-פּנים אין זאַל פון "ביתנו", חיפה, פאַרן דיכטער חיים-לייב פוקס, מיטרעדאַקטאָר פון "לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור". דער גאַסט האָט רעפערירט א.ד.ט. "דער נס פון דער יידישער ליטעראַטור". באַגריסונג: רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק. אריינפיר-וואָרט: מרדכי קראַשניץ. רעציטאַציעס: חיים וואַטשין.

סך-הכל זיינען פאָרגעקומען 63 עפנטלעכע ליטעראַרישע אָוונטן, וועלכע

ס'האָבן באַזוכט איבער אַכצן טויזנט מענטשן. צו אַלע אָונטן האָבן מיר געדרוקט אפישן און צעשיקט טויזנטער געדרוקטע מעלדונגען.

* אונטערנעמונגען איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט דער פראַנץ קורסקי ביבליאָטעק אין חיפה.

שעפערישע אָוונטן:

מיר האָבן פאַרגעזעצט די שעפערישע אָוונטן, וועלכע קומען פאָר אין די וואוינונגען פון אונדזערע חברים, אין וועלכע ס'באַטייליקן זיך אויך די מיט-גלידער פון קולטור-קרייז ביי אונדזער פאַראיין.

אויף די דאָזיקע אָוונטן האָבן חברים געלייענט פון זייערע נייע שאַפונגען, און עס זיינען געהערט געוואָרן רעפעראַטן, וועלכע האָבן ארויסגערופן ברייטערע שמועסן און דיסקוסיעס.

עס זיינען פאַר דער צייט פאַרגעקומען רעפעראַטן אויף די טעמעס:

עזרא להד — "דער זעלטענער הומאָר פון משה נאַדיר".

לייב חיין-שמעוני — "ש. פרוג, זיין לעבן און שאַפן".

לייב חיין-שמעוני — "העלענא כאַצקעלס".

משה ביק "בעטהאָווען און זיין שאַפן". מיט מוזיק באַגלייטונג.

משה גורלי — "מוזיק אינסטרומענטן, זייער אָפּשטאַם און אנטוויקלונג", באַגלייט מיט א באַזוך אין חיפהער מוזעאום פאַר מוזיק.

ד"ר צמח צמריון — "הערא'יזם מאָטיוון אין די שאַפונגען פון שאול טשער-ניכאָווסקי", צו זיין 25-טן יאָרטאָג.

וואָלף גאָמערמאַן — "צייט און רוים".

עזרא להד — "שטערן אין שטויב" פון איציק מאַנגער.

מרדכי קראַשניץ — "16 יאָר נאָכן אויסמאָרדן די יידישע שרייבער אין ראַטן-פאַרבאַנד, אויספירן און אויפגאַבן".

עמיל סעקולעץ — "פרעמדע עלעמענטן אין חסידישן ניגון", מיט מוזיק באַגלייטונג.

מסיבה צום דערשיינען פון פערטן באַנד "חיפה".

מסיבה לכבוד דעם נצחון אין דער מלחמה פון די זעקס-טעג.

מסיבה לכבוד דעם ח' לייב חיין-שמעוני, צום דערשיינען פון בוך "באַזאַלט".

מסיבה לכבוד דער וואָרט-קינסטלערין און פאָלקלאָריסטין, רות רובין, צו איר באַזוך אין חיפה.

מסיבה לכבוד דעם שרייבער הערץ בערגנער פון אויסטראַליע.

באַגעגעניש ביי א גלעזל טיי מיט גרשון סאַפּאַזשניקאָוו און י. צודיקער פון בוענאָס-איירעס.

באַגעגעניש ביי א גלעזל טיי מיטן דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָוו.

מסיבה פאַרן דיכטער חיים-לייב פוקס. דער גאַסט האָט געבראַכט אַ גרוס פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין ניו-יאָרק, און אין די לאַטיין-אַמעריקאַנער לענדער.

מסיבה פאַרן שרייבער יחזקאל קאַרנהענדלער פון פּאַריז. דער גאַסט האָט געבראַכט אַ גרוס פון יידישן לעבן אין פראַנקרייך און זיך געטיילט מיט איינדרוקן פון זיין באַזוך אין ישראל.

מסיבה מיטן אַקטיוו פון דער פּראַנץ קורסקי ביבליאָטעק אין חיפה, צום סיום פון קולטור-סעזאָן 69—1968. ח׳ י. אַרטוסקי האָט באַגריסט אין נאָמען פון אַרבעטער-רינג און צענטראַלע פון דער פּראַנץ קורסקי ביבליאָטעק אין ישראל.

★

מיר דריקן אויס אונדזער האַרציקסטן דאַנק דער פאַרוואַלטונג פון יידישן ליטעראַטן-און זשורנאַליסטן-פאַראיין אין ישראל, פאַרן צוטיילן אונדז, אין די ראַמען פון ליטעראַטור-פאָנד, אַ סובסידיע פון —.500 (פינף הונדערט) לירות פאַרן 5-טן באַנד "חיפה".

אינהאלט:

קלאַראַ בראַט / נאַר־וואָס זיך אויסגעפיקט (סקולפּטור) . 3

ל. חיין־שמעוני / אתרוגים 5

בתיה גראָסבאַרד / יונגעביימער (בילד) 34

יוסף פּאַפּיערניקאָוו / פינף לידער 35

מרדכי קראָשניץ / יידישע שרייבערס 38

הערץ בערגנער / אין אַ פרעמדער הויט 53

עזרא להד / משה נאַדירס מלחמה קעגן שונד־טעאַטער . 65

פעסיע פּאָמעראַנץ־האָניגבוים / לידער 103

לוי פּאַפּיערניקאָוו / צוויי חברים 105

שמואל לאַם / דוד פינסקי (פּאָרטרעט) 120

רבקה קאָפּע / לידער 121

שלמה איצקאָוויטש / אַ בוים (בילד) 126

יחזקאל קאָרנהענדלער / מכוח ראַטעווען אַ פּערל
פון דער יידישער דיכטונג 127

לייב ניידוס / מיין באָבעשי (פּאָעמע) 130

יהושע גראָסבאַרד / שער־שניטן 132

ד״ר גיזאַ פרענקעל / יהושע גראָסבאַרד און זיינע ״שער־שניטן״ 133

גיטל מייזיל / חברים מספּרים... 137

הירש שיליס / יאַנקעלע (צייכענונג) 142

ק. הלל / אַ בוים איז געפאַלן 143

דוד לאַבקאָווסקי / אַריינפיר אין געטאָ (בילד) . . . 162

נתן מאַרק (אַבי אַביר ציון) / פון חסידישן קוואַל . . . 163
קלאַראַ בראַט / מיין יידישע מאַמע (בילד) 170
שמחה פּאָליאַקעוויטש / פון ביידע זייטן געטאָ־דראָטן . 171
ד״ר דב נוי / דאָס מיידל און דער רויבער . . . 177
רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק / דער האָרבאַטער יאַן . 225
יוסף סאָקולער ז״ל / ירושה 245
צבי שיליס / קינדער טאַנצן אין לאָדזשער געטאָ (בילד) . 248
מרדכי קראָשניץ / אַריק איז געקומען אַהיים אַ גאַנצער . 249
משה ביק / אויף אַ ליטעראַריש־מוזיקאַלער טעמע . . 256
וואָלף גאַמערמאַן / טראַנסצעדענטאַלע עסטעטיק און אינטראַספּעקטיווע עסטעטיק 259
זאב ישכיל / אַ חיפהער פּייזאַזש (בילד) 274
עזרא להד / יידישע פּיעסעס און זייערע מחברים . . 275
לייב חיין־שמעוני / איז מאָטיע געפאָרן קיין ירושלים . 281
אבישר ד. זכאי / שרייבערס אין חיפה 291
שמחה האַמבורג / אליהו הנביא האָט זיך צו אים באַוויזן 296
אפרים טויבענהויז / ירושלים — עיר הנצח 301
חיים וואָטשין / דער שבת־גוי 307
ק. הלל / אַ קינסטלער קוואַרטאַל אין חיפה 311
לילי בערגער / גאָלדזוכערס 316
די טעטיקייט פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אין חיפה . 323

באמערקונג:

יעדער מחבר טראָגט די פולע אַחריות פאַר זיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען.